STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01023

DOS GEZANG FUN HSIDES

N. Shemen

*Permanent preservation of this book was made possible
by Tina B. Fasbender & Alan H. Rosenberg
in memory of
Bella Rosenberg*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. שמן

דאָס געזאַנג פון חסידות

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

באַנד 1

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פּייגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע ביכער — צום סוף פונעם בוך

נ. שמן

דאָס געזאַנג פון חסידות

די ראָל פון חסידיזם אין אונדזערע דורות

ערשטער באַנד

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, תשי״ט—1959

N. SHEMEN

Dos Gezang fun Chasiduth

DI ROL FUN CHASSIDISM IN UNZERE DOIRES

The Song of Chassiduth

THE ROLE OF THE CHASSIDIC MOVEMENT IN OUR TIMES

Copyright, 1959

All rights reserved by the author

N. SHEMEN

197 Lonsmount Drive,

Toronto 10, Ontario, Canadá

אינהאַלט פון ערשטן באַנד

ערשטער טייל

אַריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — — — 9

קאַפּיטל איינס: **חסידות באַוועגונג אין מזרח-אייראָפּע**

1) ראָל פון חסידות — — — — — — — — — — — — — 17
2) חורבן פּוילן — דער חורבן פון חסידות — — — — — — — 25
3) ראשונים און אחרונים אין חסידות — — — — — — — — 29

קאַפּיטל צוויי: **חסידות ווי אַ פאָלקס-באַוועגונג**

1) חסידות און גאולה־שטרעבונג — — — — — — — — — 43
2) שכל און געפיל — — — — — — — — — — — — — 55
3) יושר־געפיל און חסידות — — — — — — — — — — 63
4) דער סאָציאַלער מאָטיוו אין חסידות — — — — — — — — 70

קאַפּיטל דריי: **שטרעבונג צו ציון**

1) חסידות און גאולה — — — — — — — — — — — — — 80
2) חסידות און ישוב הארץ — — — — — — — — — — — 92
3) חסידות און חיבת־ציון־באַוועגונג — — — — — — — — 111

קאַפּיטל פיר: **חסידישע נגינה און פאָלקס־מעלאָדיע**

1) געזאַנג ביי יידן — 129
2) דעם רבינס ניגון — 140
3) אָפּטימיזם און שמחה — 150
4) נגינה ביי חסידים — 165
5) חסידישע דינאַסטיעס וואָס האָבן געשאַפן נגינה — 172

צווייטער טייל

קאַפּיטל פינף: **דער בעש״ט און זיינע נאָכפאָלגער**

1) דער בלי־פעריאָד פון חסידיזם — 180
2) חסידות ווי אַ באַוועגונג — 187
3) דעם בעש״טס ניגון — 202
4) תלמידים פון בעש״ט — 210
5) הסתלקות פון בעש״ט — 216

קאַפּיטל זעקס: **נגינה ביי חסידים**

1) דער אַלטער קאַרלינער — 222
2) ר׳ פּנחסל קאָרעצער — 228
3) דעם קאַליווערס ניגון — 234
4) דאָס הערלעכע געזאַנג פון ראַדאָמסק — 248

קאַפּיטל זיבן: **ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער**

1) דאָס לעבן פון גרויסן אוהב ישראל — 252
2) גרויסער מנגן און מליץ־יושר — 266
3) חסידות־פילאָזאָפיע פון ר׳ לוי יצחק — 272

קאַפּיטל אַכט: **חסידות חב״ד — ליבאַוויטש**

1) ר׳ שניאור זלמן — — — — — — — — — — — — — — 265
2) דער מיטעלער רבי און דער „צמח צדק״ — — — — — — — — — — — 288
3) אדמו״ר ר׳ יוסף יצחק שניאורסאָן — — — — — — — — — 294
4) נגינה אין ליבאַוויטש — — — — — — — — — — — — — — 300

אַרײַנפֿיר

דער חסידיזם איז אָן ספק געווען איינע פֿון די גרעסטע באַוועגונגען אין ייִדישן לעבן. פֿאַר די עטלעכע יאָרהונדערטער, וואָס חסידיזם איז אויסגעוואַקסן צו אַ באַוועגונג, האָט זי באַווירקט כמעט דעם רוב בנין און ר״ב מנין פֿון ייִדנטום. נישט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפֿט און קאַמף מצד די „מתנגדים" און נישט געקוקט אויף דעם ביטול, גרינגשעצונג און פֿאַראַכטונג מצד די משכּילים, האָט זיך די באַוועגונג אַזוי צעוואַקסן און צעבליט, אַז זי איז געוואָרן די גרעסטע פֿאָלקס־באַוועגונג אין דער ייִדישער געשיכטע. אַפֿילו דובנאָוו, דער ראַציאָנאַליסט־מאַטעריאַליסט, וועלכער ווייזט אָן אויף די חסרונות, שוואַכקייטן און נעגאַטיווע דערשײַנונגען אינעם חסידיזם, גיט צו, אַז די באַוועגונג האָט געוווּנען די פֿאָלקס־מאַסן אַ דאַנק איר פֿאָלקסטימלעכקייט, מיט וועלכער ס׳איז געווען דורכגעדרונגען איר שאַפֿער און באַגרינדער ר׳ ישראל בעל־שם. דובנאָוו איז זיך משער, אַז חסידיזם האָט געהאַט אַ פֿינף מיליאָן אָנהענגער.

די אבות פֿון דער „השכּלה" האָבן אויסגעלאַכט דאָס חסידות, אירע באַגרינדער און פֿירער. זיי האָבן געקעמפֿט בעל פּה און געשריבן קעגן חסידות אינעם נוסח פֿון יצחק ערטער (תקנ״ב—תרי״א) אין „הצופה לבית ישראל", וועלכער האָט אויסגענוצט אַ גרויסן טייל פֿון זײַן טאַלאַנט אַלס סאַטיריקער און זײַן קעמפֿערישן גייסט קעגן חסידות, צו דערנידעריקן די רבּיים און חסידים. ערטער, אין זײַן ליבע און דורשט נאָך ליכט און וויסן, האָט שרעקלעך פֿײַנט געהאַט דאָס, וואָס האָט אין זײַנע אויגן אויסגעזען פֿינצ־טער, שאָטנדיק, און אויך חסידיזם האָט אין זײַנע אויגן אויסגעזען ווי אַ פֿינצטערער איבערבלײַב פֿון מיטלאַלטער. ער האָט נישט געזען און נישט באַגריפֿן די ליכטיקע שטראַלן פֿון חסידיזם און זײַן היסטאָרישן ווערט.

ער, וועלכער איז פֿון שד״לן געקרוינט געוואָרן אַלס „נעים סטירות בישראל"

און פון גרעצן אַלס דער צווייטער הייגדייך היינע, האָט פּאַרלוירן דאָס קינסטלערישע אין זיך; געוואָרן בלויז אַ קעמפער, וועמענס השפּעה האָט נאָר געקענט אָנהאַלטן אין דער השכלה עפּאָכע, נישט געקוקט דערויף וואָס ער איז דאַן געווען פון די פּאָפּולערסטע העברעיש־שאַפער. זיין „החסידות והחכמה״ איז פאַרגעסן, פּונקט ווי די ווערק פון די אַנדערע אָפּלאַכער און אָפּשפּעטער פונעם חסידיזם, פּונקט ווי עס איז פאַרגעסן געוואָרן יוסף פּערלס 1) ווילדע אַטאַקעס אויף חסידישע מנהיגים און פּונקט ווי עס זענען פאַרגעסן געוואָרן די מתנגדישע אָנפאַלן און חרמות... חסידיזם האָט מנצח געווען נים צוליב צווייפלס „שלום על ישראל״ אָדער צוליב אַן אַנדערן משכילס אַפּאָלאָגעטישער פאַרטיידיקונג פונעם חסידיזם; חסידיזם האָט געזיגט — צוליב דעם וואָס זי איז געוואָרן די לעבעדיקע פאָלקס־באַוועגונג, און געקראָגן טיפע פאָלקס־אחיזה. חסידות ווי אַ טיף־רעליגיעזע באַוועגונג, האָט באַנייט און אָפּגעפרישט דעם רעליגיעזן געדאַנק און דאָס רעליגיעזע געפיל און אַריינגעדרונגען טיף אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון דעם יידנס נשמה און דעריבער איז זי געוואָרן די גרויסע באַוועגונג.

די חסידים האָבן געהאַט גענוג אויסצושטיין סיי פון די מתנגדים און סיי פון די משכילים. וואָס שייך די ערשטע און דעם אופן פון די וויכוחים צווישן די מתנגדים און חסידים, איז גענוג אַ בליק צו טאָן אינעם ספרל „וויכוחא רבא״, אַ פּאָלעמיק צווישן ר׳ יוסף נעמיראָווער און ר׳ בנימין זאב פון סלאָנים (אין יאָר תק״נ).

דער באַקאַנטער פאָרשער פון דער חסידישער באַוועגונג, מנשה אונגער, האָט בשעתו פאַרעפנטלעכט אַ גאָר אינפאָרמאַטיוון אַרטיקל („טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״, נאָוו. 1954, יובילײ־אויסגאַבע), וועגן דעם באַקאַנטן אַנטי־חסידישן ספר „שבר פושעים״, וואָס איז עד היום אין כתב־יד, וועמענס מחבר ס׳איז געווען דער באַוווסטער מתנגד ר׳ דוד מ״מ ומ״ץ (מגיד מישרים ומורה צדק) דק׳ מאקאוו״, נפטר געוואָרן ו׳ חשון, תקע״ה (1815). דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, אַז דער דאָזיקער חיבור איז געבליבן אין מאַנוסקריפּט ביזן יאָר תרע״ח (1918), ווען איינער, ר׳ פּינחס טאָרבערג האָט אין ניו־יאָרק זיך גענומען אָפּדרוקן דאָס ספר. האָט אָבער געטראָפן, אַז אַ

1) יוסף פּערל (1773—1839) דער פירער פון דער השכלה־באַוועגונג אין גאַליציע אין גרויסער בעל־השפּעה אויך אין דער ניט־יידישער וועלט, איז דער מחבר פון דער אַנטי־חסידישער פּאַראָדיע, „מגלה טמירין״, די באַרימטע סאַטירע אויף חסידות און חסידים.

שריפה אין דער דרוקעריי האָט פאַרניכטעט די שוין אָפּגעדרוקטע 84 זייטן. מנשה אונגער גיט איבער אין נאָמען פון באַוווּסטן ביבליאָגראַף א. ר. מלאכי, אַז בהסכם מיט טאָרבערגס צוואה, איז דער מאַנוסקריפּט איבערגעשיקט געוואָרן אין העברעישן אוניווערזיטעט.

ווי מנשה אונגער שרייבט, האָט שמעון דובנאָוו זיך גענומען פאַרעפנטלעכן אין „העבר" (צווייטן באַנד), טיילן פונעם דאָזיקן אַנטי־חסידישן כתב־יד; דערנאָך פּלאַנירט דאָס צוגעבן צום „דביר" (כּרך א׳, תרפ"ג), דער „דביר" האָט זיך אָבער דאַן פאַרמאַכט און דער כתב־יד איז געבליבן נישט פאַרעפנטלעכט. טאָרבערג איז געשטאָרבן י"א אלול, תשי"א — 1951, און דעם ספר ניט פאַרעפנטלעכט. דובנאָוו האָט אין זיין „לתולדות החסידות" בלויז טיילן דערפון פאַרעפנטלעכט.

אַ בעסערן גורל האָט געהאַט דער „ספר הוויכוח" פון ר׳ ישראל, רב אין מאָהילעוו, נאָכדעם אין נאָוואַראָדאָק, וועלכער פלעגט אַרומפאָרן און האַלטן דרשות קעגן חסידות. פון די פאַרברענטע עקזעמפּליאַרן איז דורך אפרים דיינארד אויפגעהיט געוואָרן איין קאָפּיע, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן צו דער רעגירונגס־ביבליאָטעק אין בערלין 2) דער „ספר הווכוח" איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין וואַרשע, תקנ"ח.

אליעזר צבי הכהן צווייפל (געב. ה׳ ניסן, תקע"ה — 1815; געשטאָרבן ט׳ אדר, תרמ"ח — 1888), דער פאַרטיידיקער פון חסידיזם, דער גרויסער משכיל, וואָס איז אַליין געוואָרן איינער פון די חב"דער אָנהענגער, ווערנדיק אַ חסיד פון ר׳ מנחם־מענדל דעם בעל „צמח צדק", האָט זיך באַמיט צו ברענגען צו אַ שלום צווישן חסידיזם, השכלה און מתנגדיזם און גלייכצייטיק איינשטילן דעם צאָרן פון די משכילים, ער האָט געוואָלט, ווי ער דריקט זיך אויס, געבן אַן אָביעקטיווע אָפּשאַצונג „להצדיק ולזכות התלמוד, הבעש"טנית והקבלה 3), און דערפאַר אַרויסגערופן קעגן זיך פאַרביטערונג מצד די מתנגדים און מצד די משכילים. ער האָט צוליב דעם פאַרלוירן זיין פּאָסטן אין זשיטאָמיר. דער דעמאָלטיקער משכיל ש"י אַבראַמאָוויטש, דער שפּעטערדיקער קלאַסיקער מענדעלע, איז דאַן אַרויסגעקומען מיט מאמרים קעגן אים און נאָך פריִער אים סאַטיריש אַרונטערגעריסן אין זיין „משפט שלום" (ווילנע, 1860). פון דער אַנדערער זייט האָט ער געקראָגן אָנער־

2) זע, דאָרטן, באריכות. בן יעקב, אין „אוצר הספרים" ברענגט ניט די ספרים.
3) שלום על ישראל, ג׳ ז׳ 7. זען, יצחק רפאל, ראשונים ואחרונים, ז"ז 371־375.

קענונג פֿאַר זיין שריט דורך די גדולי המשכילים און פֿאַרשער, ווי א. יע־לינעק פֿון ווין און פֿון אברהם קראַכמאַל (רנ״קס זון) און פֿון אַ רב מיט אַ נאָמען, הרב ר׳ חיים בערלין, עלטערער זון פֿון נצי״ב, רב אין מאָסקווע.

צווייפֿל האָט אָבער דאָך ניט אַרויסגעוויזן קיין גדלות אין זיין אַפּאָ־לאָגעטיק, ניט געקענט באַאיינפֿלוסן און אַוודאי ניט געקענט שאַפֿן די גע־העריקע בריק צווישן די אַזוי אַנדערשדיקע שטרעמונגען אינעם יידישן לעבן.

דאָס איינציקע וואָס מ׳קען זאָגן וועגן זיין שריט, איז זיין חדוש אינעם צוגאַנג צום חסידיזם, דעם וויסנשאַפֿטלעכן צוטריט, דאָס באַזירן זיינע מיי־נונגען אויף מקורות, ווי עס ווייזט אָן ז. וורבה אין זיין אָפּשאַצונג 4), אַז זיין צושטייער אויף דעם געביט קען בלויז גענומען ווערן אין אַכט ווי אַ „סניגור״ 5).

איינער פֿון די ערשטע, וועלכער האָט קינסטלעריש באַנומען דאָס חסי־דות פֿון בעל־שם און זיינע נאָכפֿאָלגער, איז געווען י. ל. פּרץ (1852—1915), איינער פֿון די דריי אבות פֿון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. אין זיינע „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן״, די קרוין פֿון זיין שאַפֿן, אין די חסידישע מעשיות, די סימבאָלישע פּרץ־דערציילונגען, האָט ער גענייאַל באַנומען דאָס חסידות, קינסטלעריש אַרויסגעבראַכט חסידישע דערהויבנקייט, וואָס איז „איבער נישט נאָך העכער״... פֿון אָט די אַלע סימבאָלישע, פֿאָלקסטימלעכע און חסידישע מעשהלעך, האָט זיך געוועבט און געקייטלט די גרויסע סימ־באָלישע זעונג — די „גאָלדענע קייט״, וועלכע ווערט באַטראַכט פֿאַר פּרצעס בעסטער שאַפֿונג.

י. ל. פּרץ איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אַ מתנגדיש הויז, אין אַ מתנגדישער סביבה, שפּעטער אין אַ משכילישער סביבה — און לסוף באַקומען זיין תּיקון אויפֿן ראָמאַנטישן שליאַך אין חסידיזם און פֿאָלקסטימ־לעכקייט. דער רייפֿער און דינאַמישער פּרץ, וועלכער האָט מער ווי אַנדערע געהאָלפֿן פֿאַרקירעווען די יידישע ליטעראַטור אויף אייראָפּעישע וועגן, האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין יידישן עבר בכלל, אין דעם חסידיזם בפֿרט און באַנומען די טריט פֿונעם נייעם דור — און אָט די תּקופֿות דיכטעריש אויפֿגעלעבט

4) בצרון. אדר תש״ט, שנה י׳, חוב׳ ה׳ (113), ז״ז 349—352.

5) אַ קיצור פֿון זיין לעבן און שאַפֿן, זע האסיף, בעריכת נ. סוקולוב, ה׳תרמ״ט, ז״ז 214—215.

און פאַראייביקט. ער האָט אַרויסגעבראַכט די ציכטיקע נשמות, די זויבערע פאָלקס־געשטאַלטן אינעם חסידיזם, די ליכטיקע הייליקע געשטאַלטן. ער האָט אָנגעהויבן פיינט האָבן דעם משכיל, דעם אָפּשפּעטער פון חסידות און פון חסידישע רביים. אין איינער פון זיינע דערציילונגען, „דער משכיל", שילדערט ער אים אין קאָמישע, לעכערלעכע, חוצפּהדיקע סיטואַציעס. פּרץ האָט זיין גייסטיקע וועלט, קען מען זאָגן, אויפגעשטעלט דורך חסידות.

נאָך פּרצן קומט אַ גאַנצער דור יידישע פּאָעטן, דיכטער און דערציילער, וועלכע ברענגען אַרויס דאָס שיין־גייסטיקע פון חסידות. אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט באַווייזן זיך שריפטשטעלער, היסטאָריקער, טעאָרעטיקער, גרויסע יידישע דענקער, וועלכע ברענגען אַרויס דעם ווערט פון חסידיזם, די גאַנצקייט, לויטערע תמימות פון אירע שעפער, וועלכע האָבן געשטרעבט צו שענערע, העכערע וועלטן, צו אויפריכטיקער ליבע צו גאָט און מענטש.

עס זענען נאָכדעם געקומען קינסטלער, וויסנשאַפטלער, פאָרשער און היסטאָריקער, וואָס האָבן ריכטיק באַנומען און געהאַט די געהעריקע פאַרשטענדעניש פאַר אָט דער באַוועגונג. געהער צו דערמאָנען מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי, יהודה שטיינבערג, ש. א. האָראָדעצקי, אהרן מאַרקוס, מאַרטין בובער, הלל צייטלין, אליעזר שטיינמאַן, ש"י עגנון און אַ סך אַנדערע. פון די יונגערע פאָרשער אויפן געביט פון חסידות איז געהער צו דערמאָנען: יצחק רפאל, מנשה אונגער, יצחק אלפסי, מ. ש. גשורי, הרב א. מ. בראָמבערג, א. צ. ראַבינאָוויץ און אַ סך אַנדערע פון די מער מאָדערנע שריפטשטעלער, און שוין אָפּגערעדט פון די ווערק פון ר' ישראל בערגער (עשר אורות, עשר צחצחות אאַ"וו), אברהם יצחק מיכלסאָן, הרב יקותיאל קאַמעלהאַר (דור דעה, צווי חלקים), א. וואלדן („שם הגדולים החדש", „יועץ קים קדיש", „שיח שרפי קודש") און נאָך און נאָך וואָס האָבן ממש אויפגעדעקט די באַהאַלטענע אוצרות פון מחשבה און נשמה אינעם חסידישן דרך, ווי עס דריקט זיך אויס וועגן חסידות דער באַרימטער שריפטשטעלער און ווידזיאָנער ר' הלל צייטלין, הי"ד:

„דער באַשעפער האָט געוואָלט, אַז זיינע באַשאַפענע זאָלן פילן ניט בלויז דאָס גוטע, דאָס רחמנותדיקע, נאָר אויך די פרייהייט, דאָס שטעלן זיך אינעם אייגענעם רשות, די אייביקע פאָרשטעלונג, אַז זיי אַליין מיט זייערע גוטע מעשים שאַפן דאָס גוטע; דער באַשעפער האָט געוואָלט אַז זיינע באַשאַפענע זאָלן זיך פילן ניט בלויז ווי דאָס ליים אין די הענט

פונעם טעפּער, דעם שעפּער, נאָר ווי שעפּער אַליין; דער גוטער קוואַל האָט געוואָלט, אַז אַלץ וואָס קומט און צווייגט זיך פון אים, זאָל אַליין ווערן אַ קוואַל, אַ מקור, אַלס משפּיע און ניט אַלס מקבל, אַלס באַאיינפלוסטער און אָפּנעמער צוליבן חסד און געשאַנק פונעם באַשעפער"... 6)

„דער דאָזיקער חסד גייט דורך ווי אַ רויט שנירל אין דער גאַנצער תורה פון חסידות... חסידות איז מער ווי חסד... חסידות מיינט דעם מענטש, דעם חסיד וואָס טראָגט אין זיין האַרץ דעם חסד... און אויך גאָט ווערט אָנגערופן חסיד: „צדיק ד' בכל דרכיו וחסיד בכל מעשיו".

פון די מאָדערנע קינסטלער, וואָס האָבן אַמהעכסטן און אַמטיפסטן קינסטלעריש באַנומען דאָס חסידות, איז אָבער געווען י. ל. פּרץ, ווי איך האָב דאָס שוין אָנגעמערקט אין מיין ספר „לובלין" (טאָראָנטאָ, 1951).

**
*

און צום סוף אייניקע התנצלות־ווערטער:

מיטן אָנקום פון דעם היטלעריזם־נאַציזם, וואָס האָט געבראַכט צום אומקום פון די זעקס מיליאָן (ווי שרעקלעך עס איז צו ברענגען פאַרן מויל) אייראָפּעיִשע יידן, אין די יאָרן ת"ש—תש"ה (1939—1945), האָט זיך כמעט ווי פאַרענדיקט די בערך טויזנטיעריקע אייראָפּעיִשע עפּאָכע אין אונדזער געשיכטע — און דערמיט די תקופה פון חסידיזם אין דער געשיכטע פון מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום.

ווילנדיק לכל הפחות אויף אַ גאָר באַשיידענעם אופן ביישטייערן צו דער היסטאָריאָגראַפיע פון חסידיזם, האָב איך אַלס צוגאָב צו מיין ווערק „לובלין" און צו דער מאָנאָגראַפיע וועגן וואַרשעווער רב, הרב צבי יחזקאל מיכלזאָן, פאַרעפנטלעכט עטלעכע צענדליק אַרטיקלען וועגן חסידות אין ניו־יאָרקער „אַמעריקאַנער" און אין אַנדערע צייטונגען און צייטשריפטן, באַלד נאָכן חורבן, אין די יאָרן 1945—1948.

די אַרטיקלען האָבן דאַן געמאַכט אַ גרויסן רושם און די רעדאַקציע

---

6) „רצה היוצר שיחושו יצוריו לא רק את הטוב ואת החסד ואת החנינה, כי אם גם את החופש, את העמידה ברשות עצמו, את הדמיון העולמי, כי הם בעצמם במעשיהם הטובים בוראים את הטוב, רצה היוצר שיצוריו יחושו את עצמם לא כחומר ביד היוצר, כי אם כיוצרים בעצמם, רצה מקור הטוב שכל היוצא ומסתעף ממנו יחוש את עצמו בתור מקור, בתור משפיע ולא בתור מקבל בחסד ובנדבה מאת היוצר". (ספר החסידות, וואַרשע, תרע"ט).

האָט ווייט און ברייט רעקלאַמירט די חסידות־מאמרים פאַר און אין דער צייט פון זייער דערשיינען. ס׳זענען דאַן אָנגעקומען אַ גרעסערע צאָל בריוו פון לייענער און שרייבער, וועלכע האָבן אָנגעוויזן אויף דער וויכטיקייט אַרויסצוגעבן די מאמרים אין בוכפאָרעם.

דאָס איז אָבער געבליבן אַ גוטער ווונטש, ביז לעצטנס, ווען ס׳איז על־פי־צופאַל דער ענין באַנייט געוואָרן און ס׳האָט זיך געמאַכט אַ מעג־לעכקייט דעם ווונטש צו רעאַליזירן, אַ דאַנק דער התעוררות מצד מיין ליטעראַרישן מורה־דרך, דעם באַרימטן שריפטשטעלער ד״ר יצחק ריבקינד פון ניו־יאָרק, וועמען איך בין דאַנקבאַר פאַר אַלע זיינע אָנווייזונגען וואָס שייך מיין ביסעלע דערגרייכונג אין פאָרשעריש־שריפטשטעלערישן געביט. ס׳קומט אויך אַ דאַנק דעם ליבן קאָלעגע אברהם זאַק, וועלכער האָט זיך באַמיט ביים פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום“ אַרויסצוגעבן דאָס בוך, און דאָס בוך וועט דערזען די ליכטיקע שיין דורך דער מיטהילף פון מיין פריינט ה. גאַרפינקל אין טאָראָנטאָ. אַ דאַנק זיי אַלעמען וועלן די מאמרים קריגן אַ לבוש, צוזאַמענגענומען און געבונדן מיט טאָוולען, וואָס גיט מער חשיבות און אויסדויער אויף להבא, פאַר די וואָס וועלן האָבן דעם פאַר־לאַנג זיך צו באַקענען מיטן ניגון פון חסידות און מיט די שטרעמונגען אין דער דאָזיקער באַוועגונג.

אמת, ס׳איז ניט קיין סיסטעמאַטיש־פולשטענדיקע געשיכטע פון חסידות, אָפילו ניט פון געוויסע עפּאָכעס אין דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער פאָלקס־באַוועגונג. די אַרבעט קען אָבער דאָך באַטראַכט ווערן פאַר אַ צו־שטייער צו דער היסטאָריאָגראַפיע פון מזרח־אייראָפּעישן ייִדנטום, באַ־זונדערס וואָס שייך דער געשיכטע פון חסידיזם.

טאָראָנטאָ, סיון, תשי״ח

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס

חסידות־באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע

1. ראָל פון חסידות

די חסידות־באַוועגונג איז אַ קינד פון דער אָרימער יידישער מאַסע. חסידות האָט געפּילט די שפלות פון דעם פשוטן פאָלקס־מענטש און גע־זוכט אים צו דערהויבן; האָט אויך געזוכט אָפּצושאַפן דעם אַנטאַגאָניזם, וואָס האָט זיך געשאַפן אין יידישן לעבן צווישן די צוויי שיכטן: דעם למד־נישן שיכט און דעם פּראָסטן עולם; האָט געזוכט אויפצוהייבן פון זיין שפלות דעם „בעל מלאכה", דעם שוסטער, שניידער, בלעכער, וואָס האָט זיך געהאַלטן „הינטערן אויוון". מיט דעם צויבער־וואָרט „כוונה" אָדער „רחמנא לבא בעי" זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע תחומים צווישן דעם למדן און ערלעכן פרומען בעל־מלאכה, וועלכער קען נישט לערנען, נאָר זאָגט בלויז תהלים מיט כוונה, מיט אויפריכטיקייט. חסידים האָבן געקענט ווערן מענטשן, ווען אפילו זיי קענען ניט דעם יורה דעה, קענען ניט משיג זיין אַ פּלפּול פון „שאגת אריי", זיי דאַוונען אָבער מיט „השתפכות הנפש" און זייערע הערצער זענען איבערפולט מיט קדושה און טהרה — זיי זענען חסידים, ווערן גערופן „אנשי שלומינו" און דער רבי האָט זיי מקרב געווען.

חסידיזם איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ פאָלקס־באַוועגונג, האָט אַריינגע־בראַכט אין יידישן לעבן דעם הייליקן עקסטאַז, דעם דינאַמיזם, וואָס האָט אימפּאָנירט און באַגייסטערט פאָלקס־מענטשן און נאָך מער דער יוגנט.

וועלכע איז שוין געווען מיד פון טרוקענעם, פּאַרגליווערטן, קאַלטן „מתּ־נגדישן" לעבן. אַ וואָרט פון אַ חסידישן רבין האָט געהאַט מער ווירקונג ווי די טיפסטע חידושים פון אַ מתנגדישן עילוי. דעם רבינס וואָרט האָט אַפּעלירט נישט נאָר צום מוח, נאָר אויך, און בעיקר, צום האַרץ.

חסידיזם, ווי באַקאַנט, האָט זיך פריִער באַוויזן אַלס באַוועגונג אין אוקראַיִנע, אין וואָלין, אין גאַליציע. אין פּוילן איז די באַוועגונג אַרויף אויף דער אַרענע שוין אין איר צווייטער פאַזע און דעריבער אַנגענומען אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער, אַ מער ראַפינירטן, געלייטערטן כאַראַקטער. אײַ־נעם ביים פון חסידות האָבן מיר דעם בעש"ט מיט דער „חבריא קדישא", זיין הויפּט־תּלמיד דעם רבין ר׳ דובער ממעזריטש און זיינע „טל אורות", 39 תּלמידים — דער יינגסטער פון זיי, דער קאָזשעניצער מגיד, ר׳ ישׂראל און דער „חוזה" פון לובלין, ר׳ יעקב־יצחק, דער הויפּט־גרונט־לייגער פון פּוילישן חסידיזם, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן ווייזן אַ נייעם דרך אין חסידות, דעם סינטעז פון לומדות און חסידות, פון מחשבה און שירה, פון לאָגיק, פאַרטיפונג און פּאַלקסטימלעכקייט.

די ערשטע גרינדער פון פּוילישן חסידיזם זענען געווען די צוויי גאונישע ברידער רבי שמואל שמעלקא הורוויץ, ניקלשבערגער (ניקלסבורג), רב, און ר׳ פּנחס הורוויץ, דער מחבר פון די באַרימטע פּילפּול־ספרים „הפלאה", „המקנה", און תּורה־ספר „פּנים־יפות", רב אין פראַנקפורט אַם מאַין. ווען זיי האָט דער רבי ר׳ בער פון מעזריטש געזאָגט: „איך האָב געפונען אַ הויז אָנגעפילט מיט ליכט. זיי האָבן אָבער נישט געברענט, האָב איך זיי בלויז אַ נעם געטאָן און איין פונק איז אַרויס — האָבן זיך אַלע אָנגעצונדן און ס׳איז געוואָרן ליכטיק". ווען דער חסידישער פונק האָט אַ בלענד געטאָן אין פּוילן, האָבן זיך די ליכטער אָנגעכאַפּט, אָנגעצונדן אין אַ העלישן פלאַם־פייער און באַלויכטן דעם פּויליש־יידישן תּחום אויף הונדערטער יאָרן, ביזן איצטיקן חורבן, אין וועלכן יידיש לעבן אין פּוילן איז כמעט ווי אונטערגעגאַנגען פיזיש און גייסטיק. אינעם גרויסן יידישן פאָלקס־בראַנד, אינעם אומקום פון די בעסטע קינדער פון אונדזער פאָלק, איז אויך אומגעקומען, אונטערגעגאַנגען אַ הערלעכע באַוועגונג וואָס האָט אַמאָל באַלויכטן דעם פּויליש־יידישן האָריזאָנט און אַפילו די לעצטע שקיעה־

דיקע שטראַלן, האָבן נאָך אַלץ געהאַט אין זיך טיף פאַרבאָרגן ליכט, מיט וועלכן מ׳האָט געקענט ליבטיק מאַכן יידישע הערצער, יידישע נשמות.

אמת, חסידות פוילן האָט אין די לעצטע יאָרן געהאַט גענוג חסרונות און געבראַכט פאַרן יידישן לעבן גענוג נעגאַטיווס: מחלוקת צווישן די רביישע דינאַסטיעס און במילא צווישן די חסידים־פאַנאַטיקער אידעאַ־ליסטן; רבנות־מחלוקתן, אַלס רעזולטאַט פון חסידים אָפּטיילונגען; קריג צווישן חסידים און מתנגדים, קריג צווישן חסידים און חסידים; געוויסע שטעטלעך ווי פייער־שפייענדיקע בערג 1). דאָס האָט געבראַכט צו חילול־השם, חילול־הקודש, וואָס איז אַרויס פון די יידישע ראַמען. גרויסע מח־לוקתן זענען געלייזט געוואָרן אין די רעגירונגס־געריכטן, דורך קריסט־לעכע ריכטער. דאָס האָט קיין כבוד דעם יידישן פאָלק נישט פאַרשאַפט.

אַ צאָל פון די רביים און אדמורים האָבן אויך געהאַט אַ נעגאַטיווע באַציִונג צום ארץ־ישראל־אויפבוי. נישט זייענדיק באַגייסטערט פון די ציוניסטישע אידעאַליסטן און בכלל פון ציוניזם, ווי זיי האָבן אים געזען און פאַרשטאַנען, האָבן זיי אָפּגערעדט זייערע אָנהענגער פון באַזעצן זיך אין הייליקן לאַנד, נישט זעענדיק און נישט פילנדיק, אַז פוילן און אײ־ראָפּע בכלל וועט באַלד ווערן אַ יאָמערטאָל פאַר יידן.

זיי האָבן פאַרזען דעם פאַקט, אַז ארץ־ישראל, דאָס לאַנד אויף וועלכן די אויגן פון יידישן וואַנדערער קוקן אַרויס, קאָן ווערן יידיש, נישט גע־קוקט אויף די שטערונגען, וואָס שטייען אין וועג פון שאַפן דאָרט אַ יידיש לאַנד. זיי האָבן פאַרזען, אַז ארץ־ישראל איז דאָס אָרט, וואָס קען אויפנעמען טויזנטער אויסגעמאַטערטע און פאַרצווייפלטע יידן, און זיי זאָלן דאָרט געפינען נישט נאָר אַ מקום מנוחה, נאָר אויך אַ ניי קאָנסטרוקטיו לעבן און פאַרווירקלעכן פיל פון אונדזערע רעליגיעזע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אַספּיראַציעס — אַן אמתדיק תורה־לעבן.

דאָ ווילן מיר דורכויס באַטאָנען די ווערטן און די גרויסקייט פון חסידות. דער חסידישער רבי האָט מושך געווען יידישע הערצער צו תורה, זיס געמאַכט דאָס לערנען תורה און געעפנט די קוואַלן פון אהבת השם, אהבת התורה, אהבת ישראל.. דער רבי האָט געעפנט דעם אוצר פון די

---

1) זע, י. ל. גרויבאַרט, ספר זכרון, תרפ״ו, ז״ז 162—170.

טיפע פילאָזאָפישע, עטישע און פּאָעטישע רעיונות, די אמונהדיקע התלהבות, די קדושה! — דורכן רבינס ניגון האָט מען געקענט דערגרייכן צו די העכסטע הימלישע הויכענישן אין עבודת השם.

ש. דובנאָוו, אין זיין באַרימט ווערק „די געשיכטע פון חסידיזם״, אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט אין דער לעצטער תקופה פון זיין שאַפן, האָט געפּרוווט געבן אַ ראַציאָנעלע, אָביעקטיווע געשיכטלעך־וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונג פון דער דאָזיקער באַוועגונג, וועלכע האָט באַגייסטערט אַזעלכע וויסנשאַפטלער ־פילאָזאָפן ווי הלל צייטלין, מאַרטין בובער, אהרן מאַרקוס, א. כהנא, שמואל אבא האָראָדעצקי און אַנדערע. דובנאָוו, דער „מתנגד״ און היסטאָריקער לויט דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטע־אויפפאַסונג, האָט, ווי אַ מומחה, אונדז געגעבן די געשיכטע פון חסידיזם, האָט צוזאַמענגעקליבן אַלע מאַטעריאַלן און זיי באַאַרבעט אויף אַ מעטאָדישן אופן. אויך ער האָט צוגעגעבן, אַז אַ דאַנק דעם חסידות איז געהיט און געראַטעוועט געוואָרן דאָס ריינע ייִדישקייט אין פּוילן און אין גאַליציע און דער לעבעדיקער ייִדישער פונק איז נישט פאַרלאָשן געוואָרן. ער איז אויך מודה אַז אַ דאַנק דעם חסידיזם זענען אַנטשטאַנען אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט גרויסע ייִדישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. אָבער נישט מיט אַלע זיינע אַנאַליטישע הנחות (אַקסיאָמעס) קען מען איינשטימען. ער איז געוויס נישט גערעכט מיט זיין צעטיילן דאָס ייִדנטום אין 1) „יהדות החוק״ (ווי ער רופט עס דעם טייל ייִדנטום, וואָס איז באַזירט אויף תורה שבכתב און שבעל־פה אויף מצוות פון תורה, תלמוד און שלחן ערוך) און אין 2) „יהדות הנפש״ ייִדישקייט, וואָס איז באַזירט אויף נשמה, וואָס קוואַלט אַרויס פון האַרץ, וואָס לאָזט זיך נישט צוימען אין חוקים, וואָס פאַרלאָזט זיך אויף דער מאָראַל־לערע פון די נביאים, אויף די תלמודישע אגדות, אויף דער קבלה (דער ייִדישער מיסטיק, וואָס איז אַזוי אַלט ווי דאָס ייִדישע פאָלק), וואָס איז באַנייט און אויפגעלעבט געוואָרן אין צווייטן העלפט פון 16טן יאָרהונדערט אין צפת, ארץ־ישראל, דורך דעם אר״י (1572—1534) און זיינע תלמידים ר׳ חיים וויטאַל, ר׳ ישראל סרוג און אַנדערע. קיין פּוילן איז די קבלה־לערע, ווי געלערנט פון אר״י הקדוש, געקומען דורך די דריי באַרימטע גאונים־מקובלים: ר׳ ישעיה הלוי איש הורוויץ (ש״ל—ש״ץ) מחבר פון באַרימטן ספר „שני לוחות הברית״ (של״ה), וועלכער האָט געוואַלטיק

משפּיע געווען אויף דעם ייִדישן געדאַנק ביים אשכנזישן ייִדנטום און ווערט גערופֿן מיטן פּאָפּולערן נאָמען „של״ה הקדוש״; ר׳ נתן נטע שפּירא (שמ״ה—שצ״ג) מחבר פֿון אַ צאָל ספֿרים, דאָס באַרימטע ספֿר זיינס איז דער „מגלה עמוקות על התורה״ (קראָקע, תקנ״ה; לובלין תרמ״ד); און דער קדוש ר׳ שמשון אָסטראָפּאָלער, דער גרויסער מקובל, אַנטדעקער פֿון די „סודות האר״י״, וואָס איז געקומען אין די כמעלניצקי־פּאָגראָמען אין שנת ת״ח אין דער שטאָט פּולנאה. זיין טראַגישער טויט ווערט באַוויינט אין „יון מצולה״ פֿון ר׳ נתן האַנאָווער. ער רופֿט אים „איש חכם ונבון ומקובל אלקי״... און דערציילט, אַז ער מיט נאָך דריי הונדערט קדושים זענען אומגעקומען אין בית־הכנסת מיט די טליתים איבער די קעפּ 2).

דער אמת איז אָבער, אַז דאָס חסידות אין פּוילן ווי אין וואָלין און אין גאַליציע איז אַ וויטערע אַנטוויקלונג פֿון אַט דער מיסטישער באַוועגונג אין פּוילן אין 17טן יאָרהונדערט, אַלס רעזולטאַט פֿון די ת״ח־ת״ט־הריגות און די שפּעטערדיקע נאָכפֿאָלגן, ווען ייִדיש לעבן איז געוואָרן הפקר און שטענדיק געווען אין געפֿאַר פֿון טויט און אָנפֿאַלן. אין יענער צייט האָבן ייִדן געמיינט, אַז משיח קומט אָן, ווייל צרות האָבן דערגרייכט די העכסטע שטופֿע. ייִדן האָבן אָנגעהויבן גלייבן אין שבתי צבי (1626—1676) און אַנדערע משיחים אָדער נאָכפֿאָלגער פֿון שבתי צבים משיח־יזם. עס האָבן זיך אויך געמערט פֿאַרשידענע בעלי־שמס, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט פּראַקטישער קבלה און מיסטיק־לערע, באַהויפּטענדיק, אַז דאָס האָבן זיי געלערנט פֿון האר״י, וועמען אַלע האָבן געהאַלטן פֿאַר אַ „איש אלקי״. אָבער קיין באַוועגונג איז נישט געשאַפֿן געוואָרן.

חסידות לויטן נוסח פֿון בעש״ט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרשפּרייטן אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 18טן יאָרהונדערט און אין 19טן יאָרהונדערט, האָט באַוויזן צו געווינען די גרעסטע צאָל ייִדישע הערצער,

2) וועגן דער התפּשטות הקבלה אין פּוילן אין 16טן י״ה, זע די אַרבעט פֿון פּראָפֿ׳ ג. שלום, אינעם זאַמלבוך: „בית ישראל בפולין״ (רעד. י. היילפּרין), כרך ב׳, ז״ז 36—76; וועגן חסידות פּוילן, זע מ. בובער: „יסודה של החסידות״, דאָרט ז״ז 77—85 און אהרן אשכולי, „החסידות בפולין״, ז״ז 86—141. דער מחבר פֿון של״ה איז לויט אייניקע געב׳ געוואָרן אין יאָר השי״ח (1558) און נפֿטר געוואָרן אין יאָר השפּ״ח (1628).

באַקומענדיק די אויבערהערשאַפט אין אוקראַינע, פוילן און גאַליציע, און איז דער לעצטער רינג אין דער גרויסער קייט פון דער ייִדישער מיסטיק, פון דער דורות־לאַנגער תורת הנסתר. זי איז געוואָרן די אמתע פאָלקס־באַוועגונג, די מיסטישע באַוועגונג, באַזירט סיי אויף דער תורת הנסתר און סיי אויף דער תורת הנגלה: דער סינטעז צווישן דער קאַלטער סכאָלאַסטיק און האַרציקער וואַרעמקייט פון יראת שמים, אהבת השם, אהבת האדם און אהבת היצירה.

ר׳ ישראל בעש״ט (ת״ס—תק״ד), דער באַגרינדער און פּאָפּולאַריזירער פון דער נייער מיסטישער לערע, האָט אפשר נישט באַזירט דעם עיקר פון זיין שיטה אויף לימוד התורה. די ערשטע חסידים האָבן זיך אויך נישט צופיל פאַרנומען מיט עסק התורה. דאָס האָט מען איבערגעלאָזט פאַר די רבנים, פאַר די לומדים. דאָס חסידות האָט בעיקר זיך פאַרנומען מיט „עבודה״, ווי אַזוי צו דינען גאָט מיט האַרץ און מוח, מיט יראה און אהבה. דער פאַקט איז אויך, אַז דאָס חסידות אין איר אנטשטייאונג האָט זיך דאָך געווענדט צו דעם גרויסן קרייז ייִדן, נישט קיין לומדים, צווישן וועלכע מען האָט ערשט געדאַרפט אַריינברענגען דעם לימוד און ריח התורה. זייער לערנען איז אָבער נישט געווען בלויז אין לערנען דינים, מצוות מעשיות — נאָר בעיקר אין „אורח חיים״, אין דינים פון מצוות הלב, וואָס איז פאַר דורות געווען פאַרנאַכלעסיקט.

די צווייטע תקופה פון חסידיזם, איז די תקופה פון בעשט״ס תלמיד, דער רבי ר׳ בער (דובער המגיד ממזריטש, מעזריטשער מגיד — הת״ע—תקל״ג — 1710—1772), דער, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט זיין רבין מיט אַלע זיינע התנהגותן, באַהעפטנדיק זיך מיט דער נאַטור, התבודדות (איינזאַמקייט), פאַרטיפונג אין קבלה, תעניתים און סגופים אאַז״וו. אַליין אַ גרויסער גאון אין תורת הנגלה, תלמיד פון באַרימטן לעמבערגער רב ר׳ יעקב יהושע, מחבר פון גאונישן ספר „פני יהושע״ און אַנדערע ספרים, האָט ער אויך געהאַט תלמידים גאונים מובהקים, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דעם גרויסן פאַרטיידיקונגס־קאַמף קעגן די מתנגדים, אויף וועמענס צד ס׳האָט זיך געפונען דער באַרימטער גאון רבנו אליהו מווילנע (דער

הגר״א ז״ל), וועלכער האָט מחרים געווען די חסידים 3) און אויך באַרימטע אַנדערע גדולים, וועלכע האָבן גערודפט די באַוועגונג, רופנדיק זי „כת״, מיינענדיק, אַז זי לאָזט זיך אויף פֿאַלשע וועגן פֿון שבתי צבי, וועמענס ווונד איז נאָך דאַן פֿריש געווען.

פֿון ר׳ בערס תּלמידים איז כדאי צו דערמאָנען ר׳ יעקב יוסף הכהן פֿון פּולנאה, דער פּענאָמענאַלער מענטש מיט דער שאַרפֿער פּען, שאַרפֿער פּאָלעמיקער מיט טיפֿער איבערצייגנדיקער לאָגיק — דער טעאָרעטיקער פֿון חסידיזם און גלייכצייטיק קעמפֿער פֿאַר אָט דער אידעאַליסטישער באַוועגונג; ר׳ אברהם קאַליסקער — אַ יוגנט־חבר פֿון ווילנער גאון; ר׳ מנחם וויטעבסקער; ר׳ שניאור־זלמן פֿון ליאַדי, דער בעל „התּניא״ און שולחן ערוך; ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער; ר׳ אלימלך פֿון ליזענסק און זיין ברודער ר׳ זושא; ר׳ שמואל שמעלקע און ר׳ פּנחס פֿון פֿראַנקפֿורט אַם מאַין; דער קאָזשעניצער מגיד ר׳ ישׂראל און דער „חוזה״ פֿון לובלין ר׳ יעקב יצחק און אַנדערע.

זיין זון ר׳ אברהם המלאך איז געווען ממלא מקומו און זיין אייניקל ר׳ ישׂראלטשע האָט געשאַפֿן די גרויסע ריזשינער דינאַסטיע.

די אַלע קדושי עליון ווערן פֿאַררעכנט פֿאַר די אבות פֿון חסידיזם, באַגרינדער, הייסע פֿאַרטיידיקער און פּאָפּולאַריזירער פֿון אָט דער נייער באַוועגונג אין ייִדנטום. זיי האָבן באַלויכטן דעם פֿינצטערן ייִדישן האָריזאָנט, געבראַכט פֿרייד און לעבן אין ייִדישע אָנגעווייטיקטע הערצער. אַ נייער ניגון איז געהערט געוואָרן אין ייִדישן געסל. דער פֿאָלקס־ניגון איז געהערט געוואָרן, אַ „שירה חדשה״, דאָס געזאַנג פֿון בראַצלאַווער, דאָס געזאַנג פֿון חב״ד, דאָס געזאַנג פֿון קאַליווער, פֿון מאָדזשיצער — נגינה וואָס שטאַמט פֿון לויטער קדושה און פֿון ריינע מוזיקאַלישע אַקאָרדן. חסידישע נגינה האָט דעם מענטש געראַטעוועט פֿון מרה־שחורה, פֿון פֿאַרצווייפֿלונג.

3) איינער פֿון די פֿייערדיקע מתנגדים, דער מחבר פֿון ספר „זמרת הארץ״, דריקט זיך אויס וועגן דער פּטירה פֿון מעזריטשער מגיד, דעם רבין ר׳ בער: „ואני מעיד שבאותה שנה, תקל״ב, שההרים הגאון לא השלים אותם בעריש הנ״ל שנתו ומת״. זע האָראָדעצקי „החסידות והחסידים״, ספר ראשון, „דביר״, תל־אביב, תרפ״ה, ז׳ ק״ב.

מ׳דאַרף בלויז האָבן אַ זכיה צו באַנעמען די הערלעכע חסידישע אַקאָרדן, צו ווערן דיכטעריש דערהויבן און באַנעמען דעם אומאויסשעפּ־לעכן קוואַל פון פאָלקס־מאָטיוון פון דער נגינה און באַגרייפן די טיפקייט און פּאַטעטישן חן פון חסידישן וואָרט — אָבער וועגן דעם איז אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל. דאָ ווילן מיר בלויז אָנווייזן אויף דעם פאַקט, אַז דובנאָוו דער היסטאָריקער איז געווען, פּונקט ווי גרעץ, מער נוטה צו דער מתנגדישער זייט, זיך סומך געווען מער אויף די ספרים פון מתנגדים און במילא גע־וואָרן איינזייטיק, מיינענדיק, אַז ער איז אָביעקטיוו. ער זעט דאָס חסידות פּונקט ווי גדולי המתנגדים אין אָנפאַנג פון דער אַנטשטייונג. ער האָט געקוקט אויפן חסידיזם מיט ביטול, שנאה, האַס און פאַרשידענע אויס־טראַכטענישן, אַלס רעזולטאַט פון שנאה, וואָס איז „מקלקלת השורה״. ער פאַרזעט דעריבער די ליכטיקע שטראַלן פון חסידיזם — די השפעה פון חסידיזם אויפן יידישן לעבן. אים איז אויך פרעמד און אומפאַרשטענדלעך דער חסידישער ניגון, וואָס האָט געבראַכט קדושה און יום־טובדיקייט אין פאַרוואָרלאָזטע יידישע שטיבער פון פּוילן, גאַליציע, אוקראַינע, רוסלאַנד און טיילווייז אויך אין ליטע, אונגאַרן, עסטרייך און אַנדערע לענדער.

אין חסידיזם האָט דביקות און התלהבות פאַרנומען דעם אָרט פון טרוקענער לומדות. אַנשטאָט פאַרגליווערטקייט איז ביים חסיד אויפגעלעבט געוואָרן דער חוש פאַר תורה און אמונה; דער חסיד האָט דערזען אַרום זיך די וועלט, די נאַטור און אין מתבודדות אַפילו געהערט די שירה פונעם בוים, פעלד, וואַלד און פויגל, ווי ר׳ נחמן בראַסלאַווער זאָגט אַן זיין גע־טרייען תלמיד ר׳ נתן (אין „שבחי מהר״ן): „ווען דו זאָלסט זוכה זיין צו הערן דאָס קול פון די שירים ותשבחות פון די גרעזלעך... ווי אַזוי יעדעס גרעזל זאָגט שירה צו השם יתברך אָן שום פניה״... חסידות האָט פאַריאָגט עצבות און געבראַכט פרייד אינעם יידישן תחום, אינעם יידישן האַרץ און דערביי געווען אינסטרומענטאַל אין דער אַנטוויקלונג, אויסברייטערונג און באַרייכערונג פונעם יידישן לשון. דער רבי האָט געגעבן תיקון דער מאַמע־שפּראַך ביים טיש, ביים תורה־זאָגן.

אַזוי אַרום האָט חסידות געהאָלפן דערהויבן דעם פאָלקס־מענטש, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט מאַמע־לשון. ניט בלויז מיטן רעדן און ביים לערנען, נאָר אַפילו אין ספרים, זיך באַנוצט מיטן דאָזיקן לשון און אַלס צוגאָב

געזונגען זמירות, דערציילט מעשׂיות, גענוצט סימבאָלישע אויסדריקן און רמזים פונעם ייִדישן לשון.

דער בעש״ט האָט דאָך צום ערשט דער עיקר צוגעצויגן די תּמימות־דיקע ייִדן און ניט ווייניקער האָבן דאָס נאָכגעפאָלגט זײַנע תּלמידים און גײַסטיקע יורשים, הגם ס'האָבן זיך געפונען צווישן זיי גאונישע קעפּ, טיפע בעלי מחשבה.

2. חורבן פּוילן — דער חורבן פון חסידיזם

די ערשטע וועלט־מלחמה, מיט דער רוסישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט, האָט אָפּגעשלאָסן דאָס הערלעכע קאַפּיטל פון חסידות אין רוסלאַנד. די צווייטע וועלט־מלחמה, קעגן וועלכער די ערשטע זעט אויס ווי אַ „פאַרלאָרענער גן־עדן", האָט געשלאָסן דאָס קאַפּיטל חסידות אין מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע און בעיקר אין פּוילן און גאַליציע, וווּ חסידיזם איז נאָך אַלץ געווען אין זײַן גלאַנץ־פּעריאָד, און זײַן פאַרנעם איז נאָך אַלץ געווען גרויס און באַדײַטנדיק.

חסידיזם, ווי מיר האָבן פריִער געזען, איז פון די וויכטיקסטע און אָריגינעלסטע דערשײַנונגען אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק. נישט אומזיסט האָבן קינסטלער, היסטאָריקער און קולטור־פאָרשער געשאָנקען אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט דער אַנטוויקלונג פון אָט דער אימפּעטיקער, לעבהאַפטער רעליגיעזער באַוועגונג. דער גרויסער ייִדישער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו (1860—1941), ווי מיר האָבן פריִער באַמערקט, האָט זיך פאַרנומען אַ סך יאָרן מיט אויספאָרשן דאָס חסידות אַלס גרויסע באַוועגונג, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט דער אויפלעבונג פון אייראָפּעישן ייִדנטום, מיט דער אַזוי־גערופענער השׂכּלה, וואָס פון איין זײַט האָט זי געבראַכט ליכט און פון דער אַנדערער זײַט געפאַר פון אַסימילאַציע און שמד. ביידע צוזאַמען האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, אונטער דעם שטורעם און דראַנג פון דער נײַער צײַט, צו וועלכן די ייִדישע אינטעליגענץ, ווי די ברייטע שיכטן פון פאָלק האָבן גע־צויגן און געפונען דעם ענטפער צו אַלע זייערע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען.

פאַרוואָרפענדיק די „וועלטלעכע“ השכלה, ווי זי איז פאַרשטאַנען געוואָרן פון די משכּילים, זייענדיק דורכגעדרונגען מיט דעם טראַדיציאָנעל־רעליגיעזן לעבן, וואָס איז ביי זיי ניט פאַרגליווערט געוואָרן אַ דאַנק דעם אויפברויזנדן חסידיזם, וואָס האָט באַקעמפט די אַסימילאַטאָרישע השכלה, באַנייט און אויפגעלעבט דעם טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער, — האָבן ייִדישע מאַסן, ווי די פאָלקס־אינטעליגענץ, דערגאַנצט דאָס פולבלוטיקע ייִדישע לעבן מיט מאָדערנער אויפקלערונג, אויפגעלעבט די העברעיִשע שפּראַך, פאַרשפּרייט דעם ציוניסטישן געדאַנק און זיך גענומען צו דער באַלעבונג פון דעם פאַרוויסטן ארץ־ישראל־באָדן.

דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום בכלל און דאָס פּוילישע בפרט האָט אין פריִערדיקן און איצטיקן י״ה אַרויסגעוויזן אַ שטורמישן דראַנג, אין זיין רעליגיעז־נאַציאָנאַל און קולטור לעבן — און דאָס איז געוויס אַ דאַנק דעם חסידיזם, דורך וועלכן ס׳זענען געקומען צום אויסדרוק די באַגערן און שטרעבונגען פון פאָלק, איבערנעמענדיק די רייכע קולטור־ירושה פון דעם תּלמודיש־רבנישן ייִדנטום; אַ דאַנק דעם חסידיזם מיט אַלע זיינע פאַרשידענע שיטות, פון בעש״ט, ר׳ נחמן בראַסלאַווער, ר׳ שניאור־זלמן מליאַדי — דעם בעל־התניא, ביז קאָצק, גער, אַלעקסאַנדער, איזשביצע, ראַדזין און לובלין. אין דער גאַנצער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון חסידיזם זעט מען ווי זי האָט פאַרכאַפּט די מוחות און הערצער פון ייִדישע מאַסן, זיי געשטאַרקט צו קענען איבערלעבן די שווערסטע גייסטיקע און פיזישע יסורים.

אַפילו אַזאַ ראַציאָנאַליסט ווי ש. דובנאָוו, אַפילו ער, וואָס האָט אַלס קריטיקער ניט גורס געווען י. ל. פּרצן צוליב זיין סימבאָליזם און מיסטיציזם, האָט באַנומען דעם היסטאָרישן ווערט פון חסידיזם, די טראַדיציע־פאַרוואָרצלטקייט, די דינאַמיק און גייסט־פלאַקער, וואָס געפינט זיך אין חסידות פון בעל־שם־טוב. ער שרייבט וועגן חסידות־באַגרינדער, וועגן ר׳ ישראל בעל־שם, אָט וואָס:

„דער בעש״ט האָט דערנענטערט, ווי מעגלעך, די גאָטהייט צום מענטש און דעם מענטש צו גאָטהייט... ער האָט געגעבן דעם פאָרצוג דעם געפיל איבער דעם וויסן... די ליבשאַפט איבער דער מורא, די כוונה איבער דער אויסווייניקסטער דיסציפּלין...“

חסידות פון בעש״ט ביזן נעמיראָווער האָט מיט זיך געטראָגן דעם אימפּרעסיאָנאַנטערן מוסר־השכל, דורך „צדיקיזם״, אינעם זין פון „למד־וואָוו״־עניוותדיקייט, „נחבא אל הכלים״־דיקייט, דער צדיק וואָס פליט אין הימל, „אויב נישט נאָך העכער...״ ווער קען דען באַנעמען די דראַמאַטישע דינאַמיק פון דעם הייליקן נעמיראָווער, וועלכער העלפט די פאַרשמאַכטע אין צייט ווען אַנדערע זענען פאַרנומען מיט סליחות־טענער, אין גמרא־חריפות און תפילה־זאָגעריי — אָבער ער, דער הייליקער, איז מיט גאָט אַליין, ער גייט מיט אים, טוט דאָס וואָס גאָט וויל ער זאָל טאָן.

און ווייל חסידיזם האָט אַזוי געזאָרגט און באַזאָרגט דעם אָרימען, פּשוטן מענטשן, דערפאַר טאַקע האָבן גרויסע חסידישע רביים ווי ר׳ נחמן בראַסלאַווער און אַנדערע דערהויבן דאָס פּשוטע יידישע וואָרט, עס גע־הייליקט און איינגעבירגערט און נאָך מער עס פאַרבונדן מיטן יידישן עבר, מיטן תנ״ך און תלמוד. און ווען מען רעדט וועגן חסידיזם אַלס באַוועגונג, קען מען ניט פאַרבייגיין, ניט אָפּצושטעלן זיך באַזונדערס אויף דער ראָל פון חסידיזם אין פּוילן ביזן אויסברוך פונעם איצטיקן קריג. עס איז געווען די באַוועגונג אין וועלכער אַלע יידישע עלעמענטן האָבן זיך גוט געפונען, רייך און אָרעם, יונג און אַלט, פּראָסטע לייט, בני־תורה, לומדים, רבנים, בעלי־בתים, בעלי־מלאכות. עס איז געווען אַ באַוועגונג פון אַ פאַרשידנ־אַרטיקער, פילפאַרביקער מאַסע, וואָס האָט געגלויבט און געווען צוגע־בונדן בלב ונפש צו אָט דער אידייע, ניט באַגרייפנדיק אַפילו אירע אמתע ווערטן.

די פּויליש־חסידישע וועלט, — וואָס פאַר אַ כח זי איז געווען אין פּאָליטיש־סאָציאַלן לעבן! אמת, ס׳איז געווען אויך גענוג שאָטנדיקס אין דער נייער חסידישער ריכטונג, ספּעציעל אין די לעצטע יאָרן ווען „צדי־קיזם״ איז מער ניט געווען קיין טעאָריע, נאָר אַ „פּראַקטיק״, וואָס האָט געבראַכט פיל שאָדן און אַרויסגעשטעלט אין פאָדערגרונט כמעט בלויז די נעגאַטיווע זייטן. אין די לעצטע יאָרן האָט מען געזען די גרויסע ירידה און צוזאַמענברוך פון חסידיזם, ווען מען פאַרנומען שטרע־מונגען און ריכטונגען אין יידישן לעבן, און די יוגנט האָט זיך אָפּגעקערט פון אָט דעם חסידיזם, וואָס איז געוואָרן אַ קאַריקאַטור פון אַמאָליקן, ווע־מעס הויפּט־באַזע איז געוואָרן דינאַסטיע, „הייף״ און „אייניקלעך״־קללה.

ניט אומזיסט קלאָגט איינער פון די שטאַרקע חסידות-אָנהענגער, דער באַרימטער אגודה־פירער און טעאָרעטיקער ר׳ אלכסנדר זישא פרידמאן ז״ל הי״ד (אומגעקומען פון די נאַציס), אַ תלמיד פון סאָכאַטשאָווער רבין זצ״ל און אַליין אַ באַגאַבטער מענטש, רעדאַקטאָר פון פיל אגודה־שריפטן:

„נרות יקרים, נרות חביבים
למה זה הנכם כך עצובים?״.

(פון זיין שיר „אל הנרות״, „דגלנו״, כסלו תרפ״א).

ער זעט דעם אָנקום פון אַ נייער תקופה. ער זעט, אַז די יוגנט וועט שוין מער ניט באַווירקט פון חסידות־גייסט און אַז די השפעה פון „רבין״ וועט וואָס אַמאָל שוואַכער און ער האָט מורא פאַר די יונגע הערצער, וואָס וועלן פאַרצווייפלט. ער רופט זיי צוריק און פאַרזיכערט זיי, אַז „יקום דור צעיר רענן וחי״.

דער דאָזיקער „דור צעיר״, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אונטער דער פאָן פון דער „אגודה״, איז שוין מער ניט געווען אַזוי תמימותדיק. די „אגודה״ איז געוואָרן אַ פּאַרטיי, אַ פּאָליטישע מאַכט, דורכויס ראַפינירט און האָט געזוכט צו דאָמינירן דאָס יידישע לעבן אויף אַ גאַר מאָדערנעם שטייגער, ניט ווי די אַמאָליקע תורהקראַטיע, אָדער שפּעטערע חסידיש־רביישע השפעה. געבליבן זענען אָבער דאָך ווינקעלעך אומבאַרירט, וווּ אַמאָליקער חסידיזם האָט געהערשט סיי אין חיצוניות און סיי אין פּנימיות. מיטן חורבן פּוילן איז חרוב געוואָרן דאָס דאָזיקע לעבן; עס איז אויסגע־ריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען. נישטאָ מער יענע פּשוטע ערלעכע גאָטס־פאָרכטיקע מענטשן, וועלכע זאָלן לעבן שטיל און רויק, דאַוונען אין גאַרט־לען, פּראָווען מקוואות און דערציִען שטילע באַלעבאַטישע צניעותדיקע קינדער, אין אַ שבת־יום־טובדיקער אַטמאָספערע.

אומגעקומען אין דער געטאָ זענען די לעצטע רעשטלעך פון אַט־די שטילע הייליקע נשמות. זיי, די „פאַרברענטע״ גערער, אַלעקסאַנדרער, ראַדזינער, בעלזער, באָבאָווער, לובלינער, מאָדזיצער און אַנדערע פייער־דיקע חסידים האָבן מקדש השם געווען. מיר טאָרן זיי ניט פאַרגעסן. מיר דאַרפן זיי דערמאָנען דורך דערמאָנען אַמווייניקסטנס די גייסטיקע גבורים, די אבות פון פּויליש־גאַליצישן חסידות, וועמעס דרכים זיי האָבן נאָכגע־

פאָלגט אין פון וועמען זיי האָבן געלערנט מסירות־נפש און הערא:ישקייט. זיי האָבן מקריב געווען זייערע לעבנס, דורכפירנדיק זייערע מענטשלעך־יידישע רעליגיעזע געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע התחייבותן.

3. ראשונים און אחרונים אין חסידות

נאָך איידער דער בעש״ט איז געקומען מיט זיין חסידות־לערע, האָבן זיך אין פוילן געוויזן די ערשטע שפּראָצונגען, די אָנזאָגער פון דער נייער באַוועגונג, פון דער פאָלקס־לערע, וואָס איז באַזירט אויף קבלה־מיסטיציזם, ווי געלערנט פונעם אר״י און זיין „חבריא קדישא" אין צפת.

ס׳האָבן זיך באַוויזן פאַרשיידענע „מבשרי החסידות", צווישן זיי גאוי־נים אין נגלה, גאונים אין דער תלמודישער ליטעראַטור און הלכה. גענוג צו דערמאָנען איינעם פון יענער פלעיאַדע גדולי ישראל, ר׳ נפתלי הכהן כ״ץ, זון פון ר׳ יצחק (געווען פריער רב אין שטעפין און נאָכדעם דרשן אין לובלין) און אייניקל פון ר׳ נפתלי הכהן (רב אין פינסק און לובלין).

לעצטנס איז דערשינען אַ גאַר אינטערעסאַנטע מאָנאָגראַפיע וועגן אָט דעם פּאָרגייער פון חסידיזם אין פוילן, באַקאַנטע רבנישע פערזענלעכקייט און מחבר פון אַ צאָל ספרים, דאָס מער באַקאַנטע ספר איז זיין „סמיכת חכמים" (ת״ס). דער פאָרשער פּינחס הכהן פלאי 1) באַקענט אונדז מיטן לעבן און שאַפן פונעם דאָזיקן תלמודיסט און מערקווירדיקן פייטן — און דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז, וואָס ער באַווייזט די ענלעכקייט צווישן ר׳ נפתלי און דעם בעש״ט, אַן ענלעכקייט אַפילו אין די איבערלעבענישן:

דער בעש״ט האָט זיך געגרייט פאָרן קיין ארץ־ישראל, אָנגעהויבן די נסיעה — און דורך פאַרשידענע מניעות, ווי די לעגענדעס דערציילן, ביט דערגרייכט זיין ציל; אויך ר׳ נפתלי האָט זיך געגרייט צו דער נסיעה און לסוף געבליבן שטעקן אויפן וועג, קראַנק געוואָרן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דאָרט נפטר געוואָרן.

---

1) סיני, העורך הרב י. ל. הכהן מימון, ירושלים, שנה ט׳, תמוז תשט״ז, ז״ז רמ״ב—ר״ס.

אויך אין דער צוואה פון ר׳ נפתלי געפינט פלאי די יסודותדיקע לע־רעס פון בעש״ט און זיינע תלמידים, וועגן ענווה, אהבה, דערווייטערונג פון כעס און עצבות; אַז דורך שמחה און נגינה איז זיך דער מענטש מתרחק פון טומאה און באַהעפט זיך מיט קדושה 2).

די מקובלים פונעם שטייגער ווי ר״נ כ״ץ, האָבן געבראַכט קיין פוילן דעם לימוד פון „זוהר״ וואָס האָט דאָן טיף אויפגערודערט די יידישע גע־מיטער און ספּעציעל די, וואָס האָבן געהאַט אַ נטיה צום מיסטיציזם. זיי האָבן אין „זוהר״ געזען די לעצטע און טיפסטע געהיימניש פון יידישן גע־דאַנק און אין די קבלה־ספרים, באַזירט אויף ר׳ שמעון בן יוחאיס קבלה־יסודות, געזען די טיפע פילאָזאָפיע, די אמת־יידישע מעטאַפיזיק אין יענעם ווירבלדיקן שטורעם און דראַנג פון משיח־גאולה. ס׳איז געבראַכט געוואָרן צום אויבערפלאַך דער תהום פון יידישע ליידן און ס׳האָט זיך באַוויזן די מיסטיש־וויזיאָנערישע לערע פון חסידות וועגן גאולה פאַר די אָרעם־ליידנדיקע מענטשן.

ביז יאָר ת״ח ות״ט (1648—1649), ד״ה ביזן ערשטן העלפט פונעם 17טן י״ה, האָבן יידן אין פוילן זיך געפילט פריי און אין אַ געוויסן זין ניט געווען אַזוי רעכטלאָז ווי יידן אין מערב־אייראָפּע. פוילן איז דאַן געווען אַ מקום־מקלט פאַר אַלע פאַרפאָלגטע יידן אין מערב און די צאָל יידן האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און ס׳האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט אַ פילפאַר־ביק יידיש פאָלקס־לעבן. אויך דאָס יידישע קהלה־וועזן איז אויף אַ מוס־טערהאַפטן אופן אָרגאַניזירט געוואָרן.

געגוג צו לייענען וואָס עס שרייבט וועגן יענע יידן דער כראָניקער פון די שוידערלעכע כמעלניצקי־שחיטות, ר׳ נתן־נטע האַנאָווער (נפטר געוואָרן אין 1663). ער צייכנט אָן די זיילן, אויף וועלכע ס׳האָט זיך גע־האַלטן דער בנין פון יידישקייט אין מדינת פוילן:

„דער ערשטער זייל — שרייבט ער — איז געווען די תורה... אין ערגעץ איז ניט געווען אַזוי פיל תורה ווי אין פוילן. אין אַלע קהילות פלעגט מען אויסהאַלטן ישיבות און געבן פולע שכירות דעם ראש־ישיבה,

---

2) דאָרט, באריכות.

בכדי ער זאָל זיך קענען אָפּגעבן צו זיין ישיבה... און איטלעכע קהילה פֿלעגט אויסהאַלטן בחורים און זיי צאָלן וואָכנגעלט, כדי זיי זאָלן לערנען...

„דער זייל גמילות חסדים: ס׳איז קיין שיעור און קיין גרעניץ ניט געווען צו גמילות־חסדים אין דער פּוילישער מדינה...״

ער שילדערט מיט אַלע איינצלהייטן, די תקנות פֿאַר אָט די זיילן אינעם יידישן לעבן.

גאָר באַזונדערס אינטערעסאַנט איז זיין באַשרייבן דעם כח און פּי־רערשאַפֿט פֿון וועד ארבע ארצות (ראַט פֿון די פֿיר לענדער־פּראָווינצן) און ער פֿאַרגלייכט זייער אויטאָריטעט צו די סנהדרין, האָבנדיק דעם גרויסן מאָראַלישן כח אין פּוילן און אויך אויסער די גרעניצן פֿון פּוילן.

אָבער פּלוצים, אינמיטן דער בלי־תקופֿה, איז אָנגעקומען די מורא־דיקע כמעלניצקי־קאַטאַסטראָפֿע און הונדערטער קהילות זענען ממש חרוב געוואָרן; ס׳זענען געקומען די קאָזאַקן־אויפֿשטאַנדן, נאָך דעם אין דערזעל־ביקער צייט, די מלחמות צווישן שוועדן און רוסלאַנד. דאָס עקאָנאָמישע לעבן, צוזאַמען מיטן גייסטיקן לעבן איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ. ס׳איז גע־קומען די שווערע צייט אין פּוילן, וואָס האָט זיך שטאַרק אָפּגערופֿן אויפֿן געמיט פֿון יידנטום.

נאָכדעם איז געקומען די שבתי צבי־עפּאָכע מיט אַלע אירע נאָכ־ווייענישן און די עקזיסטענץ פֿון די קיבוצים איז געווען אין גרויס געפֿאַר.

ס׳האָבן זיך אָבער באַלד באַוויזן די צוויי גרויסע ליכטער, וואָס האָבן באַלויכטן דעם מזרח־אייראָפּעישן האָריזאָנט, דערהויבן די גייסטיקע שע־פֿערישקייט פֿון ליטוויש־פּוילישן יידנטום — און אַ נייע תקופֿה האָט זיך אָנגעהויבן.

ס׳האָבן זיך באַוויזן די צוויי גרויסע פּערזענלעכקייטן, קעגנגעזעצטע אין כאַראַקטער און אין דענקען, אָבער דאָך מיט גרויס השפּעה, יעדער אויף זייז שטייגער, אומצוקערן די קרוין פֿון תורה און יהדות: איינער אין ווילנע — די ירושלים דליטאַ און דער אַנדערער אין מעזשיבעזש.

דאָס חסידות, וואָס איז אַנטשטאַנען אין אוקראַינע און אין פּאָדאָליע, האָט מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער באַקומען איר שטאַרקסטע פֿעס־טונג אין פּוילן און אין גאַליציע. אויב אין דער לעצטער „מדינת קיר״ה״, האָט דאָס חסידות ניט אָנגענומען קיין נייע פֿאָרמען, גייענדיק אין די וועגן

פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזענסק אָדער אין די וועגן פון ראָפּשיצער, רי־
מאַנאָווער און די אַנדערע גדולי התלמידים פון מעזריטשער מגיד, וועלכע
האָבן זיך באַזעצט אין גאַליציע, האָט דאָס פּוילישע חסידות, וועמעס הויפּט־
פירער און באַגרינדער זענען געווען דער „חוזה" פון לובלין און דער „מגיד"
פון קאָזשעניץ, אָנגענומען נייע פאָרמען. זיי, פּונקט ווי די רביים פון דער
ליטע, די תלמידים פון רבין ר׳ בער, ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, פאָטער
פון חב"ד־חסידות, ר׳ מנחם־מענדל וויטעבסקער, ר׳ זלמן פּאָלאָצקער, ר׳
אברהם קאַליסקער (תלמיד פון הגר"א), דער געבאָרענער שקלאָווער
ר׳ פּנחסל קאָריצער און אַנדערע, האָבן איינגעפירט אַ נייעם דרך אין
חסידות, נאָכקומענדיק דערמיט די באַדינגונגען אין פּוילן, וווּ תורה־לער־
נען איז געשטאַנען אויף אַ פיל העכערער מדרגה ווי אין אוקראַינע און
פּאָדאָליע. יעדע שטאָט אין פּוילן איז דאָך געווען אַ תורה־פעסטונג. תורה־
לערנען איז געוואָרן אַן עיקר ביי די מיסדים פון חסידות־פּוילן, וועלכע
זענען טאַקע געווען גאונים, פאַררעכנט פאַר די גדולי הרבנים אין זייער
צייט. צוזאַמען מיט דאָס פאָלקסטימלעכע פּאָטישע, געפּילפּולע, איז גע־
קומען די מחשבה, די לאָגיק, די פילאָסאָפיע. עס איז געשאַפן געוואָרן דער
טעזיס פון נגלה און נסתר, די האַרמאָניע פון האַרץ און מוח. לומדות און
חסידות זענען געגאַנגען זאַלבעניאַנד — און במילא איז מתנגדות באַזיגט
געוואָרן; במילא האָט דאָס חסידות פאַרכאַפּט אַלע צענטראַלע פּאָזיציעס אין
רעליגיעזן לעבן. רבנישע אַמטן, שוחטים, חזנים, פּרנסים אאַז"וו. עס איז
געשאַפן געוואָרן אַן אַריסטאָקראַטיש לומדיש חסידות. און די פיר הויפּט־
ווירקונגס־צענטערן זענען געווען: פּשיסכע, קאָצק, איזשביצע. גער.

ניישט וועלנדיק זיך אַריינלאָזן אין אַ היסטאָרישער שטודיע און אין
געשיכטלעכע אַנאַליזן, ווילן מיר זיך דאָ דערלויבן אין עטלעכע שטריכן
אָנווייזן, ווי אַזוי גאונים אין הלכה, באַרימטע פּוסקים־רבנים, זענען געווען
די פירער פון פּוילישן חסידיזם. אפשר האָט דאָס אַ שייכות דערמיט וואָס
די אבות און גרונטלייגער פון חסידות אין פּוילן זענען געווען די באַרימטע
רביים, די הורוויץ ברידער, ר׳ פּינחס און ר׳ שמואל־שמעלקע, וועלכע זע־
נען אַוועק קיין דייטשלאַנד, איבערנעמענדיק דאָרטן וויכטיקע רבנות־שטע־
לעס, איבערלאָזנדיק אין פּוילן זייערע תלמידים און דעם קאָזשעניצער מגיד
ר׳ ישראל (תצ"ו — תקע"ה). דער דאָזיקער רבי, ניט געקוקט דערויף וואָס

ער איז שטענדיק געווען אַ שוואַכער מענטש, איז ער אָבער געווען אַ פֿלאַם־פֿייער וואָס שייך תּורה און עבֿודה; אַ גרויסער כּלל־טוער, שרייבער אין נגלה און נסתּר, אַ מענטש מיט גרויס געפֿיל און שטאַרקער מחשבה — אַ טיפֿער דענקער. אָנהאַלטנדיק זיין ישיבה, פֿראַוועגדיק אויך „חסידות", האָט ער דאָך באַוויזן אָפּצושפּאַרן צייט, שרייבנדיק שאלות־ותּשובֿות, חסידישע תּורה, אַרויסווייזנדיק געוואַלדיקע חריפֿות. ער איז דער מחבר פֿון ספֿר „בית ישׂראל" אויף ש"ס און „זוהר" און זיין ספֿר „עבֿודת ישׂראל" איז דאָך פֿון די וווּנדער־ספֿרים אין חסידות. ער איז אויך דער מחבר פֿון ספֿר „נר ישׂראל" אויף רבֿ האי גאון און נאָך אַ צאָל ספֿרים.

ניט נייטיק דאָ אויסצורעכענען צופֿיל ביאָגראַפֿישע שטריכן, אַרויסצוברענגען דאָס גאַנצע בילד פֿון דעם קאָזשעניצער מגיד, וועלכער איז פֿון פֿיל באַטראַכט געוואָרן ממש ווי אַ „מלאך אלהים", און פֿון אַלעמען, אַפֿילו פֿון מתנגדים, שטאַרק פֿאַרערט געווען. פֿופֿציק יאָר האָט ער כּאַרשפּרייט תּורה צווישן ייִדן, זיך מפֿלפּל געווען מיטן „בעל הפּלאה" 3). ר' חיים וואָלאָזשינער שרייבט וועגן אים אין אַ בריוו צום בריסקער רבֿ ר' יעקבֿ מאיר פּאַדוואַ מיט די ווערטער: גייענדיק אין גלות, איז מיר אַלס וואָגלער אויסגעקומען צו זיין אין קאָזשעניץ, האָב איך פֿאַרבראַכט מיט דעם מגיד אַ גאַנצן טאָג אין לערנען, אין די טיפֿענישן פֿון פּלפּול, האָבן איך אויסגעפֿונען, אַז ער קען גאַנץ ש"ס בבֿלי מיט תּוספֿות בעל־פּה פֿון אָנהייב ביז סוף. חוץ דעם איז ער בקי אין גאַנץ תּלמוד ירושלמי און אין פּוסקים ראשונים און אחרונים... דער „רבֿ מאַפּטאַ", ר' אַבֿרהם יהושע העשיל, וועלכער ווערט טיטולירט אַלס „רבֿ" צוליב זיין גאונות, דער מחבר פֿון באַרימטן חסידישן ספֿר „אוהבֿ ישׂראל" (וואַרשע, תּרל"א), האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, הע־רנדיק דעם מגידס פּרק לערנען, אַז ער וועט ניט אַהיימפֿאָרן, ס'איז אים בעסער צו בלייבן ביים מגיד אַלס תּלמיד, לערנענדיק דאָרט יראת שמים. דער קאָזשעניצער מגיד, דער גרויסער עניו, האָט אים כּמעט געצווונגען אַהיימצופֿאָרן.

וועגן קאָזשעניצער מגיד איז אַ סך געשריבן געוואָרן 4). מנשה אונגער האָט באַשריבן דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן „רבי פֿון אדמו"רים" ביי פֿאַר־

3) דערמאָנט אין ספֿר „כּתר כּהונה", סימן ע"ו און אין „גבֿעת פּנחס".
4) וועגן אים זע אין ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

שיידענע געלעגנהייטן. ער ציטירט אין זיינע אַרבעטן אַ סך פון די תורה־ווערטלעך און געדאַנקען, וואָס ער האָט געזאָגט פאַר חסידים און לומדים און וועגן זיין התנהגות. מיר זענען דאָ ניט פאַראינטערעסירט צו געבן אַ פולשטענדיק בילד פונעם לעבן און דעם שאַפן פונעם איינבינדערס גרויסן זון, וואָס זיין געבורט איז פאָרויס געזען געוואָרן פונעם בעש״ט, באַזונדערס זענען דאָ ספּעציעלע מאָנאָגראַפיעס וועגן אים 5).

דער רבי וואָס האָט אין זיין צייט געהאַט מערסטנס תלמידים און חסידים, אין פאַרגלייך אַפילו מיט דעם רבין ר׳ בער, ר׳ שניאור־זלמן פון ליאַדי אָדער זיין אייגענעם רבין, דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק, דער דאַזיקער רבי איז באַקאַנט אַלס „חוזה״ פון לובלין, דער רבי ר׳ יעקב־יצחק הורוויץ זצ״ל. דער דאַזיקער רבי האָט פאַרוואַנדלט לובלין, די מתנגדישע שטאָט, אין איינעם פון די גרעסטע חסידישע קיבוצים. קיין לובלין זענען געקומען יונגעלייט מיט חסידישן ברען, מיט חסידישער התלהבות. פון זיי זענען אַרויסגעקומען חסידישע רביים און פירער, וואָס האָבן נאָך מער פאַרשפּרייט און פאַרטיפט דאָס חסידות אין פוילן, רוסלאַנד, גאַליציע און אונגאַרן, ווו חסידות האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט.

דער לובלינער רבי האָט געהאַט אַ געוואַלטיקן כח־המושך, און ער ווערט פאַררעכנט אַלס איינער פון די גרעסטע גייסטיקע פירער פון חסידיזם. איינער פון די זייער אָנגעזעענסטע אדמור״ים, דער זידיטשאָווער האָט וועגן אים זיך אויסגעדריקט: „דעם לובלינערס אויגן האָט כביכול דער רבי ר׳ אלימלך אויך ניט געהאַט״. ער האָט געזען, ווי חסידים זאָגן, פון איין עק וועלט צו דעם צווייטן. דער קאָזשעניצער מגיד האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער איז דער „אורים ותומים״. דער „חוזה״ איז אויך געווען איינער פון די 39 תלמידים פון מעזריטשער מגיד. אין דער יוגנט פלעגט ער צוזאַמען מיטן קאָזשעניצער פאָרן צו ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער, נאָכדעם צום רבין ר׳ אלימלך פון ליזענסק, צו ר׳ יחיאל־מיכל זלאָטשעווער און צום רבין ר׳ ברוך מעזשביזשער. דער לובלינער רבי איז אויך געווען אַ גרויסער למדן אין נגלה און אין חסידות־פאַרטיפונג איז ער דאָך געווען

5) זע „עשר אורות, „שמע שלמה״ און אַנדערע. איבערהויפּט אין מיין ספר „לובלין״, ז״ז 150—165; צבי מאיר רבינוביץ, המגיד מקוזניץ, ז״ז 92—150, באריכות.

איינער פון די גרעסטע מיט זיין לערע און השפעה. ניט אומזיסט האָט ער געוואָגט אָנצוהייבן פראַוועָן רביסטווע אין צייט ווען זיין רבי ר׳ אלימלך ליזענסקער האָט נאָך געלעבט און פון רבינס חסידים זענען טייל געקומען צו אים.

פון די גדולי התלמידים זיינע זענען באַרימט דער רבי ר׳ מאירל פון סטאָבניץ, דער מחבר פון ספר „אור לשמים״, וועלכער האָט געזאָלט ווערן זיין ממלא־מקום; דער רבי ר׳ נפתלי ראָפּשיצער, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז נאָכן לובלינער איז שוין נישטאָ צו וועמען צו פאָרן; דער „יוד הקדוש״, ר׳ יעקב־יצחק פון פּשיסכע, וואָס האָט מורד געווען אין רבין און געוואָרן רבי ביים לעבן פון זיין רבין; דער רבי ר׳ שמחה־בונם פון פּשיסכע, אַ גרויסער למדן און חכם מופלג — דער הויפּט־שאַפער פון לומדישן חסידות, ר׳ שלום רוקח, דער ערשטער בעלזער רבי; דער קאָזמירער רבי ר׳ יחזקאל; דער קראָקעווער רב ר׳ קלונימוס (מחבר פון ספר „מאור ושמש״); דער זידיטשאָווער רבי ר׳ צבי־הירש, דער דינעווער רב, ר׳ צבי־אלימלך, מחבר פון ספר „בני יששכר״ און פיל פיל אַנדערע, וועלכע האָבן באַלויכטן פוילן, גאַליציע, אונגאַרן, געבראַכט דאָס געזאַנג פון חסידות און די שענסטע טענער אין דער וואָכעדיקער גרויקייט און ערדישקייט, אין יום־טוב־פרעכטיקייט און אין הימלישקייט פאַרוואַנדלט 6).

איז אוממעגלעך אויסצורעכענען די גאַנצע פלעיאַדע רביים־גאונים. ס׳וועט געגוג זיין צו דערמאָנען דעם קאָצקער רבין ר׳ מענדעלע מאָרגנשטערן, דעם תלמיד מובהק פון רבין ר׳ שמחה־בונם, וועלכער האָט פאַרגעזעצט זיין רבינס דרך און אַוועקגעשטעלט דאָס חסידות אויף דעם באַזיס פון פאַרשטאַנד און דערקענטעניש, איינער פון די גרעסטע בעלי־מחשבה, גרויסער למדן, פילאָזאָף, וואָס האָט ניט געזוכט מאַסן־חסידות, נאָר געציילטע חסידים אָבער די „אצילים״, די אויסדערוויילטע בעלי־הכרה. ער האָט געזוכט „גדלות דמוחין״ לויטן קבלהשן באַגריף און זיך באַנוגנט מיט עטלעכע הונדערט שאַרפע מוחות וואָס זאָלן אים פאַרשטיין 7). חסידות קאָצק האָט אַרויסגערופן צו זיך גרויס קעגנערשאַפט מצד אַנדערע

6) זע. מיין ספר „לובלין״ באריכות.

7) וועגן קאָצקער רבין, זע, י. אלפסי, הרבי מקוצק, יצחק אריגור, קוצק, תל־אביב, תרצ״ו.

רביים, און איינער פון זיינע הויפּט תלמידים האָט רעוואָלטירט, מורד געווען קעגן רבין. ר׳ מרדכי־יוסף ליינער זצ״ל האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם נסתרדיקן און פאַרשאַרפטן דרך פון קאָצק און נאָך ביים קאָצקערס לעבן געוואָרן רבי, גרינדער פון איזשביצער־ראדזינער דינאַסטיע און באַגרינדער פון איזשביצער חסידות, צו וועלכער ס׳האָבן געהערט די באַרימטע רביים צדיקים און גאונים ר׳ לייבעלע איגר און ר׳ צדוק הכהן פון לובלין, די שאַפער פון נייעם לובלינער חסידות.

פון די באַרימטע פּוילישע גאונים איז געווען דער חידושי הרי״ם, ר׳ יצחק־מאיר אַלטער (תקנ״ט—תרכ״ו), דער גרינדער פון דער גערער דינאַסטיע און באַגרינדער פון גערער חסידות. ער האָט די טראַדיציע פון למדנות פיל מער אויסגעברייטערט און פאַרגרעסערט. ער, דער תלמיד־חבר פון קאָצק און פּשיסכע, דער תלמודישער גאון, מחבר פון באַרימטע ספרים „חדושי הרי״ם״ און „שאלות ותשובות הרי״ם״, האָט אָנגעהאַלטן די דיסציפּלין פון קאָצק, און ערשט נאָכדעם ווי דער לעצטער איז נפטר געוואָרן איז ער געוואָרן דער ממלא־מקומו, ניט געקוקט דערויף וואָס אַ גרויסע צאָל קאָצקער חסידים האָבן געקרוינט דעם קאָצקערס זון, ר׳ דוד ז״ל, ווערט דער חדושי הרי״ם באַטראַכט אַלס גרעסטער נאָכפאָלגער פון ר׳ מענדעלען, צוליב זיין השפּעה און פאַרנעם, שאַפנדיק די אָרגאַניזירטע חסידות ביים פּוילישן יידנטום אין דער לעצטער תקופה.

וועגן קאָצק האָבן מיר שוין אַ גאַנצע ליטעראַטור (זע אויך, מיין אַרבעט אין ספר „לובלין״). דער קאָצקער רבי האָט נוהג נשיאות געווען בערך דרייסיק יאָר. אין די דריי דעקאַדן פון דער נייער חסידישער הנהגה, האָט ער געקראַגן אַ גרויסן און געקליבענעם עולם. דאָס בעסטע אין חסידיזם האָט זיך קאָנצענטרירט אין קאָצק, ווו ס׳איז געווען התעמקות אין דער חסידישער לערע. צווישן עולם האָט מען געזען די ריזן אין פּוילישן חסידיזם, אַזעלכע ווי ר׳ מענדל וורקער, זיין ברודער, דער אַמשינאָווער רבי, ר׳ יעקב־דוד און אַנדערע פון די בני עליה.

דאָרטן האָט מען געטראָפן אַזעלכע חסידישע פּערזענלעכקייטן, ווי ר׳נחום ליפּנער, ר׳ אברהמעלע פּשיסכער (דעם ייד הקדושס אייניקל), ר׳ הערשעלע דישקעס פון אָפּאָטשנע (שווער פון ר׳ דוד קאָצקער), ר׳ קלמן

שעדלעצער, ר׳ אברהם־מרדכי, דעם זון פון חדושי הרי״ם, ר׳ משהלע ראַז־וואַדאָווער און נאָך און נאָך.

דאָרט האָט אויפגעלויכטן דער שטערן פונעם קאָצקערס איידעם, ר׳ אברהמעלע, פריִער רב אין קראָשניעוויץ און נאָכדעם אין סאָכאַטשעוו 8); ער פלעגט יעדן טאָג זאָגן דעם שיעור פאַרן שווער, זאָגן אַ פּלפּול, אַ חידוש, און דער שווער האָט אים געוויזן דעם וועג פון פאַרטיפונג און גרינטלעכע אויפפאַסונג פון אַ מאמר חז״ל.

אייניקע מקורבים פון ר׳ מענדעלע קאָצקער זענען געוואָרן באַרימטע אדמור״ים, ווי דער גאון אין נגלה און נסתר, דער חדושי הרי״ם, זיין נאָכפאָלגער ר׳ חנוך־העניעך פון אַלעקסאַנדער און אַנדערע. ר׳ מענדעלע קאָצקערס זון, ר׳ דוד, איז ניט געווען דער פולער יורש פון קאָצק. צו אים איז גאָר געקומען אַ נייער עולם פון דער ליטע און פון וואָלין.

ס׳ווערט דערציילט — ברענגט הרב אבידע 9) — אַז ווען דער חדושי הרי״ם האָט פאַרלאָזט דעם „ישועות יעקב״ אין לעמבערג (וועמען ער האָט באַזוכט אויף זיין וואַנדער־וועג) און בעתן געזעגענען זיך, אַ סך גערעדט אין לערנען און דער לעמבערגער רב, האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז דער וואַרשעווער יונגערמאַן, האָט ער אויסגעשריגן: „הושיעה ד׳ כי גמר חסוד... — העלף גאָט, ווייל אַ חסיד קען שוין אויך לערנען״...

---

8) פון דעם טשעכאַנאָווער און סאָכאַטשאָווער האָט לעצטנס הרב יהודה אבידע (זלאָטניק) אונדז געגעבן אַ קלאָרע און פּינקטלעכע כאַראַקטעריסטיק אין אַ סעריע אַרטיקלען אין „הצופה״, א. ג. „עבודה לדורות״ (ערשטער אַרטיקל, כ׳ בניסן, תשט״ו). דאָס איז באמת אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט, אומפאַרגלייכלעך אין שילדערן די דאָזיקע גייסטרייכע פערזענלעכקייטן. אייניקע פאַקטן זענען באַזירט אויף די ספרים פון ר׳ יעקב ווערדיגער (ורדיגר), בעיקר אויף זיין ספר „זכותא דאברהם״ (תל־אביב, תשט״ו). ווי אַן אייניקל און אור־אייניקל פונעם אַלטן טשעכאַנאָווער רבי און רב, האָט ער צוזאַמענגענומען אין זיין אַרבעט גאָר אַ סך נייע אומבאַקאַנטע מאַטעריאַלן וועגן דעם דאָזיקן חסידישן זשעני, און הרב אבידע האָט דאָס דערגענצט מיטן אַרויסברענגען אַזוי הערלעך די גאַנצע פּלעיאַדע גאונים אין חסידיזם אינעם דעמאָלטיקן אויפבלי־פּעריאָד.

9) דאָרט, באריכות.

באַזונדערס וועגן ערשטן גערער רבין און בכלל וועגן גער 10) אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל.

קיין סך אַנדערשדיקייטן אין קאָצקער חסידות האָט דער גערער רבי ר׳ יצחק־מאיר זצ״ל ניט אַריינגעבראַכט. ער האָט בלויז מבטל געווען דאָס שפּיציק פאַרשאַרפטע און אָנגעצויגענע פון קאָצק, וואָס האָט אַלץ גע־פּירט „על הודו של סכין״, ווי חסידות־קענער דריקן זיך אויס. ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט די געציילטע „בני עליה״ שאַרף־מחדיקע. ער האָט געזוכט פּשטות אין לומדות צוזאַמען, און ער האָט געלייגט דעם חותם אויף דעם פּוילישן חסידיזם — אַ למדניש־פאָלקסטימלעכע חסידות. ער איז געווען דער ריז אין זיין צייט און אין אַלע צייטן. איינער פון די גרעסטע לומדים תורה־אויטאָריטעטן, מחבר פון זיבן גרויסע, וואָגיקע ספרים אין פּלפּול, הלכה און אין חסידות. וועגן אים זענען שוין דאָ וויכטיקע ביאָגראַפישע אַרבעטן, אַריינגערעכנט די ספרים: „תולדות הרי״ם״ (דאָרט אָפּגעדרוקט פאַטאָסטאַט פון זיין כתב־יד), „מאיר עיני הגולה״, „שיח שרפי קודש״ און אַנדערע ספרים 11). דער „חדושי הרי״ם״ איז געווען דער ערשטער מבטל צו מאַכן דעם מנהג ביי „גוטע יידן״ צו נעמען „פּדיון״ צוזאַמען מיטן קוויטל. ער האָט ניט געוואָלט זיין קיין רב און געראָטן זיינע תלמידים ניט אָנצונעמען קיין רבנות־שטעלעס, נאָר בעסער מאַכן מסחר.

באַרימט אין גאונות און אין צדקות איז געווען דער טשעכאַנאָווער רבי ר׳ אברהם לאנדאַ (נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ה), אַ תלמיד־מובהק פון רבין ר׳ בונם און חבר פון קאָצקער, גערער, אַלעקסאַנדערער רביים. ער איז דער מחבר פון די ספרים „אהבת חסד״ (אויף קדשים און טהרות), „זכותא דאברהם״ און „בית אברהם״. זיין זון, ר׳ זאב לאנדאַ, סטריקאָווער רב, איז געווען אויסער אַ למדן — פילאָזאָף און שרייבער. האָט געשריבן פיינע שירים. צוויי זאַמלהעפטן פון זיינע שריפטן זענען דערשינען אין „קובץ מכתבים ושירים״.

---

10) אַ וויכטיק ספר איז יצחק אלפסיס ווערק „גור״ אַ ווערק וואָס איז כולל אַלץ וואָס איז געזאָגט, דערציילט און געשריבן געוואָרן וועגן דעם באַגרינדער און שעפער פון דער גערער דינאַסטיע. עס איז אַ געלונגענע מאָנאָגראַפיע, ממש אַ וואָרט־קראַנץ אין דער חסידיש־ביאָגראַפישער ליטעראַטור.

11) זע, ווייטער, קאַפּיטל 14.

דער סאָכאַטשעווער רבי און רב ר׳ אברהם באָרענשטיין זצ״ל (תקצ״א־תרע״) פאַרנעמט דעם אויבנאָן צווישן די גאוני־פוילן. זיינע ספרים „אגלי טל״ (אויף די 39 מלאכות אסורות אין שבת), „אבני נזר״ א. אַ. זענען פון די סאַמע בעסטע אין הלכה. אַלס איידעם און תלמיד פון רבין ר׳ מענדעלע פון קאָצק האָט ער ממשיך געווען קאָצקער חסידות, באַזירט אויף חדושי תורה, הרבצת תורה, געשאַפן אַ ווונדער־ישיבה און סאָכאַטשעווער חסידות איז געוואָרן חסידות פון „יחידי סגולה״, פון לויטער למדנים מובהקים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פאַרטיפערן אַ האַרבע סוגיא, אַ שווערן רמב״ם, אַ טיפן פלפול. אין סאָכאַטשעוו האָט זיך געשאַפן אַ קרייז פון חסידישער תורה־אַריסטאָקראַטיע, אַ תורה־צענטער, צו וועלכן דער קאָצקער האָט גע־שטרעבט. אַ סאָכאַטשאָווער חסיד האָט געמוזט זיין אַ למדן 12).

אין דער פלעיאַדע פון פוילישע רביים דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן ר׳ שלמה ראַדאָמסקער. אין אַ שפּעטערדיקן דור ר׳ יחיאל־מאיר פון גאָס־טינין, דער גרויסער אוהב ישראל און בכלל ליבהאָבער פון מענטשן, וועמען שלום אַש האָט אַזוי קינסטלעריש געמאָלן אין זיין גרויס ווערק „דער תהלים ייִד״. אין פאַרגלייך צו אים דאַרף דערמאָנט ווערן אַ גרויסער אוהב ישראל, דער לובלינער רב ר׳ אברהמעלע איגר זצ״ל, וועמען יעקב גלאַט־שטיין האָט געמאָלן מיט אמתע קאָלירן אין זיין בוך „ווען יאַש איז געקו־מען״, אַרויסברענגענדיק בולטע שטריכן פון דעם צדיק הדור... 13)

תורה־גאון און גרויסער פאָרשער, וויסנשאַפטסמאַן און משכיל, איז געווען דער ראַדזינער רבי ר׳ גרשון חנוך־העניעך ליינער (תקצ״ט—תרנ״א), אַן אייניקל פון איזשביצער רבין ר׳ מרדכי־יוסף (מחבר פון „מי השלוח״). ער איז געווען אַן אייגנאַרטיקע פערזענלעכקייט. אַ גרויסער אויפטוער און בכלל אָריגינעלער מענטש. נאָך אַלס יונגערמאַן האָט ער אויפגעשטורעמט די וועלט מיט זיין באַרימט ספר „סדרי טהרות״, אַ ספר פון 400 בלעטער, לויט דער פאָרעם פון דער גמרא, אין וועלכן ער האָט צונויפגעקליבן אַלע מאמרי חז״ל וועגן ענינים פון טהרות, צעוואָרפן אין תלמוד בבלי, ירושלמי, ספרא ספרי, מכילתא, מדרשים און צוגעגעבן צוויי פירושים ווי רש״י און

12) זע, ווייטער, באַזונדער קאַפּיטל.

13) וועגן אים אין מיין בוך „לובלין״ און אין ווייטערן פרק, באריכות.

תוספות. ער באַנוגנט זיך נאָך ניט דערמיט אַליין און קומט אַרויס מיט גאָר אַ גרעסערן אויפטו. ער ווערט אַ דערפינדער פון „תכלת" און אַנטדעקט דעם חלזון־פיש מיט וועלכער ער פאַרבט די ציצית. גיט אַרויס אַ ספר „שפוני טמוני חול", מאַכט קלאָר זיין דערפינדונג, וואָס רופט אַרויס אַ געוואַלטיקע קעגנערשאַפט, מחמת תכלת איז שוין ניט גענוצט געוואָרן אַ 15 הונדערט יאָר. ער האָט נאָכדעם פאַרעפנטלעכט נאָך צוויי ספרים: „פתיל תכלת" און „עין התכלת", ענטפערנדיק אויף אַלע קשיות, וואָס מ'האָט אים געשטעלט. ער מאַכט קלאָר דעם ענין תכלת לויט דער הלכה און וויסנשאַפט. אין זיינע ווערק ווייזט ער זיך אַרויס אַלס מעדיקער, כעמיקער, מאַטעמאַטיקער און דערפינדער. ער באַווייזט מיט פאַקטן, אַז ער האָט געפונען דעם אמת בלויען חלזון־פיש אינעם ים־אויסגוס פון נעאַפּאָל.

ר' גרשון־העניך איז געווען אַ קענער פון דייטש און אַ גרויסער רייזנדער. אָפטמאָל געפאָרן קיין פראַנקרייך, איטאַליע, אין גרויסן אַקוואַריום אין נעאַפּאָל געפאָרשט דעם פיש חלזון און זיין קאָליר. נאָכדעם, אַז ער האָט שוין געהאַט זיך באַקאַנט מיט אַלע וויסנשאַפטלעכע כעמישע איינצלהייטן, האָט ער איינגעאָרדנט אין ראדזין אַ לאַבאָראַטאָריע, אַ פאַבריקל, ווו ער האָט פון די „חלזונים" אויסגעאַרבעט די תכלת־פאַרב פאַר די ציצית.

ווען ער פלעגט אַרויספאָרן אין מערב־אייראָפּע, פלעגט ער זיך איבערטאָן אין אייראָפּעיִשע קליידער, אָבער אין דער היים געפירט זיך שטרענג רבייִיש. צוליב זיין שאַרף מויל, האָט ער זיך פאַרטשעפּעט מיט אַ צאָל רביים און רבנים, אָבער אַלע, אַפילו זיינע שונאים, האָבן מודה געווען אַז ער איז אַ „גאון נפלא", אַ וווּנדער־מענטש. זיינע ווערטלעך זענען געוואָרן וועלט־באַרימט און ביז היינט באַנוצט מען זיך מיט זיי.

אַ גאון אין אמתן זין פון וואָרט איז געווען דער באַרימטער צדיק ר' צדוק הכהן פון לובלין. ער איז געווען אַ בקי אין גאַנץ תורת ישראל און געווידמעט זיין גאַנץ לעבן פאַר תורה און עבודה און איז דער מחבר פון צענדליקער ספרים אין נגלה און נסתר. וועגן דעם גאונישן רבי האָבן מיר שוין געשריבן און מיר ווידמען ווייטער אַ באַזונדערן פרק.

פון די גדולי תורה אין דער רבייִשער וועלט מוז מען דערמאָנען דעם אָסטראָווצער רב ר' יחיאל־מאיר הלוי זצ"ל. ער איז געווען איינער פון די עטלעכע „עמודי התורה" אין אונדזער צייט. זיין התנהגות איז

געווען מערקווירדיק און ער איז ביים לעבן געוואָרן אַ לעגענדאַרישע פּערזענלעכקייט. ער האָט געפאַסט פערציק יאָר נאָכאַנאַנד און דאָך מחדש געווען אין לערנען מיט דער טיפסטער חריפות. זייענדיק אַזוי אָפּגעשוואַכט צוליב די תעניתים און סגופים, האָט ער דאָך באַוויזן צו „פירן טישן" און זאָגן די שאַרפסטע און טיפסטע תורה־שמועסן. אויף אים האָט מען געזאָגט: „אותו צדיק נזון מגמרא ופוסקים, מקדושה, פרישות און אהבת הבריות" 14). ווען זיינע תלמידים האָבן אַ טייל פון זיינע חדושים פאַרצייכנט און אָפּגעדרוקט אין אַ ספר, האָט ער דערפון גרויס צער געהאַט.

פון די רביים לומדים אין אונדזער דור דאַרף אויך דערמאָנט ווערן ר' שלמה איגר זצ"ל, דער גרויסער חכם און משכיל מיט גרויס קענטעניש און אינטערעס אין אַלע רעליגיעזע און סאָציאַלע ענינים. זייענדיק דורכגעדרונגען מיטן חסידישן לעבנס־שטייגער, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט תורה און הלכה און פאַר אַ צייט געפירט אומאָפיציעל דאָס לובלינער רבנות, ניט ווענלנדיק ווערן אָפיציעלער שטאָט־רב אויפן פּלאַץ פון אָנערקענטן וועלט־גאון ר' אלי' קלאַצקין. ער איז געווען אַ בקי בכל חדרי חדרי התורה און נגלה און נסתר. נאָכזאָגנדיק „זוהר" בעל־פּה. זייענדיק דער גרויסער בעל־מסחרים איז ער דאָך געזעסן אין די ד' אמות של הלכה ופלפול.

זיין ברודער ר' עזריאל־מאיר איז אַ גרויסער למדן און הלכה־אויטאָריטעט, ווי עס וויזט זיין ספר „תקנת רבים". דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט די זכיה זייביידן קענען צו לערנען און אַ לענגערע צייט געווען אונטער זייער השפעה, פאַרבראַכט כמעט די יוגנט אין דער סביבה פון די דאָזיקע רבייִשע אַדללייט און גענאָסן פון זייער גייסט־שעפערישקייט.

אַ גאון עצום איז אויך געווען דער סאָקאָלאָווער רבי, ר' אשר־זעליג מאָרגענשטערן זצ"ל. אויסער גאון אין נגלה און נסתר איז ער אויך געווען אַ גרויסער געלערנטער און אויסגעצייכנטער שרייבער. געשריבן אַ העכסט־מאָדערנעם העברעיִש, אַ סטיליזירטן יידיש, אַ ספרא רבא, מיט אַ פלאַם־

---

14) ווענגן די אַלע דערמאָנטע אדמו"רים אין מיין בוך „לובלין", און אין חייטערדיקע פּרקים.

פייערדיקער פען און שאַרף מויל, דערצו אַ גרויסער אָרגאַניזאַטאָר און פּאָליטיקער.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ האָבן מיר ווייט נישט אויסגערעכנט אַלע אדמורי״ם פון פּוילן, אַפילו נישט קיין רשימה פון די גאָר לעצטע. בלויז דערמאָנט עטלעכע פאָרשטייער און פון די אַממערסטן באַרימטע. איך האָב אויך ניט דערמאָנט דעם גערער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט קיין ארץ־ישראל; איינער פון די גדולי הדור נישט בלויז אַלס רבי און אדמו״ר, נאָר אויך אַלס גרויסער למדן, ביבליאָגראַף, שטאַטסמאַן און דערצו אַ גרויסער כלל־טוער. ער האָט שטענדיק געהאַט אַ תשוקה צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל, ווי עס ווייזן זיינע בריוו נאָך דער ערשטער נסיעה אין יאָר תרפ״ב 15).

15) דער רבי ר׳ בונם (תקס״ז—תקפ״ז) האָט אַמאָל געזאָגט: „אַ חכם איז אַן אפיקורס; אַ גוט־האַרציקער האָט זיך צופיל ליב און זוכט בלויז תענוגים; דער פרום־מאַק וואָס האַלט אין איין דאַווגען איז ניט איבעריק גוט צו מענטשן. אויב די דריי מידות טויגן נישט — האָט מען אים געפרעגט, — וואָס דען איז גוט פאַרן מענטש?
— צו האָבן אַלע דריי צוזאַמען — האָט ער געענטפערט — צו זיין אַ חכם, צו האָבן אַ גוט האַרץ און צו זיין פרום. דער רבי ר׳ בינם ווי זיין בן־עיר ר׳ יעקב יצחק (תכ״ו—תקע״ד) האָט אַריינגעבראַכט אַ נייע שטרעמונג אין חסידיזם: פאַר־נעזעצט דעם ערשטנס דרך וואָס האָט (לויט דעם „שרף״, ר׳ אורי פון סטרעליסק) געוואָלט ממשיך זיין אַ נייעם דרך, צוציען יידישע הערצער אַז זיי זאָלן דינען גאָט מיט תורה און תפילה און ניט פאַרוואַנדלען חסידות אין אַ מצוות אנשים מלומדתדי־קע באַוועגונג. אַרום זיי האָט זיך געקרייזט די לומדישע וועלט, וואָס האָט אויך געהאַלטן מער פון פאַרשטאַנד.

דער רבי ר׳ בונם איז באמת אַן אָריגינעלע פערזענלעכקייט, קענער פון אייראָפּעישע שפּראַכן, קענער פון ספרי מחקר, גרויסער סוחר, לאָגישער מענטש און דערצו אַ שטיק פילאָזאָף אין אמתן זין פון וואָרט. ער איז אויך געווען אַ כלל־טוער, אָפיציעלער יידישער פאַרטרעטער איגעם ראַט פאַר יידישע פראַגן ביי דער פּוילישער רעגירונג.

קאַפּיטל 2

חסידות ווי אַ פֿאָלקס־באַוועגונג

1. חסידות און גאולה־שטרעבונג

וועגן חסידיזם און זיין באַציִונג צום ייִדישן פֿאָלקס־מענטש, וועגן זיין באַנעמונג צום האָרעפּאַשניק, וועגן זיינע סאָציאַלע עיקרים, וועגן זיינע גאולה־שטרעבונגען און משיח־טרוימען איז אַ סך געשריבן געוואָרן די לעצטע יאָרן.

די תורה פֿון ר׳ ישראל בן אליעזר בעל־שם־טוב (געב׳ אין אָקופּ ת״ס (1700), נפטר געוואָרן אין מעזשיבעזש, ז׳ סיון תק״ד) איז נאָענט געווען צום אַרבעטס־מענטש, צום פּראָלעטאַרישן שיכט. און ניט בלויז צום שטאָטישן, נאָר אויך דער דאָרפֿס־מענטש אין זיין איינזאַמקייט, אין זיין גויִישער סביבה האָט געפֿונען די נאָענטקייט און אינטימקייט אין די לע־רעס פֿון בעש״ט און זיינע תלמידים, וואָס האָבן געלערנט, אַז אַ ייִד דאַרף תמיד אין זינען האָבן, אַז די שכינה איז מיט אים, היט אים אָפּ; אַז „לית אתר פּנוי מיניה״, אַז אומעטום איז דאָ גאָט און אומעטום קען מען אים דינען — אויב מ׳האָט אַ ריין האַרץ...

חסידיזם, נאָך אַלע אויסטייטשונגען, האָט קודם כל געמיינט: אַ נייער סאָציאַלער צוגאַנג צו פּראָבלעמען, אַ נייע אידעאָלאָגיע ווי אַזוי צו דער־הייבן די מאַסע. האָבנדיק שרשים אינעם חזון הנבואה און אין די גאולה־שטרעבונגען, ווי אַזוי זיי קומען צום אויסדרוק אין דער תלמודישער אגדה און אין זוהרישן קבלהיסטישן מיסטיציזם, האָט חסידיזם פֿריִער געוואָלט זיכערן די „קדושת הפּרט״, דערהייבן דעם יחיד צו דער בחינה פֿון צדיק,

אַז ער זאָל משפּיע זיין אויף דעם צבור, סיי אויף דער רוחניותדיקייט און סיי אויף דער גשמיותדיקייט. אַזוי אַרום האָט דאָס חסידות געשאַפן דעם קולט פון צדיקיזם, גלייבנדיק באמונה שלימה, אַז די יחידי סגולה פונעם דור קענען דערהייבן די מענטשהייט, אַרויסרופן די פאָלקסטימלעכע אינטעליגענץ און דערמיט לייכטער מאַכן דעם וועג פון אַרויסהייבן דעם סאָציאַלן שטאַנד פון דער מאַסע.

ליבע צו די אָרעמע, מיטלייד צו דעם אומפּריווילעגירטן — דאָס זע־נען די יסודות; דאָס זענען די פונדאַמענטן, אויף וועלכע דאָס חסידות האַלט זיך. אין אַלע „תורות" פון חסידישע רביים קומט צום אויסדרוק אָט דער „מה ד' שואל ממך". וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ ביי דעם „כי אם ליראה"... נאָר גייט ווייטער ביזן „ולאהבה..."‚ ווייל חסידות וויל דערהייבן דעם מענטש צו דער מדרגה פון ליבשאַפט צום באַשאַפער, צו זיין תורה, צו זיין יצירה.

חסידות האָט געשטעלט זיין עיקר אויף דער מידה פון חסד, די דריי בולטע אַטריבוטן פון ישראל. „ג' מתנות טובות נתן הקב"ה לישראל, רחמ־נין, ביישנין וגומלי חסד... מניין ושמר ד' אלקיך את הברית ואת החסד (קדושין, ירושלמי פ"ד). דאָס איז די מתנה, מיט וועלכער גאָט האָט באַ־שאָנקען זיין פאָלק און זיי פאַרזיכערט אַז די דאָזיקע מידה, די מידה פון חסד, וועט קיינמאָל ניט אָפּגעטאָן ווערן: „כי ההרים ימושו והגבעות תמו־טינה וחסדי מאתך לא ימיש (ישעי' נ"ד, י'). דער חסד פון גאָט וועט קיינמאָל ניט אָפּגעטאָן ווערן.

חסידות האָט געוואָלט זען לייטערונג און קדושה אין וואָכעדיקע ענינים און מענטשלעכקייט אין די קדושהדיקע ענינים, ווי עס קומט צום אויס־דרוק אין אַ קלאַסיש וואָרט פון קאָצקער רבין רבי מנחם־מענדל אויפן פסוק „ואנשי קודש תהיון לי" (שמות כ"ב, ו') — זאָל דאָס הייליקע ביי אייך זיין מענטשלעך און דאָס מענטשלעכע הייליק. דאָס איז די הויפּט־קדושה וואָס ווערט פאַרלאַנגט פונעם מענטש. מלאכים פעלן אים ניט, דער רבונו של עולם האָט גענוג מלאכי מעלה 1).

ניט דאָ, פאַרשטייט זיך, איז מעגלעך זיך אָפּשטעלן באריכות וועגן

1) שבתי ווייס, מאוצר המחשבה של החסידות, תל־אביב, תש"ט, ז' 174.

דער באַציונג פון חסידיזם צו די אָרעמע שיכטן. דאָס געהערט אייגנטלעך צו אַ באַזונדערע פאָרשונג. חסידות־פאָרשער, סיי די וואָס געהערן צו דער פלעיאַדע פון „פּראָ" און סיי די וואָס געהערן צום צד פון די „קאָנטראַ"־חסידות; און סיי וועלטלעך אָביעקטיווע פאָרשער — די אַלע באַרירן אָט דעם פונקט אין חסידיזם.

ש. א. האָראָדעצקי אין זיינע ווערק 2); ש. דובנאָוו אין זיינע היסטאָרישע ווערק „תולדות החסידות" און אין די אַנדערע געשיכטע־פאָרשונגען; אהרון מאַרקוס 3); מאַרטין בובער אין זיינע געשיכטלעכע און פילאָסאָפישע ווערק וועגן חסידות אין אַלע זיינע פאַזן; א. י. בראָמבערג (אין זיינע בייטראָגן צו דער געשיכטע פון חסידות, באַזונדערס חסידות פוילן); דוד כּהנא אין זיין תולדות המקובלים,(השבתאים והחסידים, שני כרכים (דביר, תל־אביב, תרפ"ו; באַזונדערס זיין צווייטער באַנד); צ. מ. ראַבינאָוויץ מיט זיינע וויכטיקע מאָנאָגראַפיעס וועגן די גדולים פון חסידות אין פוילן; מנשה אונגער מיט זיינע חסידישע ווערק; פשיסכע און קאָצק (בוענאָס־איירעס, 1949); חסידות און לעבן (1946); אין דער חסידישער וועלט (1954) און אַנדערע; אליעזר שטיינמאַן אין זיינע גרינטלעכע ווערק וועגן חסידות און זיינע רעפּרעזענטאַנטן (באר החסידות, הוצ' כנסת, תל־אביב); די חסידישע פאָרשער ישראל בערגער (מיט זיינע „עשר דורות", געטיילט אין עטלעכע חלקים, לויטן מספר צען; יועץ קים קדיש מיט זיינע „שיח שרפי קודש"; אברהם חיים מיכלסאָן, אהרן וואַלדען און אַנדערע אומציילּיקע מחברים, יונגע און עלטערע חסידות־פאָרשער, — זיי אַלע האָבן, יעדער אויף זיין שטייגער, אַרויסגעבראַכט דעם מאור החסידות. זיי אַלע באַרירן אָט דעם פאַקט, וואָס חסידישע מנהיגים האָבן זיך געשטעלט קעגן די קהלה־תקיפים, געהאָלפן אָרעמע אין זייער קאַמף קעגן די גבירים און אַפילו אויסגערעדט תלמידי־חכמים, וואָס האָבן איגנאָרירט און זיך געהאַלטן פונדערווייטנס פון די פאָלקס־מאַסן.

כמעט אַלע חסידות־פאָרשער, קעגנער און ענטוזיאַסטן; מאמינים אי־

2) החסידות והחסידים, 4 בענד; החסידות ותורתה, „דביר", תל־אביב, תשי"ד און אַנדערע ווערק.

3) „חסידיזמוס" א. אַ. אַרבעטן.

נעם רבין און אָפּשפּעטער משכילים, מתנגדים־פאַרשער פון פרומען און וועלטלעכן לאַגער — אַלע ווייזן אָן אויף דעם פאַקט, וואָס ר׳ יעקב־יוסף פולנאה (נפטר תקכ״ט אָדער כ״ט טבת תק״ל) איינער פון די אָנגעזעענסטע תלמידים פון בעש״ט, דער פּאָפּולאַריזאַטאָר פון חסידיזם, רופט ממש די פאָלקס־מאַסן צו רעוואָלט קעגן די תקיפותדיקע מנהיגים און „קאַראַבקע״־מענטשן 4). אין אַן אַנדער חסידיש ספר, אין „אמתחת בנימין״, פון ר׳ בני־מין ב״ר אהרן מגיד בזלאזיץ 5) ווערט געזאָגט: „כלל גדול הוא, הממון שגזלו מהעשירים הוא המעות של העניים בעצמם, והם הבעלים של הממון (עס איז אַ גרויסער כלל, אַז דאָס געלט וואָס מען גזלט פון די עשירים, איז דאָס געלט פון די אָרעמעלייט אַליין, צו זיי געהערט דאָס געלט).

אין חסידיזם זענען דאָ דריי הויפּט־שטרעמונגען: ריזשין — יחוס, עשירות, מלכותדיק, חסידישע התנגדות; באַרדיטשעוו מיט זיין נאָכפאָל־גערשאַפט — רחמנות, מיטלייד, גרענעצלאָזע ליבע צום ייִדישן פאָלקס־מענטש, צום מענטש בכלל; קאָצק — דאָרט האָט מען פיינט, „פּאָסט־פאַלסטוואָ״, המוניזם; אין קאָצק זוכט מען די אצילותדיקע יחידים... און צום המון באַציט מען זיך מיט דער גרעסטער שטרענגקייט!

אמת, ס׳כאַפּן זיך אַרויס אָפּנייגונגען. אפילו אין שטרענג מלכותדיקן ריזשין קען מען געפינען אַן אָפּנייג, ווי דער פאַל פון ר׳ דוב (בערעניו) פרידמאַן לאיעווער, דער שתקן און עמקן (געב׳ תקע״ז — 1817; נפטר י״ג כסלו תרל״ו — 1876), וועלכער האָט רעוואָלטירט קעגן זיין גרויסן פאָ־טערס קאָנצעפּציע פון חסידות; רעוואָלטירט קעגן דער טשאָרטקעוו־סאַדי־גורע־אַריסטאָקראַטיע, געלערנט ווי צו „הייבן דעם מוח״ און ליב געהאַט דעם פשוטן עולם, דעם פשוטן מענטש. דער דאָזיקער רבי דוב, אויף וועמען די ברידער האָבן געזאָגט, אַז ער דרייט זיך „נאָ ליעוואָ״, אויף לינקס (וואָרטשפּיל פון לאיעוואָ), האָט אפילו פאַרעפנטלעכט אָפּענע בריוו, זיך געחברט מיט די משכילים פון דור 6), אַרויסגעטראָטן קעגן זיין אייגענער

---

4) זע זיין ספר „תולדות יעקב יוסף״, פאַרעפנטלעכט אין 1781.

5) דרושים על קהלת, מינקאָוויץ, תקנ״ו.

6) זע, באריכות, הרב מ. י. גוטמאַן, „רבי דוב מליאובה״, ספרית בצח, תל־אביב, תשי״ב; ש. א. הורודיצקי, ג׳, ז״ז קכ״ב—קמ״א.

דינאַסטיע, פאַרגעסנדיק די פאַרערונג צו זיין פאָטער ר׳ ישראלטשע רי־זשינער, אויף וועמען דער סאַנדזער גאון (ר׳ חיים האַלבערשטאַם, געב׳ תקנ״ג — 1794; נפטר תרל״ו — 1876) האָט אין זיין ענטפער צום קראָקעווער רב ר׳ שמעון דערקלערט פאַרוואָס ער פאָרט צו אים, ווייל דאָרט זעט ער דעם הר המוריה, און דאָס אָרט, ווו אַ ייד שטרעקט אויס זיין האַלדז פאַר קדושת השם איז גרעסער ווי הר־סיני. ער האָט געזוכט אַ נייעם וועג; ער האָט געזוכט דעם וועג פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער פון גדלות און שפלות מיטאַמאָל. אָבער דאָס זענען געווען אויסנאַמען. געוויינטלעך האָט יעדע דינאַסטיע געהאַט איר איינשטעל — און קאָצק האָט געפלאַקערט מיט אַ העליש פייער. וואָס פאַר אַ ראָלע האָט דאָרט געשפּילט דער אַלגעמיינער מענטש, דער דורשניטלעכער?

ר׳ מענדעלע קאָצקער (מאָרגענשטערן, געב. גוריי, לובלינער געגנט תקמ״ח — 1787; נפטר געוואָרן אין כ״ב שבט תרי״ט — 1859) האָט נאָך פאַר זיין אָפּשליסן זיך אין חדרי־חדרים, אַלעמאָל באַטאָנט זיין השקפה, ניט וועלנדיק האָבן צו טאָן מיטן המון און מיט די המונישע פּראָבלעמען 7).

אליעזר שטיינמאַן אין זיין „באר החסידות" (הוצ׳ „כנסת", תל־אביב) גיט ר׳ מענדעלען דעם טיטל „עמוד הצער" און מיר וועלן דאָס באַלד זען, פאַרוואָס ער האָט דאָס געלייגט דעם שטעמפּל פון צער אויף קאָצק, וואָס האָט געברענט מיט אַ העליש פייער און אַ טאַנץ האָט געקענט פירן קאָצ־קער חסידים צו גאָר אַנדערע עולמות. אָבער פריער זיין אַריינפיר, די „פתיחה", אין וועלכער ער ברענגט אַרויס אויב ניט שטרענג אָריגינעלע, אָבער דערפאַר אמתע געדאַנקען וועגן חסידות בכלל, וואָס איבנאויף זעט זיך ניט דער חידוש — און א. שטיינמאַן זאָגט טאַקע, אַז דער בעש״ט איז ניט געקומען מחדש זיין; ער איז געקומען שטאַרקן און פאַרפלאַנצן דאָס אַלטע, דער עיקר אַריינפלאַנצן דורך באַנייטע נטיעות:

„וזהו החידוש. עיקר גדולתו של הבעש״ט בכך הוא, שלא בא כלל לחדש.. הבעש״ט לא בא לעקור, כי אם לנטוע... כל התולה בחסידות

---

7) זע י. אריגור, „קוצק"; יצחק אלפסי, „הרבי מקוצק", תשי״ב; פ. ז. גליק־מאַן, דער קאָצקער רבי; צבי כהן, אַריינפיר צו זיין דראַמע „דער רבי פון קאָצק" און זיין דראַמע „דער רבי פון באַרדיטשעוו" און אַנדערע פאָרשער פון קאָצק און קאָצקער נאָכפאָלגערשאַפט.

הבעש״ט נדנוד־כוונה להקל מקצת מעול תורה עושה אותה פלסתר. לא להקל בא כי אם להחמיר; לא לגרוע מעבודת הבורא, כי אם להוסיף עליה כוונה ודביקות...״

א. שטיינמאַן ברענגט דאָ אַ וואָרט פון רבין ר׳ בונם, ווי דער רבי פון קאָצק האָט דאָס דערציילט, אַז ער האָט געזאָגט אַז דער רבי אלימלך האָט געשטעלט דאָס חסידות אויפן פסוק: „לא בזה ולא שקץ ענות עני...״. דאָס איז אין איינקלאַנג מיטן מאמר חז״ל, אַז אַ ממזר תלמיד־חכם איז „קודם לכהן עם הארץ״; אַז די תורה ווייסט ניט פון קיין ירושה, פון קיין דינאַסטיע, פון קיין אַריסטאָקראַטיע — אַז די תורה געהערט אַלעמען, „בשלשה דברים ניתנה תורה: במדבר, באש ובמים... מה אלו חנם לכל באי העולם, כך דברי תורה בחנם...״

דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איז געשטעלט געוואָרן אין די ישיבות פון בית־שמאי און בית־הלל ביים סוף פון בית־שני; די בית־שמאי האַלטן (אבות דרבי נתן, פרק ב׳, ט׳) אל ישנה אדם אלא למי שהוא חכם ועניו ובן אבות... די בית־הלל דאַקעגן זאָגן: „לכל אדם״ און אויך אין דעם פאַל, האַלט דאָס חסידות, האָבן די בית־הלל רעכט. די גמרא (נדרים פ״א, ע״א) פירט אויס, פאַרוואָס ס׳קומען אַרויס ווייניק תלמידי חכמים פון עלטערן תלמידי־חכמים, מ׳זאָל ניט זאָגן, אַז תורה איז אַ ירושה 8).

אין נדרים ווערט אויך געזאָגט, צו זיין געהיט מיט אָרעמע קינדער, ווייל פון זיי קומט אַרויס תורה („הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה״).

די לערעס פון בעש״ט האָבן קולט געוועזן אַלע גוטע מדות, וועגן וועל־כע די חכמי התלמוד רעדן אַזויפיל, און האָבן געוווירקט, זיי זאָלן ניט בלייבן בלויז אין ספרים, נאָר זאָלן אַריין אין לעבן און דאָס דורך אַ נייער מעטאָדע, אָננעמען נייע מאָסן, „תיקן מדה למדות, נתן להם שעורים... חיברן במתכונת חדשה והטיל בהם נעימה משלו... 9)

און שטיינמאַן גייט ווייטער אין זיינע באַהויפּטונגען:

---

8) ומפני מה אין מצויין תלמידי חכמים לצאת תלמידי חכמים מביניהם. אמר רבי יוסף שלא יאמרו תורה ירושה היא להם... אין אבות (פרק ב׳, י״ב) ווערט אויך געזאָגט: „והתקן ללמוד תורה שאינה ירושה לך״...

9) פתיחה ז׳ 14.

„הבעש"ט מלכתחילה בא לזכות את כלל ישראל, לזרוע אור בכל מושבותם לתקן את בדקי הבית, לחבר את הקרעים והיה חס על האברים המדולדלים... הבעש"ט לא בא ליסד כת, כי אם לאחד עם, לרפא פצעי האומה על דרך „ועמך ישראל כולם חסידים", כולם אהובים, כולם ברורים, בעלי מדרגות והשגות..." 10)

אין זיין עסיי וועגן קאָצק (ז"ז 271—272) זאָגט ער, אַז דאָרט האָט געברענט דער קאַלך־איוויון פון אמת, דער אמת וואָס ווייסט ניט פון קיין פשרות. „בקוצק היה בוער כבשן האמת, והאמת אינה זקוקה למחלצות"... דאָרט האָט מען אַפילו געפונען אַ גימטריא, אַז אמת מארץ באַטרעפט קאָצק; דאָרט איז געווען „לבי ובשרי ירננו אל אל חי"... און דעריבער האָט מען דאָרט ניט כובל געווען די ווייכהאַרציקע כאַראַקטערלאָזע חסידים; דערי־בער איז ער געווען, ווי ער שרייבט אים צו, דער „איש ריב ומדון, קפדן ורתחן... ניט האַלטנדיק פון נאָכגעביקייט, רחמנות־געפיל, קליינלעכקייט, מצוות אנשים מלומדה...

קאָצק האָט מען באַטראַכט, און מיט רעכט, „משורש מתנגד" און נאָר ער, דער קאָצקער, האָט געקענט זען, אַז די וועלט טויג ניט, אַז „העולם מלא רפש, זוהמה, טומאה, לכלוך"... ער האָט געשאַפן אַן אייגענעם נוסח אין חסידות, קעגן דעם גאָלדענעם וועג, ווייל „אינמיטן וועג גייען פערד, ניט קיין מענטשן".

ר' מענדעלע קאָצקער איז געווען דער רבי, וואָס איז, ווי זיין תלמיד, דער „חדושי הרי"ם" דריקט זיך אויס, געשטאַנען אויף נאָדלען... דאָס איז געווען דער רבי, וואָס האָט ניט געקענט געפינען די פיר הונדערט, זיי זאָלן מיט גיין מיט אים אין וואַלד אַריין און מקדש זיין שם שמים. נאָר ער האָט זיך געקענט דערלויבן אַ זאָג טאָן, אַז אַ חסיד האָט יראת שמים און אַ מתנגד — יראת שולחן־ערוך; נאָר ער, האָט זיך געמעגט דערלויבן זאָגן זיינע חסידים, אַז איידער זיי קומען צו אים, זאָלן זיי רייניקן פון זיך דאָס פסולת, ווי דער פסוק לויטעט: „מקברות התאוה נסעו העם חצרות", צום ערשט באַגראָבט מען די תאוות, דערנאָך פאָרט מען צו די „הייף", צום רבין.

---

10) דאָרט, ז' 15.

אין קאָצק האָט געהערשט דבקות המוחין, קעגן דער חסידישער טראַ־דיציע פון פאָלקסטימלעכקייט און פשטות וואָס אין קאָצק האָט מען עס באַטראַכט פאַר קינדער־שפּיל.

אין רייזשין האָט מען אָנערקענט דעם „גן עדן התחתון, פאַרהימלישט תענוגות און רחבות עולם הזה, געזען אין דעם „רזין דרזין" אין קאָצק האָט מען געטאַנצט מתוך יסורים; ס'האָט ממש געברענט דער גיהנום פון יסורים, האָט מען געמוזט נוצן אַ קעגן־כוח פון יי"ש מיט רקוד עד כלות הנפש. דער קאָצקער זעט אין חלום די עקידה פון פאָלק ישראל; ער זעט טייכן מיט יידישע טרערן און די וועלט שמעקט גאָרניט פאַר אים. ווי האָט כאַראַקטעריזירט זיין תלמיד, דער רבי ר' בונם, וועלכער ווערט טיטו־לירט מיטן טיטל חכם: „מענדל פאַרברענט די וועלט" 11).

גאַנץ ריכטיק באַמערקט א. שטיינמאַן, אַז חסידות האָט געבראַכט אַ שטורעם פון אַ נייער אַטמאָספער, פון פרישער לופט אינעם עולם הנפשות, אין די מוחות און אין די הערצער, אַ „התגלות השכינה" אין דער פנימיות פונעם מענטש, אין דער בחינה „מרוח אחזה אלוקי"; אויב דער מענטש דערהייבט זיך צו דער מדרגה פון צדיק טהור המקודש בגופו... קען ער דאָך זאָגן: „מבשרי אחזה אלוקי".

אַזוי אַרום איז חסידות געוואָרן אַ גרעסערער עול אויף דעם יידישן מענטש — די סינטעזע פון עול תורה ועול דרך ארץ; יעדער באַוועג פונעם מענטש זאָל זיין תורהדיק.

ווי אַזוי האָט קאָצק זיך בכלל געקענט צופאַסן צום חסידישן דרך און חסידישן געדאַנק? דאָס קען מען פאַרשטיין, אויב מען פאַרשטייט, ווי אַזוי דער רמב"ם (געבאָרן י"ד ניסן, ערב פסח, ד' תתצ"ה — 30סטער מערץ, 1135 אין דער שטאָט קאָרדאָוואַ, שפּאַניע; נפטר אין עלטער פון כמעט 70 יאָר, כ' טבת התקס"ה, דעם 13טן דעצעמבער 1704), קען פאַר־רעכנט ווערן אַלס אָנהענגער פון קבלה. צבי־מאיר ראַבינאָוויץ, באַרירט אָט די געוואָגטע טעמע אין זיין מאמר „יחס הקבלה והחסידות אל הרמ־

---

11) זע באריכות: אהרן זאב אשכלי, החסידות בפולין, בית ישראל בפולין ערך ישראל היילפרין, ירושלים, תשי"ד, ז"ז 111—113, אַ פּראַכטפולע אָפּשאַצונג וועגן קאָצק, אַ שאָד וואָס ער לאָזט דורך ביבליאָגראַפיע; זע אויך באר החסידות, ז"ז 881—385.

ב"ם" 12). מיר זעען ווי קאָצק און חב"ד, יעדער אויף זיין שטייגער, זוכן ווי דער רמב"ם, יחידישע דערהייבונג, אַז דער רבים דאַרף זיך בייגן פאַר דעם יחיד, ווי ער דריקט זיך אויס אין זיין באַרימטן „אגרת תימן":

„ראוי להמון למסור משינתם על הנביאים בעלי הדינים האמתיים — ואחרי הנביאים, החכמים הדורשים יומם ולילה הדעות והאמונות, עד שידעו ויכירו לברור האמת מן השקר". דער רמב"ם, וועלכער ווערט באַטראַכט אַלס „דאָס ליכט, וואָס לייכט פאַר אַלע דורות", אויף וועמען די פאַרערער האָבן געשריבן אַז „ממשה ועד משה לא קם כמשה" (אַז פון משה־רבנו ביז משה בן מימון איז קיין אַנדער משה ניט געווען), האָט געשטעלט דעם יחיד, דעם אדם המעלה אַלס גרעסטן כוח אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ווי מיר זעען סיי אין זיין ריזן־ווערק „יד החזקה" אָדער „משנה תורה", אין זיין „ספר המצוות" און בעיקר אין זיין פילאָזאָפיש ווערק „מורה נבוכים" (פאַרענדיקט אין יאָר 1190).

אין פלוג איז קאָצק, ווי חב"ד, אין קעגנזאַץ צו דער בעש"ט־חסידות, וואָס האָט אַלס יסוד געשטעלט דאָס געפיל, העכער פון דער לאָגיק, העכער פון דער פאַרטיפונג פון שכל, „רחמנא לבא בעי". אין תוך זענען זיי אָבער אַ פאַרטיפונג פון דער בעש"ט־חסידות, אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג פון חסידות.

מיר ווייסן, למשל, אַז דער רמב"ם מיט זיין אַבסאָלוטן „שלטון השכל", מיט זיין באַגייסטערונג פאַר דעם גריכישן אַריסטאָטל („מורה נבוכים", חלק א', כ"ב) האָט זיך אויסגעדריקט, אַז „דעת אַריסטו היא תכלית האדם". ער האָט געהאַלטן פון דער טרוקענער לאָגיק און אַרויסגעוויזן קעגנערשאַפט צו דער אגדה, צו די מדרשים „שאינם מביאים לא לידי אהבה ולא לידי יראה" (יד חזקה, הלכות מלכים, י"ב) אין דער צייט ווען קבלה און חסידות האָבן יאָ אָנערקענט די אגדה, זיך געהאַלטן ביים תלמודישן כלל: „רצונך שתכיר את מי שאמר והי' העולם — למד אגדה..."

דער רמב"ם האָט אַרויסגערופן גרויס קעגנערשאַפט צו זיינע ראַציאָנאַל פילאָזאָפישע אידעען און טעאָריעס. ער האָט געוואָלט שאַפן דעם

12) רבנו משה בן מימון, בעריכת הרב יהודה ליב הכהן פישמן (מימון) ירושלים, תרצ"ח, ז"ז רע"ט—רפ"ז.

סינטעז צווישן דעם גאָט פון אברהם און דעם גאָט־באַגריף און דערקענ־טעניש פון אַריסטאָטל. אוודאי האָט ער געדאַרפט אַרויסרופן קעגנערשאַפט מצד די מקילים און גרינטלייכער פון חסידות. וואָס זשען מיר אָבער? אַפילו דער ראַציאָנאַליסט, דער רמב״ם, האָט געפונען פאַרערונג מצד די גדולי המקובלים און מצד געוויסע שטרעמונגען אין חסידיזם 13).

דער רמב״ם איז קעגן דער פאַרערונג פון המון, פון המוניזם; די מאַסע איז ביי אים אַ טפל צום יחיד, צום אדם המעלה. ער איז איבערצייגט, אַז די „השגחה נמשכת אחרי השכל...״ און דאָס איז אין איינקלאַנג מיט זיין קאָנצעפּציע פון שלימות השכל, שלטון השכל און שלמות האנושי 14).

די פאַרפולקאָמונג פון מדות איז ביי אים בלויז אַ מיטל און ניט זיין ציל... דער ציל איז: „השלמות האנושי האמתי הוא כשיגיעו לאדם המעלות השכליות. ער איז דורכאויס קעגן דער אָנגענומענער מיינונג, דער מיינונג פונעם המון. אַז דער גדול איז בלויז דער וואָס איז גרויס אין מדות (דאָרט, חלק ג׳, פרק נ״ד).

חסידות, ווי באַקאַנט, האָט דערהויבן דעם המון, האָט געשטעלט דעם עיקר אויף דער מעשה, אויף טאַטזאַך און ווייניק אַכט געלייגט אויף מדרש, וואָס פירט ניט צו מעשים.

דער רמב״ם איז אויך געווען אַנדערש פון די חכמי צרפת, די אָנ־הענגער פון „אמונה פשוטה״, פון די תלמודיסטן, וועמענס צענטראַלער הויך ס׳איז געווען די טיפע כוונה, די עטישע פועל־יוצאס, וואָס דאַרף, לויט זייער אויפפאַסונג קומען פון זיך אַליין, אַלס אַ נאַטירלעכע זאַך 15).

דער רמב״ם, ווי דער רבנו בחיי (בן יוסף אבן פקודה, געלעבט אין 11טן י״ה) זוכט די פאַרטיפונג פון דער הלכה, דעם טיפערן זין פון דעם יידישן מאָראַליש־עטישן דין, דעם באַטייט פון דעם יידישן קאָדעקס. אַ חידוש איז, וואָס דער רבינו בחיי, אויפדעקנדיק אַלע נסתרות אינעם

---

13) זע צבי מאיר ראַבינאָוויץ, יחס הקבלה והחסידות אל הרמב״ם, רבנו משה בן מימון, ז״ז רע״ט—רפ״ז.

14) זע מורה נבוכים, חלק ב׳, פרק י״ח.

15) זע, אויך באריכותדיק אין מיין „לובלין״, אַנהייב פערטן קאַפּיטל.

„חובות הלבבות", ליבנדיק געגוי די „תורת הנפש" 16) פון יעדן מענטשן, באַמיִענדיק זיך צו דערהייבן דעם ייִדישן מענטש צו דער העכסטער שטופע פון אדם המעלה, פון אַן איש־האלקים, געפינט ניט פאַר נייטיק עפּעס צו זאָגן וועגן דער מצוה פון ישוב ארץ־ישראל.

עס איז דעריבער צו באַוווּנדערן די פאַרערונג צום רמב"ם מצד די גדולי המקובלים, ווי דער רמב"ן (רבינו משה בן נחמן, געב' אין קאַטאַלוניִע אין 1194; נפטר געוואָרן אין ירושלים און געקומען צו קבורה אין טבריה, אין 1270), דעם קעגנער פון פילאָזאָפיע, רופנדיק זיי מבטלי התורה. ער לויבט דעם רמב"ם, שטעלט זיך איין פאַר אים, פאַרטיידיקט אים, אין דער צייט ווען ס'זענען אויפגעשטאַנען אַזויפיל קעגנער צום רמב"ם און זיין שיטה.

דעם רמב"נס מיינונג איז אָנגענומען געוואָרן ביי ס'רוב מקובלים. וועלכע האָבן אויך אַנטדעקט, אַז אויף דער עלטער האָט דער רמב"ם זיך דערנענטערט צו קבלה און ייִדישער מיסטיק 17).

אַ דאַנק דעם רמב"ן ווערט דער רמב"ם אויך אין חסידישע ספרים פאַרהייליקט און אָנערקענט. אַזוי דריקט זיך אויס וועגן אים מיט די הערלעכסטע ווערטער דער אַפּאָלאָגעט פון בעש"ט, ר' יעקב יוסף מפולנאה (נפטר בערך תק"ל) אין זיין ספר „צפנת פענח" (פּיעטרקוב, תרמ"ד, ז' 127); אַזוי ר' מנחם־מענדל וויטעבסקער; אַזוי ר' שניאור־זלמן שניאורסאָן (געב' לאַזשניע, תק"ה — 1745) און אַזוי אַנדערע ביז קאָצק־איזביצע־גער.

בלויז ר' נחמן בראַסלאַווער (געב' מעזשיבעזש, תקל"ב — 1772; נפטר געוואָרן אין אומאַן תקע"ה — 1815), זאָגט זיך אַרויס קעגן רמב"מס שיטה פון לאָגיק, פון פאַרלאָזן זיך אויף אַריסטאָטלס מיינונגען און ער הייסט זיך דערווייטערן פון רמב"מס „מורה נבוכים", באַהויפּטנדיק, אַז עס איז אַן איסור גדול צו לערנען אין זיי „כי הם פוגמים ומבלבלים את האמונה הקדושה" 18).

דער בראַסלאַווער פרעגט:

---

16) זיינע צוויי הויפט־ווערק, געשריבן אין אַראַביש, איבערזעצט אין העברעיש דורך יהודה אבן תבון.

17) זע דאָרט באריכות.

18) ז. וילנאי, מצבות קודש בארץ־ישראל, ירושלים, תשי"א, ז"ז שפ"ו—שצ"א.

מפּני מי ראוי לך להתיירא יותר עם מספר מורה נבוכים הבנוי עפ״י סברות אריסטו היון ימ״ש, אם להבדיל מס׳ הזוה״ק והאר״י ז״ל?

אַנדערע צדיקים, בעיקר קאָצק, האָבן שטאַרק געהאַלטן פון רמב״מס פילאָזאָפישע דערקענטעניש און זיך באַמיט צו שאַפן די סינטעטישע לערע פון קבלהיזם און רמב״מיזם.

אהרן צייטלין, אין זיינער אַן אָפּהאַנדלונג וועגן קאָצקער, דריקט זיך אויס זייער טרעפלעך, אַז דער „בעל שם איז פון זיין הייל אין די קאַרפּאַטן אַרויס צו דער וועלט און איר געבראַכט די בשורה פון גייסטיקער דער־לייזונג. ר׳ מענדל קאָצקער האָט פון דער וועלט זיך אָפּגעקערט צו דער הייל און צו דער איינזאַמקייט פון פאַר דער גלוי... אָפּגעלעבט די לעצטע צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן אין פרייוויליקער איזאָלאַציע... און געחלומט פון אַ מנין... וואָס זאָלן שטיין אויפן דאַך פון דער וועלט און רופן פייער־דיק, רופן שטורעמדיק: „ד׳ הוא האלקים!״.

צייטלין זעט ביים קאָצקער די ווירקונג פונעם רמב״ם. „ער האָט פון דעם רמב״ם אַרויסגענומען עפּעס, וואָס האָט אים געדינט ווי אַ באַשטע־טיקונג פון זיין אייגענער גאָר — אָדער גאַרנישט שיטה.

ווי דער רמב״ם, האָט ער פאַרהערלעכט די יחידי סגולה און ניט גורס געווען סתם ייִדן, די וועלכע דער בעש״ט האָט גראָד אַזוי שטאַרק מקרב געווען.

און נאָך אַ זאַך, ער האָט דעם גוף שטאַרק פיינט און ער הייסט פיינט האָבן דאָס גופניותדיקע. חסידים פון בעש״ט שטייגער האָבן געהאַלטן, אַז אויך דעם גוף, דעם חומר, זאָל מען ניט אָפּשטויסן, נאָר לייטערן און אַרויס־ברענגען פון אים די הייליקע נצוצות...

האָט דאָך דער הויפּט־אַפּאָלאָגעטיקער פון בעש״ט־חסידות ר׳ יעקב־יוסף הכהן מפּולנאה (ת״ע—תקמ״ג) און מחבר פון אַ צאָל ספרים 19) גע־שריבן, אַז דער המון, די מאַסע, איז ווי די איברים פונעם קערפּער, פונעם פאָלק און דער צדיק איז דאָס האַרץ פונעם פאָלק און גיט חיות צום פאָלק...

אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס הרב יש״ר שרייבט אין זיין ספר „מצרף

19) תולדות יעקב יוסף (לבוב, תקמ״ג), בן פורת יוסף (קוריץ, תקמ״א), צפנת פענח (קוריץ, תקמ״ב) און כתונת הפסים. וועגן זיין געבורט זענען פאַראַן חילוקי־דעות.

לחכמה", אַז ער האָט געזען עטלעכע קונטרסים פֿון קבלת האר"י, אין וועל־כער ס'ווערט באַהויפּטעט, אַז די חכמת הקבלה, איז נאָענט צו דער פֿילאָ־זאָפֿיע. אַזוי שרייבט אויך דער גרויסער מקובל ר' משה בוטרול (אין זיין פּירוש צום ספר יצירה):

„וחכמת הפילוסופיה הטהורה קשורה בחכמת הקבלה... והכל יעלו לרצון אחד..."

אין ספר „עבודת הקודש" (און אויך אין דערמאָנטן ספר „מצרף לחכ־מה") ווערט געזאָגט, אַז דער רמב"ם האָט געשריבן אין דעם לשון:

„לסוף ימי בא אלי זקן אחד והאיר עיני בחכמת הקבלה, ולולי שנת־פשטו ספרי בעולם הייתי חוזר מכמה דברים שכתבתי" 20).

ווען מ'האָט געפרעגט ביים גאון ר' משה סופר (חתם ספר) ווו איז דעם רמב"מס נאָמען מרומז אין דער תורה? האָט ער געענטפערט, אינעם פּסוק: „למען רבות מופתי בארץ מצרים, ראשי־תיבות רמב"ם (ער האָט גע־ווינט אין מצרים 21).

2. שכל און געפיל

דער באַגרינדער פֿון חסידות, ר' ישראל בעל־שם־טוב, האָט געלעבט כמעט אין איין צייט מיטן גאון ז"ל (הגאון רבנו אליהו ב"ר שלמה זלמן הגר"א, (געב. א' פּסח הת"פ — 1720, נפטר ג' חוהמ"ס תקנ"ח—1798),

20) אין סוף פֿון מיינע יאָרן איז געקומען צו מיר אַן אַלטער ייד און ליכטיק געמאַכט מיינע אויגן מיט דער חכמה פֿון קבלה. ווען ניט וואָס מיינע ספרים זענען שוין אַזוי פֿאַרשפּרייט, וואָלט איך זיך צוריקגעצויגן פֿון אַ סך זאַכן, וואָס איך האָב געשריבן.

21) זע, לקוטי בית אהרן פֿון אהרן אלימלך ראָזנבערג.

דעם תורה־ריז פאַר אַלע צייטן און דורות 1). ער האָט זיך אָבער מיטן גאון קיינמאָל ניט באַגעגנט און אויך די ווירקונגס־־ספערן זענען געווען גאַנץ באַזונדערע. עס איז אפשר אַ שאָד וואָס די צוויי פירנדע זיילן פון די צוויי שטרעמונגען אין יידישן לעבן פון 18טן יאָרהונדערט האָבן זיך קיינמאָל נישט באַגעגנט און קיינמאָל זיך ניט דורכגעשמועסט. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז ווען ניט די מחלוקת צווישן דעם גאון און דער חסידות־באַוועגונג אין יאָר 1772, 12 יאָר נאָכן בעש״טס פּטירה, וואָלט געווען געקענט געשאַפן ווערן אַ סינטעז צווישן די צוויי שיטות.

איז דאָך אונדז באַקאַנט די צדקות פונעם גאון, זיין גרעניצלאָזע אהבת ישראל, זיין זאָרג פאַרן כלל־ישראל. אין תוך, דעם ענד־ציל האָבן זיי ביידע געהאַט דעם זעלביקן: דערהייבן דעם יידן! דער מיטל איז אָבער געווען אַן אַנדערער. דער גאון אין זיין צייט, ווי דער רמב״ם בשעתו זעט די באַהעפטונג פון מענטש און גאָט דורך אַנדערע וועגן ווי עס זעט עס דער בעש״ט. זיי זעען עס בלויז דורך תורה־פאַרטיפונג און מעשים, אַלס רעזולטאַט פון תורהדיקער לייטערונג. דער פאָלקס־מענטש קען בלויז אין כלל זיך דערהייבן.

דער בעש״ט זעט דעם פאָלקס־ייד, זעט דעם ישובניק און זעט, אַז דינען גאָט קען מען אויף פאַרשידענע אופנים, אומעטום קען מען געפינען דעם בורא־עולם. אומעטום הערשט די שכינה. אין אַלע דערשיינונגען פון וואָכעדיקן טאָג־טעגלעכן לעבן קען מען געפינען קדושה, קען מען געפינען געטלעכקייט. „אַפילו ווען דער מענטש זינדיקט, איז די שכינה מיט אים, וואָרעם אָן איר וואָלט ער דאָך ניט געהאַט קיין כוח צו טאָן קיין זאַך".

---

1) אין אַ לענגערער אָפּהאַנדלונג האָבן מיר שוין פּרובירט געבן, לויט באַשיידענע כוחות, אַ כאַראַקטעריסטיק פון אָט דער געניאַלער פּערזענלעכקייט.
וועגן ווילנער גאון (אליהו ב״ר שלמה־זלמן הגר״א) זען פּראָפ׳ לוי גינצבורג, וויכטיקע אָפּהאַנדלונג, אינעם גרויסן זאַמלבוך „ליטע", (רעד. ד״ר מענדל סודאַרסקי, אורי קאַצנעלבאָגן, י. קיסין. אַרויסג׳ דורך „קולטור געז. פון ליטווישע יידן"), ניו־יאָרק. ז״ז 527—538. ש. גרינבערג, „העברי", שנה עשירית (1920), גליון י״ג, ז״ז 5—6; אויך זען י. א. טריוואַש, העברי, י׳ גליון, כ״ט, ל׳; די ספרי הגר״א, אַרויסג׳ און רעדאַגירט פון הרב י. ל. הכהן מימון, מיט גרויסן אַריינפיר און געשיכטלעכער אָפּהאַנדלונג; אויך, נ. שמן, דריי גרעסערע מאמרים אין טאָראָנטער „יידישן זשורנאַל", יאַנואַר, 1950.

חסידות האָט געבראַכט אָט די פעסטע איבערצייגונג אין דער ייִדי־שער אמונה, אַז „מלא כל הארץ כבודו״; אַז די גאַנצע וועלט איז פול מיט זיין מאַיעסטעט; אַז די שכינה וואַנדערט מיטן פאָלק ישראל אין זיין גלות־וואַנדער און דאָס גיט אים כח אויסצוהאַלטן דעם גלות, „בכל צרתם — לו צר...״

דעם בעש״ט איז געלונגען צו קריגן דעם פאָלקס־מענטש, ווייל ער האָט ניט געלערנט די „תורת יחידים, תורת הספר״, נאָר די „תורת העם, תורת החיים...״ 2). ער האָט דעם פאָלקס־מענטש, דעם ישובניק, געלערנט ווי אַזוי אויף זיין אייגענעם וועג דינען צו השם־יתברך דורך עבודה שבלב, דורך האַרץ און נשמה און שטענדיק זיין בשמחה, האָבן אין זיך די שמחת החיים.

דער בעש״ט האָט געלערנט, אַז אַפילו דעם רשע דאַרף מען ניט פיינט האָבן, נאָר די שלעכטע מידות אין אים. וואָס איז ער נעבעך שולדיק, דער רשע, וואָס ער האָט אַזאַ שלעכטן חומר, וואָס קען זיך ניט שטעלן קעגן זיין יצר־הרע. ער האָט געלערנט, אַז ביים גאָט פון רחמים האָט דער עם־הארץ אויך אַ גאַנץ בכבודיק אָרט און אַז מען קען זיך מתייחד זיין מיט השית״ב ניט בלויז ביים לערנען תורה און תפילה, נאָר אויך מיט אַ געוויינטלעכן שמועס מיט זיין חבר אין גאַס. ווען אַ ייִד גייט דאַווענען מנחה, — האָט ער געזאָגט — יאָגט זיך און רעדט ניט אַרויס קיין קלאָר וואָרט, ציטערן די שרפים אין הימל. דער עיקר איז די כוונה, די ריינקייט פון האַרץ און מוח...

ער וואָרנט קעגן סיגופים, קעגן פייניקן דעם קערפער, קעגן פאַסטן און איבערהויפט ניט אַריינצופאַלן אין עצבות. ליבשאַפט צו יעדן מענטש, אהבה צום מענטש, באַשיידנקייט און פשטות — דאָס זענען די יסודות פון חסידות. און איבער אַלץ איז די גוטע כוונה, דער לויטערער ווילן.

דער פשוטער מענטש, ווען ער האָט דערהערט, אַז גאָט איז שטענדיק מיט אים; אַז ווו ער זאָל זיך ניט געפינען איז די שכינה תמיד מיט אים, האָט ער זיך במילא געפילט דערהויבענער און אַזוי אַרום איז ער צוריק

2) זע, באריכות, ש. א. הורודוצקי, החסידות ותורתה, דביר, תל־אביב, תש״ד, ז״ז 18—23; מ. י. גוטמן, רבי ישראל בעל שם טוב, תל־אביב, התש״ט.

געבראַכט געוואָרן צו דער ייִדישער אמונה, מיט אייפער, ברען, התלהבות און מסירת־נפש געקעמפט פאַר ייִדישקייט.

אין איינעם פון זיינע אינטערעסאַנטע מאמרים האָט א. מענעס זייער ריכטיק כאַראַקטעריזירט די צווײ ליכטיקע פערזענלעכקייטן: דעם ווילנער גאון און דעם בעש״ט. דער ערשטער וויל דערהייבן דעם מענטשן צו גאָט און דער צווייטער ברענגט די שכינה צום מענטשן — ביידע פונקציעס קומען זיך אָבער צוזאַמען אין גאַנג און אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער גע־שיכטע. אַמאָל וועגט איבער איין מאָטיוו און אַמאָל דער צווייטער...

קאָצק האָט די ביידע מאָטיוון סינטעטיש צוזאַמענגעבראַכט. עס איז געווען ר׳ מענדעלע קאָצקער, ווי זיין רבי ר׳ בונם 3) כאַראַקטעריזירט אים: „ער פאַרברענט די וועלט״. ווי דער רבי, אַזוי האָט דער תלמיד געזוכט אַ חסידות פון און פאַר יחידי־סגולה. דער קאָצקער האָט געזוכט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט צו זיין תלמיד ר׳ וואָלף סטריקאָווער, די פופציק חסידים, וואָס וועלן שטיין אויף גערטנער און גרייכן צו דער מדרגה פון נביאים. ער האָט געזוכט דעם אצילותדיקן יחיד וואָס זאָל פירן... 4).

אין קאָצק האָט מען, ווי אין ווילנער גאונס קרייז, שטאַרק געהאַלטן פון דער מעלה פון תלמיד־חכם, ווי די חז״ל דריקן זיך אויס, אַז דער וואָס איז זיך מתדבק מיט אַ תלמיד־חכם, איז אַזוי גוט ווי ער וואָלט זיך מתדבק געווען מיט דער שכינה, דרשנדיק אויף דעם פסוק: „ואתם הדבקים בד׳ אלקיכם״... „כל המשיא בתו לתלמיד־חכם... והמהנה תלמידי־חכמים מעלה עליו הכתוב כאילו מדבק בשכינה״.

ווי ביי די מתנגדים איז אויך אין קאָצק דערהויבן געוואָרן דער תלמיד חכם צו דער העכסטער געטלעכער מדרגה, צו דער מדרגה פון ואהבת את ד׳ אלקיך — את לרבות תלמידי חכמים — דער תלמיד־חכם האָט אָבער

---

3) וועגן רבין ר׳ בונם, דער רבי פון קאָצק, איזשביצע, וווּרקע, גור א״אַנד. זע, צ. מ. רבינוביץ, רבי שמחה בונם מפשיסחא, חייו ותורתו.

4) זע, בנימין מינצס אויסגעצייכנטן מאמר וועגן קאָצק („כתובים, תר״ץ, גליון קע״ז; אשכלי, בית־ישראל בפולין, מ. עדעלבוים, אינטערעסאַנטע מאמרים וועגן קאָצק אין „העולם״; מנשה אונגער, חסידות און לעבן; פשיסכע און קאָצק און אַנדערע.

געמוזט האָבן אין זיך די אַטריבוטן וואָס חסידות לייגט אויף אים באַ־זונדערס אַרויף.

ווען דער קאָצקער האָט געזען, אַז ס׳איז שווער צו לערנען און פירן מענטשן, האָט ער זיך איינגעשלאָסן אין זיין צימער כל ימיו, זיך אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט וואָס שמעקט ניט און „געאַרבעט״ אויף זיך צו דערגרייכן צו דער מדרגה פון די „בני עליה״, צו געהערן צו דער אמתער ממלכת כהנים, צו די וואָס קענען שטיין העכער און איבער פונעם המון־עם, צו די מענטשן וואָס שוועבן אין די וועלטן פון געטלעכקייט...

יהודה עלזעט (הרב י. ל. זלאָטניק) גיט אונדז אַ זייער טרעפלעכע און פּינקטלעכע אָפּשאַצונג פון ר׳ מענדעלע קאָצקער און זיינע תלמידים 5), טיטולירנדיק אים אַלס „צדיק נאור וגאון פילוסוף שמשכמו ומעלה גבה על הרבה דורות במסירתו, במעוף רוחו ובנזירותו...״

עס איז אַ גלענצנדער מאמר, וואָס איז כולל אין זיך אַלץ וואָס מ׳קען זאָגן וועגן קאָצק. דאָס, וואָס אַנדערע זאָגן אין ביכער, אין צענדליקער און צענדליקער זייטן, האָט עלזעט באַוויזן צו טאָן אין איין מאמר.

ער דערציילט אונדז ווי דער קאָצקער האָט אַפילו פאַרלאָזט זיין רבין, דעם רבין ר׳ בונם פון פּשיסכע און אין טאָמאַשאָוו, ביי לובלין, געוויזן זיין נייעם דרך אין חסידות. אַלע זיינע תלמידים, אַריינגערעכנט זיין איי־דעם דעם גאון הדור ר׳ אברהמעלע סאָכאַטשאָווער, דעם שאַרפן קאָפּ און געניאַלע פערזענלעכקייט ווי דער חדושי הרי״ם. אַלע האָבן זיי געציטערט פאַר אים. בלויז איינער, דער איזשביצער, האָט אַרויסגעוויזן שטאַרקייט, ניט מסכים צו זיין מיט זיין שיטה און רעוואָלטירן קעגן רבין ווען ער האָט זיך פאַרשלאָסן און ניט צוגעלאָזט קיינעם צו זיך.

דער דערמאָנטער ערשטער גערער ר׳ יצחק־מאיר האָט אַמאָל דער־ציילט, אַז ווען דער קאָצקער פלעגט לערנען מיט זיינע תלמידים קהלת, איז דאָס לערנען געווען מיט געוואַלטיקער מתיקות 6). ער פלעגט אויך לערנען דעם מורה־נבוכים בעיון און ווי עלזעט גיט איבער פון עדי־ראיה,

---

5) זע, „העברי״, שנה עשירית, גליון י״ט, ז״ז 9—12.

6) „נשמתנו פורחות מתוך מתיקות״.

האָט מען צווישן די ספרים געפונען דעם ספר „באור ההגיון" פון משה דעסוי (מענדלסאָן) 7).

דער קאָצקער פלעגט זאָגן: „כ'וואָלט וועלן שרייבן אַ ספר האדם, עס זאָל האַלטן איין בלעטל און אַנטהאַלטן דעם גאַנצן מענטשן...". ער האָט שטאַרק ניט געהאַלטן פון דער וועלט און פון אומוויסנדיקע. אַפילו בעת פטירה, ווען ער האָט דערזען אַרום זיך אַ צוזאַמענלויף פון אַ גרויסער מאַסע, האָט ער געזאָגט: „ווען כ'האָב געהאַט כח, האָב איך זיי ניט צוגע־לאָזט, ניט געוואָלט האָבן „פּאָספּולסטוואָ", און איצט גיב אַ קוק איטשע־מאיר... ווי זיי זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן".

דער קאָצקער האָט קיינמאָל ניט געקענט פאַרטראָגן דאָס גרויסע מלכות פון חסידישע הייף, דאָס רביסטווע פון טויזנטער חסידים — אָבער ניט געקוקט אויף זיין קעגנערשאַפט צו אָט דעם סאָרט חסידישן דרך, האָבן זיך אַרום קאָצק געזאַמלט טויזנטער חסידים.

דער קאָצקער האָט זיך פאַרשלאָסן אויף גאַנצע 20 יאָר, פון יאָר תקצ"ט (1839) ביזן יאָר תרי"ט (1859), דאָס הייסט ביז זיין פטירה אין יענעם יאָר כ"ב שבט. אין דעם שבת, ווען דער קאָצקער האָט זיך פאַר־שלאָסן, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע טראַגעדיע. זיין געטרייסטער תלמיד ר' מרדכי־יוסף ליינער פון איזשביצע האָט אַ געשריי געגעבן — ווי חסי־דות־פאַרשער גיבן איבער: „יידן, ראַטעוועט זיך!". און חסידים זענען גע־שפּרונגען דורך די פענצטער 8). דער רבי האָט זיך גאַרניט געשראָקן, ער איז אַריין אין זיין חדר מיוחד, ווי אַ קלימאַקס פון זיין אייגענעם דורך, וואָס מ'האָט ניט געקענט משיג זיין און וואָס איז פאַרשיידן אויסגעטייטשט געוואָרן.

קאָצק האָט געשטעלט דעם יסוד אויף אמת וואָס קען ברענגען צו שלום און צדק, סיי אין דעם מענטשנס אייגענעם געראַנגל און סיי אין זיין געראַנגל מיטן מיטמענטש. דאָס איז דער יסוד פון דער מענטשהייט און זיין עקזיסטענץ אויף דער וועלט.

ר' מענדל קאָסעווער האָט אָבער געהאַט אַן אַנדער מיינונג, אַז אויף דער וועלט איז גאָר נישטאָ קיין פולשטענדיקער אמת, בלויז איינער איז

7) דאָרט, ז' 10.

8) זע, מנשה אונגער, חסידות און לעבן, 1. 156.

ווייטער פון שקר פונעם אַנדערן. אמת און שלימות קען בלויז זיין אויף דער קומענדיקער וועלט. די וועלט איז ניט ראוי דערצו. בלויז דער בורא־עולם איז שלימותדיקער אמת, דער דיין אמת... דער שפת־אמת טייטשט טאַקע אַז „אהיה אשר אהיה באַטרעפט אמת... 21 מאָל 21 איז 441.

קאָצק האָט אויך אַרויסגעוויזן אַ געוואַלטיקן יראת־הכבוד צו דעם געשריבענעם וואָרט און דעריבער האָט דער קאָצקער ניט געלאָזן קיין כתבים. ווי חסידים דערציילן האָט זיך דער קאָצקער נוהג געווען יעדן ערב פסח צו פאַרברענען זיינע ספרים, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין משך פון יאָר — און דאָס איז ניט געווען צוליב גאווה, ווייל ס'איז ניטאָ ווער ס'זאָל זיין פאַרשטיין, נאָר דערפאַר ווייל אפשר האָט ער נאָך נישט דער־גרייכט צו דער מדרגה פון שאַפן ספרים.

מיין רבי, הרב יהודה־לייב גרויבאַרט, ז״ל, כאַראַקטעריזירט דעם קאָצקער מיט די פאָלגנדיקע רעזומירנדיקע ווערטער:

הרבי מקוצק, ר' מנדל מורגנשטרן: למדן חריף, פילוסוף, משכיל.

„הוא היה הראשון והיחיד בדורו, שהרה והגה רעיון ישוב ארץ־ישראל והגיד לאנשיו כי יפלא בעיניו על סיר משה מונטיפיורי, מדוע איננו משתדל בעזרת עשירי יהודי אירופה לפני שלטן תורקיה לקנות אחוזות שדה בא״י ולהושיב שם אחינו לעבוד את האדמה״. (ער איז געווען דער ערשטער (צווישן די אדמורי״ם — נ. ש.) וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק וועגן ישוב ארץ־ישראל און גערעדט צו זיינע נאָענטע, אַז ס'וווּנדערט אים אויף סער משה מאָנטעפיאָרע פאַרוואָס ער באַמיט זיך ניט מיט דער הילף פון די רייכע ייִדן אין אייראָפּע פאַר דער טערקישער מאַכט צו קויפן לאַנד אין ארץ־ישראל און דאָרט באַזעצן ייִדן צו קולטיווירן דעם באָדן).

אַ מער אַרומנעמענדיקן אַרטיקל האָט ער פאַרעפנטלעכט אין וואָר־שעווער „המזרחי״ (פון תר״פ, נומ׳ 17). ער האָט פאַרדאַמט יוסף אָפּאַטאָ־שוס ווערק „אין די פוילישע וועלדער״, (ניו־יאָרק, 1920), האַלטנדיק אַז דאָס איז אַ לעסטערונג פון קאָצק. אין זיינע ווערטער „מה עקוב הלב ואוי לאותה בושה!״ 9).

9) זע, ספר זכרון, הוצ' מסורה, לודז תרפ״ו, ז״ז 175—176. זע אויך, מ. שוואַרצ־מאַן, הרבי הראשון מגור, ספר ראשון, ירושלים, תשי״ח; דער ייד. פלאם, וויניפעג, תשי״ח, גער, ז״ז 239—431.

רבי מענדעלע איז כולו דין, ווײַל נאָר די גאולה שלימה, די דערהויבונג צו העכערע ווערטן און ווײַל ניט וויסן פון מענטשלעכע קליינלעכקייטן — און דערמיט איז ער אַנדערש פון די צדיקים, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט דאָס אָריגינעלע חסידות פון בעש״ט, פון ר״ן בראָסלאַווער, פון „חוזה מלובלין״, פון קאָזשעניצער מגיד, פון ר׳ מאירל אַפּטער און אַנדערע פאָרשטייער פון פאָלקס־חסידות, פון די ווונדערלעכע מענטשן, וועלכע האָבן געשטאַרקט די אמונה, געבראַכט התלהבות, געצונדן ייִדישע פונקען. וואָס האָבן געהאַלטן ביים אויסלעשן זיך; געהאָלפן דעם ליידנדיקן, געגעבן עצות דעם פאַרצווייפלטן...

רבי מענדעלע זעט דעם יחיד אינעם רבים, קאָמענטירנדיק אויפן פסוק: „ראה אנכי נותן לפניכם היום (דברים י״א, כ״ו): דער פסוק הייבט זיך אָן מיטן לשון יחיד און ענדיקט זיך מיט לשון רבים — ראה — לפניכם! ווײַל דורך דעם רבים קומט דער יחיד צום כלל פון זען... דער יחיד דאַרף אָבער זײַן דער זעער! אַנדערש האָט דעם פסוק קאָמענטירט דעם בעש״טס אייניקל: „אנכי נותן לפניכם״ — טייטשט ברוך מעזשביזשער, זע ווי איך גיב זיך אַוועק פאַר אײַך. דאָס איז אין איינקלאַנג מיטן מדרש (רבה, תרומה פ׳, ל״ג). גאָט זאָגט צו די ייִדן: איך האָב איך פאַרקויפט די תורה צוזאַמען מיט זיך אַליין („אמר הקב״ה לישראל, מכרתי לכם תורתי, כביכול, נמכרתי עמה שנאמר „ויקחו לי תרומה...״).

אַ חבר פון קאָצקער, ר׳ יצחק וואָרקער (קאַליש, געב׳ תקל״ט; נפטר תר״ח), האָט גראָד זיך שטאַרק געהאַלטן ביים פאָלקישן חסידות און געשעמט פאַר אַ גרויסן מענטשנפריינט. ער האָט געעצהט ווי אַזוי אַ מענטש זאָל ניצול ווערן פון זײַנע שונאים — ער זאָל זיך באַמיִען זיי ליב האָבן! דאָס איז — האָט ער געזאָגט — די כוונה פון „עד גשתו עד אחיו״ — ער האָט זיך דערנענטערט צו אים אַזוי לאַנג, ביז ער האָט געפילט צו אים אַ ברודערשאַפט.

— רבי, — האָט מען אים אַמאָל געפרעגט — פאַרוואָס הייסט אַ באָטשאַן אויף לשון־קודש, חסידה?

— דערפאַר, שעושה חסידות עם חברותיה במזונות — ווײַל זי טוט חסד מיט אירע חברטעס, זי שפּייזט זיי.

— אויב ס׳איז יאָ אַזוי, טאָ פאַרוואָס האָט מען זי אין דער תורה אַריינגעשטעלט צווישן די עופות טמאים?

— אָט טאַקע דערפאַר איז זי אַן עוף טמא, ווייל זי טוט חסד נאָר מיט אירע חברטעס, און ניט מיט אַלע אַנדערע...

קאָצק ווי חב״ד, האָט געזוכט צו שטעלן אונטערן קאָנטראָל פון מענטשלעכן שכל די רעליגיעז־חסידישע התלהבות. נאָר מיטן כח פונעם שכל קען מען קומען צו דער מדרגה פון מאָראַלישער דערהויבונג...

3. יושר־געפיל אין חסידות

ביים בעש״ט זענען די ליידן און די פּראָבלעמען פונעם יחיד געווען גאָר וויכטיק. אויך זיינע נאָכפאָלגער האָבן זיך קאָנצענטרירט און זיך פאַרטיפט אַרום דעם יחידס פּראָבלעמען. לינדערן די ליידן פון דעם יחיד האָט געהאַט אַן אידעישע פאַרבונדנקייט מיט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון גלות און גאולה און פון דעם אויפהאַלט פונעם יידישן לעבנסשטייגער אין גלות. דאָס איז אוודאי געווען וויכטיק נאָך די טרויעריק־באַרימטע דער־פאַרונגען מיט די פאַלשע משיחים און גאָר באַזונדערס צוליב די שבתי־צבי־ און יעקב פראַנק־געשעענישן.

אַ דאַנק דער דאָזיקער איינשטעלונג און קאָנצעפּציע איז חסידות געוואָרן די פאָלקס־באַוועגונג אין 18טן און 19טן יאָרהונדערט. די חסידות־באַוועגונג מיט איר איינשטעלן זיך פאַר די אָרעמערע שיכטן, מיט באַ־קעמפן תקיפות, מיט דערהייבן די פשוטע מענטשן האָט געצונדן די הער־צער פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. דער חסידיזם האָט אַ דאַנק דעם דאָזיקן וועלט־באַנעם באַהערשט די געמיטער פון די ברייטע פאָלקס־שיכטן, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז באַקעמפט געוואָרן סיי פון די מתנגדים און סיי פון די משכילים. חסידיזם מיט זיין טיפער און דורכגעדרינגענער מעשימדיקער אהבת ישראל האָט געוווּנען די יידישע מאַסן. דאָרט האָט

מען דאָך געזען די גרייטקייט פון אַן עקדה־אַקט, ווי רבי חיים סאַנדזער 1) האָט זיך אויסגעדריקט וועגן ר׳ ישראל ריזשינער, ווען עס האָט זיך גע־האַנדלט וועגן ראַטעווען אַ ייִד.

עס איז אויך פאַרשטענדלעך דער פאַקט, וואָס כמעט אַלע ליטעראַ־טור־פאָרשער גיבן צו, אַז „חסידיזם איז געוואָרן די פונדאַמענט־לייגערין פון דער ייִדישער ליטעראַטור און האָט אויפגעהויבן די ייִדישע שפּראַך אויף אַ העכערער אַנטוויקלונג־שטופע״ 2).

עס איז אָבער ניט ריכטיק די קאָמוניסטישע באַהויפּטונג פון ש. לאסטיק (דאָרט, ז״ז 92־93), אַז „דער כח פון חסידיזם איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געפלעגט דעם גלויבן אין נסים און מופתים, נעגירט דעם שכל און דיווירקלעכקייט, אויסגענוצט די בלינדקייט און שווערע לאַגע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג און איר בענקשאַפט נאָך גאולה״.

דער פאַקט איז דאָך, אַז ניט געקוקט דערויף, וואָס די מאַסן האָבן געגלויבט אין דער איבערנאַטירלעכקייט פון די פון זיי פאַרהייליקטע צדיקים, האָבן די ליכטיקע גייסטער פון חסידיזם, מרחק געווען דעם גלויבן אין זיי, אַז זיי קענען באַווייזן איבערנאַטירלעכקייט. זיי האָבן געשטראַלט און געלויכטן מיט זייער פשוט עניוותדיק לעבן; זיי האָבן אינספּירירט מיט זייערע איידעלע טאָג־טעגלעכע הנהגות און גייסטיקע מידות. זיי האָבן געזוכט צו דערהייבן דעם באַשיידענעם און צניעותדיקן מענטש. דער קולט פון צדיקיזם איז בלויז ביי אייניקע שטאַרק אַרויסגעהויבן געוואָרן און באַ־טראַכט געוואָרן פאַר אַן עיקר אין חסידות. זיי האָבן געזען, אַז בלויז געציילטע אין אַ דור קענען זיך דערהויבן צו שלימותדיקייט. אין כלל גענומען איז

1) ר׳ חיים האַלבערשטאַם, געב. טאַרנאָגראָד, תקנ״ג; נפטר, סאַנז, תרל״ו; תלמיד פון זיין שווער דעם ברוך טעם ,פון לייפּניק און פון טאַרנאָגראָדער רב, ר׳ יוסף הורוויץ, ברודער פון חוזה מלובלין; שוואָגער פון פלאָנסקער גביר, ר׳ יוסף פרענקעל. שפּעטער געוואָרן קעגנער פון באַקעמפער פון סאַדיגורער־ריזשינער חסי־דות וואָס ער האָט פריער אַזוי פאַרהערלעכט און געבליבן דער פאַרערער פון ר׳ ישראלטשע ריזשינער, זון פון ר׳ אברהם המלאך, אייניקל פון מעזריטשער מגיד, דעם רבין ר׳ בער. זע, ש. א. האָראָדעצקי, החסידות והחסידים, כרך ד׳; אברהם־יצחק בראָמבערג, מגדולי החסידות, הרב מצאנז.

2) זע, שלמה לאסטיק, די יידישע ליטעראַטור ביז די קלאַסיקער, „יידיש בוך״ וואַרשע 1950, ז״ז 84, 92—100.

חסידיזם דאָס געזאַנג פון אינדיווידואַליטעט און פון די מאַסן. חסידיזם זעט אין אַלץ געטלעכקייט, ווי עס ווערט אומצייליקע מאָל אויסגעדריקט און באַטאָנט אין די ספרי הבעש״ט און אין די ספרים פון זיינע תלמידים. „בכל דבר נמצאה התפשטות הבורא״; „בכולם יש התלבשות אלקית״; „אפילו במדרגה פחותה שבגשמיות; „הפנימיות הוא הקב״ה״.

דער מגיד, ווי ער איז באַקאַנט אַלס ר׳ בער (נפטר י״ט כסלו, תקל״ג, אין אַנאַפּאָלי) האָט אָט די השקפה אויסגעברייטערט און פּאָפּולאַריזירט, געבנדיק צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז גאָר נישטאָ קיין אַבסאָלוט שלעכטס, ווייל אין יעדער זאַך איז דאָך דאָ דער חיות אלקית: „אפילו בדברים רעים שבעולם״; „בכל דבר רע יש דבר טוב, בכל דין יש חסד״; „הרע הוא גם כן טוב, רק היא מדרגה תחתונה מהטוב הגמור״ 3).

ריכטיק איז, אַז „דער חסידיזם האָט אויף אַ פאָלקסטימלעכן אופן, אויף יידיש־לשון איינגעפלאַנצט אין דעם פאָלקס־מענטש דעם גלויבן אין דעם איבערנאַטירלעכן... און געפּרעדיקט· אַז מ׳קען דערגרייכן די געטלעכע אמתן — דערצו איז בלויז נייטיק עקסטאַטישער גלויבן, התלהבות, זיך באַהעפטן, מתדבק זיין מיט דער גאָטהייט״.

„...דאָס שטעלן דעם טראָפּ אויף דעם געפיל און ניט אויף די טרוקענע דינים און געזעצן, די מיסטישע לערע וועגן דער פאַרהעלטעניש פון חסיד צו דעם צדיק ווי פון דעם גוף צו דער נשמה האָט צעצונדן די פאַנטאַזיע פון דעם פאָלקס־מענטש און אים צוגעצויגן צו דער דאָזיקער באַוועגונג״ 4).

איינער פון די סאַמע באַדייטנדיקע פאַרשטייער פון חסידיזם, ר׳ נחמן בראַצלאַווער, ווערט פון אייניקע פאַרשער פאַרגעשטעלט ווי דער, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די עלעמענטן פון „הערעטיש־מיסטישער סקעפּטיק, אָדער ריכטיקער, פון אָפּאָזיציע לגבי דער אָרטאָדאָקסיש רבנישער טראַדיציע 5). דאָס איז לויט דער מאַרקסיסטישער שיטה און אָפּשאַצונג. אין אמתן אָבער האָט ער מיט זיינע חסידישע פאָלקסטימלעך־מיסטישע מעשיות, ווי אַ גרויסער דיכטערישער גאון דערקלערט דורך דער תמימותדיקער מעשה

3) זע, ש. האָראָדעצקי, החסידות ותורתה, ז״ז 28—30.
4) לאַסטיק, דאָרט, באריכות.
5) מאיר ווינער (1893—1944), די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט, איקו״ף, ניו־יאָרק 1945, באַנד 1, ז״ז 29—48.

די חסידיש־מיסטישע קאָנצעפּציעס, געשטאַרקט דעם קולט פון צדיקיזם, אַז דער צדיק איז דער אַלצוויסער און אַלץ זעער.

ר״ן בראַצלאַווערס דרייצן מעשיות האָבן אין זיך ניט בלויז דער־ציילערישן טאַלאַנט, מאָלערישן הינטערגרונט און פאַנטאַסטיש־מיס־טישן שלייער. אין זיי ווערט דערהויבן מלאכה, פרייד פון אַרבעט און שעֵ־פער־ישקייט און דעריבער האָבן זיי געהאַט אַזאַ ווירקונג און ווערן ביז היינט באַטראַכט פאַר פּערל אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

איינזייטיק איז די כאַראַקטעריזירונג פון ר׳ נחמן בראַצלאַווערס שאַפן, סיי פון מ. ווינער און סיי פון זיין נאָכזאָגער, ש. לאַסטיק, באַ־הויפּטנדיק, אַז די סיפּורי מעשיות „זענען אַ משונהדיק געמיש פון מי־טלאַלטערלעכע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען און וועלטלעכע... ס׳זעט אויס ווי ס׳וואָלט זיך אין דעם הויך־באַגאַבטן מענטשן געריסן צום אויסדרוק אַ העלערע וועלטלעכע פאָלקסטימלעכע שעפערישקייט — זי האָט אָבער ניט געקענט דורכרייסן דעם אויסערגעוויינלעכן געדיכטן פינצטערן נעפּל, וואָס האָט אים און זיין מוח אַרומגערינגלט״.

„די מיסטיש־חסידישע לערע נחמן בראַצלאַווערס רייסט זיך אַריין אין דעם מעשה־געוועב. זי באַווירקט זיין באַנעמען די ווירקלעכקייט אין איר שילדערונג. באַזונדערס קומט אין די מעשיות צום אויסדרוק די אָפּלייקענונג פון דער אַלטער ווירקלעכקייט אין נאָמען פון די אילוזאָ־רישע, מיסטישע, רעליגיעזע פאָרשטעלונגען״.

„דאָס — פּירט אויס מ. ווינער און ש. לאַסטיק זאָגט נאָך די דאָ־זיקע תורה — האָט מיטגעווירקט אָפּצווענדן די מאַסן אינעם באַנעמען זייער רעאַלע לאַגע, זייער פאַרשקלאַפּטקייט, פינצטערקייט און אונטער־דריקונג, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט״.

דער פאַקט איז דאָך, אַז חסידיזם אין זיין בלי־פּעריאָד האָט דער־הויבן די מאַסן, געשטאַרקט די אַרבעטנדיקע שיכטן און געקעמפט פאַרן סאָציאַלן יושר אויף דער ייִדישער גאַס. די חסידישע ספרים זענען אי־בערפולט פון די סאָציאַלע געדאַנקען און שיינעם עטישן לעבן — און דאָס האָט אינספּירירט די ייִדישע מאַסן. גערעכט איז אברהם ביק, אויך אַ

מאַרקסיסט, מיט זיין באַהויפּטונג 6) אַז „דער קאַמף צווישן חסידיזם און מתנגדים... ווערט בדרך כלל באַטראַכט פון די מאָדערנע געשיכטע־שריי־בער איינזייטיק, אָן אַ פּרווו אַריינצודרינגען אין דער אידעאָלאָגיע פון חסידות, און אָן אַ ווילן צו באַטראַכטן דעם אידייִש־עטישן אינהאַלט פון חסידות. זיי דערקלערן בלויז דעם קאַמף פון רבנישן פאָרמאַליסטישן דענ־קען און חסידישן געפיל".

און מיר וועלן זיך צוליב כמה טעמים דערלויבן נאָך אַ פּאַראַגראַף פון אָט דער ריכטיקער אָפּשאַצונג.

„חסידות — שרייבט ער ווייטער — איז אָבער אויפגעקומען ווי אַ באַוועגונג פון די אָרעמע פאָלקס־שטאַנדן, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן דער העגעמאָניע פון דער פּלוטאָקראַטיע. חסידות איז ניט בלויז געווען אַ גייסטיקע רעוואָלוציע אין פאָלקס־געמיט, נאָר אויך אַ מעכטיקע אָפּאָזיציע קעגן אַ פּריווילעגירטן קלאַס... חסידות האָט אַרומגעכאַפּט די פאָלקס־מאַסן. די שניידערס, שוסטערס, בעלי־עגלות זענען געווען די ערשטע, וועלכע זענען צוגעשטאַנען צו דער נייער רעליגיעזער באַוועגונג. זיי זענען געווען די ערשטע אָנהענגער פון דער שיטה, וואָס האָט געלערנט, אַז מ׳קען מיט אַ קאַפּיטל תהילים דערגרייכן מער ווי אַ למדן מיט זיין קענען גאַנץ ש״ס. די קראַפט פון שמחה און פרייד, וואָס דער בעל־שם האָט אַריינגעגאָסן אין די מאַסן האָט געווירקט ווי גייסטיקער דינאַמיט, גענוצט אין אַ פאָלקס־אויפשטאַנד קעגן פּריווילעגירטע קלאַסן".

וועגן דער חסידישער מעשה וואָס האָט שטאַרק געווירקט און געדינט פאַר אָט די אינטערעסן פון סאָציאַלן רעוואָלט, ציטירט ער פון חיים לי־בערמאַנס אָפּשאַצונג וועגן דער דאָזיקער חסידישער דערגרייכונג און מיר וועלן זיך באַנוצן מיט ליבערמאַנס עטלעכע ציטאַטן פון ווערק 7).

חיים ליבערמאַן שטעלט זיך אָפּ גאָר באַריכותדיק איף דעם ווערט פון דער חסידות־ליטעראַטור. די ליטעראַטור וועלכע האָט פאַר איר קוואַל געהאַט דעם תנ״ך און תלמוד און באַצוועקט צו דערגרייכן דעם ציל און

6) „קעמפער און היטער", ניו־יאָרק, 1940, ז׳ 112.
7) „ביכער און שרייבער", ניו־יאָרק, 1933, ז״ז 234—238.

די שטרעבונג צו דערגרונטעװען און פעסטשטעלן די שייכות פון מענטש און גאָט...

„דער חסידיזם — שרײַבט ער — איז איינע פון די מעכטיקסטע רע־ליגיעזע באַװעגונג אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק... ער איז געקומען װי אַ רעאַקציע צו דעם קאַלטן פאַרמאַליזם פון רבנישן ייִדנטום... געפונען נײַע װעגן צום האַרצן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן... געמאַכט פאַרן עיקר פון ייִדנטום די פרומע דביקות פון תפילה, װאָס איז צוגענגלעך פאַר יעדן מאַן. דער חסידיזם איז געװען דער רעװאָלט פון פרישן געפיל, פון ריינער כװנה פון בלוט־װאַרעמען אימפּולס קעגן דעם קאַלטן אױסגעטריקנטן פאַר־מאַליזם אין ייִדישן רעליגיעזן לעבן".

אױסטײַטשנדיק די פילאָזאָפיע פון חסידיזם, קומט ליבערמאַן צום חסידישן אױספיר:

„...אַלץ אין דער װעלט ציט זיך צו שטענדיק העכערע מדרגות פון גוט און שיין, צו דער העכסטער מדרגה, װאָס איז גאָט. דער עיקר ליגט אין דער אינטענסיװקייט פון דעם שטרעבן צו דער העכסטער מדרגה, אין דער כװנה און דביקות, דאָס הייסט אין עקסטאַטישקייט.

„די דאָזיקע באַגריפן פון דעם חסידיזם האָבן געעפנט אַ נײַעם קװאַל פון רעליגיעזער באַגײַסטערונג פאַר די ייִדישע מאַסן, װאָס זענען געװען גײַסטיק און מאַטעריעל דערנידעריקט ביז צו דער ערד. דער חסידיזם האָט זיי נענטער געבראַכט גאָט און ליבער געמאַכט די װעלט... האָט באַטאָנט די לעבנספרייד קעגן דעם אַסקעטיזם, די האָפענונג קעגן יאוש און דעמאָ־קראַטישקייט פון האַרצן קעגן דער אַריסטאָקראַטישקייט פון געדאַנק.

„צװישן גאָט און פאָלק שטייט דער צדיק אַלס פאַרמיטלער (? ג. ש.) דער צדיק אָדער דער רבי, איז דער רעאַליזירטער איבער־מענטש. ער איז די אַבסאָלוטע פולקאָמענקייט. ער איז אַ זעער. ער איז אַזוי היימיש אין די הימלען, װי ער איז באַהאַװנט אויף דער ערד... צװישן גאָט און מענטש הערט אַ דינאַמישע באַציונג: ניט נאָר װירקט גאָט אויפן מענטשן, נאָר דער מענטש, דורך גרויסן קאָנצענטרירטן עקסטאַז און געהויבענער דביקות, קען באַװירקן גאָט... ער איז גוזר און דער צדיק איז מבטל..."

צוקומענדיק צו דער חסידישער מעשה אין װעלכער ס'איז אױסגע־

מישטווירקלעכקייט און טרוים, געשיכטע און פאַנטאַזיע, שרייבט ליבער־מאַן:

„די פסיכאָלאָגיע פון דער חסידישער מעשהלע איז ניט קיין אינדי־ווידואַליזירטע, נאָר אַן אַלגעמיינע און נאַציאָנאַלע, און אירע שטענדיקע סעמעס זענען: דאָס לעבן פון טוגנט, ערלעכקייט אין האַנדל און וואַנדל, ענייות קעגן גאָט און מענטש, דער פאַרצוג פון דעם אָרעמאַן איבער דעם רייכן און דעם געמיינעם איבער דעם געהויבענעם... די פאַרערונג פון דער תורה און אירע ערלעכע פאָרשטייער, די פרייד פון לעבן און פון טויט, די ליבשאַפט צו דער וועלט און אַלע אירע זאַכן...“

„דער חסידיזם — שרייבט ווייטער א. ביק 8) — איז אַן אידייע וואָס האָט אַוועקגעשטעלט דעם פּרינציפּ פון רעליגיעזער און ממילא סאָציאַלער גערעכטיקייט...

„דעם אידעאָלאָגישן שטויס צו סאָציאַלן יושר האָבן געגעבן די ערשטע אידעישע באַגרינדער פון חסידות. דער וואָס וויל זיך באַקענען מיט דעם סאָ־ציאַלן פּראָגראַם פון חסידיזם אין דער עפּאָכע פון זיין אויפקום, מוז זיך דעריבער באַקענען מיט דעם אינהאַלט פון דער חסידישער אידייע און אַנשויונג“.

ער פירט אונדז אַריין אין היכל פון דער פאַרטיפטער חסידות אין זיין בלי־פּעריאָד. ער נעמט אַלס מוסטער „ר' שניאור־זלמן און זיין סאָ־ציאַלע עטיק“, איינעם פון „די ערשטע זיילן פון חסידיזם, ביי וועמען דער סאָציאַל־עטישער מאָטיוו איז רעליגיעז אידעיש פאַרטיפט געוואָרן. ער איז דאָך איינער פון די גרעסטע תלמידים פון רבין ר' בער מעזריטשער און זיין גרויס ווערק, דער „תניא“ ווערט דאָך באַטראַכט פאַר דעם „מאָראַל־פילאָזאָפישן טראַקטאַט פון חסידות...“ 9)

ער ברענגט דאָרט אַ גרעסערע צאָל ציטאַטן, מיט וועלכע אויך מיר וואָלטן זיך געדאַרפט באַנוצן, אָבער צוליב קיצור־וועגן מוז מען זיך באַגנו־גענען מיט בלויז אייניקע, ווי ער גיט זיי איבער אין ידיש:

---

8) „קעמפער און היטער“, ז' 113.

9) דאָרט און אין אַלע אַנדערע ווערק פון ר' שניאור־זלמן, קומען צום פולן אויסדרוק זיינע סאָציאַל־עטישע געדאַנקען (דאָרט, ז' 114).

„צדקה האָט נאָך אַ מעלה — שרייבט דער רב — וואָס זי צווינגט דעם מענטשן צו ענדערן זיין נאַטור”, צו פאַרקירעווען זיין נאַטור צום עטישן שורש. ווייל די עטיק, האַלט ער, איז פעסט איינגעפונדעוועט אין מענטשנס נאַטור פון זיין געבורט אָן... „און דער עיקר, ווו די שכינה אַנט־פּלעקט זיך, איז ניט אין תורה, ניט אין תפילה, נאָר אין צדקה”. (סדור, שער התפלה).

צדקה ווי אַ סאָציאַלע מידה, דערהייבט דעם מענטש, לייטערט אים און איז גורם צו זיין געטלעכער אַנטפּלעקונג.

4. דער סאָציאַלער מאָטיוו אין חסידות

כמעט אַלע פאָרשערס פון חסידיזם שטרייכן אונטער דעם פאַקט, אַז חסידות האָט דערהויבן דעם פאָלקס־מענטש און אָפּגעשאַפט די קלאַסן־אונטערשיידן אין יידישן לעבן. דאָס האָבן געמוזט צוגעבן אויך די משכי־לים און פאָרשער מיט משכילישע נטיות. דער פאַקט איז: די מערסטע חסידישע מעשיות און לעגענדעס זענען געבויט אויף אַ סאָציאַלן מאָטיוו און מען געפינט אין זיי אַן אור־מקור פאַר דער דערהויבונג פון אָרעמאַן, פון פּראָסטן, פון ישובניק אאַז״וו.

אַזוי דער בעש״ט און אַזוי זיינע נאָכפאָלגער זענען אַרומגערינגלט מיט פּשוטע פאָלקס־מענטשן, דריקן אויס ליבע צום ישובניק און באַמיִען זיך צו דערהייבן דעם דאָרפס־ייִד, וואָס האָט דעמאָלט פאַרגעשטעלט מיט זיך פאַרגרעבטקייט, אומבאַוווסטזיניקייט — אָבער ערלעכקייט.

די חסידישע לעגענדע ווייסט צו דערציילן ווי אַזוי די רביים, אוהבי ישראל האָבן אַקטיוו זיך באַטייליקט צו העלפן דעם אָרעמען אַרענדאַר סיי פון דער שטאַרקער שטאָטישער קאָנקורענץ און סיי קעגן די פּריציש־גזלנישער הענט, אַזוי דער בעל־שם, אַזוי רבי לוי־יצחק באַרדיטשעווער, אַזוי רבי משה־לייב סאַסאָווער און אַזוי די אַנדערע צדיקים פון עטלעכע דורות חסידישע מנהיגים 1).

---

1) זע, מנשה אונגער, חסידות און לעבן, ניו־יאָרק, 1946, ז״ז 11—36. באריכות וועגן דעם אין ש. דובנאָוו „די געשיכטע פון חסידיזם”.

דער דאָרפס־ייִד, דער פּשוטער מאמין, דער תמים מיט זיין תמימות־דיק האַרץ איז געווען געליבט ביים צדיק וועלכער האָט ניט געזוכט קיין יחסנים, ניט געזוכט קיין לומדים, שאַרפע בעלי־מוח, נאָר געזוכט דעם מענטש מיטן גוטן האַרץ, האַלטנדיק פונעם כלל: „רחמנא לבא בעי"...

דעריבער איז חסידות אַרויסגעטראָטן קעגן די גבירים און תקיפים פון שטעטל און אויך קעגן די רייכע „הויף־ייִדן" און געשטאַרקט די גע־פּלאָגטע ייִדן אין שטאָט און אין דאָרף. די שיטה פון אַריינברענגען פרייד אין ייִדישע הערצער איז ניט געווען סתם אַזוי אַ תורה אויף פּאַפּיר, נאָר איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין לעבן, איז געוואָרן פּראַקטיצירט.

און ניט בלויז צום ייִדישן דאָרפס־מענטש האָט זיך חסידות באַצויגן מיט ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט, נאָר אויך צום ייִדישן אַרבעטס־מענטש, צום ייִדישן בעל־מלאכה וועמען חסידות האָט ממש פאַרהערלעכט. דער בעל־מלאכה, וואָס דערנערט זיך פון זיין אייגענער מי, פון זיין פּראַ־צע שטייט אויף דער העכסטער מדרגה. ער פאַרדינט עולם־הבא, אים קומט גן־עדן, צוליב אים האַלט זיך אויף דאָס שטעטל. אין זיין זכות עק־זיסטירט דאָס שטעטל 2).

דער פּשוטער בעל־מלאכה קען זיך דערהייבן דורך זיין אַרבעט. אין יעדער טענה צווישן אַ בעל־מלאכה מיט אַ הענדלער, איז דער יד פּועל געווען על העליונה... ווי עס ווערט דערציילט וועגן ר' יצחק וואָרקער, אַז איינמאָל איז געקומען צו אים אַ ייִדענע, אַן אלמנה פון אַ בעל־מלאכה, צו האָבן אַ דין־תורה מיט צוויי סוחרים, וועלכע זענען געבליבן שולדיק איר מאַן געלט פאַר זיין אַרבעט. דער רבי האָט אויסגעהערט און געפּסקנט, די סוחרים זאָלן איר אויסצאָלן דאָס גאַנצע געלט.

ווען די אלמנה איז אַרויסגעגאַנגען, רופן זיך אָן די סוחרים צום רבין:

„רבי, אָט די חצופה גלייבט איר? איר מאַן איז דאָך שוין טויט העכער אַ יאָר, און ווי מען מורמלט אונטער, איז זי ערשט ניט לאַנג מעוברת געוואָרן"...

„אַזוי? — כאַפּט זיך ר' יצחק אָן ביי דער באָרד — ווערט זי דאָך בקרוב

---

2) זע, „שבחי הבעש"ט" און „קהל חסידים", הונדערטער סיפורי מעשיות ווי אַזוי די צדיקים האָבן געבראַכט פרייד אין ייִדישע הערצער.

ווערן אַ גרויסע באַדערפעריִן, טאָ גייט תיכף אַהיים און באַצאָלט איר מיט איינמאָל דעם גאַנצן חוב, וואָס עס קומט איר 3).

„גוטע יידן" האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר באַעוולטע פרויען־אַרבע־טער, פאַר יידישע דינסטן, פאַר אלמנות און אין אויפבלי־תקופה פון חסי־דות געפירט אַ העפטיקן קאַמף מיט די ראשי־הקהל, וועלכע האָבן דאָס ניט געקענט באַנעמען.

ווי האָט געזאָגט ר' זושע האניפּאָליער (ברודער פון רבין ר' אלימלך ליזשענסקער): „די בעסטע סגולה פאַר יראת שמים איז אהבת ישראל" און מיטן צוגאָב פון ר' יעקב־שמשון שעפּיטאָווקער, נאָך זיין עליה אין ארץ־ישראל, אַז די סגולה צו אהבת ישראל איז אהבת ארץ־ישראל, אַזוי אַז אַלע דריי אהבות ווערן געקניפּט און געבונדן און צו זיי און מיט זיי איז פאַרבונדן אהבת התורה.

אין דעם אויפקום פון חסידות האָבן אָן ספק געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע מאָטיוון, ניט סתם אַזוי, ווי האָראָדעצקי און אַנדערע פאָרשער ווילן האָבן, אַז חסידות איז פשוט געווען אַ פאַנאַטישע באַוועגונג קעגן דער ממשלה פון די גביריש־רבנישע חברות...

געזעצט איז א. מענעס, אַז „חסידות איז קיינמאָל ניט געווען קיין באַוועגונג בלויז פון די סאָציאַל־אונטערדריקטע שיכטן; פּונקט ווי מתנג־דות איז קיינמאָל ניט געווען די תורה פון אַ גביריש־רבנישער אויבער־שיכט..." 4)

חסידות האָט אָבער אויף אַ לעבעדיקן אופן זיך פאַרנומען מיט שטאַרקן דעם אָרעמען, נידערגעשלאָגענעם, פּונקט ווי זי האָט באַקעמפט די עקסטרעם־אַסקעטישע שטימונגען, וואָס זענען געווען פאַרשפּרייט אין דער יידישער וועלט אין פּוילן, אין 18טן יאָרהונדערט און געלערנט וועגן דעם עונש פון עצבות; געלערנט ווי זיך צו דערווייטערן פון דער מחלה; געלערנט, אַז דער רבונו־של־עולם וויל דער מענטש זאָל זיין בשמחה, אים דינען מתוך שמחה...

3) זע, מ. אונגער, דאָרט, ז"ז 44—57.

4) אין זיין „דער ווילנער גאון און זיין שיטה", ייד. קעמפער. פּסח תשי"ב, ז"ז 17—18.

חסידות האָט שטאַרק געהאַלטן פון דעם מאמר פון רבי יוסי: „אין היחיד רשאי לסגף עצמו בתענית ואין הבריות מרחמות עליו" (דער אינ־דיווידועלער מענטש טאָר זיך נישט פייניקן און מענטשן דאַרפן ניט האָבן קיין מיטלייד מיט אים). די גמרא זאָגט דערויף אין נאָמען פון רב יהודה אמר רב, מאי טעמא דר"י דכתיב ויהי האדם לנפש חיה, נשמה שנתתי בך החייה 5).

ר' אהרן קאַרלינער טייטשט אין דעם זינען דעם פסוק: „והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה" (אַ לייטער שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ גרייכט ביזן הימל; בראשית, כ"ח, י"ב). אויב דער מענטש שטייט שטאַרק אויף דער ערד, קען ער דערגרייכן מיטן קאָפּ צום הימל... אין דעם ליגט אייגנטלעך ניט בלויז דעם קאַרלינערס טיפע באַנעמונג פון סאָציאַלער דערהייבונג, נאָר אויך פון נאַציאָנאַלן באַגריף, ווי ח.נ. ביאַליק האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: אַזויפיל הימל קען דער מענטש דערוואַרטן וויפל ערד ער האָט פון אונטן... שמים וארץ קומען זיך צוזאַמען אין אַלע צייטן זינט בריאת שמים וארץ.

דער „אוהב ישראל ר' אברהם יהושע העשל מאַפּטא טייטשט דעם פסוק „וישכב במקום ההוא... אכן יש ד' במקום הזה ואנכי לא ידעתי" — און ער האָט זיך געלייגט אין יענעם אָרט... פאַרוואָר, גאָט איז פאַראַן אין דעם דאָזיקן אָרט און איך האָב ניט געוווּסט, 6) אַז דאָס האָט יעקב אבינו געמיינט צו זאָגן: די גאַנצע צייט וואָס כ'בין געווען באַהאַלטן אין בית־המדרש פון שם ועבר, געלערנט תורה בייטאָג און ביינאַכט און קיין אויג ניט צוגעמאַכט, ווי דער מדרש (און רש"י אויפן אָרט) באַמערקט דערויף: „כאן שכב, אבל כל י"ד שנה שהי' טמון בבית עבר לא שכב 7), טייטשט דער אַפּטער: די פערצן יאָר האָב איך ניט געוווּסט אַז ס'איז דאָ אַ מעג־לעכקייט צו דינען גאָט אויך מיט שלאָפן... אָבער דאָ, האָט ער געזען אַז וישכב ויחלום... אַז אויך אין שלאָף קען מען האָבן געטלעכע חלומות, אכן

5) רב יהודה זאָגט אין נאָמען פון רב, וואָס איז דער טעם? ווייל דער פסוק זאָגט ויהי האדם לנפש חיה, דער מענטש איז געוואָרן אַ לעבעדיקער נפש; די נשמה וואָס כ'האָב דיר געגעבן, האַלט זי לעבעדיק — תענית, כ"ב, ע"ב.

6) תרגום, יהואש, בראשית כ"ח, י"א־י"ז.

7) לקוטים בראשית.

יש ד׳ במקום הזה; איך זע איצט אַז אויך אין מצב פון שלאָף איז דאָ השית״ב, מ׳קען אים דינען מתוך שינה ומנוחת הגוף. דאָס האָב איך ביז איצט ניט געוווסט.

הרב שמעון יעקב הלוי גליקסברג 8) באַמערקט דערויף, אַז דערין ליגט דער הויפּט־גערדאַנק פון דערהייבן די גשמיותדיקע ענינים צו עבודת־השם און אַז דער רמב״ם האָט שוין דאָס געזאָגט אין הלכות דעות (סוף פרק ג׳): ההולך בדרך התורה וחייו הם למטרה רצויה הריהו כל ימיו עובד את ד׳ אפילו בשעה שנושא ונותן. ואפילו בשעת הנאה גופנית... נמצאת שינה שלו עבודה למקום ברוך הוא״... דאָס זענען קלאָרע ווערטער, חסידות לויטן רמב״ם.

ר׳ יצחק אייזיק זידיטשויווער, איידער ער איז באַוווסט געוואָרן אַלס רבי, איז אַמאָל געקומען צו ר׳ מאירל פּרעמישליאַנער.

זאָגט צו אים ר׳ מאיר:

— מאיר פרעגט אייך, צי איר האָט פּרנסה.

ענטפערט אים ר׳ יצחק־אייזיק:

— ניין, קיין פּרנסה האָב איך ניט...

פרעגט אים ווידער ר׳ מאיר:

— מאיר פרעגט זיך: זייט איר אַ בן־תורה?

האָט אים ר׳ יצחק דערציילט דעם אמת, אַז ער קען לערנען, אַז ער איז בקי אין די הלכות איסור והיתר און ווען ס׳טרעפט זיך אים אַ רבנות, וואָלט ער אָנגענומען דעם פּאָסטן צו זיין מרא דאתרא.

— און איצט — פרעגט אים ר׳ מאיר — וואָס וואָלט איר געטאָן מיטן מאמר חז״ל: אהוב את המלאכה ושנא את הרבנות?

האָט אים ר׳ יצחק אייזיק זידיטשויווער אויפן אָרט געענטפערט:

— פּרעמישליאַנער רבי, לויט מיין אָרימען געדאַנק, קען מען טייטשן דעם מאמר אַזוי: האָב ליב די אַרבעט, מיינט מען די אַרבעט פון תורה, צו זיין אַ רב, פּסקענען שאלות און שנא את הרבנות, מיינט מען דאָס רביי־שע, צו זיין אַ רבי פון חסידים...

ר׳ מאירל פּרעמישליאַנער איז געווען שטאַרק צופרידן פון דעם

8) הדרשה בישראל, תל־אביב, תש״, ז׳ ש״ז.

סייטש — און אים דערקלערט, אַז דערמיט קען מען פאַרשטיין אַן אַנדערן מאמר, וואָס זאָגט: פשוט נבלה בשוק ואל תצטרך לבריות. אַז דאָס זאָל מיינען צו זאָגן: פאַרנעם זיך מיט דינים פון טרפות, די אַרבעט פון אַ רב אַ בעל הוראה, ווי די חז״ל דרשנען אויפן פסוק: „נבילה וטריפה לא אכלתי — לא בא בפי בשר שהורה בו חכם״. און ניט בלויז דאָס, מאיר עם הארץ טייטשט, צוליב דעם דעם אויספיר פונעם מאמר „ואל תאמר כהנא אנא וגברא רבא אנא״... אַז דאָס מיינט: זאָלסט ניט זאָגן, מיין ווילן איז, צו זיין אַ רבי פון חסידים 9).

אַזעלכע געדאַנקען געפינען מיר אויך ביי די מקובלים, ווי ר׳ חיים בן עטר (מחבר פון „אור החיים הקדוש״, „פרי תואר״, „חפץ ד׳ ״, „ראשון לציון״, וועלכער ווערט אַ סך ציטירט פון תולדות יעקב יוסף (פ׳ פקודי און פ׳ ברכה) און אַנדערע חסידישע מחברים. אין אורח חיים (פ׳ בראשית „ויכלו״), געפינען מיר אַ געדאַנק: „העולם בתוך הבורא ואור הבורא בתוך כל העולם״. דאָס איז דאָך פונדאַמענטאַל אין דער חסידות־קאָנצעפּציע, וואָס קומט צום אויסדרוק אין די ווערטער פון בעש״ט „לית אתר פנוי מיניה״, נישטאָ קיין אָרט, וווּ גאָט איז נישטאָ...

ניט קיין וווּנדער וואָס דער „אור החיים״ האָט באַלד נאָך זיין דערשיינונג זוכה געווען פאַרשפּרייט צו ווערן אין אַלע תפוצות און באַזונדערס אין פּוילן, אוקראַיִנע און גאַליציע ווו חסידות איז געוואָרן זייער שטאַרק באַ־פעסטיקט און האָט געוווּנען די יִדישע מאַסן. ר׳ גרשון קיטעווער דערמאָנט אַז ער איז „ניצוץ של משיח״.

חסידיזם האָט בעיקר געשטעלט זיין הויך־פּונקט אויף שמחה אין מענטשלעכן האַרץ און דורך שמחה אים ברענגען אין די היכלות פון קדושה־לויטערקייט.

ר׳ נחמן בראַסלאַווער האַלט, אַז די, וואָס זענען צופיל מדקדקים מיט איבעריקע חומרות, זענען אין שטענדיקער מרה שחורה און האָבן קיין חיות ניט. אָט די דאָזיקע מחמירים גייען אַוועק פון דער גמרא, וואָס לערנט: „וחי בהם ולא שימות בהם״ (יומא, פ״ה, ע״ב). דער מענטש דאַרף זיך דער־

9) אליעזר שטיינמאַן, באר החסידות, סדרה שניה, ז״ז 322—323. זע אויך, יצחק וורפל (רפאל), ספר החסידות, הוצאת צ. לייגמן, תל־אביב, תש״ז; ג. שמן, לובלין (1951), ז״ז 155—136.

װיטערן פון אַט די דקדוקים און מרה־שחורהדיקייטן, ער דאַרף זײַן אין שטענדיקער שמחה 10), און די הױפּט־שמחה איז אין האַרץ: „נתת שמחה בלבי" (האָסט מיר געגעבן מער שמחה אין האַרצן, תהילים ד׳, ח׳). דאָס האַרץ קען ניט זײַן אמתדיק פרײלעך ביז עס װאָרצלט אױס פון זיך די פאַרקרומטקײט, װי דער פּסוק זאָגט „ולישרי לב שמחה", און פאַר די רעכטפאַרטיקע הערצער אַ פרײד 11).

אַנדערש זענען מיר דעם צוגאַנג צו חסידות און חסידישער פרײד בײַ ר׳ שניאור־זלמן, דעם גאון החסידות וההלכה, אױף װעמען מ׳זאָגט עדות, אַז צו אַכצן יאָר האָט ער געענדיקט תלמוד מיט אַלע ראשונים און אחרו־נים אַרום דעם תלמוד: „גמור לכולה תלמודא עם כל נושאי כליו, ספרי ראשונים ואחרונים, לא הניח דבר גדול או קטן (הקדמת בני הרב לשו״ע). זײַן שיטה איז די טיפערע, פילאָזאָפישע װעגן פון חסידות און קבלה. ער האָט געשאַפן דעם טעזיס פון חכמה, בינה דעת („חב״ד").

די דאָזיקע פילאָזאָפיע ברענגט ער בעיקר אַרױס אין זײַן באַרימט ספר א״נ „תניא". דער ספר איז געטײלט אין פיר חלקים: „לקוטי אמרים" (נ״ג פּרקים); „שער היחוד והאמונה" (י״ב פּרקים); „אגרת התשובה" (י״ב פּרקים); „אגרת הקודש" (ל״ב פּרקים) און צום סוף דער קונטרס אחרון, װאָס איז אַ דערגאַנצונג און סומירונג פון זײַנע קבלהיסטיש־חסידישע קאָנ־צעפּציעס. עס איז אַ טיפע פילאָזאָפישע אײַנשטעלונג באַזירט אױף קבלה־ספרים און ידישן מיסטיציזם, די „רזין דרזין" פון חסידיזם, די התגלות פון קבלה אין אַ נײַעם לבוש, באַגרינדעט אױך אױף לאָגיק און אַקסיאָמאַ־טיש־פילאָזאָפישע טערמינען: יסודותדיקע באַגריפן פון סינטעטישער קבלה־עיונית מיט פּראַקטישער בעש״ט־חסידות. ניט אַלע פירער פון חסידישע הױפן האָבן מסכים געװען צו אַט דער אײַנשטעלונג און ספּעציעל צו דער התגלות פון די סודותדיקע לערעס. אײניקע רביים זענען שאַרף אַרױס־געטרעטן קעגן פּאָפּולאַריזירן קבלה פאַר די מאַסן. אָבער נישט דװקא דאָס זענען מיר דאַך דאָ אױסן. אונדז אינטערעסירט, דער רב מיט זײַן פילאָ־זאָפישער אײַנשטעלונג פון אַבסטראַקטע הימלישע געדאַנקען 12) און זײַן

10) לקוטי תניינא, מ״ד.
11) דאָרט, כ״ד, ה׳, ג׳, צ״ז, י״א לקוטים.
12) זע, די אײסגאַבע פון בונין, װאַרשע.

פּראַקטישע קאָנקרעטע געזעצלעכע איינשטעלונג בנוגע די מצוות שבין אדם לחברו. אונדז אינטערעסירן זיינע ספּעציאַלע דינים ווי ער ברענגט זיי אַרויס להלכה אין דעם „שלחן ערוך הרב".

אין דער מצוה זעט דער רבּ אַ הויפּט־גורם צו געטלעכער אַנטפּלעקונג. זי איז „אין דער בחינה פֿון אין סוף, פֿון דער אַנטפּלעקונג פֿון אין־סופיקן ליכט; פֿונעם ליכט, וואָס רינגלט אַרום אַלע וועלטן און דערפֿאַר איז צדקה מקרב די גאולה 13). דער מענטש ווערט דערהויבן און געלייטערט דורך דער מצוה פֿון צדקה, אַפּילו די גלידער פֿון מענטשנס קערפּער, וואָס פֿירן דורך די מצוה פֿון צדקה, ווערן געהייליקט (תניא, כ"ג). צדקה, לויטן רבּ, באַלעבט דעם גייסט פֿון די דערנידעריקטע (תורה אור, יתרו) און איז ווי וואַסער, וואָס ציט פֿון די הויכע פּלעצער צו די נידעריקע 14).

א. ביק, באַריִרנדיק אָט די טעמע, סאָציאַלע עטיק ביי רבי שניאור־זלמן, שרייבט צוו. אַנד.: „אויפֿהייבנדיק אַ גאַנצע אידעאָלאָגישע וועלט־אַנשויונג וועגן צדקה באַנוגנט ער זיך אָבער נישט מיט דעם (וואָס ער זאָגט דאָ און דאָרט — ג. ש.). נאָר ער צייכנט אָן אַ קלאָרן פּראָגראַם פֿון אַ יושרדיקער אָרדענונג... ער ציטירט פֿון דעם באַרימטן „אגרת הקודש" (הייליקער בריוו) אין וועלכן ער פֿאָרמולירט זיין סאָציאַלע פּראָגראַם און וואָס קען דינען, ווי א. ביק דערמאָנט, „ווי אַ קוואַל פֿון עטישן און סאָציאַלן פּאַטאָס":

„...מיינע באַליבטע ברידער און פֿריינט, וואָס זענען ווי מיין נפש! עס איז ניט פֿאַרהוילן פֿון אייך דער קלעם פֿון די צייטן, וואָס די פּרנסה האָט זיך אויסגעלאָזן (דאָס איז געווען נאָך די גזירות פֿון 1807 פֿון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, אַרויסצוטרייבן די ייִדן פֿון די דערפֿער — ג. ש.) און בפֿרט, די וועלכע איך קען אין אייער מחנה וואָס זענען געבליבן אָן אָן אונטערשפּאַרער און זיי לייען ממש אויף צו עסן. אָבער געדענקט אַז עס שטייט „וחי אחיך עמך!"; מען טאָר ניט לויטן האַרבן דין זיך קליידן אָנשטענדיק, אָדער פּראַווען סעודות, ווען דעם חבר פֿעלט ברויט צום עסן,

---

13) זע גליקסבערג, דאָרט, ז"ז שי"ג—שכ"ח.

14) אגרת הקודש, י"ז, בוניך־קאָמענטאַרן.

אָדער האַלץ צום הייצן. מען האָט ניט געזאָגט „דיין לעבן איז פריער פאַר דיין חברס (ב״מ, ס״ב, ע״א) נאָר ביי איין קריגל וואַסער, וואָס דאָס איז אַ זאַך וואָס איז גלייך פאַר ביידן צו דערקוויקן זייער לייב אין דאָרשט. אָבער ניט אַז איין מענטש זאָל מעגן עסן צו דער זאַט און גיין שיין בכבודיק געקליידט, ווען דעם חבר פעלט ברויט צום עסן און אַ קלייד זיך איינצוהילן אין קעלט״ 15). דאָס באַווייזט אַז סיי פון דעם תורהדיקן שטאַנדפּונקט, סיי פון דעם לאָגישן און מאָראַליש־הומאַניטאַרן שטאַנדפּונקט טאָר אַ מענטש ניט זאָרגן נאָר פאַר זיך. דעם מענטשנס ווילזיין באַשטייט ניט אין דעם געניוס פון זיין פאַרמעגן, פון אייגענעם עגאָ, וואָס באַדראָט די יסודות פון דער סאָציאַלער סטרוקטור און פאַרדאַרבט די פּרינציפּן פונעם צוזאַמענלעבן פון יחיד און כלל 16).

אַזוי האָט חסידות אין דער עפּאָכע פון דערהויבנקייט און אויפבלי, אַרויסברענגענדיק די געמיינשאַפטלעכע שעפערישע אידייען, ניט פאַרגעסן אין די סאָציאַלע פּראָבלעמען און געזוכט אַ לייזונג צו זיי, מיט אַן אַגרעסיוון כוח געזוכט אויסצובעסערן די אַלע געזעלשאַפטלעכע איבלען.

די חסידות־גרונטלייגער, ווי גרויסע עטישע פּערזענלעכקייטן, ווילן ברענגען צום לעבן די סאָציאַלע גערעכטיקייט ווי דאָס איז פאָרמולירט געוואָרן פון די חכמי התלמוד און די גאוני הרוח פון אַלע צייטן, סיי אין דער נביאים־עפּאָכע, סיי פון די וואָס האָבן געלעבט און געטראַכט תורהדיק אין משך פון די קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר וואַנדערונג אויף אַלע עקן וועלט און אין פאַרשיידענע מדינות, אונטער פאַרשיידענע רעזשימען.

זייענדיק פאַרטאָן אין די הויכע עולמות פון מיסטיציזם, מעטאַפיזיק און קבלה, האָבן די צדיקי־הדור אין דער גלאַנץ־עפּאָכע פון חסידות ניט פאַרגעסן אין די איינפאַכע אַלגעמיין־מענטשלעכע פּראָבלעמען, אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס און גענומען אַ שטעלונג אין אָט די סאָציאַלע פּראָבלעמען. זייערע ריין־עטישע באַטראַכטונגען וואָרצלען אין די יסודות פון יידישן וועלט־באַנעם, אין דער יידישער טראַדיציע, אין דער עטישער קאָנצעפּציע פון יהדות, וואָס פאַרלאַנגט די פאַרהייליקונג פון איבער־איינדי־

15) זע „קעמפער און היטער״, ז״ז 116—117 (אגרת הקודש, ג״ב).

16) לקוטי תורה, שיר השירים.

ווידועלן, ניט אַכטנדיק וואָס זי רעדט שטענדיק צום יחיד און וויל דורכ־אויס זיין דערהויבונג. די לייטערונג פונעם יחיד, זענען זיי געווען איבער־צייגט, ברענגט צו דער לייטערונג פונעם רבים, די אחדות פון אַלע מענטשן.

מיט אָט די געדאַנקען האָבן זיי באַוויזן צוציִען און דערהייבן דעם פשוטן המון־עם, דעם געפּאַלענעם ייִדן, וואָס האָט געזוכט אַ גוט־וואָרט, אַ טרייסט־וואָרט, אַ פלאַמיק וואָרט פון געלייטערטן צדיק, וואָס רעדט צו אים איינפאַכע ווערטער און לעבט אויך ווי זיי — איינפאַך און באַשיידן.

חסידים דערציילן וועגן אהבת ישראל ביי ר׳ משה־לייב סאסעווער, אַז אַ פרוי איז אַמאָל געקומען צו אים, געוויינט און געליאַרעמט, ער זאָל וועקן רחמים פאַר איר געפערלעך־קראַנקער טאָכטער. האָט ר׳ משה־לייב איר געגעבן ברכות, געווונטשן רפואה שלימה.

— איך וועל ניט אַוועק פון דאַנען — האָט די פרוי געבעטן — ביז איר וועט מיר צושווערן מיט אייער חלק עולם הבא...

— איך שווער דיר צו — זאָגט צו איר ר׳ משה־לייב — מיט מיין גאַנץ עולם הבא, אַז דיין טאָכטער וועט מיט גאָטס הילף געזונט ווערן.

ווען די פרוי איז אַוועק, האָט איינער פון די מקורבים געפרעגט ר׳ משה־לייבן, ווי וואַגט איר דאָס, איינצושטעלן אייער חלק עולם הבא; איר טאָכטער איז דאָך מסוכנדיק קראַנק?

— די טרערן פון דער ליידנדיקער פרוי — האָט ר׳ משה־לייב אים געענטפערט — זענען וויכטיקער פון מיין עולם הבא און אויב מיין שבועה האָט איר אַביסל לייכטער געמאַכט, איז ווערט צו פאַרלירן משה־לייבס עולם הבא...

קאַפּיטל 3

שטרעבונג צו ציון

1. חסידות און גאולה

פונקט ווי חסידות, האָט זיך באַמיט אויפצולעבן און צו באַלעבן אַנ־דערע פונדאַמענטאַלע מצוות פון דער תורה, אַזוי האָט חסידות באַלעבט די גאולה־יסודות אין דער יידישער אמונה: שטרעבונג צו משיחן און ציונס אויסלייזונג. דערנענטערן די גאולה האָט חסידות געלערנט איז נאָר מעג־לעך דורך דעם גאַנצן רצון און דער פּאַקטישער עליה אין הייליקן לאַנד.

אמת, אין אַלע ספרים, סיי אין קבלה און סיי אין הלכה, זעט מען ווי גדולי ישראל אין אַלע צייטן, האָבן געזען אין משיחן דעם וועלט־דערליי־זער, וואָס וועט זיכערן די יידישע דערלייזונג. אַזוי ווייזט דער רמב״ם 1) די משיח־עפּאָכע אַלס פּעריאָד פון פולקאָמער גערעכטיקייט, ווען דער מענטש וועט זיך אָפּגעבן מיט העכערע גייסטיקע און וויסנשאַפטלעכע ענינים און און אַזוי זעט דער רמב״ן די גאולה־פאָרמען אין פעלקער־גערעכטיקייט 2)

1) הלכות מלכים, פרק י״ב און אין מדע, הלכות תשובה, פרק ט׳, הלכה א׳, אויך אין פירוש המשניות, סנהדרין פרק י׳: „ומפני זה נתאוו כל ישראל, נביאיהם וחכמיהם לימות המשיח — כדי שינוחו ממלכיות... וימצאו להם מרגוע וירבו בחכמה, כדי שיזכו לחיי העולם הבא, לפי שבאותם הימים תרבה הדעה והחכמה והאמת, שנאמר „כי מלאה הארץ דעה את ד׳״ (ישעיה י״א, ט׳). נאָך מער, דער רמב״ם איז מיט דער מיינונג, אַז משיח בן דוד וועט האָבן מער חכמה פון שלמה און וועט זיין נאָענט מיט נבואה צו משה רבנו (באַזירט דאָס אויף מדרש תנחומא, תולדות אות י״ד) און אַז די טעג פון משיח, וועט בלויז ברענגען מלוכהשאַפט צו יידן, ווי די גמרא זאָגט: „אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד״ (שבת ס״ג, ע״א).

2) זע, רמב״ן, שיר השירים ח׳, ט׳־י׳.

און אַזוי זעען אַנדערע, אַז ייִדן, וואָס זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון לאַנד, ווייל זיי האָבן עס פֿאַרמיאוסט, ווי דער פּסוק באַשולדיקט זיי: „וימאסו בארץ חמדה" 3), ווייל זיי האָבן פֿאַראַכט דאָס גלוסטיקע לאַנד, — וועלן זיך אומקערן בלויז דאַן, ווען זיי וועלן מתקן זיין די דאָזיקע זינד און אַרויס־ווייזן ליבשאַפֿט צום לאַנד 4). חסידיזם האָט אָבער געזוכט וועגן ווי אַזוי צו פֿאַרשנעלערן דעם קץ פֿון גלות, ווייל ס'איז דאָ די געפֿאַר, אַז דעם פֿאָלקס־געדולד פּלאַצט און קען מער ניט אויסהאַלטן דעם לאַנגן גלות; חסידיזם האָט געוווּסט ווי אַזוי איינצושטילן די אומרויִקייט פֿון פֿאָלק, וואָס ווערט אויסגענוצט פֿון די פֿאַלשע שבי־צבי נאָכפֿאָלגער; חסידיזם האָט געזוכט די געהעריקע מיטלען ווי אַזוי צו ברענגען די הויכע גאולה־חלומות צו אַ מער רייפֿערן און רעאַליזירטן פּראָצעס. דאָס, האָבן די חסידות־גרונטלייגער געוווּסט, איז נאָר מעגלעך דורך לערנען דעם עולם וועגן צוגרייטן זיך צו גאולה, דערנענטערן זיך צו גאולה, דורכפֿירן פּראַקטישע, פֿיזישע און גייסטיקע עליה.

חסידיזם האָט איבערגענומען פֿון די מקובלים די מצוה פֿון ישוב הארץ און איר באַטייט פֿאַר גאולה. די בעלי הקבלה פֿון נאָכן גירוש ספרד האָבן דאָך אויפֿגעלעבט דעם גלות און ירושלים. שרייבט טאַקע הרב י. ל. הכהן פֿישמאַן (מימון): להתפתחותו של הישוב העברי בערי הגליל עזבו הרבה הקבלה והחסידות. הקבלה הרזית של האר"י ותלמידיו הרחיבה את הישוב הספרדי בצפת שבגליל העליון והחסידות הבעש"טנית הניחה את היסוד להישוב האשכנזי בטבריה ומשם נפוצו הספרדים והאשכנזים ביתר ערי הקודש... אבות הקבלה ידעו, כי „רשות ארץ ישראל רשות השית"ב הורא ורשות חוץ לארץ מקום עובדי כוכבים הוא, רשות החצונים, אויר טמא' (חסד לאברהם להרב אזולאי, מעין שלישי, נהר ב') וכי גם התפלות שמתפללים ישראל בחוץ לארץ נמי וכמו כן כל הנשמות של הטהורים שמתו בחוץ לארץ מתגלגלות הן באויר הטמא" (דאָרט, נהר ה'). חסידות האָט אָט די אַבסטראַקט־טעאָרעטישע אויסדרוקן געוואָלט ברענגען צו דער רעאַלער פּראַקטיק, ענדערן די באַציִונג פֿון ייִדישן פֿאָלקס־מענטשן צו זיין

3) זע ספר חרדים, פֿון ר' אליעזר אזכרי, השמ"ח.
4) תהלים, ק"ו, כ"ד.

אומגעאַרמאַלן גלות־לעבן און שעפּן פון די קוואַלן פון גליל און פון די ירושלים־בערג, גרייכן צו די הויכע משיחישע מדרגות, ווען ייִדישע ערד זאָל זיך צוזאַמענגיסן מיט ייִדישן הימל...5)

חסידיזם האָט אנערקענט די ווערטער פונעם זוהר, די ביבל פון חסידות, וואָס לויטעט: „זכאה חולקנה מאן דזכי בחייהו למשרי מדורא בארעא קדישא, וכל מאן דזכי לה, זכי לאנגרא מטלא דשמיא דלעילא דנחית על ארעא, וכל מאן דזכי לאתקשרא בחייהו בהאי אתרא קדישא זכי לאתקשרא לבתר בארעא קדישא עילאה" (זוהר, ויקרא), וואָס מיינט, אַז עס איז אַ גרויסער זכות פאַרן מענטשן צו ווינען און לעבן אין הייליקן לאַנד, וואָס פאַרבינדט אים מיט דער אייביקער הייליקייט.

ניט אומזיסט האָבן גרויסע מקובלים כסדר געשטרעבט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, ווינען אין הייליקן לאַנד. אייניקע פון זיי האָבן דאָך אַפילו געהאַלטן, אַז דער וואָס ווינט אין ארץ־ישראל און דאָס לאַנד שפּייט אים ניט אויס, איז עס אַ גענוגנדער סימן, אַז ער איז אַ צדיק, ווייל דאָס לאַנד פאַרנעמט ניט קיין רשעים6). ארץ־ישראל איז געוואָרן פאַרבונדן מיט תחית־המתים. לויט איין מסורה7) וועלן אין טאָג פון משיחס קומען מיט קבוץ־גלויות אין ארץ־ישראל, דאָרט טרעפן טויזנטער ייִדן, די ארץ־ישראלדיקע מתים וועלן דאַן אויפשטיין, ווערן אַ גייסטיקע בריה ווי אדם הראשון פאַרן חטא און ווען די גלות־ייִדן וועלן פּראָטעסטירן, פאַרוואָס יענע זענען מער פּריווילעגירט, וועט משיח זיי ענטפערן: זיי האָבן זיך באַמיט צו קומען און ווינען אין ארץ־ישראל, דאָרט געלייטערט זייערע נשמות, ניט געטראַכט וועגן זייערע פאַרלוסטן, געלט און קערפּערלעכע ליידן...

אין צפת האָבן די מקובלים תמיד געזען די שטאָט קעגנאיבער דעם כסא הכבוד, די שטאָט פון אר"י — דעם רבין פון די מקובלים און די שטאָט פון ר' יוסף קאַרו, דעם מחבר פון שולחן ערוך, רבי פון די פּוסקים און אויך די שטאָט פון מהר"י בי רב — דער וואָס האָט געוואָלט באַנייען די סמיכה און מאַכן ארץ־ישראל פאַר דעם מרכז רוחני8).

5) העברי. שנה ט', גליון מ"ב, ז"ז 5—6.
6) חסד לאברהם, נהר י"ב.
7) דאָרט. נהר כ"ב.
8) זע, י. ל. פישמאַן־מימון, העברי, דאָרט.

די בעל־הקבלה האָבן דאָך געגלויבט אין די ווערטער פון זוהר, אַז די שכינה רוט ניט נאָר אין הייליקן לאַנד („לא שריא שכינתא לבר מארעא קדישא") און אין די ווערטער פון רבי יהודה הלוי, אַז אַלע נביאות זענען גילטיק בלויז אין ארץ־ישראל („כל מי שנתנבא לא נתנבא אלא בה או בעבורה"). ווי רבי נחמן בראַסלאַווער דריקט זיך אויס (שער מאמרים, ארץ־ישראל) וועט די באַנייונג פון דער וועלט פאַרקומען לויטן באַגריף פון ארץ־ישראל („חידוש העולם לעתיד הוא בבחינת ארץ־ישראל").

וועגן די עליות פון חסידים קיין ארץ־ישראל האָט דער באַוווסטער פאָרשער און היסטאָריקער ישראל היילפּרין, פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט א"נ „העליות הראשונות של החסידים לארץ־ישראל" 9), איבערגעבנדיק אינטערעסאַנטע פאַקטן וועגן דעם בעש"טס שוואָגער אברהם־גרשון מקי־טוב. ער האָט עולה געווען אין יאָר תק"ז און דאָרט נפטר געוואָרן אין די יאָרן תקי"ח—תקכ"ג (זיין מצבה איז ניט געפינען געוואָרן) און לויט דער מיינונג פון י. וורפל (רפאל) האָט דער בעש"ט אים געשיקט צוליב דעם וואָס ער האָט ניט געקענט באַוויזן עולה צו זיין 10) און לויט ש. א. האָראָ־דעצקי, איז דעם קיטעווערס מיסיע געווען צו פאַרשפּרייטן די לערע פון בעש"טס חסידות אין ארץ־ישראל 11).

חסידות־עליה האָבן מיר געהאַט אַ סך פריִער. געניג צו דערמאָנען די עליה פון רבי יהודה החסיד פון יאָר תס"א (1701) מיט זיינע נאָכפאָלגער, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען גרויסע חסידים און אויך פאַרשטעלטע שבתי־צבי־אָנהענגער. מיר דאָ ווילן בלויז דערמאָנען וועגן דער באַציִונג פון די בעש"ט־חסידים צו עליה אין ארץ־ישראל, ווי זיי האָבן געגאַרט און געשטרעבט עולה צו זיין 12).

9) זע, הוצ' שוקן ירושלים־תל אביב, תש"ז.

10) זע, החסידות וארץ־ישראל, ירושלים ת"ש, ז. ט"ו.

11) זע, דאָרט באריכות און אויך ג. שמן, „לובלין", ז"ז 128—136.

12) וועגן די אגרות פון די עולים אין יענער עפּאָכע איז וויכטיק צו לייענען און זיך באַקענען מיט דער גרינטלעכער אַרבעט פון י. היילפּרין אין דערמאָנטן ספר, פרק ד', „אגרות העולים החסידים משנות תק"ז—תקס"ט, ז"ז 50—80, אַ פאָר־שונג, געשריבן אַזוי סיסטעמאַטיש־פּעדאַנטיש־אַקאַדעמיש און צוגעגנלעך פאַר יעדן פאָרשער וואָס פאַראינטערעסירט זיך מיט דער געשיכטע פון חסידות און חיבת־ציון. אין יאָר 1701 (חשוון, תס"א) איז ר' יהודה החסיד אָנגעקומען אין ארץ־ישראל,

דער דאָזיקער ר׳ אברהם־גרשון, צי ער איז געווען ראש־בית־דין אָדער בלויז ש״ץ אין דער דעמאָלטיקער לומדישער בראָד 13), האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, פריִער אין דעם מתנגדישן קרייז און נאָכדעם אין חסידישן, און ווערט דערמאָנט מיט פאַרערונג דורך די גדולי הדור 14), און פון אָם דעם שוואָגער פאַרלאַנגט דער בעש״ט, ער זאָל פאַר אים מתפלל זיין, ער זאָל אויך זוכה זיין צו עליה אין ארץ־ישראל, „להסתפח בנחלת ד׳ בחיים״ 15).

ר״ג קיטעווער האָט אַ סך אויפגעטאָן פאַרן ישוב, ניט בלויז פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון חסידות, ווי געלערנט פון בעש״ט און זיינע נאָכפאָלגער, און ניט בלויז פאַר דער אָרגאַניזירונג און צענטראַליזירונג פונעם אשכנזישן ישוב, נאָר בעיקר פאַר דער אויפוואַכונג צווישן חסידישע פירער עולה צו זיין אין ארץ־ישראל. ער האָט מיט זיינע בריוו מעורר געווען און געווירקט פאַר עליה. אַזוי געפינען מיר צווישן די חסידישע עולים אין די יאָרן תק״כ—תקכ״ה ר׳ מנחם־מענדל מפּרעמישלאַן (כ״א תשרי, תקכ״ז), ר׳ נחמן האָראָדענקער וועגן וועמען די חסידישע לעגענדע דערציילט, אַז ווען ער זאָל געווען האָבן די זכיה צו האָבן מיט זיך נאָך איין חסיד פון זיין מדרגה (אפשר זיין ברודער ר׳ צבי זלאָטשעווער, וועלכן ער האָט אַזוי שטאַרק געבעטן, ער זאָל קומען קיין ארץ־ישראל) וואָלט ער געקענט ברענגען די גאולה. ער שרייבט צו זיין ברודער אַז „כל חללי עלמא כלא נחשבו

אָפּגעקויפט דעם פּלאַץ אין ירושלים, וואָס איז באַקאַנט עד היום אַלס „חורבת ר׳ יהודה החסיד״. ער איז נפטר געוואָרן עטלעכע טעג נאָך זיין אָנקומען קיין ירושלים, ג׳ חשון, תס״א. דער רעש אין צפת איז פאָרגעקומען אין יאָר 1758 (תקי״ח). עס זענען דאָן אומגעקומען 140 פּערזאָן. ס׳זענען געבליבן בלויז דריי בעלי־בתים און אין יאָר תקכ״ה זענען אויפסניי געקומען עולים פון אשכנזישע לענדער — און אין די יאָרן תקל״ז—תק״ס, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע עליה. זע, תבואות הארץ. די עליה פון חסידים, דורך מנחם־מענדל וויטעבסקער און ר׳ ישראל פּאָלאָצקער, איז פאָרגעקומען אין יאָר 1777. אינעם בריוו פון ר׳ מנחם־מענדל פון יאָר 1781, שרייבט ער צוו. אַגב, אַז ארץ־ישראל איז געגליכן צו תורה און עולם הבא און דאָס איז ניט מעגלעך צו דערגרייכן סיידן דורך נסיונות.

13) זע, היילפּרין, דאָרט, ז׳ 13, נאָכבאַם. און הורודוצקי, החסידים והחסידות, ח״ד, ז. קל״ח. באריכות.

14) זע, שו״ת נודע ביהודה, אח״ע סי׳ ע״ג; פרי מגדים, או״ה, סי׳ תקפ״א; ר׳ יהונתן אייבעשיץ, לוחות עדות, אלטונה תקט״ו, דף נ״ז, ע״א.

15) זע, היילפּרין, דאָרט, ז״ז 14—15, באריכות.

עליה..." און אַז מ'דאַרף אַ סך מתפּלל זיין זיך צוגעווינען צו איר קדושה... זיין אייניקל ר' נחמן בראַסלאַווער האָט נאָכגעפאָלגט דעם זיידן, באַזוכט ארץ ישראל אין יאָר תקנ"ט, געשטרעבט זיך צו באַזעצן אָבער ניט מצליח געווען.

די ערשטע חסידישע בעש"טס עליה קיין ארץ־ישראל איז, ווי דער־מאָנט, נאָכגעפאָלגט געוואָרן דורך ר' מנחם־מענדל וויטעבסקער און זיינע אָנהענגער (תקל"ז), די אַזוי־גערופענע צווייטע חסידות עליה. זיי האָבן גע־שטרעבט דורך דער עליה „לעורר חסד עליון, להתפּלל עבור כלל ישראל" (פון אַ בריוו פון ר' ישראל ב"ר פרץ פון פּאָלאָצק).

אין חודש אדר תקל"ז (1767) איז אַרויס אויפן וועג קיין ארץ־ישראל ר' מנחם־מענדל האָראָדענקער און מיט אים ר' אברהם קאַליסקער און ר' שניאור־זלמן ליאַדער. דער לעצטער איז צוריק געקומען פון דער פּויליש־אוקראַינישער גרעניץ. מיט דער דאָזיקער גרופּע איז אויך מיטגעפאָרן ר' ישראל פּאָלאָצקער, וועלכער האָט אַ סך אויפגעטאָן פאַרן חסידות 16).

מיר וואָלטן אפשר באַדאַרפט ברענגען אַ צאָל ציטאַטן פון אָט די חסי־דישע מנהיגים, וועלכע האָבן אויסגעדריקט זייער באַגייסטערונג פאַר עליה און ישיבת ארץ־ישראל. אין די ראַמען פון דער איצטיקער אַרבעט איז דאָס אָבער אוממעגלעך און מיר מוזן זיך באַגנוגענען מיט בלויז אייניקע ציטאַטן, אין וועלכע ס'קומט צום אויסדרוק די סינטעטישע פאַרבינדונג פון גאולה, ישראל און ארץ־ישראל, וואָס איז געקומען פריִער דורך דער קבלה פון האר"י און נאָכדעם דורך די ספרי החסידות און גאָר באַזונדערס דורך רמ"מ וויטעבסקער און די אַנדערע, וואָס האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

אַ זכות פאַר זיצן אין גלות האָבן זיי געזען בלויז אין דעם אַרויס־ברענגען די הייליקע נצוצות (פּרי הארץ, ויגש, שמות) און די גאולה האָבן זיי געזען נאָר דורך אמונה און „אתערותא דלתתא". זיי זענען אויך געווען איבערצייגט אין דעם בעש"טס לערעס, אַז אַפילו אין יעדער סאָרט גשמיות, אַפילו אין די קליפּות ר"ל, איז דאָ די שכינה, וואָס גיט זיי חיות און אויפ־

16) זע, דאָרט, באריכות, פּרק ב', ז"ז 20—37; דובנאָוו, תולדות החסידות און אַנד' מקומות; הורודוצקי, החסידות ותורתה ,דביר, תש"ד, ז"ז 35—37.

האַלט און אַז די מיסיע פון ישראל איז, אַרויסצוהויבן די שכינה און זיך פון אַט די גלות־קליפּות אַרויסראַטעווען. די אויפגאַבע פון יעדן איז „יחוד קוב״ה ושכינתיה״, דורכצומאַכן די געהעריקע „ספירות״, ווי די ייִדן בשעת יציאת מצרים, די ספירה פון חמשים יום, וואָס האָט זיי אַריינגעפירט אין די היכלות פון שערי בינה ביז צו סיני התגלות...17)

די חסידישע וועלט האָט געזען אין ארץ־ישראל דעם העכסטן אידעאַל פון „רזא דיחודא״, אין דער זוהר־טערמינאָלאָגיע, דער אידעאַל וואָס פירט צום הר ד׳ אין היוכן גייסטיקן באַגריף פון משיחישן ענד־ציל פון אחרית הימים. אויב זיי זענען געבליבן אין גלות צוליב די און אַנדערע מאָטיוון, איז עס דער עיקר געווען, ווייל מ׳האָט מורא געהאַט איבערצולאָזן דאָס פאָלק אויף הפקר אין גלות.

די מנהיגים פון חסידות האָבן געוואָלט דערהויבן דאָס גאַנצע פאָלק צו עליה — אָבער אויף דערוויל געשטיצט מיט אַלע כוחות, סיי די גרופּן, וואָס האָבן עולה געווען און סיי די תושבים פון פריער. חסידות איז איבערפולט פון אַט־דעם דראַנג פון חיבת און ישיבת ציון פון די צייטן פון בעש״ט ביז צו אונדזערע טעג, אַפילו ווען זיי האָבן פון צייט צו צייט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם פּאָליטישן ציוניזם און אויך אַפילו קעגן די פּראַקטישע אָנווענדונגען פון עליה דורך די ציוניסטן, וועל־כע האָבן, לויט זייער אָנשויונג און קאָנצעפּציע, פאַרוואָכעדיקט דעם הייליקן אידעאַל פון חיבת ציון.

אָבער אַפילו פאַר אַט דער פּראַקטישער ציוניסטישער עליה פאַר די לעצטע פופציק יאָר האָבן זיך איניקע אַרויסגעזאָגט צו־גונסטן. אַזוי צווישן די קאָצקער (ר׳ ישראל פּילעווער), אַזוי צווישן גראָדזשיסקער און אַזוי צווישן די קאָזמירער און אַזוי אַנדערע, וועמעס צאָל איז דאָ ניט וויכטיק אויסצורעכענען.

ישיבת ארץ־ישראל איז אין חסידות אַ פונדאַמענטאַלער ענין. אַלץ, וואָס נעמט אַרום דעם ארץ־ישראלדיקן באַדן, איז געהייליקט מיט די עשר קדושות. דאָס זעט מען אין די ספרים און גאָר באַזונדערס אין די בריוו פון די ערשטע חסידישע עולים. ר׳ נחמן האָראָדענקער שרייבט אין אַ בריוו

---

17) פרי הארץ, דרוש לשבת פסח; פ׳ מטות־מסעי; היילפּרין, דאָרט, ז״ז 42—45.

וועגן דעם מאמר „אוירא דא״י מחכים״, אַז אײדער ר׳איז אַהער געקומען, האָט ער געבעטן זוכה צו זיין, צו דאַוונען איין תפילה ווי געהעריק; איצט — שרייבט ער — בעט איך זוכה צו זיין צו זאָגן איין וואָרט פֿאַרן בורא עולם ווי געהעריק.18)

ר׳ נחמן בראַסלאַווער רעדט גאַר אַ סך וועגן עליה19). ער האָט גע־מאַכט א״י פֿאַר דעם צענטער פֿון זיין לעבן און פֿון זיין דענקען. ארץ־ישראל, האַלט ער, גיט חיות צום מענטש נאָך אײדער ער ווערט אָנגעפּילט מיט תורה און אין גלות קען דער מענטש קיין קיום ניט האָבן, אויסער דורך תורה. דערמיט דערקלערט ער דעם מאמר: „דרך־ארץ קדמה לתורה״, אַז דאָס איז דער סוד פֿון דרך־ארץ, ארץ־ישראל. לויט זיין אויפֿפֿאַסונג איז ארץ־ישראל מיט תורה סינטעטיש פֿאַרבונדן; עס איז איינס! דורך די ישוב־העולמדיקע ענינים פֿון זיצן אויפֿן הייליקן באָדן ווערט מען דערהויבן צו די העכסטע מדרגות. כיבוש ארץ־ישראל מיינט די צונויפֿגיסונג פֿון ביידע עלעמענטן, דעם הימלישן און דעם ערדישן — און דאַן קומט אַרויס דער מענטש אַ גאַנצער, אַ פֿולער...

אין חסידות בכלל איז געווען אָנגענומען די מיינונג פֿון זוהר (שמות, קנ״ז, א׳־ב׳) אַז „ציון״, ארץ־ישראל, איז דער מקור פֿון דער גאַנצער וועלט, דער חיות פֿון דער וועלט און אַלע מדינות שעפּן פֿון דאָרט יעדער פֿון זיין חלק אין ציון...

ניט קיין וווּנדער דעריבער די תשוקה זיך צו באַזעצן אין ציון און די תשוקה־אויסדרוקן זענען געווען לויט דעם גייסט פֿון חסידישן מנהיג, רבי נחמן בראַסלאַווער, דער שאַרפֿער אין אַלץ וואָס ער האָט געטראַכט און געזאָגט, ווי עס ווערט דערציילט, האָט ער זיך אַמאָל געזאָלט אויס־דריקן, אַז זיינע תורות האָבן געקענט מרעיש־עולמות זיין אַפֿילו אין דור פֿון האר״י אָדער רבי שמעון בן יוחאי. ער האָט געפֿילט און געטראַכט, אַז עפּעס פֿעלט אים און דעם עפּעס האָט ער געזוכט משלים זיין אין ארץ־

18) זע, סדר הדורות החדש, ז.

19) זע, דובנאָוו, תולדות החסידות, ז. 293; האָראָדעצקי: החסידות והחסידים און אַנדערע.

ישראל. ער איז געווען איבערצייגט, אַז אין הייליקן לאַנד וועט ער דער־גרייכן צו אַלע השלמות ביז צו די העכסטע מענטשלעכע מדרגות.

„ווער ס'וויל זיין אַ ייד — אין ברייטערן זין פון וואָרט — ד"ה, ער וויל גרייכן פון מדרגה צו מדרגה, קען ער דאָס ניט טאָן, סיידן דורך באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל". פאַרן קיין ארץ־ישראל איז געווען זיין לעבנס־אי־דעאַל און איז גרייט געווען צו ברענגען די גרעסטע קרבנות אויף דעם דאָזיקן מזבח, ביז ער זאָל פאַרווירקלעכן אָט די שטרעבונג.

„ער האָט ריזיקירט מיט זיין לעבן — שרייבט זיין געטרייסטער תלמיד ר' נתן נעמיראָווער, אין זיין הקדמה צום ספר „ליקוטי מוהר"ן" — און איז געפאָרן צום הייליקן לאַנד אין קריגס־צייט און שרעקלעכע פאַסירונ־גען האָבן אים געטראָפן אויפן וועג...". ער אַליין דערציילט, אַז מיט יעדן טריט אויף דער געוואָגטער נסיעה האָט ער געהאַט מסירת־נפש.

ווען זיין פרוי האָט דערהערט וועגן זיינע נסיעה־פּלענער — ווערט דערציילט אין ספר „שבחי הר"ן" — האָט זי געשיקט צו אים איר טאָכטער, אים פרעגן, ווי קען ער זיי איבערלאָזן אויף הפקר, פונוואַנען וועלן זיי זיך דערנערן? האָט ער איר געענטפערט גאָר פשוט: דו וועסט פאָרן צו דער מחותנתטע, דיין עלטערע שוועסטער קען ווערן אַ משרת (אַ דינסט), דיין קליינע שוועסטער וועט אימיצער נעמען אויס רחמנות און די מאַמע קען זיין אַ קעכין... איך וויל אַלץ אויספאַרקויפן, כדי צו האָבן הוצאות הדרך.

די בני־בית, דערהערנדיק דעם פאָטערס פּלענער, האָבן זיך שטאַרק צעוויינט, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן פעסט ביי זיין באַשלוס, האַלטנדיק, אַז די גרעסטע העלפט איז סיי־ווי דאָרט... אין לשון פון „שבחי הר"ן": „וכאשר שמעו זאת בני ביתו געו כולם בבכיה, ובכו כמה ימים, ולא היתה לו שום רחמנות עליהם"... „אני רוצה לנסוע לארץ־ישראל, ואני יודע המניעות והעיכובים, שיהיו לי על זה, בלי שיעור וערך. אך כל זמן שיהיה לי רוח חיים באפי אמסור את נפשי ואסע בכל כחי לשם. בכל פסיעה ופסיעה של נסיעתי תהיה לי מסירות נפש".

ר' נחמן בראַסלאַווער איז געווען דער געטרייסטער נאָכפאָלגער פון אָט דעם געפיל פון רבי יהודה הלוי „לבי במזרח ואנכי בסוף מערב". ער איז געווען אינגאַנצן קשור צו דעם הייליקן באָדן פון ארץ־ישראל. ביי אים איז עס אַ פשיטות, אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז זיין אָרט איז ארץ־

ישראל: „המקום שלי הוא רק א״י, כל מה שאני נוסע, הרינו נוסע לא״י לפי שעה אני רועה בברצלב״.

ר׳ נחמן בראַסלאַווער האָט אַמאָל געזאָגט צו זיין תלמיד ר׳ נתן:

— מיטן פשוטן בליק זעט מען נישט קיין חילוק צווישן ארץ־ישראל און אַנדערע לענדער; דער, וואָס איז זוכה צו גלויבן אין דער קדושה פון ארץ־ישראל, דער קען זען דעם חילוק... דורכדעם וואָס מען בויט עפּעס אין ארץ־ישראל ווערט מען אַליין דערהויבן... ווייל איז דעם, וואָס איז זוכה צו גיין אין ארץ־ישראל אַפילו נאָר פיר איילן... אין אַלע זיינע ספרים (שבחי מהר״ן, שיחות הר״ן, לקוטי עצות א׳אַנד.) ברענגט ער אַרויס די געגועים זיינע עולה צו זיין און ווינען אין ארץ־ישראל. דערגרייכט האָט ער בלויז אַ טייל פון זיין ווונטש, צו באַזוכן ארץ־ישראל — אָבער ניט געבליבן קיין תושב 20).

אין תקנ״ח, ערב פסח, האָט ר׳ נחמן געזאָגט צו זיינע חסידים, אַז דעם יאָר פאָרט ער קיין ארץ־ישראל. און באַלד נאָך יום־טוב האָט ער זיך גענו־מען גרייטן צו דער נסיעה. דעם 18טן טאָג אין אייר (ח״י אייר) האָט ער פאַרלאָזט דעם רוסיש־אוקראַיִנישן באָדן און ערב ראש־השנה, נאָך פאַר־שיידענע פּלאָגענישן וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אויפן וועג, איז ער אָנ־געקומען אין חיפה.

ר׳ נחמן איז דאָרט געווען אַ גאַנצן ווינטער און עוסק געווען אין גרויס התמדה אין די ספרי קבלה און זיך משתטח געווען אויף די קברים פון די מקובלים....

נאָך פורים האָט ער פאַרלאָזט ארץ־ישראל און אויף שבועות איז ער אָנגעקומען קיין גאַלאַץ. ער איז דאַן געפאָרן צו ר׳ שניאור־זלמן דעם בעל־„התניא״ וועגן ארץ־ישראל זאַמלונגען, זיך באַמיט צו מאַכן שלום און אויס־גלייכן די סכסוכים צווישן אים און ר׳ אברהם קאַליסקער און פאַר דעם צוועק באַזוכט נאָך אייניקע אדמור״ים.

מיט אַ נייעם גייסט און האַרץ האָט ער זיך אומגעקערט צו זיינע חסי־דים. זיין באַזוך אין ארץ־ישראל האָט אויף אים געמאַכט אַזאַ איינדרוק,

20) זע, א. ר. מלאכי, ר׳ נחמן מברצלב בארץ ישראל, הדואר גליון החסידות (ל״ח) 929—930. מער באריכות אין אַ ווייטערן קאַפּיטל.

אַז ער האָט זיך דאָן אויסגעדריקט 21) „מיין פלאַץ איז בלויז ארץ־ישראל, אַלע מיינע נסיעות זענען קיין ארץ־ישראל. ווער עס וויל זיין אַן אמתדיקער ייִד, זאָל ער טאָן אַלץ מעגלעכס און זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל 22). דער עיקר מוח און מחשבה איז אין ארץ־ישראל" 23). ער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף זיין גאַנץ לעבן פאַר דער דאָזיקער נסיעה ווי ער וואָלט גאָרנישט ניט אויפגעטאָן און אָנגעזאָגט ניט צו פאַרשרייבן זיינע תורה־שמועסן פון פאַר דער נסיעה.

אין דער חסידישער ליטעראַטור, ווי אין די ספרי המקובלים, איז די מצוה פון ישוב און עליה קיין ארץ־ישראל פאַרבונדן מיט די עקרים פון ייִדישקייט און תורת משה. אין דער דאָזיקער מצוה זענען דאָך אָפּהענגיק די עקרי התורה: „והורשתם את הארץ וישבתם בה" (מצות עשה אין דער תורה) געטאָפּלט אין נביאים: „וישבתם בארץ אשר נתתי לאבותיכם והייתם לי לעם ואנכי אהיה לכם לאלקים און צום דריטן מאָל אין כתובים: „כי אלקים יושיע ציון ויבנה ערי יהודה וישבו שם וירושוה".

פינף גדולי התנאים: רבי יהודה בן בתירה, רבי מתיא בן חרש, רבי חנניא בן אחי, רבי יהושע און רבי נתן זענען מיט דער מיינונג, אַז „ישיבת ארץ־ישראל שקולה כנגד כל המצוות" און אַנדערע חכמים אין דער תוספתא קומען צום אויספיר, אַז „שקולה כנגד כל מצוות שבתורה". ווי דער רמב"ן (סוף אחרי מות) דערקלערט עס, איז „עיקר כל המצוות ליושבים בארץ" און אַז דערפאַר האָט גאָט אויסגעקליבן דאָס פאָלק ישראל, ווייל זיי זענען מסוגל צום לאַנד און צו דער תורה און ווען ייִדן זיצן אין לאַנד און זענען מקיים די מצוות, באַקומט ארץ־ישראל די קדושה פון „עיני ד' אלקיך בה", דער רבונו־של־עולם ווערט דאַן גערופן אלקי ארץ־ישראל 24).

מיטן אויפקום פון פאָליטישן ציוניזם, דעם אַזוי גערופענעם הערצליאַנישן ציוניזם, האָבן אַ צאָל חסידישע מנהיגים, ווי אויך באַרימטע רבנים פון מתנגדישן דרך, גענומען באַקעמפן דעם ציוניזם און במילא די עליה

---

21) שיחות הר"ן, קנ"ג.

22) חיי מהר"ן, נסיעתו לא"י.

23) דאָרט, חלק א', שיחות ט"ו. באריכות צו זען, שמואל אבא הורודצקי, לקורות החסידות והחסידים, ברדיטשב, תרס"ו, ז"ז 44—45.

24) זע, רמב"ן באריכות.

דורך די ציוניסטישע אַגענטורן און ציוניסטישע השפעות. זיי האָבן אַפילו, מסתמא בכוונה, ניט געוואָלט אין דעם דאָזיקן קאַמף מיט די וועלטלעכע ציוניסטן אָנווייזן, אַז די ראשונים לציון זענען געווען ניט די מענטשן פון ביל״ו און ניט אַפילו די גרינדער פון „ראשון לציון״ (באַראָן ראָטשילד) און אוודאי ניט די ציוניסטן פון נאָכן ציוניסטישן קאָנגרעס מיטן באַזעלער פּראָגראַם.

דער פאַקט איז אָבער, אַז די ערשטע עולים אין דער נייער צייט זענען געווען די תלמידי הבעש״ט (טבריה, תקל״ז) און כמעט אין דער זעלביקער צייט האָבן עולה געווען די תלמידי הגר״א, איינער פון זיי, ר׳ מענדעלע פון שקלאָוו (מחבר פון ספר „מים אדירים״). דערנאָך זענען געקומען די „דריי ברידער רבנים״: ר׳ אשר לעמיל, ערשטער ראש־בית־דין אין ירו־שלים, ר׳ יעקב־ליב, ראב״ד אין ירושלים פון יאָר תרי״א ביז תרמ״ט (יאָר פון זיין פטירה) און ר׳ נחום טשאדיק (ירושלימער ראש־ישיבה) א״אַנד.

בלויז און נאָר אין דער לעצטער עפּאָכע, די עפּאָכע פון דעם אַזוי־גערופענעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזויפיל חשד אין די עקסטרעם־רעליגיעזע קרייזן פוןביידע ריכטונגען: דעם מתנגדישן ווי דעם חסידישן, האָט מען געקענט הערן די פאַרביטערסטע קעגנערשאַפט צום ציוניזם, און דער יידישער פאָלקלאָר (לויט מ. ליפסאָן) זאָל האָבן צו דערציילן, אַז אַ חסיד איז אַמאָל געקומען פרעגן אַן עצה ביי דעם קדוש ר׳ שמואל־שלמה ראַדזינער הי״ד וואָס ער זאָל טאָן.

— רבי — האָט ער אים געזאָגט — איך וויל אַרויס פון פוילן און האָב צוויי וועגן: פאָרן קיין אַמעריקע אָדער עולה זיין קיין ארץ־ישראל; וואָס זאָל איך טאָן

— אויב דו ווילסט — ענטפערט אים דער רבי — עולם־הבא, זיץ אויפן אָרט, אין פוילן. אויב דו ווילסט עולם הזה — פאָר קיין אַמעריקע. אויב דו ווילסט ביידע פאַרלירן, ניט צו האָבן ניט עולם הזה און ניט עולם הבא — זיי עולה קיין ארץ־ישראל!

אין אַ פריערדיקער עפּאָכע, ווען איינער פון די פירער פון די חובבי־ציון האָט געהאַט אַ געשפּרעך מיט איינעם פון די אדמו״רים פון דער חב״דער דינאַסטיע, ר׳ ליב קאַפּוסטער, האָט דער לעצטער אים געזאָגט:

— זאָגט די רבנים און די אַלע מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט ישוב

ארץ־ישראל, אַז אויך איך געפין ניט ווייניק תועלת אין דער דאָזיקער באַוועגונג, ווייל זי קען דערנענטערן הערצער... איך פאַרזיכער אייך, אַז יעדער, וואָס וועט פרעגן מיין עצה, וועל איך אים שטאַרקן צו טאָן ווי ווייט מעגלעך פאַר די חובבי ציון. לך בשם ד׳ והצלח לראות פרי בעמלך..."
(כנסת ישראל, שנה שניה, חוב׳ א׳, תרמ"ח).

צדקת רבי מאיר בעל הנס און אַנד. צדקות זענען אויך געווען אַ גורם צו עליה און בנין הארץ — און די דאָזיקע צדקות זענען דאָך געשטיצט געוואָרן פון אַלע גדולי האדמור"ים.

דער סאַדיגערער רבי, ווי ס׳ווערט דערמאָנט, האָט אַמאָל געזאָגט: מיר האָבן צוויי בערג, דעם מוריה־באַרג און דעם הר־סיני. דער הר־מוריה אין ארץ־ישראל איז געהייליקט אויף דורות; דער הר־סיני אין חוץ־לארץ, האָט מער ניט קיין קדושה, כאָטש ער האָט דעם יחוס פון תורה...

ס׳איז אויך כדאי צו דערמאָנען, אַז איינער פון די הויפּט־פאָרשער פון חסידיזם, ר׳ אהרן מאַרקוס, דער האַמבורגער אינטעלעקטואַל וואָס האָט זיך באַזעצט אין גאַליציע און געוואָרן אַ פייערדיקער חסיד און אָנגעשריבן צוויי ווערק וועגן חסידות, איז געווען אַ שטאַרקער הערצליאַנישער ציוניסט.

הערצל דערמאָנט אין זיין טאָג־בוך 25):

דער חסיד אהרן מאַרקוס פון פּאָדגורזשע האָט מיר געשריבן נאָך אַ שיינעם בריוו, אין וועלכן ער דריקט אויס די מעגלעכקייט, אַז די דריי מיליאָן פּוילישע חסידים זאָלן זיך אָנשליסן צו מיין באַוועגונג. מיין ענטפער צו אים איז, אַז די צוזאַמענאַרבעט מיט די פרומע איז זייער דערפרייענדיק — אָבער קיין טעאָקראַטיע ווילן מיר ניט מאַכן...

2. חסידות און ישוב הארץ

ווי געזאָגט, האָבן די באַגרינדער פון חסידות איינגעשלאָסן ישוב און בנין הארץ ניט בלויז אין זייערע קבלה־קאָנצעפּציעס; זיי האָבן אויך פאַר־

25) כרך ב׳, ז׳ 23, דאַטירט: מאַי 8, 1896.

שטאַנען דעם פּראַקטישן זין פון „גאולת הארץ וישראל" דורך פאַרייניקן תורת ישראל מיט טבע הארץ. אין גלות, האָבן זיי, ווי רעליגיעזע חובבי ציון, פאַרשטאַנען, שטערט די טבע־גלוסטונג צום לערנען, „המהלך בדרך ואומר מה נאה אילן זה... פּוסק ממשנתו... מתחייב בנפשו"... אין ארץ־ישראל האָבן זיי אָבער געזען אַ מעגלעכקייט צו פאַרייניקן תורה מיט נאַטור און דאָס ניט בלויז טעאָרעטיש, נאָר בפועל ממש.

ר' דובער, דער זון פון בעל „התניא", האָט דער ערשטער זיך געווענדט מיט אַ קול־קורא צו גרינדן יידישע קאָלאָניעס אין רוסלאַנד, שאַפן יידישע ערד־אַרבעטער און אַזוי אַרום צוריקקומען צום מקור, צו דעם צוזאָג צו אברהם אבינו: „כי לך ולזרעך אתן את הארץ". באַדן־קול־טיווירונג איז געווען אַן עיקר גדול אין אונדזער עקזיסטענץ, ווי פלאַוויוס דריקט זיך אויס: „כי הנה אנחנו לא שפת הים היא מושבנו, ולא המסחר נותן שמחה בלבנו, ובעבור זה אין אנו באים בקהל עמים זרים, ונחלתנו היא ארץ טובה ופוריה, ואת אדמתה אנחנו עובדים... וגם לא נמשכו אבותינו אחרי המלחמות למען שלל או להרחיב את נחלתם כדרך יתר העמים ואף כי מלאה הארץ רבבות אנשים גבורי־חיל" 1).

די פירער פון חסידיזם, ווי די פון מתנגדיזם, האָבן ביידע אָנערקענט דעם מאמר חז"ל: „ומה ראו לומר קיבוץ גלויות לאחר ברכת השנים? דכתיב ואתם הרי ישראל ענפיכם תתנו ופריכם תשאו לעמי ישראל כי קרבה לבוא" (מגילה י"ז, ע"ב) און ווי עס ווערט צוגעגעבן אין דער גמרא (סנהדרין צ"ח, ע"א) „אין לך קץ מגולה מזה", שנאמר „ואתם הרי ישראל"... פון נביאים־תקופה ביז רבנות עפּאָכע איז עס תמיד געווען אַ פאַרשטענד־לעכע זאַך, אַז קדושת ארץ־ישראל מיינט קדושת־החיים און טהרה דורך מצוות האדמה, דורך עובדי האדמה, וועמעס עקזיסטענץ איז אָפּהענגיק דורך זייער יגיע־כפּימדיקייט.

די רעליגיעזע יידן מיט זייער ליבשאַפט צו ציון האָבן אָן צווייפל געמיינט, סיי די פּראַקטישע און סיי די גייסטיקע עליה וואָס אַ ייד האָט בעתן וווינען אין ארץ־ישראל. פרומע יידן פלעגן דאָך שטאַרק האַלטן פון דעם מנהג צו עסן און געניסן פון די פירות פון ארץ־ישראל. חמשה־עשר־

1) נגד אפיון, הוצ' שמחוני, ז' ט"ז.

בשבת, אָדער ווי מען רופט אים היינט ט״ו בשבט, פלעגט דאָך באַטראַכט ווערן פאַר אַ יום־טוב. דאָס פאַרזוכן די ארץ־ישראלדיקע פּרוכטן: באָק־סערס, פייגן און טייטלען און מאַכן אַ ברכה איבער זיי, האָט געמיינט דערמאָנען זיך אין ארץ־ישראל, אין דער ארץ־ישראלדיקער נאַטור, אין אירע פלאַנצונגען, דערמיט האָט מען געוועקט די האָפענונג נאָך אַמאָל צו זיין אין יידישן לאַנד און זיך פאַרבינדן מיט איר עבר און עתיד.

דער ראש־השנה פון ארץ־ישראל־בוים האָט געבראַכט יום־טובדי־קייט אין יידישן גלות. נאָכפאָלגנדיק די יידישע טראַדיציע, האָט מען געזען אין דעם פופצנטן טאָג פון שבט, דעם אָנהייב־יאָר פאַר ביימער, דער טאָג ווען די ביימער ווערן געמשפט דורך דעם שעפער פון דער וועלט: ווער פון זיי זאָל בליען און וואַקסן און ווער עס זאָל ווערן פאַרדאַרט און פאַר־וועלקט — און אינעם בוים האָט מען געזען דעם מענטש און זיין גורל.

די חסידישע און ניט־וויניקער מתנגדישע וועלט, איז געווען איבער־צייגט אין דעם מאמר חז״ל אויפן פסוק: „ואתן לך ארץ חמדה, נחלת צבי״2). אמר רבי ירמיה בר אבא, אמר ר׳ יוחנן: כל המהלך ארבע אמות בארץ ישראל, מובטח לו שהוא בן העולם הבא 3) ווער נאָר עס באַטרעט פיר איילן אין ארץ־ישראל איז ער זיכער מיט עולם־הבא.

פונקט ווי ציון־ליבשאַפט האָט דערגרייכט דעם העכסטן עקסטאַז אין די לידער פון רבי יהודה הלוי, אַזוי האָט זי געפונען אויסדרוק אין דער קבלה וואָס זוכט אויף אַ מיסטישן אופן צו דערקלערן די וועגן פון גאולה, שטאַרקן די פאַרצווייפלטע מאַטערנדיקע זוכעניש פון גאולה; גלויבנדיק, אַז דורך דער אַנטפּלעקונג פון זוהר וועט מען זיך דערנענטערן צו דער פולקאָמער דערלייזונג, ווי עס ווערט געזאָגט אין ספר התקונים: „אמר לי׳ אליהו לרשב״י, רבי, כמה זכאה אנת דמהאי חבורי דילך, מתפרנסין כמה עילאי, עד דאתגלייא לתתאי בסוף יומיא ובגיני׳ ושבתם איש אל אחוזתו ואיש אל משפחתו תשובו״...

גאולה און שיבת־ציון־אידעאַלן זענען געווען די טרייב־קראַפט פון חסידות — די לעצטע און גרעסטע פון אַלע רעליגיעזע פאָלקס־באַוועגונ־

2) ירמיהו, ג׳, י״ט.
3) כתובות, קי״א.

גען. פון בעש״ט ביזן קאַצקער ציט זיך איין קייט פון אַט דער שטרעבונג. חסידיזם געפינט דעם תיקון אין אויסלייזונג פון פאָלק און צוריקקער אין לאַנד, ווייל, ווי דער מדרש זאָגט 4) אויפן פסוק „בחרתי הסתופף בבית ד׳ (תהלים, פ״ד, י״א) מהו הסתופף? ר׳ תנחום ברבי חנילאי ורב, חד אמר: אמר דוד לפני הקב״ה, רבונו של עולם! אפילו יש לי פרקלטין וטרקלין בחוצה לארץ, ואין לי אלא הסף בארץ־ישראל — בחרתי הסתופף; וחד אמר: אַפילו לא יהא לי לאכול בארץ־ישראל אלא ספוף של חרובין — בחרתי הסתופף!״.

דער זוהר איז פול מיט מאמרים וועגן דער קדושה פון ארץ־ישראל 5) און וועגן אוירא דארץ־ישראל. זאָגט דער זוהר, אַז ער איז מחכים ומרמז נבואה 6) און ניט אומזיסט דריקט זיך אויס רבי יהודה הלוי (1070—1140): „חיי נשמות אויר ארצה״ און אין כוזרי (מאמר א׳): „ארץ כנען היא אדמת הנבואה״ און ווייטער (מאמר ה׳): „הלב והנפש אינם טהורים וזכים כ״א בתוכה״. און אין פּאָעזיע: „לבי במזרח ואני בסוף מערב איך אטעמה את אשר אוכל ואיך יערב״.

דער רמב״ם (1040—1135) פּסקנט להלכה (הלכות): „אסור לצאת מארץ־ישראל לחוץ לארץ לעולם אלא ללמוד תורה או לישא אשה או להציל מן העכו״ם. כל השוכן בארץ ישראל עוונותיו מחולים — ואפילו הלך ארבע אמות זוכה לחיי עולם הבא, וכן הקבור בה נתכפר לו״. דער רמב״ם האַלט, אַז עס איז אַן איסור אַרויסצוגיין פון ארץ־ישראל.

פון רמב״ן איז דאָך אָפּגערעדט, ווי מיר האָבן שוין פריִער ציטירט פון זיין פירוש אויפן פסוק: „וישבתם בה״, און פון זיין ספר המצוות. דער גרויסער מקובל האָט זוכה געווען צו געפינען זיין קבר אינעם געהייליקטן באָדן (זיין קבר איז אין עכו). ער זעט די בהדרגהדיקע גאולה: „ראשית הגאולה העתידה תהיה על־פי רשיון המלכיות ויהיה קצת קבוץ גלויות ואח״כ יוסיף השם יתברך שנית ידו כדכתיב „ושב את שבותך״ ואח״כ: „ושב וקבצך מכל העמים 7). כדאי דאָ צו דערמאָנען נאָך די רייד פון אַן

4) תנחומא, ראה.
5) זע, ילקוט הזוהר.
6) ז״ח, ויצא, כ״ח, ע״ב.
7) פירוש המיוחס להרמב״ן על שיר השירים.

אַנדערן מקובל, וועלכער האָט געלעבט אין ארץ־ישראל, רבי חיים בן עטר, דער אור החיים הקדוש (1690—1743): „והיה" לשון שמחה, להעיר שאין לשמוח אלא בישיבת ארץ־ישראל.

מ׳דאַרף דאָך ניט קיין גרעסערן און שאַרפערן מתנגד פון רבי יעקב עמדין (1697—1776) און ווען עס קומט צו דער פראַגע ארץ־ישראל, זאָגט ער זיך אַרויס מיט די שאַרפסטע ווערטער, אַז יעדער ייד דאַרף זען מיט אַלע מעגלעכקייטן עולה צו זיין און וווינען אין ארץ־ישראל: „ולזה הצריך כל אדם מישראל לעשות הסכמה קבועה בלבו לעלות ולדור בא״י ולהשתוקק להיות זוכה שם להתפלל פני היכל ד׳, אף־על־פי שחרב לא זזה שכינה ממנו (פון זיין הקדמה צום סדור).

פון בעש״ט (1700—76) האָבן מיר דאָך שוין פריִער דערמאָנט, אַז ער האָט תמיד געהאָפט צו האָבן די מעגלעכקייט זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל; ער האָט זיך תמיד געגרייט צו דער נסיעה, נאָר פון הימל האָט מען אים ניט געלאָזט פאָרן (זע, קהל חסידים). „הבעש״ט ראה את כל אבריו ודיוקנו בא״י, רק עקביו לא ראה 8). ארץ־ישראל, האָבן חסידים באַטראַכט ווי דאָס אָרט פון דער שכינה: „ארץ ישראל היא השכינה עצמה" (פרי הארץ).

דער חתם ספר (ר׳ משה סופר, התקכ״ג—הת״ר — 1762—1837) האָט אין זיינע ספרים געלערנט צוויי יסודותדיקע אידעאָלאָגיעס: ניט צו פאַרגעסן דעם גלות־געפיל און זיין באַהויכט פון דער משיחישער האָפענונג און שיבת־ציון, ווי ער זאָגט עס אַזוי קלאָר: „הלא נבוש והלא נכלם אם נשכח ירושלים ולא נעלה על לבבינו כי זה י״ז מאות, ונ״ט שנים נטשנו נחלתינו ועזבנו ארצנו... ולא מצאנו מנוח בכל ד׳ כפות הארץ. אין שום ארץ ומדינה הסובלת אותנו ואנחנו גרים 9).

אַ גרויסער טייל פון זיין קאַמף קעגן דער דייטשער השכלה איז געווען צוליב זייער ציל אַרויסצונעמען פון אונדזערע תפלות יעדע האָפענונג אויף גאולה און שיבת־ציון און זייער שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז דער

8) דרך אמונה ומעשה רב.

9) דרשות חת״ם, חלק ב׳, דף 325; זע, באריכות הרב ד״ר אליעזר כ״ץ, החתם סופר ויחסו לא״י, „שערים", ב׳ אדר תשי״ד (5.2.54) — ט׳ אדר א׳ תשי״ד (12.2.54).

גלות איז אויף אייביק, אַז ייִדן מוזן בלייבן אין זייערע ווינקעלעך — און דעריבער האָט ער געהאַלטן, האָט מענדעלסאָן געשאַפן די סינטעזע פון דער ייִדישער קולטור מיט דער מערב־אייראָפּעיִשער 10).

דער חתם סופר האָט געזען די געפאַר פון רעפאָרם, דורך זייער פּראָפּאַגירן דעם געדאַנק פון דער ייִדישער מיסיע אין גלות, די מיסיע פון אמונה (און ניט פון אַ נאַציאָנאַל פאָלק), צו פאַרשפּרייטן דעם ייִדישן גלויבן אויף דער וועלט, צו פאַרשפּרייטן די ייִדישע עטיק און די ייִדישע מאָראַל. דער חת"ס האָט אין דעם געזען די גרעסטע סכנה פאַרן המשך פון ייִדישן פאָלק ווי אַ נאַציע מיט נאַציאָנאַלע אַטריבוטן. די דאָזיקע אידעען — האָט ער געזען — פירן צו אַסימילאַציע.

דער אמת איז דאָך, אַז אָט די מתקנים האָבן אין זייער נייעם סדור אַרויסגענומען יעדן אויסדרוק פון ציון, אַפילו אין זיין גייסטיקן אַבסטראַקטן באַגריף. צו אַלע נאַציאָנאַלע ווערטן זיך באַצויגן נעגאַטיוו און געזען אין ייִדישן פאָלק בלויז אַ רעליגיעזע סעקטע 11).

דער חתם סופר האָט באַקעמפט אָט די אויסטראַכטעניש „דת משה", וואָס איז אַזוי שעדלעך פאַר דער צוקונפט פון ייִדנטום 12). צו זיין איסור צו שפּילן אין שול אויף אַן אָרגל, געפינט ער אַ טעם אין דעם פּסוק: „איך נשיר את שיר ד' על אדמת נכר" (תהלים קל"ז, ד'). זינגען אַפילו שירות ותשבחות אין גלות ווי מען זינגט אין בית־המקדש, מיינט אויפגעבן די האָפענונג אויף דעם אומקער צו ציון: „לנגן בבהכ"נ בכינור ועוגב לפע"ד הוא איסור מפ' על נהרות בבל... כי בודאי, לשורר לפני הכשדים החשובים לבד היה די באומרם איך נשיר שיר ד' לפני בני נכר, מאי על אדמת נכר, אע"כ היו רוצים שישירו לד' בהודות והלל על ישיבתם בבבל בהשקט אחר החרבן, שהיו צריכים להראות לפני המלך יאוש מלחזור לירושלים וכאלו מודים לד' שזכו לחסות בצלו, ומ"מ לא רצו לזמר בתפלתם כדרך

---

10) זע, דאָרט, אינטערעסאַנטע קאָמענטירונג און אינטערפּרעטירונג „שערים" ב' אדר תשי"ד (5.2.54), ט' אדר א' תשי"ד (12.2.54).

11) דאָרט, ציטירט פון אברהם גייגער, חיים ועבודת חיים; מער באריכות אין די ווערק פון הרב יקותיאל גרינוואַלד.

12) זע, דרשות חת"ס, חלק ב', ז' של"ד.

שעשו בבהמ״ק, כאלו שכחו ירושלים ונתיאשו ממנה וזהו שאמר שם ישבנו, בהשקט, ואפ״ה גם בכינו בזכרנו את ציון...״ 13).

דאַכט זיך, קיין בעסערן ציוניסטישן טריבון דאַרף מען ניט האָבן. אויף אַן אַנדער אָרט 14) זאָגט ער: „כי אין עיקר קיום התורה והמצוות אלא בארץ החיים, היא ארץ־ישראל״... פאַרענדיק די פעלקער, וואָס גיבן יידן גלייכבאַרעכטיקונג, וואָרנט ער גלייכצייטיק די רעפאָרמער און בעט זיי נאָכצוגעבן, אַז מ׳טאָר בשום אופן ניט מקריב זיין דעם נאַציאָנאַלן גע־פיל אויפן מזבח פון בירגערלעכער פרייהייט 15), שרייבנדיק: „...שמנו לחן ולחסד בעיני מלכי האומות אשר אנו מחויבים לדרוש שלום... ואין ספק כי שכרם רב מאת ד׳, אשר אינו מקפח שכר כל בריה... אבל בכל זאת אין רע, אם נוחיל ונצפה לשוב לאחוזת נחלותנו והיה מן הטוב ההוא אשר ייטיב ד׳ עמנו והיה טוב גם לאומות העולם״.

דער חתם סופר ווי די אַנדערע גדולי התורה והחסידות דערמאָנט כסדר אין דעם פליכט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל 16) און זען צו גע־פינען דאָרט חיונה אויף אַ באַזע מען זאָל ניט דאַרפן לעבן פון צדקה און אַוועקנעמען פון די אָרימעלייט 17).

ער האָט פיינט געהאַט דעם גלות, אים האַלטנדיק פשוט פאַר אַ קבר אין אין ארץ־ישראל געזען די העכסטע קדושה. „קרקע א״י קדושה יותר משמים של חו״ל 18) און דאָס ווינען דאָרט שטייט העכער ווי חיי עולם הבא, טייטשנדיק דעם מאמר: „טובה שעה אחת של תשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא״ (דאָרט איז בעסער איין שעה ווי דאָס גאַנצע עולם־הבאדיקע לעבן), אַז דאָס איז געמיינט נאָר אין ארץ־ישראל 19).

---

13) שו״ת חושן משפט, סימן קצ״ב; נאָך שטאַרקערע ווערטער אין שו״ת חת״ס, חלק ו׳, סימן פ״ד; הרב כ״ץ, דאָרט באריכות.
14) דרשות חת״ס, חלק ב׳, ש״ס.
15) זע, דרשות, חלק א׳, ה׳ און תשובות, חלק ו׳, פ״ד.
16) שו״ת יור״ד, סימן של״ב.
17) זע. כ״ץ, באריכות.
18) דרשות, חלק ב׳, דף שכ״ד.
19) דרשות, דאָרט דף ש״ח.

אויב, — זאָגט ער — מ׳זאָל פאַרלאָזן די האָפענונג אויף גאולה, איז דאָך אונדזער פאָלקס־עקזיסטענץ אין סכנה... לויט זיין מיינונג, איז דאָס געווען דער געדאַנק פון רבי יהודה החסיד, אַז עס איז אַ סכנה צו שטעלן אַ שטיינער־הויז אין אַ פּלאַץ ווו ס׳איז נאָך נישט באַוויינט. די סכנה מיינט ער, איז אַ נאַציאָנאַלע; דער צוועק איז, מ׳זאָל זיך ניט פאַרנעמען צופיל מיט בויען בנינים אין גלות...

דער חתם סופר האָט פיינט דעם גלות בתכלית השנאה, ווייל ער האַלט אַז אַלע צרות קומען פון גלות־לעבן, „תכלית רעתנו... פיזור ולויות (דרשות, חלק א׳, דף רצ״ט) און אויף אַן אַנדער אָרט: „כי ע״י מאכלות ומשקים מארץ הטמאה בעו״ה... נתהפך גופנו״ (דאָרט, ח״ב, ש״י). און אַזוי אומ־ציילוקע מאָל רעדט ער וועגן דער מיאוסקייט פון גלות־לעבן, וואָס איז גורם צו אַלע איבלען און שטעלט אין געפאַר סיי די פיזישע און סיי די גייסטיקע עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק. ער גייט אַזוי ווייט צו באַהויפּטן, אַז דער גלות איז אַ קבר... „הגלות נקראת קבר... כי בארץ ישראל יש חיים כפולים. ארץ־ישראל גופא היא ארץ חיים משא״כ בחוץ לארץ נחשבים כמתים 20).

דער חתם סופר זעט די געגועים און שטרעבונגען אין דעם יידישן אויפלעב אין ארץ־ישראל אַלס אַן אחיזה אין גלות. אַ דאַנק דער אמונה אין תחיית ארץ־ישראל, קען דער ייד עקזיסטירן אין גלות. זיינע ווערטער זענען: „שאעפ״י שעל כרחינו אנו בגולה... היינו רק... גופינו אבל לא מחשבותינו... ובכל מקום שאנחנו יושבים, אנו יושבים על האדמה הקדושה כמחשבותינו״ (דאָרט, באריכות).

און רעדנדיק וועגן דעם ענין שיבת־ציון אין דער חסידישער און אין דער רבניש־גאונישער וועלט, איז וויכטיק דאָ צו ברענגען בריוו, וואָס דער תלמוד־פאָרשער און מחבר רבי חיים בלאָך האָט לעצטנס פאַרעפנט־לעכט אין זיין ספר „לתולדות המהרש״ם״. די דאָזיקע בריוו זענען בלי־ספק אַ וויכטיקער בייטראָג צו דער געשיכטע פון חיבת־ציון. ער פאַר־עפנטלעכט די בריוו קעגן ציוניזם פון רבי יעקב ליסער (חוות דעת), פון מהר״ץ חיות און פון ר׳ שלמה קליגער, בראָדער רב וועגן דעם תוס׳

---

20) תורת משה, מהדורא א׳, פ׳ וישב, פסוק אל פני.

כתובות ק״י, ע״ב (מיינונג פון ר׳ חיים כהן) זיי דערקלערן עס, אַז דער־פאַר ווייל ס׳זענען דאָ אַ סך מצוות, וואָס זענען אָפּהענגיק אין ישוב ארץ־ישראל און מיר קענען זיי ניט אָפּהיטן ווי געהעריק, איבער דעם איז היינט ניט קיין מצוה צו וווינען אין ארץ־ישראל, „כי יש כמה מצוות התלויות בארץ וכמה עונשין דאין אנו יכולין ליזהר בהם ולעמוד עליהם, כנים ונאמנים הם ושלא תלמיד טועה כתבם ושחלילה לחשוב בהקרבת קרבנות לפני ביאת המשיח כשיטת רצ״ק).

ר׳ חיים בלאָך ברענגט אויך אַ בריוו פון מהרש״ם צו ד״ר ש. בלאָך 21) באַווייזנדיק, אַז לויט דער שיטה פון ר״ח כהן (תוס׳, דאָרט) איז נישטאָ אין אונדזער צייט די מצוה פון וווינען אין ארץ־ישראל. דער מהרש״ם ציטירט אויך פון חוות יאיר (שו״ת, סימן ר׳), וואָס האַלט אויך אַזוי, שרייבנדיק צו איינעם פון זיינע פרעגער: „מקומו אל ינח כמו אלפי אלפים תלמידי חכמים וחסידים שכבודם בחו״ל״.

ר״ח בלאָך דערציילט אויך 22) אַז ווען ס׳איז פאַרפענטלעכט געוואָרן די שו״ת מהרש״ם (חלק א׳, וואַרשע, תרס״ג), האָט ער באַקומען דראָונגס־בריוו, באַגלייט מיט זלזולים, אָבער דער פוסק־אחרון פון מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום האָט זיך ווייניק וואָס געשראָקן, נאָר זיך געהאַלטן ביי זיין מיינונג.

ער ברענגט אויך פון מהרש״ק (שו״ת ספר האלף לך שלמה), אויס־פירנדיק להלכה, אַז בזמן הזה איז נישטאָ קיין חיוב עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. דער מהרש״ק — באַמערקט ער — האָט אוודאי געזען דעם מה־רי״ט, אַז די ווערטער פון ר״ח כהן האָט אַ תלמיד טועה געשריבן...

און גאָר אינטערעסאַנט איז, וואָס ער דערציילט וועגן ר׳ שלמה סופר. דער לעצטער האָט אים איבערגעגעבן, אַז ווען מ׳האָט געגרייט צום דרוק די שו״ת ח״ס חלק יו״ד, האָט מען געפונען די תשובה צו ר׳ צבי קאַלישער ז״ל, זיין פאָטער, דער כתב סופר, וויסנדיק, אַז דער חת״ס האָט געהאַט אַביסל הקפדה אויף רצ״ק פאַר זיין באַמיִונג, אַז די רבני ירושלים זאָלן אַרויסגעבן אַ דערלויבעניש מקריב צו זיין קרבנות 23), און אויך דערפאַר,

---

21) שו״ת מהרש״ם, חלק ראשון, סימן י״ח.

22) דאָרט. ז„ 50.

23) זע, תשובה חיו״ד, סימן רל״ו.

וואָס ער האָט געשריבן אַז די גאולה וועט קומען בדרך הטבע, האָט אים דער חת״ס געשריבן:

„א״א לי בשום אופן להאמין שיהי׳ גאולתנו אחד מעיקרי הדת, שאם יפול היסוד תפול החומה חלילה. אנחנו לא נעבוד ה׳ לאכול פרי הארץ ולשבוע מטובה, לעשות רצונך אלוקי חפצתי ועכ״פ ועל כל אופן עבדי ד׳ אנחנו. יעשה עמנו כרצונו וחפצו אין זה עיקר ולא יסוד לבנות עליה שום בנין אך כיון שעיקר יסוד הכל להאמין בתורה ובנביאים ושם נאמר גאולתנו האחרונה בפ׳ נצבים ובפ׳ האזינו כמ״ש רמב״ן שם והרבה מזה בדברי הנביאים, אם כן מי שמפקפק על הגאולה הלז, הרי כופר בעיקר האמנת התורה והנביאים...״

און ער ציטירט נאָך מער פֿון דער דאָזיקער תשובה (חלק יו״ד, סימן רל״ג):

„וכבר עלה בלבי לומר לפמ״ש רמב״ן באגרת הנפלא שלו שכל מקום המקודש יותר מחברו, הרב ושמם יותר מחברו, הואיל בעוה״ר עדיין לא הגיע עד עתה בניניו. ע״כ הי׳, זאת כדי שלא יתישב ירושלים ביתר עז, כי לא זכינו לכך. מי יתן ויזכני השי״ת לחיות ממישבים של ירושלים ועכ״פ לא ממהרסים ומחריבים חלילה להאריך גלות ישראל״ (ר״ח בלאָך באַ־מערקט אַז די דאָזיקע תשובה איז געשריבן געוואָרן מיט 120 יאָר צוריק).

און הרב בלאָך שרייבט ווייטער:

„בזמן האחרון התחיל המזרחי בארח״ב להוציא רבעון מצוין בשם „אור המזרח״. בחוב׳ הראשונה, פירסם המלומד התורני ר׳ דוב הימן נ״י תשובה מהח״ס החסרה בספרי תשובותיו, מתוכה למדנו כי הח״ס לא עשה ישיבת א״י בזה״ז לחק ולא יעבור״...

ער ברענגט אויך די הכרעת מהר״ם מרוטנבורג (סימן ר״ג) באחד שנדר לעלות לא״י אפילו עד״ר יש לו הפרה...

אינטערעסאַנט איז, אַז אין אַ געוויסן פּעריאָד פֿון זיין שאַפֿן האָט נ. סאָקאָלאָוו אויך אָפּגעלאַכט פֿון ציוניזם און געהאַלטן, אַז דאָס איז בלויז אַן אילוזיע 24).

---

24) זע, בלוך דאָרט, ז״ז 52—54, ציטירט פֿון הצפירה״, 1896—1897 און פֿון וואָכנבלאַט „איזראַעליטאַ״. באריכות — אין אַ באַזונדער אַרבעט וועגן ישוב א״י.

ר״ח בלאָך ברענגט בריוו פון ד״ר ליפה קעגן ד״ר הערצל. דער „נשיא הזקן״ פון ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל האָט זיך אַפּילו אויסגעדריקט מיט אינסינואַציעס, אַנרופנדיק הערצלען אינקוויזיטאָר... 25)

די קעגנערשאַפט צום ציוניזם איז ניט געקומען דווקא פון מתנגדיש־חסידיש עקסטרעמיסטישע קרייזן. אויך איינִיקע נאַציאָנאַלע פאָלקס־ייִדן האָבן זיך אין יענער ערשטער עפּאָכע פון פּאָליטישן ציוניזם אַרויסגעזאָגט קעגן אָט דער געוואַגטקייט און ניט אומזיסט איז הערצל געווען אַזוי אויפגעבראַכט און אין גרויס כעס אָנגעשריבן דעם באַקאַנטן בריוו („פּאַרעפנטלעכט לעצטנס אין „מאזנים״), שרייבנדיק: „צריך שיוסיפו לנו חרפות... שוד והרג עד אשר נהיה מבוגרים לאידיה של הציונית״ (בלאָך, דאָרט, ז״ז 53—54).

ר״ח בלאָך (ציטירט פון ספר הבדיחה והחידוד פון א. דרויאַנוב), ברענגט אַ ווערטל פון הערצלען: „יותר שתרבה אטישמיות ושנאת ישראל בעולם, יותר יתנו ישראל לבם לציונית״. ס׳איז שווער צו גלויבן, דאָס זאָלן זיין הערצלס ווערטער — אָבער, זאָגט ער, דאָס איז דער אמת. און ער פירט אויס: „שבנוגע לשיטתו של רצ״ק שמצוה בימינו להקריב קרבנות במקום המקדש כל איש נבון יודה שהצדק עם הגאונים ואם היו המשיגים רואים הספר „עבודה תמה״ מר״ח נתנזון מאלטונה... לא היו כותבים שזייכתי המכתבים ופלא שהמשיגים לא הזכירו שגם רעק״א והח״ס היו בדעה אחת עם בעל חוו״ד ור״צ חיות...״

טיף אין האַרצן זענען די פירער פון אָרטאָדאָקסישן ייִדנטום געווען איבערגעגעבן דעם אידעאַל פון שיבת־ציון און געגאַרט צו דעם דאָזיקן הערלעכן און ליכטיקן מאָמענט אין דער ייִדישער געשיכטע.

דער חכידיזם האָט געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן די עליה אינעם ארץ־האבות בזמן הזה. מיר זעען ווי אַזוי דעם בעש״טס תלמידים האָבן נאָך לאַנגע מאַטערנישן דערגרייכט דעם הייליקן באָדן אינעם חודש פון תשובה, ווי אַזוי זיי האָבן משפיע געווען אין לאַנד, געגרינדעט און באַנייט די צוויי ישובים, צפת און טבריה. די עליה האָט געהאַט צו טאָן מיט דער

25) דרויאַנאָוו האָט פאַרעפנטלעכט זיינע בריוו אין זיינע „כתבים לתולדות חיבת ציון״.

טיפֿער אמונה פון גאולה און משיחס קומען, וואָס קען פּאַסירן יעדן טאָג, יעדע מינוט און אַז יעדער מאמין דאַרף זיין גרייט דערויף.

אַזוי האָט פריִער עולה געווען דעם בעשטס שוואָגער, ר׳ אברהם־גרשון קיטעווער, פריִער געוווינט אין חברון, נאָכדעם אין ירושלים. נאָך אים האָט עולה געווען ר׳ נחמן האָראָדענקער (אין יאָר תקכ״ה) מיט אַ צאָל פון זיינע חסידים, און מיט צוועלף יאָר שפּעטער (תקל״ז) האָבן עולה געווען דריי הונדערט חסידים, אונטער דער הנהגה פון די גדולי החסידים, ר׳ מנחם־מענדל וויטעבסקער (מחבר פון ספר „פּרי הארץ״) און ר׳ אברהם הכהן פון קאַליסק. זיי ביידע האָבן אממיינסטנס אויפגעטאָן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון בעש״טס חסידות אין הייליקן לאַנד.

ס׳איז אויך באַקאַנט דער פאַקט, ווי ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער, דער גרעסטער ייִדן־פאַרטיידיקער פאַר גאָט, האָט כסדר געהאָפט אויף די טעג, ווען ס׳וועט קומען די אמתע גייסטיקע גאולה, אויף די ימות המשיח, ווען דער רוח הטומאה וועט אַוועק און ס׳וועט קומען די גאולה שלימה וואָס שליסט איין גאולה לישראל, גאולה ליהדות און גאולה לשכינה...

ר׳ לוי־יצחק איז געווען איבערצייגט, אַז פריִער וועט קומען די גאולת ישראל דורך זיין אומקערן זיך אין הייליקן לאַנד און אַז נאָר אין ארץ־ישראל קען מען דערגרייכן די העכסטע אַטריבוטן אין קדושה; ארץ ישראל זעט ער איז די „גבוהה ברוחניות הקדושה״. דאָרט דערגרייכט מען דעם „שכל הגדול״ און אַז די גאולה שלימה קען נאָר פאַרווירקלעכט ווערן דורך ישוב ארץ־ישראל, דאָס לאַנד געהערט צו ייִדן — און אָן ייִדן איז זי אַ מדבר, „ואינה מקבלת ישוב רק לישראל״.

ער האָט געוואַרט אויפן גרויסן טאָג, וואָס דאַרף און מוז קומען — און תשעה־באב פאַרנאַכט, דערציילט די חסידישע לעגענדע, פלעגט ר׳ לוי־יצחק זיצן ביי זיך אינדערהיים; אין צייט ווען אַלע אין שטאָט זענען געלאָפן צו קינות, קלאָגן אויף חורבן בית־המקדש, איז ער געזעסן אין זיין פינצטערן שטיבל, אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, געקוקט ווייט־ווייט ביזן אין־סוף און געוואַרט צו הערן די טריט פון משיח. תשעה־באב, האָט ער געוווּסט, דאַרף דאָך זיין אַ יום־טוב־טאָג, אַ יום־מועד... ווי אַזוי קען ער גיין אין שול קלאָגן, ווען אָט־אָט און משיח קען זיך באַווייזן...

ערשט ווען ס׳איז געוואָרן נאַכט און משיח איז נישטאָ... איז ער גע־

לאַפּן אין שול מיט יללות, געפּעפּנט דעם ארון־קודש, זיך אויסגעשפּרייט אויף דער הוילער ערד און געזאָגט מיט גרויס געוויין: „איכה ישבה בדד...". אין יענער צייט, פאַרענדיקט די אגדה, האָט ר' לוי־יצחק געזען ווי דער בית־המקדש ברענט און די יידן ווערן געטריבן אין גלות, מ'שלאָגט זיי, מען הרגעט און ער האָט געוויינט צוזאַמען מיט די פאַרטריבענע...

מיר האָבן אויך שוין דערמאָנט ווי ר' נחמן בראַסלאַווער — דער צור־מערסטן־מיסטישער רבי אין דער חסידישער וועלט, דער אייניקל פון בעש"ט — ווי אַזוי ער האָט געשטרעבט צו זיין אין ארץ־ישראל, ווי אַזוי ער האָט גובר געווען אַלע מכשולים און אין יאָר תקנ"ח, אין עלטער פון 26 יאָר עולה געווען. ער האָט אָבער ניט געקאָנט איבערלאָזן זיינע חסידים און נאָך אַ האַלב יאָר זיין אין ארץ־ישראל צוריקגעפאָרן. אָבער קיינמאָל זיך נישט אָפּגעטיילט פון לאַנד; מיט אַלע פעדים פון זיין נשמה געבליבן צוגע־בונדן און שטענדיק געאָטעמט דעם אויר פון ארץ־ישראל. „המקום שלי — האָט ער זיך אויסגעדריקט — הוא רק ארץ־ישראל, ומה שאני נוסע, אני נוסע רק לארץ ישראל". אויף אַן אַנדער אָרט זאָגט ער: „כל החיים שיש לו הוא רק מישיבתו בארץ ישראל, וכל המחשבה ודעה שיש לו היא רק מכח ישיבתו בא"י, כי עיקר המוח והחכמה הוא בארץ ישראל".

ר' נחמן האַלט, אַז אַ מענטש דאַרף בעטן, ער זאָל האָבן די שטרע־בונגען און גלוסטונגען עולה צו זיין. עס זענען דאָ — שרייבט ער — אַזעלכע וואָס ווילן קומען קיין ארץ־ישראל, אויב זיי זאָלן קענען דאָרט לעבן אין רחבות, אָבער ניט אין צער און דוחק. דער אמת איז, אַז דאָס איז ניט קיין קיין רצון. דער וואָס וויל קומען קיין ארץ־ישראל, דאַרף גיין אַפילו צופוס...

אויף אַן אַנדער אָרט זאָגט ער, אַז דער וואָס וויל זיין אַ ייד, צו גיין פון מדרגה צו מדרגה, קען ער דאָס ניט טאָן נאָר דורך ארץ־ישראל... און ווייטער: אין פאַרעם און געשטאַלט איז נישטאָ קיין חילוק צווישן ארץ־ישראל און אַנדערע לענדער און פונדעסטוועגן איז זי זייער און זייער הייליק מיט תכלית הקדושה. גליקלעך איז דער מענטש וואָס איז זוכה דאָרט צו גיין אַפילו בלויז פיר איילן; דער וואָס איז זוכה צו גלויבן אין איר קדושה, דער קאָן דאָס באַגרייפן...26)

26) זע לקוטי מהר"ן, חלק א': ד', י"א, פ"ט, צ"ז; חלק ב', ל"ז, מ"ג, מ"ז; ספר המדות: ארץ־ישראל, התנשאות.

חסידות האָט דאָך אַנדערש ניט געקענט טראַכטן וועגן ארץ־ישראל, ווי וועגן דעם מקור הקדושה והקבלה. זאָגט דאָך דער זוהר (חדש, רות, פ״ו, דפוס ורשה, תר״ץ), אַז די מערת־המכפלה איז ביי דער טיר פון גן־עדן און דעריבער האָבן געגאַרט אברהם, יצחק און יעקב צו ווערן נקבר אין דער דאָזיקער מערה:

„מערת המכפלה סמוכה לפתח גן־העדן. בשעה שמתה חוה בא אדם לקברה שם, כי הריח שם מריחות גן העדן. רצה לחצוב יותר, יצאה בת קול ואמר דיך!

באותה שעה עמד ולא חצב יותר. ושם נקבר גם אדם. ולא היה מי שיודע בו עד שבא אברהם אבינו עליו השלום לאותו מקום והריח ריח בשמים של גן־עדן ושמע קול מלאכי השרת אומרים: „אדם הראשון קבור שם ואברהם, יצחק ויעקב מוכנים יהיו למקום הזה!״ 27).

זיי האָבן זיכער געוווּסט און זיך גערעכנט מיט די פאַרשיידענע שטעלן אין תלמוד וואָס שטעלט חכמת ארץ ישראל אַ סך העכער ווי די חכמה אין גלות. ס'ווערט געזאָגט אין פרקי דרבי אליעזר (פרק ח'): „אפילו צדיקים וחכמים בחוצה לארץ ורועה צאן ובקר בארץ, אין מעברין את השנה אלא על ידי רועה צאן ובקר; אפילו נביאים בחו״ל וההדיוטים בארץ־ישראל, אין מעברין את השנה אלא על ידי הדיוטים בארץ״ און דאָס, ניט אַכטנדיק וואָס על פי רוב פסקענען מיר ווי די חכמי בבל, צוליב דעם ווייל אין תלמוד בבלי איז די הלכה אַרויסגעקומען קלאָרער נאָך די דיסקוסיעס און אַנאַליזירונגען פון דער הלכה לעומקה של דבר...

דער וואָס וווינט אין ארץ־ישראל, איז גלייך ווי ער וואָלט געהאַט אַ גאָט אָבער דער וואָס וווינט אין חוץ־לארץ, איז גלייך ווי ער וואָלט נישט געהאַט קיין גלויבן („כל הדר בארץ־ישראל דומה כמי שיש לו אלוה וכל הדר בחוץ לארץ דומה כמי שאין לו אלוה״ (כתובות ק״י, ע״ב). דער גזר־דין אויף דעם דור המדבר איז געווען צוליב די מרגלים און ווי זאָגט דער תנא, רבי מאיר: „כל מי שהוא קבוע בארץ־ישראל ואוכל חולין בטהרה ומדבר בלשון הקודש וקורא את שמע בבוקר ובערב — מובטח לו שהוא מחיי העולם הבא״.

---

27) דאָרט.

ניט אומזיסט האָבן חסידישע מנהיגים אַזוי גערעדט און געזאָרגט וועגן דער מצוה פון ישוב הארץ. אָבער פונקט ווי עס זענען געווען מנהי־גים, באַגייסטערטע פאַר ישוב און בנין הארץ, אַזוי זענען געווען, ווי מיר האָבן אַנגעוויזן, סיי אין חסידישן און סיי אין מתנגדישן לאַגער קעגנער פון חסידות.

רבי צבי־הירש קאַלישער (1875—1804), ווי מיר האָבן פריער דער־מאָנט, איז געווען דער גרעסטער מאמין אין בנין־הארץ און אַפילו גע־גלויבט, אַז די פעלקער פון דער וועלט וועלן אונדז העלפן בויען דאָס לאַנד, ווי ער דריקט זיך אויס אין זיין ספר „דרישת ציון" (דף כ"א, ע'): „אם כן ראוי לכל בר דת מן שרי האמונות נוצרים וישמעאלים לעזור אותנו ולהיות מן המצדיק רבים בעזרתם לנו לעשות ארץ נושבת לנו בנחלת ה'... שראשית הישועה תחל על־ידי התעוררות בני אדם אשר יעוררו רוחם".

רבי אליהו גוטמאַכער, דער גריידיצער רבי (1875—1796) איז מיט דער מיינונג, אַז אויב מ'וועט זיך נאָר נעמען צו באַאַרבעטן דעם באָדן, וועט מען שוין זוכה זיין צו גאולה: „ואצלי כבר ברור, שאם יקיימו ישראל שיתחילו לעבוד אדמת הקודש בסך ק"ל משפחות, שתהי' אז התחלת הגאו־לה, גם כשלא יהיו ראוים לכך" (פון אַ בריוו צום קאַלישער רב, רח"א וואקס, דעם נפש חיה).

פון וועלטלעכן לאַגער איז דאָך אָפּגערעדט. אַזאַ טיפזיניקער דענקער ווי משה העס (1875—1812) האָט דאָן געזען, ווי ער דריקט זיך אויס אין זיין ווערק „רוים און ירושלים", אין שיבת־ציון ממש דעם אָנהייב פונעם שבת אין דער יידישער געשיכטע: „התקופה שאנו עומדים בה היא בין השמשות ליום שכולו שבת של התולדה, ועלינו להכין לקראת תעודתנו האחרונה הזאת".

ווי האָבן געגלויבט סיי אין דער גייסטיקער ארץ־ישראל און סיי אין דאָס פּראָדוקטיווע: „מה צבי זה אין עורו מחזיק את בשרו, כך ארץ ישראל אין מחזיק את פירותיה" (זוהר, משפטים, פרשה שע"ב, פ', ב').

חיבת ארץ־ישראל איז, ווי געזאָגט, אַ פונדאַמענט אין חסידות 28) פונדעסטוועגן זענען געווען באַרימטע רביים, ספּעציעל אין דער לעצטער

---

28) זע באריכות א. שטיינמאַן „באר החסידות".

תקופה, וועלכע האָבן ניט געראָטן פאָרן קיין ארץ־ישראל אונטערן ציונ־פאָן, און ניט בלויז אדמור״ים האָבן געראטן זייערע חסידים צו זיצן אין זייערע ווינקעלטער, אויך גרויסע רבנים פונעם מתנגדישן חדר, ווילנדיק היטן דעם „כרם ד׳ צבאות״, האָבן געראטן זייערע מקורבים און נאָכפאָל־גער ניט עולה צו זיין מיט אַ ציוניסטישן סערטיפיקאַט. אויך אייניקע בעלי־מוסר האָבן איגנאָרירט אָט־די מצוה פון ישוב הארץ, האָבנדיק פאַר אַ פאַקט, אַז דער חובת הלבבות, באַרירנדיק אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער דערהויבונג פונעם מענטש און זיין אָנגעהעריקייט צום פאָלק ישראל, דערמאָנט אַפילו ניט אויף קיין אָרט די מצוה פון ישוב הארץ. ר׳ ישראל סאַלאַנטער אין זיין מוסר־לערע דערמאָנט די מצוה פון ישוב ארץ־ישראל — אָבער דאָך האָט ער געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף זיך שטאַרק באַמיען אויפצוהאַלטן דעם גלות־לעבן און זיינע צענטערס 29)

זיין איינציקער ציל אין לעבן איז געווען:

„למען אזכה לשוב בתשובה שלימה ולעבוד את ד׳ באמת ובתמים מעולם ועד עולם אמן סלה״.

אונדז זענען דאָך באַקאַנט אַ גרויסע צאָל רבנים־מנהיגים, וואָס האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן זייער גלות־אָרט, פּשוט צוליב דעם טעם און מורא איבערצולאָזן די שעפּעלעך אויף גאָטס באַראָט. הרב י. ל. הכהן מימון דערציילט אין זיינע „פרקי זכרונות על הציונות״ (סיני, ירושלים, שבט, תשי״ד, ז״ז רפו—ש״א) וועגן דער פּערזענלעכקייט פון ר׳ נחומקע האָראָדנער (גראָדנער), דעם גרויסן עניו און אוהב ישראל, וועגן זיין אומגעווייניטלעכער זריזות אין אַלע מצוות און גאָר באַזונדערס אין דער מצוה פון צדקה. דערציילט אויך הרב מימון, אַז ר׳ נחומקע האָט זייער געוואָלט עולה זיין קיין ארץ־ישראל, העלפן די דאָרטיקע אָרימעלייט, טייטשנדיק דעם מאמר „עניי עירך קודמים״ (בבא מציעא ע״א, ע״א), אַז דאָס מיינט מען די אָרימעלייט פון דער הייליקער שטאָט, ירושלים, עירך — דיין שטאָט. אָבער — פלעגט ער זאָגן — דאָ, אין גראָדנע זענען דאָ אַ סך אָרימעלייט און אויך רייכע, גבירים אדירים, פון וועמען איך קען נעמען אין „אַרויסקוועטשן״ פאַרשיידענע סומעס צו העלפן אָרימע מענטשן. אין ארץ־ישראל —

29) זע M. G. Glenn, Ph. D., ISRAEL SALANTER, Bloch Pub., Co., New York, 5713-1953 ז״ז 62—63.

צו אונדזער גרויס באַדויערן — לעבן כמעט אַלע פון צדקה און חלוקה — פון וואַנען וועל איך נעמען געלט אויף צו העלפן די אָרימעלייט פון לאַנד?... איז מיר שוין בעסער צו וווינען אין חוץ לארץ און האָבן מער מעגלעכקייט נאָכצוקומען די צדקה־נויטן.

צי דאָס איז אַן אויסגעהאַלטענע שיטה צי ניט — איז אַ באַזונדערע פראַגע. זיי זענען אָבער געווען איבערצייגט און אויפריכטיק אין זייער מיינונג.

באַטראַכטנדיק די פראַגע פון ישוב ארץ־ישראל, איז אונדז לעצטנס אויסגעקומען אַריינצוקוקן אין אַ ספר מיט אַ מאָדנעם נאָמען, וואָס איז געווידמעט דער דאָזיקער פראַגע. דער נאָמען פונעם ספר איז „תבת נח" און דער מחבר: ליב נח ז"ל בהר"ר שמואל אייזיק באס (שהי' רב בק"ק שאַווּ־קאַט, פּל' קובנה). דאָס ספר מיטן מאָדנעם נאָמען איז אַ קריטישער ענטפער אויף אַ ספר „מצוות ישוב ארץ־ישראל" פון הרב י"ז בלומברג און האָט אַ הקדמה פון מזרחי־גרינדער, „הרב הגאון הגדול המפורסם מוהר"ר" יצחק יעקב ריינוס אב"ד דלידא".

דער מחבר, ליב נח באס, איז אַן איבערצייגטער ציוניסט און זעט אין ציוניזם די נשמה פון ישראל און ישוב ארץ־ישראל. ווען ער זאָל וועלן — שרייבט ער — מאריך זיין וועגן חבת ישוב ארץ ישראל לויט דער תורה, וועט אים ניט סטייען די צייט און דעריבער באַנוגנט ער זיך מיט ברענגען בלויז איין באַווייז און אויף דער איינער ראיה איז באַזירט דאָס גאַנצע ספרל (36 ז"ז).

די ראיה, אויב ס'זאָל מער ניט זיין ווי די איינציקע, איז ניט גענוג איבערצייגנדיק. זיין ראיה איז פונעם חג הקציר, וועמעס סימבאָל איז די עבודת האדמה, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט פאַרצייכנט די גרעסטע געשעעניש אין דער מענטשלעכער געשיכטע — די געשיכטע פון מתן תורה.

ער איז אָבער אין עצם גערעכט אין זיינע טענות קעגן די, וואָס ווייזן אַרויס קעגנערשאַפט צום רעיון פון ישוב ארץ־ישראל. זיינע טענות זענען סיי קעגן די משכילים־אַסימילאַטאָרן און סיי קעגן די אָרטאָדאָקסן. וואָס שייך די לעצטע, פּאָלעמיזירט ער מיט זיי וועגן זייערע ראיות פון רמב"ם און בעל מגילת אסתר, אַז ישוב ארץ־ישראל בזמן הזה איז ניט קיין מצוה און ער באַזירט זיין קאָנצעפּציע אויף דעם רמב"ן, וואָס רעכנט עס צווישן

די תר״ג מצוות און ווענדט אָפּ די אויספירן פון בעל מגילת אסתר, ווי דער פריִער־דערמאָנטער מחבר, הרב בלומבערג. דער פאַקט איז דאָך, אַז דער רמב״ם פסקנט (פרק ה, מלכים, הלכה י״ב): לעולם ידור אדם בא״י... (זע, הגהות הגר״א, יו״ד, סו״ס רס״ז). און ווייטער: „כל השוכן בא״י עוונותיו מחולין״ (רמב״ם, דאָרט) און הרב בלומבערג איז איבערצייגט, אַז דער רמ־ב״ם מיינט זיצן און וווינען אין ארץ־ישראל אין אונדזער צייט. דער מחבר פון „תבת נח״ ווייזט אָבער אָן, אַז דאָס איז געמיינט „לימות המשיח״ (זע דאָרט, ז״ז 18—19, באריכות) און ער ווענדט אויך אָן די אַנדערע ראיות און פאַרטיידיקט די שיטה פון בעל מגילת אסתר, וועגן זיין נעגאַטיוון אויס־פיר אינעם פאַרטייטשן דעם רמב״ם וואָס שייך די מצוה פון ישוב ארץ־ישראל בזמן הזה.

ר׳ ליב־נח באס קומט ענדגילטיק צו די זעלביקע הנחות, ווי הרב בלומבערג, אַפילו ווען ער איז מדחה זיינע ראיות, אַז די מצוה פון ישוב ארץ־ישראל איז אַפילו גילטיק אין אונדזער צייט און מ׳איז מקיים די מצוה, אַפילו ווען מען באַאַרבעט ניט דעם ארץ־ישראלדיקן באָדן, ברענגענדיק פאַרשיידענע פאַקטן פון תנ״ך, תלמוד און פוסקים און בעיקר איז באַזירט זייער ראיה אויף דעם פסוק אין ירמיה: „בית לא תבנו, וזרע לא תזרעו״... (פרק ל״ה), אין וועלכן ער לויבט שטאַרק יונדב בן רכב, פאַר זיין אָנזאָג צו זיינע זין וועלכע האָבן אים אויסגעפּאָלגט און געבליבן זיצן אין לאַנד און געפינען „חן אין די אויגן פון גאָט״.

אינטערעסאַנט איז אויך דער קאָמענטאַר אויף די ווערטער פון רב יהודה: „אסור לעלות מבבל לא״י״ (כתובות, דאָרט, בב״ק ט״ו, תוספות, דאָרט), אַז דאָס איז בלויז געמיינט אַ תלמיד אין דור, וועלכער מוז זיין אויפן אָרט, בכדי ניט אָפּצושוואַכן דעם לימוד התורה. ער באַרירט אויך דעם שוין עטלעכע מאָל דערמאָנטן מהרי״ט (כתובות, דאָרט און שו״ת, חלק א׳, סימן קל״א) און זיין אויספיר, אַז אין אונדזער צייט, מיט דער התעוררות פאַר ישוב ארץ־ישראל, דאַרפן אַלע גדולי הדור און גאוני הרבנים והמנהי־גים העלפן דעם ציון־אידעאַל, וואָס שטרעבט אויפצובויען דאָס לאַנד, וואָס איז סוף־כל־סוף פאַרהייליקט דורך די גאולה־אידעאַלן, אַפילו ווען מ׳זעט נאָך ניט די אתחלתא דגאולה.

אין זיין ווייטערן מאמר וועגן די לעצטע צוויי פרקים רמב״ם, הלכות

מלכים קומט ער צום ריכטיקן אויספיר, אַז לויטן רמב״ם וועט דער סדר הגאולה זיין: ביאת המשיח, מלחמת גוג ומגוג, ביהמ״ר, בית־המקדש, קבוץ גלויות. אין תלמוד (מגילה י״ח, ע״א און אין ירושלמי, ברכות, פ״ב, ה״ד), ווערט אָנגעגעבן דער סדר: קבוץ־גלויות, בי״ר, משיח און בית־המקדש (זע דאָרט, באריכות). אין אונדזער עפּאָכע, זעט אויס, איז דער סדר פריִער מיט קיבוץ גלויות — אָבער דאָס געהערט אייגנטלעך נישט צו אונדזער אַרבעט.

לויט רבין ר׳ בונם פון פּשיסכע, קען דאָך משיח נתגלה ווערן יעדע מינוט, אַזוי שנעל ווי דאָס וועט באַשטימט ווערן אין דער הימלישער מלוכה: „נשמת משיח ישנה בכל דור. בכללות ישראל בחינת משיח, וכשיעלה ברצונו יתברך, יגלה אורו של משיח על אחד מישראל״.

מיט דער אַנטשטייונג פון מדינת־ישראל, מיט די געוואַלטיקע ענ־דערונגען אין ייִדישן לעבן, נאָך דער תקופה פון צוויי טויזנט יאָר גלות־וואַנדערונגען, ווען ייִדיש פאָלק איז צוגעטראָטן בויען זיין אומאָפּהענגיקע מדינה אינעם ארץ האבות, וואָס דאַרף בלייבן די ארץ הבנים פאַר דור־דורות, קען דאָך מער קיין רייד ניט זיין צי ס׳איז אַ מצוה צו וווינען אין ארץ־ישראל צי ניט — אַלע פוסקים ראשונים און אחרונים וועלן געוויס מסכים זיין, אַז ס׳איז אַ גרויסע מצוה.

מיר לעבן איצט אין אַ נייער תקופה. צעריסן זענען געוואָרן די גלות־שטריק; ס׳איז געגעבן געוואָרן דעם ייִדישן פאָלק די מעגלעכקייט אָנצו־הייבן פונדאַסניי אַ לעבן ווי אַ פריי פאָלק אין דער משפחה פון פעלקער.

די טעאָרעטיקער פון רעליגיעזן סאָציאַליזם, צוזאַמען מיט די „אנשי חזון ובני עליה״, קומען איבערבויען גייסטיק דאָס פאָלק, אומקערן זיך צום מקור פון אונדזער עבר. זיי ווילן און שטרעבן צו שאַפן אַ „תחוקת העבודה״, אַן אַרבעטער־קאָנסטיטוציע, באַזירט אויף תורה־געזעצן און צו־געפּאַסט צו דער צייט, געפינענדיק אין די ביבלישע געזעצן אַ פּראָגרעסיווע קאָנסטיטוציע אין באַצוג צום אַרבעטער. דער „ששת ימים תעבוד״, וואָס איז לויט איין מיינונג אַ מצוות עשה און לויט אַנדערע בלויז אַ פאַרלאַנג אָדער אַנווייזונג, אַז דער מענטש דאַרף אַרבעטן — אָבער אַלע זענען מס־כים, אַז נאָך די זעקס אַרבעטס־טעג מוז קומען אַ פולשטענדיקער רו־טאָג, אַ יום־מנוחה, וואָס שטאַרקט דעם מענטש פיזיש און גייסטיק און גיט אים

כח צו קענען אַרבעטן און פּראָדוצירן. דער שבת־טאָג איז דער אוניווער־סאַלער רו־טאָג פאַר דעם אַרבעטער ווי פאַר דעם אַרבעטס־געבער, בהמה ווי מענטש: „למען ינוח עבדך ואמתך כמוך!".

3. חסידות און חיבת־ציון־באַוועגונג

ניט געקוקט דערויף, וואָס אין לעצטן האַלבן יאָרהונדערט האָבן אַ סך חסידישע אדמור"ים געקוקט קרום אויפן ציוניזם, האָבן דאָך פון צייט צו צייט אייניקע געוואָגט און געוויזן גבורה פאַר דער מצוה פון ישוב־הארץ. די חלוצישע באַוועגונג האָט בלי ספק געשעפּט פון חסידישן קוואַל התלהבות און פאַטאָס פאַר שיבת־ציון־אידעאַלן.

די חסידישע וועלט ווייסט, למשל, וואָס ר' ישראלטשע ריזשינער האָט געזאָגט פאַר זיין פטירה, דעם לעצטן טאָג פסח, תרנ"ן: „די גאולה וועט זיך אויסשפּרייטן ווי אין די טעג פון עזרא הסופר, קמעא, קמעא (ביסלעכווייז). צוערשט וועט דאָס פאָלק זיך צוריקקערן אין לאַנד, נאָכדעם וועט אויפגעבויט ווערן דער בית־המקדש, און דאַן וועט קומען די פולע גאולה".

דער ערשטער פון די אדמור"ים חובבי ציון איז געווען דער רבי ר' שמואל פון ליובאַוויטש. ער איז געווען שטאַרק אַנטויִשט אין גלות און געזען, אַז אין ארץ־ישראל קען דער ייִד געפינען זיין היים. נאָך אין יאָר תרמ"א האָט ער געמאַכט פאַרשיידענע פּלענער זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל, אָבער צוליב אומבאַקאַנטע סיבות האָט ער דעם פּלאַן ניט געקענט רעאַליזירן 1).

אַן אַנדער מנהיג פון ליובאַוויטשער חסידות, ר' שניאור־זלמן פון קאָפּוסט (זון פון צמח צדק), האָט אויפגענומען אין יאָר תרמ"ז, דעם פירער פון די רוסישע חובבי־ציון, ר' מנחם־מענדל אוסישקין, און דער לעצטער האָט אַרויסגעקראָגן פון אים אַ דעקלאַראַציע פאַר יענער עליה קיין ציון. „...גם אנכי מוצא תועלת... בהתנועה הזאת... הנני מבטיחכם, כי כל איש ואיש

1) זע, אברהם יעקב סלוצקי, „שיבת ציון", חלק א', ז' 95.

אשר ישאל בעצתי, אם יעסוק בדבר הזה, אז אחזק את לבבו לעשות לטובת חובבי ציון, עד שידו מגעת. לך בשם ה׳, והצלח לראות פרי עמלך״ 2).

ליובאַוויטש האָט תמיד אַרויסגעוויזן אַ געוואַלטיקן אינטערעס צום ישוב הארץ און תמיד געהאָט דעם פּאַרנעם און צוגאַנג צו אָרגאַניזאַציע, ספּעציעל זינט דעם יאָר תרנ״ז, ווען דער „מיטעלער רבי״ ר׳ שלום דובער שניאורסאָן האָט געגרינדעט די ישיבה תומכי תמימים אין ליובאַוויטש.

אין 1946, נאָכן קריג, האָבן ליובאַוויטשער חסידים אופן פאַרלאַנג פון לובאַוויטשער רבי געגרינדעט קיבוצים און אַ ישיבה אין לוד און אין „ספּריה״ און דער ניגון פון רב, פונעם „תניא״, איז באַנייט געוואָרן מיט גרויס התלהבות אין כפר חב״ד באַגלייט מיט חסידישע טענץ לויטן אַלטן ליובאַוויטשער נוסח 3).

פון דער אַנדערער זייט, געפינען מיר גדולי הרבנים אין גאַליציע, פּוילן, אונגאַרן, רומעניע און אַנד. לענדער, וואָס זענען גאַר שאַרף אַרויס־געטראָטן קעגן ציוניזם, קעגן די חובבי ציון. גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע באַרימטע אדמור״ים ווי דער שינעווער רבי ר׳ יחזקאל האַלבערשטאַם, די בעלזער אדמור״ים, די מונקאַטשער אדמור״ים, וואָס הגם זיי זענען געווען אין מחלוקת מיט בעלז — אָבער וואָס שייך ציוניזם, האָבן זיי געהאַט די־זעלביקע שיטה. אַזוי איז אויך ר׳ צבי־הירש שאַפּירא, דער מחבר פון באַ־רימטן הלכה־ספר „דרכי תשובה״ (תר״ה—תרע״ד), אייניקל פון ר׳ הירש־מלך דינעווער (רבי צבי אלימלך, מחבר „בני יששכר״) און אַליין אַ גאון אין נגלה און נסתר, געווען פון די שטאַרקסטע באַקעמפער פון מאָדערנעם ציוניזם, זעענדיק אין דעם אַ נטיה צו אפּיקורסות און דחיקת הקץ. אויך זיין זון, ר׳ חיים־אלעזר שפּירא (תרל״ב—תרצ״ז), וועלכער האָט גראָד באַ־זוכט ארץ־ישראל אין יאָר תר״ץ און דאָרט געווען עלף טעג, האָט געקוקט אויפן ציוניזם, פּונקט ווי זיין פאָטער.

צווישן די אדמור״ים פון פּוילן זענען אָנגעגאַנגען שאַרפע חילוקי־דעות וועגן די באַציִונגען צום ציוניזם — עס איז געקומען צו שריפטלעכע

---

2) „המליץ״, 1887, גליון 79, זע אויך, ספר אוסישקין און א. דרויאנוב, כתבים, לתולדות חיבת ציון, חלק ב׳, ז״ז 360—358.

3) וועגן חב״ד און ליובאַוויטש — אין אַ ווייטערן מאמר.

פאַרדאַמונגען קעגן די, וועלכע האָבן געוואָלט זיך אידענטיפיצירן מיטן ציוניזם...

אין יאָר תרע״ד, ווען ס׳איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דאָס ספר שו״ת „אבני נזר״ פון באַרימטן סאָכאַטשעווער רב און רבי ר׳ אברהם באָרנשטיין, מיטן צוגאָב פון אַ קונטרס „ישוב ארץ־ישראל״, וואָס דער אַרויסגעבער, זיין זון ר׳ שמואל (בעהמח״ב „שם משמואל״) האָט צוגעגרייט צום דרוק, לויט אַ כתב־יד פון פאָטער זצ״ל, האָט דאָס אַרויסגערופן אַ פּאָלעמיק אין דער חסידיש־לומדישער וועלט.

אין דאָזיקן קונטרס קומען אַריין פּסקי דינים און הלכות און צוו. אַנד. ווערט דאָרט געזאָגט, אַז דערמיט וואָס מ׳גיט געלט צום כולל רמבעה״נ, איז מען נאָך ניט יוצא דעם חוב און די מצוה פון ישוב ארץ־ישראל: „במה שיושבים בא״י ולוקחים מעות רמבעה״נ אין יוצאים מצוות ישוב א״י הגם שעוסקים בתורה, אלא צריכים לקנות שדה ולעבוד עבודת אדמה ושיהי׳ הכנסה מהשדה אשר יעבוד...״

ר׳ חיים בלאָך, אין זיין פריִער דערמאָנטער אַרבעט וועגן מהרש״ם, באַרירט אָט דעם גאַנצן ענין און אין צוזאַמענהאַנג מיט די מסקנות פון דעם דאָזיקן קונטרס, שרייבט ער, אַז די גדולי הפוסקים האָבן אָפּגעפרעגט די דאָזיקע אויספירן: „אחר המלחמה הראשונה גדולי תורה השיגו על המסקנות בהקונטרס הנ״ל ואמרו שהגה״צ ר׳ אברהם מסוכוטשוב טעה, כי מהפוסקים המובאים בהקונטרס יוצא דוקא ההיפך ממה שהסיק. וכמה מגדולי הדור רמזו כי הגה״צ ר׳ שמואל זייף הדברים בשם אביו. הגה״צ ר׳ שמואל השיב: „המוציא לעז עליו הראיה ולכל ההשגות שהקיפוני בהן אין בהן ממש״.

רבי חיים בלאָך שרייבט ווייטער, אַז אויף דער כנסיה הגדולה אין ווין תרפ״ג, איז דאָס געווען דער געשפּרעך פון טאָג. ס׳איז דיסקוטירט געוואָרן צווישן די גדולי הדור 4). די רבנים — האַלט ער — האָבן נישט בלויז מורא געהאַט פאַר דעם פריידענקערישן ציוניזם, נאָר אויך פאַרן אַנטיסע־מיטיזם וואָס דאָס קען אַרויסרופן.

דער פאַקט איז דאָך, אַז אייניקע פון די גדולי האדמור״ים זענען גע־

4) זע, מהרש״ם, הפוסק האחרון, ניו־יורק, תשי״ד, ז״ז 45—46.

ווען פאַר ישוב ארץ־ישראל אונטער אַלע באַדינגונגען. אַזוי האָט דער אָס־טראָווצער רב רבי ר׳ מאיר־יחיאל, ווי אַמאָל דער תנא רבי מאיר, געהאַט אַ מסירת־נפשדיקע באַציִונג צו ארץ־ישראל, וויסנדיק אַז „כל היושב בארץ ישראל — ארץ ישראל מכפרת עליו" (ספרי, האזינו, פיסקא של"ג); אין יעדן שטויבעלע פון ארץ־ישראלדיקן באָדן האָט ער געזען די נשמה פון פאָלק. אין ארץ־ישראל האָט ער געזען „השראת השכינה" און געגלויבט אַז מ׳טאָר פון איר ניט מסיח־דעת זיין אויף קיין איין מינוט, אַז ניט, איז מען מתחייב בנפשו... „תורת ארץ ישראל איז געווען זיין תורה און איר וועלט — זיין וועלט 5).

אייניקע רביים האָבן זיך באַמיט, ניט געקוקט אויף אַלע דראַוונגען, צו אַנטוויקלען אַ חסידישע עליה. אַזוי האָט דער פריִער־דערמאָנטער רבי פון גאַליציע, מיט זיינע 30 משפחות מקורבים עולה געווען קיין ירושלים, אין יאָר תרפ"ב (1922), אַזוי אויך דער יאַבלאָנער רב מיט זיינע חסידים פון אַרום וואַרשע; דער לעצטער האָט געצילט, אַז זיינע חסידים זאָלן לעבן אין ארץ־ישראל אויף ערד, גרינדן קאָלאָניעס און נהנה זיין מיגיע כפים; דער קאָזשעניצער רבי מיט זיינע חסידים האָבן זיך באַזעצט אין הארץ פון דעם דעמאָלט פוסטן זומפיקן באָדן פון עמק, געגרינדעט אַ חברה „עבודת ישראל" אויפן נאָמען פון קאָזשעניצער מגיד און מיט חסידישן ברען און חלוצישער שעפערישקייט געוואָלט שאַפן אַ נייעם סאָרט חסיד אין ארץ־ישראל.

פון חסידישע עולים, ווי מיר וועלן ווייטער זען, איז די עליה, אָנגע־פירט פון ר׳ יצחק גערשטנקאָרן אין בני ברק, געווען פון די שווערסטע און אינטערעסאַנטסטע אין דער נייער צייט. דער וווּרקער־אַמשינאָווער חסיד האָט אין סיון תרפ"ד (1924), געגרינדעט דעם באַנייטן ישוב אין בני

---

5) זע, הרב איסר פרנקל, רבי מאיר יחיאל מאוסטרובצה, ז"ז 56—58.

וועגן די רבנים אין פוילן וואָס האָבן געשטיצט ישוב ארץ־ישראל, ווי ר׳ חיים אלעזר וואקס (מחבר פון ספר „נפש חיה") און זיין שווער דער גאון ר׳ יהושעלע קוטנער (טרונק). זען, נ. שמן, די ביאָגראַפיע פון אַ וואַרשעווער רב, מאָנטרעאָל, 1948, ז"ז 13, 42—43; „לובלין", ז׳ 257.

ברק (היסטאָריש באַקאַנט אַלס אָרט, ווו דער גרויסער תנא רבי עקיבא האָט געלעבט, געלערנט און געווירקט).

דער דאָזיקער פּאַטריאַרכאַלער חסיד מיטן הדרת־פּנימדיקן אויסזען, האָט פריִער אָרגאַניזירט „שטיבלעך" אין פּוילן, וואַרשע און לאָדזש; אָר־גאַניזירט אַ גרופּע חסידישע סוחרים און די דאָזיקע סוחרים מיט זייער טראַדיציאָנעלן לבוש האָבן אויפן האַרטן וואַסערלאָזן באָדן פון בני ברק געשאַפן אַ ישוב און זוכה געווען צו זיין פון די „זורעים בדמעה ברנה יקצורו" 6).

די סקערניעוויץ־ווורקער דינאַסטיע האָט בכלל געהאַט די זכיה פאַר־פלאַנצט צו ווערן אין ארץ־ישראל, און טאַקע אין בני ברק, געגרינדעט דורך דעם סקיערניעוויצער חסיד. איינער פון ר' מענדל ווורקערס זין, ר' שמחה־בונם, איז נאָך מיט יאָרן פריִער אַוועק פון פּוילן, פון זיין רביס־טווע אין אָטוואָצק, און זיך באַזעצט אין טבריה. דער צווייטער זון ר' שמעון האָט געפירט זיין עדה זינט תרמ"ז אין שטעטל סקערניעוויץ, ביי וואַרשע. פערציק יאָר געווען רבי פון טויזנטער חסידים. נאָך זיין פּטירה (חוהמ"ס, תרפ"ז) איז זיין בכור ר' מענדל געוואָרן ממלא מקומו. ער האָט אָבער ניט מאריך שנים געווען, נאָך אַ יאָר און אַ האַלב איז ער נפטר גע־וואָרן און די רבישע מלוכה איז צעטיילט געוואָרן צווישן די פיר ברידער, דער יונגסטער, ווּעמען מ'האָט אגב פאַרגעשלאָגן דאָס מיוחסדיקע רבנות קוטנאָ, איז אויפן פאַרלאַנג פון זיין חסיד, אַוועק קיין ישראל, אין יאָר תרצ"ו און געוואָרן מרא דאתרא אין בני ברק 7).

כמעט אין דער זעלביקער צייט האָט אַ רבי פון אַן אַנדער דינאַסטיע, ר' יחזקאל טאַב, באַקאַנט אַלס דער יאַבלאָנער רבי, געגרינדעט די חסידישע קאָלאָניע „נחלת יעקב" אויף זיין פאָטערס נאָמען, שפּעטער באַקאַנט אַלס כפר חסידים.

דער דאָזיקער רבי האָט פאַרלאָזן דעם פאָטערס שטול און טויזנטער

6) זע, יצחק גערשטענקאָרן, זכרונותי על בני ברק (צוויי בענדער) און בני ברק, געשיכטע און אַנטוויקלונג פון באַנייטן ישוב. נ. שמן, די ביאָגראַפיע פון אַ וואַרשעווער רב, ז' 43.

7) זע, ברות שבת, פ' ויחי, י"ג טבת, תש"ח.

חסידים, ניט רעכנענדיק זיך מיט דער קעגנערשאַפט פון אדמור״ים אין פוילן. ער איז אַרויסגעקומען מיט אַ רוף, וואָס הייבט זיך אָן:

„מיט דער הילף פון דעם וואָס לעבט אייביק. מיטוואָך, לויט דער סדרה: „דאָס לאַנד איז זייער און זייער גוט״ תרפ״ד, וואַרשע.

„צו מיינע ליבע פריינט, וועלכע לעבן זיך בשלום! עס וועט אייך אוודאי זיין אַ ווונדער וואָס נאָכדעם ווי איך האָב זיך דערווייטערט פון אייך, קום איך פּלוצלונג און שרייב אייך דעם דאָזיקן בריוו... מיין צוריק־געצויגנקייט איז ניט געווען חס־ושלום צוליב דעם, וואָס אייער לאַגע האָט מיך ניט באַרירט, אָדער ווייל איך האָב זיך ניט געוואָלט פאַראינטערעסירן אין אייערע גייסטיקע און אין אייערע מאַטעריעלע אָנגעלעגנהייטן... מיט מיין גאַנצער אויפריכטיקייט קאָן איך אייך זאָגן, אַז מיט מיין האַרץ, מיט מיין נשמה און מיט אַלע מיינע קרעפטן האָב איך געוואָלט שטיין זייט ביי זייט מיט אייך... מיין דערווייטערונג איז, ווי געזאָגט, געווען צוליב אַ סיבה...

„מיינע טייערע פריינט, איצט איז פאַראַן אַן ענין, וועלכער איז פון אַזאַ כאַראַקטער וואָס וועט מיר ניט שטערן זיך ווידער צו דערנענטערן צו אייך, און דער ענין איז אַזאַ הויכער אַזוי ווי די וועלט איז הויך...

„פונקט ווי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, האָט דער קייסער כורש געלאָזט אויסרופן: „ווער עס איז פון יהודה, זאָל גאָט זיין מיט אים און זאָל ער אויפגיין קיין ירושלים״, אַזוי אויך הייגט הערן מיר אַזאַ רוף טאָג־איין, טאָג־אויס...

„...מיר אַלע אָבער שטייען און פרעגן: ווו איז דער וועג אין וועלכן מיר דאַרפן גיין? אָפּלייקענען דעם אמת, קען מען ניט — דער וועג איז נאָך פול מיט דערנער. אָבער גויט ברעכט אייזן און מכל שכן דערנער. נישטאָ קיין שטאַרקייט קעגן אַ שטאַרקן ווילן! און אויב איינער ביחידות איז שוואַך, ווערט ער אָנגעפילט מיט כוחות ווען ער איז צוזאַמען אין חברותא.

„...עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ חברה, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן דאָס צוגרייטן און דאָס אויפגיין אין אונדזער לאַנד... די הויפּט־אויפגאַבן פון דער חברה זענען צו געבן אַ מעגלעכקייט יעדן איינעם צו קויפן ערד און צו באַצאָלן פאַר איר אין פאַרלויף פון פינף יאָר...

„דעריבער דאַרף יעדערער, ווי לאַנג ער האָט נאָך אַ מעגלעכקייט, זיך אָנשליסן אין דער חברה, וואָס רופט זיך „נחלת יעקב״, אויפן נאָמען

פון מיין פאָטער... אַזוי ווי מיר האָבן געהערט פון זיין הייליק מויל, אַז ער האָט געבעטן, ער זאָל זוכה זיין צו זיין אין ארץ־ישראל אַפילו אַליין צו אַרבעטן פיזישע אַרבעט...

...„אייער פריינט וועלכער גריסט איך, בעט פאַר אייער ווילזיין און באַגערט אויף דעם קומענדיקן יאָר צו זיין מיט איך צוזאַמען אין ירושלים.

„חיים יחזקאל, דער זון פון אונדזער רבין,
געבענטשט זאָל זיין אָנדענק צום אייביקן לעבן״.

פאַר זיי איז געווען אַן אַנדער רבי פון גרויסן חסידישן יחוס — ר׳ ישעיהלע שפּיראָ, אַן אייניקל פון קאָזשעניצער מגיד און פירער פון הפועל המזרחי. זיין עלטערער ברודער איז געווען דער קדוש ר׳ קלונימוס קלמיש שפּיראָ הי״ד (אומגעקומען אין עלטער פון 55 יאָר. ער האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן אין דווקא געוואָלט אים באַזאָרגן מיט רבנות). ר׳ ישעיהלע (נפטר געוואָרן אין עלטער פון 55 יאָר, ערב שבועות, 1945, האָט אָבער אויס־געקליבן פאַר זיך דעם וועג פון תורה און עבודה אין איינפּאַכן זיין פון וואָרט אין ארץ־ישראל. עבודה ממש אויפן הייליקן באָדן... און ער האָט גערופן חסידים נאָכטאָן זיין ביישפּיל און דעם ביישפּיל פון זיין קרוב, דער דראָהאָביטשער רבי ר׳ חיים מאיר שפּיראָ (געב׳ תרכ״ד; נפטר געוואָרן אין ווין, ל׳ ניסן, תרפ״ד און געבראַכט צו קבורה אין ירושלים). ער האָט מקריב געווען דעם רביישן טיש סיי פון פאָטערס צד: מאָגעלניצע און סיי פון דער מוטעס צד: קאָזשעניץ, סאַדיגורע־ריזשין.

ר׳ חיים־מאיר האָט אַלס רבי גאָר אַ סך געטאָן פאַרן ציוניזם און זיך באַטייליקט אין 12טן קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד. זיין חברה „ישוב ארץ־ישראל״ איז שפּעטער איינגעשלאָסן געוואָרן אין מזרחי.

אין יאָר תרפ״ד איז ער עולה געווען קיין ישראל. זיין אייניקל, דער דיכטער ש. שלום, דערציילט אין זיינע זכרונות אַ סך וועגן זיין זיידן דעם „חובב ציון״ פון דער ערשטער מדרגה. דרייסיק נפשות האָט ער געבראַכט אין לאַנד פון די אבות און דאָרט זיך פאַרוואָרצלט אויף אייביק.

נאָך איינער פון רבישן פאַרנעם, וואָס האָט תמיד אַרויסגעוויזן איב־טערעס און ליבשאַפט צו ארץ־ישראל, איז געווען דער מאָדזשיצער רבי ר׳ שאול ידידי׳ טויב ז״ל. ער פלעגט שטענדיק דערמאָנען דעם פאַקט, אַז

די מצוה פון ישוב ארץ־ישראל איז דאָך ניט ערגער פון אַנדערע מצוות. ווען אימיצן איינפאַלן, אַז מען איז יוצא לייגן תפילין בלויז מיט כוונה, זאָל אפילו זיין מיט די כוונות פונעם אר״י ז״ל... תפילין מוז מען אָנטאָן! אַזוי איז אויך מיט מצוות ישוב ארץ־ישראל. מען איז ניט יוצא בלויז מיט תפילות...

ער האָט אויך געטייטשט דעם פּסוק: „טובה הארץ מאד מאד״ (במדבר, י״ד), אַז דאָס מיינט, אַז מען דאַרף זיין גרייט אויף ביידע זאַכן: אַרבעט און געלט־שטיצע 8). אָבער וועגן דעם — ווייטער.

דער גערער רבי, רבי אברהם־מרדכי זצ״ל, האָט געטאָן זייער אַ סך פאַר דער התנשאות פונעם מענטש בכלל און ספּעציעל פאַר חסידות און איז געווען איבער מחדש אין חסידות און אין לומדות, אויך אַ מחדש אין עסקנות, להחזקת התורה והיהדות 9). ער האָט אַרויסגעוויזן אומגעהויערע תשוקה פאַר ארץ־ישראל. הלוואי וואָלטן די גערער חסידים געווען אים געפאָלגט אויף דעם געביט פון חיבת־ציון, ווי זיי האָבן געפּרוווט נאָכגיין אין אַנדערע זיינע דרכים, וואָלט גערער חסידות געווען אינגאַנצן איבערגעפלאַנצט געוואָרן אויף דעם הייליקן באָדן.

דער גערער רבי האָט שטענדיק געחלומט זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל. ער האָט אומצאָליקע מאָל גערעדט מיט זיינע מקורבים צו שאַפן אַ פרומען ישוב, וואָס זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו חלוקה. ער האָט ביי זיינע נסיעות איינזינען געהאַט צו רעאַליזירן די דאָזיקע פּלענער.

אין זיין באַרימטן בריוו נאָך זיין ערשטער נסיעה (ז׳ אייר, תרפ״א, פאַרעפנטלעכט אין אגודה־אָרגאַן „דגלנו״), שרייבט ער צוו. אַנד., אַז: „ווען מען השית״ב האָט באַשאַנקען מיט פאַרמעגן, קען ער דאָרט אָן ספק געפינען זיין פּרנסה במנוחה שלימה, און דערביי אָפּהיטן יידישקייט אָן שום שטערונג״. ער ראָט זיינע חסידים אַריינצולייגן לכל הפחות אַ דריטל פון פאַרמעגן אין ארץ־ישראל־באָדן, קאָמענטירנדיק דערביי דעם אויסדרוק

---

8) ער ווייזט אָן, אַז „מאד״ מיינט זיך האַלטן בּידעריק און „מאד״ מיינט אויך געלט. זע, גרות שבת, מיט אַ באַמערקונג פון דער רעדאַקציע: „וזכה הוא שכל חייו חיי ניגון לא נפטר מן העולם אלא בניגון... ביום שמחת הישוב, י״ז כסלו, תש״ח״.

9) זע, ספר זכרון פון מרן מהרי״ל גרויבאַרט, ז׳ 180.

פון דער גמרא, „כספים אין להם שמירה אלא בקרקע", אַז דאָס מיינט מען קרקע ארץ־ישראל.

עס איז געווען זיין ווונטש, אַז ייִדן זאָלן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל און וואָלטן זיינע חסידים אים אויסגעפאָלגט, וואָס שייך ישוב א"י, וואָלטן דאָך אַ סך פון זיי געווען אויסגעמיטן דעם גורל פון נאַציזם.

ווען ער איז אין אָט דעם זכות אָנגעקומען אין די קריטישע יאָרן אין ארץ־ישראל, האָט ער מרעיש עולם געווען, אָבער ס'איז שוין געווען שפּעט. זיינע רופן זענען דאַן בלויז געווען ניט צו ווערן איינגעאַנצן פאַרצווייפלט, חלילה, האָפן אויף די חסדי־השם אַפילו אין דער פינצטערניש און עת־צרה. דער רבי האָט אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה צוויי טעג נאָכן וואָפן־שטילשטאַנד אין ירושלים, מיטן פולן גלויבן, אַז די ישועה איז נאָענט.

נאָכן קריג איז צוגעקומען, מיט אַ גרויסער פּאַרשפּעטיקונג, די חסי־דישע עליה פון ליובאַוויטשער חסידים. די חסידי חב"ד האָבן אויף אַ טע־לעגראַמע קיין פּאַריז פון רבין ר' יוסף־יצחק שניאורסאָן זצ"ל, אין יאָר 1947, עולה געווען קיין ארץ־ישראל און געשאַפן אַ חב"דער עליה מיט חב"ד־שטעטלעך, חב"דער ישיבות און אַ נייעם חסידישן שוווּנג אַריינגע־בראַכט אין מדינת־ישראל, נאָך דער אתחלתא דגאולה.

איינער פון די וויכטיקסטע פאַרגייער פון דער באַנייטער חסידישער עליה איז, בלי ספק, דער דערמאָנטער ר' יצחק גערשטנקאָרן, דער גרינ־דער און יאָרלאַנגער נשיא פון בני ברק. ער גיט איבער די אינטערעסאַנטסטע זכרונות וועגן דער השפעה פון חסידות און די אָנרעגונג פון די חסידישע מנהיגים פאַר עליה און ישוב ארץ־ישראל. ער דערציילט אין זיינע „זכרו־נותי על בני ברק" 10) וועגן דער השפעה פון זיין רבין אדמו"ר ר' שמעון קאַליש (סקערנעוויצער רבי, אייניקל פון אַלטן וווּרקער רבי ר' יצחק (געב' י' ניסן, תרי"ז; נפט' ד' חוהמ"ס, תרפ"ז) און וועגן די ממלאי מקומו, וועלכע האָבן געוואַרעמט און ליכטיק געמאַכט אין אים דעם ניצוץ פון חיבת־הארץ. זיינע ערשטע טעטיקייטן פאַר עליה און ישוב־הארץ איז געווען אין סקערנעוויצער שטיבל, אויף נאַלעווקעס 43, אין וואַרשע 11).

---

10) חלק ראשון (תרפ"א—תרפ"ד), תש"ב.

11) ז"ז מ"א—מ"ו.

ער דערציילט אין אָט די זכרונות וועגן זיין באַזוך ביים גערער רבין, רבי אברהם מרדכי אַלטער 12), וועגן זיין חיבת ארץ־ישראל און זיינע עצות צו די חסידים צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. ער ציטירט די ווערטער פון גערער רבי:

„כל מה שהיהודים עושים לטובת ישוב הארץ, יש לסייע בידם. אם יבואו אלי חסידים מאנ״ש להמלך בי, אם להרשם אצלך כחברי האגודה, אומר להם: הן... חזק ואמץ ואל תפול ברוחך, פעל ועשה והמקום יצליח בידך!״.

אַזעלכע ווערטער האָבן אים געשטאַרקט, ניט געקוקט אויף די אַלע מכשולים און שטערונגען, ניט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפט צום גע־דאַנק פון בנין און עליה.

גאָר אַ שטאַרקן איינדרוק האָט געמאַכט, ווי ער שרייבט, זיין בריוו, דאַטירט ד׳ אייר, אויף דער שיף, ביים אומקערן זיך פון דער ארץ־ישראל־נסיעה; ער שרייבט צו די קינדער:

„...עתה הנני להודיעכם את השקפתי בעניני אה״ק. הנה פחד ורחב לבבי והתענגתי מזיו כבודה, בקרתי מוסדותי׳ וגם הישיבות והת״ת שתחת השגחת החרדים ומצאתי בכולם כי טוב, אולם נצרכים לסיוע ועזר מן החוץ, וכפי העזר כן יוכלו להתרחב.

„הנני שבע רצון מאוד בראותי כי יכולים גם לבוא אל המנוחה ולהת־נהג שמה בדרכי היהדות כאשר הורונו אבותינו ואבות אבותינו, ומי אשר חננו השי״ב בהון, יוכל בלי שום ספק למצא שמה פרנסתו במנוחה שלימה ולשמור היהדות כראוי באין מעצור. אולם גם אלו שאין יכולים ואין חפצים להשתקע באה״ק, דעתי — בכדי לעזור לאחיהם בני ישראל החרדים להת־ישב שמה — יפרישו כל אחד מהונו סכום מסוים ולקנות לו שם חבל נחלה, והוא נושא פירות גם בעוה״ז. ואולי רמזו ע״ז חז״ל שליש בקרקע — הכונה על קרקע אה״ק וגו׳.

„בטח כבר ידעתם כי בווין באספה של מועצת גדולי התורה החליטו שהאגודה תעסוק בעבודה ממשית בכל המקצועות בישוב ארץ־ישראל, מבלי הבט על התנאים הפוליטיים המתחלפים ובאים, וכן הוא באמת דעתי

---

12) ז״ז מ״פ—נ״ד.

אשר מצוות ישוב ארץ־ישראל שנצטוינו בתורתנו הקדושה איננה דבר התלוי בזמן, רק בהיכולת והאפשרות, ולכן גם עתה צריכים להשתמש בהאפשרות של עכשיו ולעבוד בכל עוז, כי ברבוי העולים החרדים לא״י תתגדל השפעתם שמה, וזה יגרום שמירת קדושת הארץ״.

אַזאַ דעקלאַראַציע, געשריבן אַזוי קלאָר און זאַכלעך, ערלעך און אי־בערצייגנדיק — דערצו פֿון אַ גרויסער אויטאָריטעט, דעם רבין פֿון פּוילן, האָט געדאַרפֿט אויפשטורעמען דאָס רעליגיעזע ייִדנטום פֿאַר עליה; ספּע־ציעל גערער חסידים האָבן געדאַרפֿט מאַסנווייז פֿאָרן בויען דאָס הייליקע לאַנד. ווייזט אויס, אַז דער שטן, דער אייביקער „מרקד״, האָט אַנדערש געוואָלט... די ייִדן אין פּוילן זענען געבליבן אין זייערע ווינטערע און בלויז יחידים, אָדער אייניקע קבוצים פֿון רעליגיעזע ייִדן האָבן עולה געווען.

אינטערעסאַנט זענען די פּשוטע אומשולדיקע ווערטער וואָס אַ מאַר־קושעווער ייִד, אריה ווײַנריבער, שרײַבנדיק וועגן חסידיזם און ציוניזם אינעם שטעטל מאַרקושאָוו, דערציילט:

„כ׳דערמאָן זיך, ווי איך האָב אַמאָל געפֿונען אַ בריוו פֿון גערער רבין ז״ל צו זײַנע חסידים. דער בריוו, אין דער פֿאָרעם פֿון אַ געדרוקטן נאָטיץ, האָט גערופֿן די רעליגיעזע ייִדן צו קויפֿן אין ארץ־ישראל באָדן, אַ נחלה און דאָרט זיך באַזעצן, ער האָט געשטיצט זײַן רוף מיט פּסוקים פֿון תלמוד און אַנדערע ספֿרי קודש.

„די לעצטע גאולה וועט זײַן דורכן דרך הטבע״ — האָט דער רבי גע־טענהט אין זײַן ווענדונג, און אַז „פֿרײַער מוז מען זיך באַזעצן, דאַן וועט משיח קומען״. דער דאָזיקער בריוו איז דערשינען נאָכן רבינס באַזוך אין ארץ־ישראל אין יאָר 1924. ווען ער גופֿא האָט אין א״י געקויפֿט באָדן. ווייזט אויס, אַז דער דרוק פֿון זײַנע מקורבים און בכלל פֿון דער חסידישער וועלט איז געווען שטאַרק אויפֿן גערער רבין און מיט אַ צײַט שפּעטער האָט מען גוזר געווען דעם בריוו צו באַהאַלטן. איך גופֿא האָב אַ לענגערע צײַט זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם בריוו ווי מיט אַן אוצר, ערשט ווען מײַן פֿאָטער האָט אים בײַ מיר אָפּגענומען, איז ער פֿאַרשווונדן ווי אין וואַסער אַרײַן״ 13).

13) חורבן און גבורה פֿון שטעטל מאַרקושאָוו, ז׳ 84.

צי דער בעל־זכרונות דערציילט פּינקטלעך איז דאָ ניט וויכטיק. פאַר אונדז איז וויכטיק דער פאַקט, אַז דער גערער רבי זצ״ל איז געווען פאַר עליה און חיבת־ציון, אהבת ארץ ישראל איז געווען פאַר אים אַ רעאַלער פאַקטאָר אינעם ידישן לעבן.

אין די זעלביקע זכרונות לייענען מיר, ווי די ציוניסטן זענען אויך געגאַנגען אין מאַרקושאָוו אויפן דרך פון עקסטרעמיזם. „צוליב דעם״ — דערציילט ער ווייטער — „וואָס די פרומאַקעס האָבן ניט געוואָלט בענטשן איבער אַן אתרוג פון א״י, האָבן די ציוניסטן אָפּגעביסן דעם פּיטום און מאַרקושאָוו איז געבליבן אָן אַן אתרוג״.

רבי יצחק גערשטענקאָרן, דער ענטוזיאַסטישער חובב ציון און איי־נער פון די ערשטע בויער פונעם נייעם רעליגיעזן ישוב אין לאַנד, איז גע־וואָרן געשטאַרקט דורך די ווערטער פון גערער רבין. דאָס האָט אים גע־געבן מוט אָנצוגיין מיט זיינע ווייטערדיקע פּלענער פאַר בנין הארץ, ביי־צוקומען אַלע מכשולים און דערגרייכן זיין ציל אויפצובויען און צו באַ־נייען די היסטאָרישע בני ברק.

דער גערער האָט אים אַ סך געשטיצט, אויפגעפאָדערט זיין איידעם, רבי יצחק־מאיר לעווין (פירער פון אגודת ישראל) צו שטיצן און זיך צו פאַראינטערעסירן מיט מהר״י גערשטענקאָרנס פּראָיעקט פון „בית ונחלה 14).

י. ג. שרייבט ווייטער 15): „די אָפענע קעגנער צום בנין ארץ ישראל האָבן מיך געפּסלט פון אַלצדינג; אין זייערע אויגן בין איך געוואָרן אַ „מזרחי״... דער איינציקער, צו וועמען ער האָט זיך געווענדט און האָט אים אַרויסגעהאָלפן פּאָזיטיוו איז געווען דער גערער רבי. מיט זיינע אָפענע און ליכטיקע אויגן האָט דער גערער רבי געזען, אַז די צוקונפט פון ידישן פאָלק איז אין ארץ־ישראל און אַז ידן דאַרפן עולה זיין אין זייער דורך אַלע דורות געהייליקט לאַנד.

דעם דאָזיקן בריוו האָט דער גערער רבי געשריבן צו זיין אייגענער משפחה, אָבער ער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער גאַנצער אָרטאָדאָק־

---

14) זע, דאָרט באריכות.

15) ז״ז קכ״ג—קכ״ד.

סישער פּרעסע. עס איז אַ לאַנגער בריוו. דער רבי וואָס איז שטענדיק מקצר און מצמצם אין זיינע ווערטער, איז דאָ מאריך — צוליב ארץ־ישראל. און ניט געקוקט אויף דער אריכותדיקייט, פּילט מער ווי יעדעס וואָרט איז געמאָסטן און געוווּיגן.

אין „דגלנו" פון יאָר תרפ"א (חוברת ה') געפינען מיר דעם גאַנצן בריוו וואָס דער רבי האָט געשריבן אויפן וועג, אויף דער שיף צוריק פון ארץ־ישראל. די רעדאַקציע באַמערקט, אַז צוליב דעם וואָס דער בריוו האָט אַ וויכטיקן היסטאָרישן ווערט און האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף דער גאַנצער וועלט בכלל און אויף דער אָרטאָדאָקסיע בפרט, האָט זי באַשלאָסן דרוקן דעם בריוו ווי געשריבן: „ומפני חשיבות הגדולה החלטנו להדפיסו בשלמותו ב„דגלנו".

דער גערער רבי זצ"ל באַמערקט:

„ולקשט את עצמי מקודם, עשיתי מיד — עם החבורה שבאתי עמה ואיזה מיקירי ירושלים — השתתפות על יסוד חברת מניות (אַקציען־געזעלשאַפט) וקנינו בעיר יפו חלקת אדמה... לכן אקוה ואבקש שממני יראו וכן יעשו, כי הגיעו השעה לעשות דברים ממשיים בפועל... ונכון שתי׳ אספה גדולה של מועצת התורה וגם האספה הכללית של האגודה (קאָנפערענץ) למען הגדל עבודת הישוב באה"ק בפעולות ממשיות".

דער גערער רבי, דערציילט דאָ, אַז ער אַליין מיט שותפים האָבן געקויפט אַ נחלה אין יפו; אַז ער האָפט, אַז אויך אַנדערע וועלן נאָכטאָן דעם ביישפּיל און טאָן ממשותדיקס פאַרן ישוב. ער שלאָגט פאָר, אַז די קאָנפערענץ פון דער מועצת גדולי התורה און אויך דער קאָנגרעס אין ווין זאָל באַשליסן צו ווירקן מיט מעשים פאַר ישוב ארץ־ישראל.

אין דעם בריוו דערציילט זיך אויך וועגן זיין באַזוך ביים נציב. ער רופט אים מיטן יידישן נאָמען אליעזר סעמועל; דער לעצטער האָט אים פאַרזיכערט צו העלפן אין דער עליה פון חרדים; האָט אים אויך פאַרזיכערט פאַרשיידענע הנחות פאַר אָט דער קאָלאָניזאַציע און באַזעצונג פון רעליגיעזע יידן.

דער גערער רבי שרייבט ווייטער אין אָט דעם לאַנגן בריוו, אַז די מצוה פון ישוב ארץ־ישראל, וואָס די תורה הקדושה האָט אונדז אָנגעזאָגט, איז אַ מצוה וואָס איז ניט תלוי בזמן, איז ניט אָפּהענגיק אין צייט, נאָר אין

דער מעגלעכקייט... און איצט איז דאָ אַזאַ מעגלעכקייט (נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע — נ. ש.), דאַרף מען אַרבעטן מיט אַלע כוחות פאַר ישוב הארץ; וואָס מער רעליגיעזע עולים, אַלץ גרעסער וועט זיין זייער השפעה און דאָס וועט ברענגען שמירת קדושת הארץ.

דער בריוו איז אויך מלא וגדוש מיט תורה. שרייבנדיק וועגן באַזוך ביים כותל מערבי, באַמערקט ער, אַז דער מיין פון מאמר חז״ל: אזנים לכותל... איז געמיינט די כותל מערבי, פון וועלכער שכינה לא זזה... און וועגן דער קריעה, וואָס דאַרף זיין „עד שיגלה את לבו״ איז געמיינט אַז די קריעה זאָל זיין בהרגשת הלב, מיט האַרץ־געפיל...

ווי געזאָגט, איז דער בריוו היסטאָריש וויכטיק. ער באַשרייבט פאַר־טימדיק אַלע זיינע באַזוכן און אויך זיין טרעפן זיך מיט די גדולי הרבנים פון הייליקן לאַנד. מיר קענען דאָ ניט, צוליבן דוחק אין פלאַץ מער מאריך זיין און בלויז דערגענצן מיט זיין ערלעכע אָפּשאַצונג פון הרב הראשי מהרא״י קוק זצ״ל. ער שרייבט צוו. אַנד.:

„...והנה בחו״ל הי׳ מושג וציור אחר ממה שהוא באמת (הרב קוק — נ. ש.). כי עפ״י הידיעות הי׳ נחשב הרה״ג הרא״ק שי׳ כאילו הי׳ רב נאור ורודף שלמונים, ויצאו נגדו בחרמות וגדופים. וגם מערכות ה„יוד״ וה„דרך״ הביאו, לפעמים מידיעות האלו שיצאו מצד אחד. ואולם לא זה הדרך לשמוע רק מצד אחד, יהי׳ מי שיהי׳.

„והרה״ג ר׳ אברהם קוק שי׳ הוא איש האשכולות בתורה ומדות תרו־מיות... אולם אהבתו לציון עברת כל גבול ואומר על טמא טהור ומראה לו פנים כאותו שאחז״ל בפ״ק דעירובין על שלא היה בדורו כמותו, ומזה באו דברים הזרים שבחבוריו. והרבה התוכחתי עמו, כי, אם כונתו רצויה אבל מעשיו וכו׳ שנותן יד לפושעים, כל עוד שעומדים במרדם ומחללים כל קודש. הוא דרך מסוכן...

„...גם שטתו בענין העלאת הנצוצות אין בהם ממש״...

ער האָט באַזוכט אין אינטערעס פון שלום צווישן די רבנים די הויפּט־רבנים פון קנאים־לאַגער, ר׳ חיים זאָנענפעלד און ר׳ ירוחם דיסקין זצ״ל, זיך באַמיט צו שאַפן שלום אין לאַנד; זיי זאָלן מבטל מאַכן דעם קול שופר און חרם און אויך די לעסטערונגען קעגן הרב קוק און דער לעצטער האָט

אים פאַרזיכערט, צו זיין מער נזהר אין זיין לשון וועגן די קבוצים, ניט אַרויסצורופן קיין צאָרן מצד די קנאים... ער שרייבט:

„ולכן התקרבות השלום נחוצה ביותר ואם כי לא גמרתיו עוד, אבל התחלה עשיתי... גם כל עוד שלא נגמר השלום בשלמות, עכ״ז כאשר יחדלו הזלזולים משני הצדדים, הנהו הרה״ג ר׳ אברהם קוק מכיר בבית דינם של הרבנים הגאונים, ר׳ חיים זאָנענפעלד שי׳ והרב ר׳ ירוחם דיסקין שי׳ — ועוד חושב את זה לדבר מועיל, יען יש לו מגע ומשא גם עם החפשיים, בתור רב כללי...

„והנה מדברי הה״ג ר׳ אברהם קוק שי׳ הנ״ל תכירו מדותיו — כי הגם שרוב מאנשי עיר הקדושה והרבה מהרבנים עומדים על צדו, עכ״ז חולק כבוד להרבנים הזקנים״.

דער גערער רבי דערציילט וועגן אַן אסיפה פון דער אגודת ישראל אין ירושלים, צו וועלכער ער איז איינגעלאַדן געוואָרן. ער האָט דאָרט אָפּגע־לירט פאַר שלום, אַז מ׳זאָל זיך פאַרנעמען מיט ענינים פון אגודה און ניט מיט ענינים פון מחלוקת (ס׳איז דאַן אָנגעגאַנגען די שאַרפע מחלוקה אין ירושלים צווישן הרב קוק און די אַנדערע רבנים אין באַצוג צום ציוניזם). איבערהויפּט רעדט ער דאָרט וועגן חטא פון שנאת־חנם, און אַז מ׳דאַרף זיך שטאַרק אָנשטרענגען אויסצוואָרצלען מחלוקת און שנאת־חנם וואָס האָט די טבע זיך צו שטאַרקן אין צייט פון עקבתא דמשיחא.

אין זיינע אינטערעסאַנטע תורה־באַמערקונגען דערקלערט ער די משנה: „איזהו מחלוקת שהיא לשם שמים?״ — ענטפערט דער תנא: כגון מחלוקת הלל ושמאי... דאָס קומט אונדז לערנען, אַז בלויז אַזעלכע גדולים ווי הלל און שמאי, קענען פירן אַ מחלוקת לשם שמים... (זע, דאָרט, בארי־כות). ער פאַרענדיקט זיין בריוו, באַהויפּטנדיק: „כי בעשר קדושות שבא״י שבמשנה, יכולים גם להגות מטובה, הן בעוה״ב ,הן פרושים, הן חסידים, הן בעלי מדרגה וכו׳״.

ער ראַט אָבער זיין בני־בית, וואָס דאָס מיינט זיינע נאָכפאָלגער, ניט צו טאָן קיין איבערגעאיילטן שריט: „אולם לבל לנסוע בחפזון (בפרט, אחרי שנשמע שסגרו לעת עתה את הגבולים), אך בישוב הדעת ובהסתדרות, ול־הודיע מקודם, איך יתפרנס שמה וכמה כסף נדרש, הכל בפרטות, כי אני כתבתי רק בכלל כפי מה ששמעתי וראיתי״...

י. מ. לוריא, אין זיין מאמר „אגדת ישראל וארץ ישראל" (מסביב למכתבו של האדמו"ר מגור, דגלנו, תרפ"א, חוב' ט'), באַהאַנדלענדיק דעם בריוו פון גערער רבין זצ"ל, שרייבט טאַקע אין גרויס התלהבות:

„בצדק גמור ובבטחה, נוכל לאמור: האדמו"ר מגור פנה את הדרך, סלה את המסלה העולה בית אל; הוא חרש את תלם־מענה הראשון בשדה העבודה של „אגודה ישראל בארץ ישראל; כברת האדמה שלקחו, הוא ושותפיו, בארץ, היא ירית אבן־פנתו של הבנין הנהדר והנשגב... היא גרעין הזריעה הראשונה שנזרע וקלט בידים טהורות ופוריות, לעשות ענף ולשאת פרי קודש של תנוע חזקה... לבוא ולהשתתף בבנין הארץ".

בנימין מינץ, דער פירער פון פועלי אגודת ישראל און באַוווסטער גערער חסיד, אין זיין „רבנו זצ"ל מגור"16) ציטירט אָט דעם גאַנצן בריוו, ווי אַ הויפּט־באַזע פאַר זיין חיבת־ציון און שטרעבונג צו עליה אין ארץ־ישראל, וואָס ער האָט דערגרייכט שוין נאָכן חורבן פוילן, ווי אַן „אוד מוצל"... אין יאָר ת"ש און געוווינט אין הייליקן לאַנד עד „עלית נשמתו שמימה".

ב. מ. שרייבט צוו. אַנד.:

'...אפשר להגיד בבטחה שהוא הוא שהלהיב את הזיק הארצישראלי ביהדות ההרדות של דורנו. הוא הוא שעזר לבנין ארץ־ישראל על ידי התלהבותו לארץ, על ידי עזרתו והטפתו לעליה אצל אלפים משואליו ושומעי עצותיו, ועל ידי עליותיו התכופות".

דאָס ערשטע מאָל, ווי דערמאָנט, איז ער עולה געווען אין יאָר תרפ"א. דערנאָך נאָך פיר מאָל און דאָס זעקסטע מאָל — די לעצטע עליה. יעדער עליה האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ היסטאָרישע געשעעניש (ב. מינץ באַשרייבט די דאַטעס פון די נסיעות און זייער רושם, די מיטפאָרער און די ווירקונג אויף זיי, די צילן און דערגרייכונגען).

אין אַלע זיינע בריוו נאָך דער ערשטער נסיעה, האָט ער מעורר געווען צו פאָרן און צו וווינען אין הייליקן לאַנד, אַפילו ווען דאָס איז פאַרבונדן מיט שווערע נסיונות, אויב מ'קען זיי נאָר איבערטראָגן.

16) מחיי ומדבריו של אדוננו מורנו ורבנו רבי אברהם מרדכי אלטר זצוק"ל, שערים, תל־אביב, תש"י.

דאָס פינפטע מאָל, שרייבט ער, איז דער גערער געפאָרן פאַר ראש־השנה תרצ״ו און ווי עס ווייזט אויס שוין געטראַכט פון באַזעצן זיך אין לאַנד. ער איז דאָרט שוין געווען איבער אַ האַלב יאָר; אסרו חג פסח צוריק־געפאָרן קיין פוילן מיטן געדאַנק זיך באַלד אומצוקערן ווי אַן ארץ־ישראל־תושב. ב. מ. דערציילט אויך (ז׳ 42): „אותו פסח לא נהג כבר ביום טוב שני של גליות. וביום הראשון של חול המועד יצא לטיל כשמקלו בידו. הוא היה אז כבר יהודי ארצישראלי״.

דערווייל האָט אויסגעבראָכן דער קריג און שפּעטער דער אומקום פון פּוילישן ייִדנטום. אים איז דורך נסי־נסים געלונגען אַרויסצורייסן זיך פון נאַצי־גיהנום און ער איז עולה געווען אין ניסן ת״ש (1940). ער האָט אַליין צוגעזען ווי אַ באָמבע האָט אויפגעריסן איינעם הויז, וווּ ער האָט זיך גע־פונען און פאַר זיינע אויגן איז געהרגעט געוואָרן זיין געליבטער איידעם, ר׳ יצחק־מאיר אַלטער הי״ד, דער זון פון זיין ברודער, דעם צדיק רבי משה בצלאל הי״ד. די נאַציס האָבן אים געזוכט, פאַרשפּרייט מודעות פון פרייזן פאַר זיין קאָפּ — אָבער ער איז געראַטעוועט געוואָרן מיט אַ טייל פון זיין משפחה, אָנקומענדיק קיין ארץ־ישראל, אַ צעבראָכענער, אַ דערשלאָגענער — אָבער נאָך אַלץ פול מיט בטחון אין השית״ב, שטאַרקנדיק דעם ישוב און דעם גאַנצן וועלט־ייִדנטום מיט זיין התחזקות־בריוו.

ווי מינץ שרייבט, האָט ער אומצייליקע מאָל גערעדט וועגן דער ליב־שאַפט צום לאַנד און צום לשון הקודש פון אונדזער פאָלק:

„מאות ואלפים פעמים דבר על הארץ ועל חביבותה. אף הראה חבי־בות מיוחדת לעברית. ובחן פעמים רבות ילדים בתורה, בחומש ובגמרא ובקשם שיגידו לפניו בעברית״.

דער רבי, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזויפיל ליבע צום הייליקן לאַנד, האָט אויסגעהויכט זיין נשמה שבועות תש״ח, אין ירושלים, די אייביקע הייליקע שטאָט, צוויי טעג נאָך דעם ווי עס איז דערקלערט געוואָרן וואָפנ־שטילשטאַנד אין דער מלחמה מיט די אַראַבישע שונאים, דריי־און־פערציק יאָר נאָכן זאָגן זיין ערשטע תורה אין גור 17).

פון די אַנדערע דינאַסטיעס האָבן מיר שוין פריער דערמאָנט, אַז ס׳זע־

---

17) באריכות, אין פרק גער.

נען געוועזן רביים, וואָס האָבן עס געמאַכט פאַר אַ יסוד — ישוב ארץ־ישראל. געגנוג צו דערמאָנען דעם מאָדזשיצער רבין ר׳ שאול ידידיה זצ״ל, וועלכער האָט געזונגען, פאַרפאַסט קאָמפּאָזיציעס פאַר שירת ישראל, אין אַלע תורה־שמועסן געוועקט יידן פאַר עליה און ישוב ארץ־ישראל. אָבער וועגן דער מאָדזשיצער דינאַסטיע און איר שייכות צו ישוב ארץ־ישראל — אין אַ ווייטערן קאַפּיטל.

אויך ליובאַוויטש איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אין ארץ־ישראל.

ר׳ שניאור זלמן שניאורסאָן, דירעקט אייניקל פון צמח צדק 18) איז נפטר געוואָרן אין ירושלים, אין עלטער פון 72 יאָר, ד׳ ניסן תרס״ב (1902) און ווי מ. ש. סלונים גיט איבער, האָט ער געהאַט השפעה אין ארץ־ישראל און ער האָט משפיע געווען אויף ר׳ שניאור זלמן סלאָנים, אויפצוגעבן זיינע געעשפטן אין חברון און ווערן רב ביי די חסידי חב״ד אין יפו 19).

18) אוצר ישראל, ניו־יאָרק, תשי״ב, י׳, ז׳ 1995.

19) מ. ש. סלונים, תולדות משפחת הרב מלאַדי, תל־אביב, תש״ו, ז״ז 168, 176, 229.

קאַפּיטל 4

חסידישע נגינה און פאָלקס־מעלאָדיע

1. געזאַנג און נגינה ביי יידן

היה כנגן המנגן ותהי עליו יד ד׳.

(מלכים, ב׳, ג׳, ט״ו)

געזאַנג, נגינה איז זייער חשוב ביי יידן. דאָס ייִדישע פאָלק איז גע־קניפּט און געבונדן מיט געזאַנג און מוזיק, אַזוי, אַז מען קען זיך אויס־דריקן: „ישראל ונגינה חד־הוא". דער ייִדישער אָנהויב איז געווען מיט געזאַנג: יידן זענען אַרויס פון מצרים, האָבן זיי געזונגען דאָס הייליקע גע־זאַנג „אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת"... אויך די ייִדישע פרויען האָבן אונטער מרימס פירערשאַפט געזונגען, געטאַנצט און גע־שפּילט. אויך דבורה הנביאה, די באַזינגערין פון גרויסן זיג איבער סיסראס חיילות, רופט אויס: „עורי, עורי דבורה, עורי, עורי דברי שיר"...

אַלע נצחונות — יעדע הילף צו ייִדן, יעדער נס, האָבן באַקומען זייער אויסדרוק אין נגינה. מיט און דורך דעם געזאַנג, האָבן ייִדן אויס־געדריקט די טיפענישן פון זייער נשמה און האַרץ און זיך דערהויבן צו דער העכסטער הייליקער שטימונג. דאָס געזאַנג האָט געשאַפן די אַטמאָס־פערע און געלייגט דעם אייביקן חותם אויף דעם העברעיִשן שאַפן. די פופצן „שיר המעלות" און בכלל די מזמורים פון תהלים זענען פאַרפאַסט גע־וואָרן צום באַנוצן זיך מיט זיי פאַר פאַרשידענע, דעמאָלטיקע מוזיק־אינס־טרומענטן.

מ. ש. גשורי 1) ווייזט אָן אַז די ייִדן קומענדיק אין גלות בבל, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו זינגען אויף פרעמדן באָדן, ענטפערנדיק: „איך נשיר את שיר ד׳ על אדמת נכר״. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס קען זיין אַ געפאַר, אַז ייִדיש געזאַנג זאָל, חלילה, פאַרגעסן ווערן, דאָך מיט דעם בטחון און גלויבן אין דער גיכער גאולה, אָנגעהאַלטן דאָס ייִדישע געזאַנג. אַלס פאַקט ברענגט ער דעם פסוק וואָס דערציילט, אַז צווישן די עולי־בבל, האָבן זיך געפונען צוויי הונדערט זינגער און זינגערינס 2).

דאָס אָבער וואָס די ערשטע ייִדן אין גלות האָבן געטאָן, האָבן פאַרגעסן די ייִדן פון צווייטן לענגערן גלות, גלות רוים, וואָס איז געקומען נאָך דער לאָזונג: „איליאַ קאַפּיטאָלאַנא״ און געבראַכט מיט זיך דעם לאַנגן, פינצטערן און שרעקלעכן גלות. זיי האָבן אויפגעהערט זינגען און כמעט פאַרגעסן די אָריגינעלע שירה 3).

וועגן דער ייִדישער נגינה אין אַלטערטום, איז דאָך געגוג צו ברענגען אַלס פאַקט די הערלעכע מעלאָדיעס ביים לייענען די תורה. די טראָפּצייכנס שטעלן מיט זיך פאָר, ווי באַקאַנט, אַ מוזיקאַלישן אָרגאַניזם, די קריאה אין דער תורה שטעלט דאָך מיט זיך פאָר אַ זיסע אָריענטאַלישע מעלאָדיע וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור. זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַן אומ־שאַצבאַרן קוואַל פון אַלטערטימלעכער נאַציאָנאַל־ייִדישער מעלאָדיע.

אין בית־המקדש, נאָך פריִער אין משכן, האָט געזאַנג פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער עבודה. „השיר שהלויים היו אומרים״, איז געווען דער אָנהייב פון דער עבודה־רוטין. כאָראַלע מוזיק און געזאַנג זענען געווען פון די וויכטיקסטע טיילן פון גאָטעסדינסט, סיי אין ערשטן בית־המקדש, (געבויט אין יאָר 950 פאַר דער געוויינלעכע צייט־רעכענונג) און סיי אין

---

1) רנניב, ירושלים, תרצ״א, מאמר א׳, „הזמרה והחנוך״, ז׳ 3.

2) עזרא ב׳, ס״ה.

3) וועגן דעם באַריכות: א. צ. אידלזון, תולדות הנגינה העברית, דביר, תל־אביב, תרפ״ד; גשורי, לחסידים מזמור, ירושלים, תרצ״ו; „עם הצליל הראשון״, ז. ז׳; ערכי נגינה בחסידות, ז״ז ט׳—כ״ט; נגינה וחסידות בבית קוזמיר ובנותיה, ירושלים, תשי״ב; אלי׳ זאַלודקאָווסקי, קולטור־טרעגער פון דער ייִדישער ליטורגיע, 1930, ז״ז 4—10; י. ראַבינאָוויטש, מוזיק ביי ייִדן; „סיני״, חשון תשי״ז; חיים הערים, תולדות הגינה בישראל, ניו־יאָרק תשי״א, ז״ז 1—9; נתן סטאלניץ, נגינה אין ייִדישן לעבן, טאָראָנטאָ, 1957, ז״ז 9—14.

צווייטן (געבויט אין יאָר 520 פאַר דער געוויינלעכער צייט־רעכענונג). יידן האָבן אין יענער צייט אַנטוויקלט דאָס געזאַנג צו אַ העכערער שטופע, אַזוי, אַז געזאַנג איז געוואָרן אַ טייל פון דער יידישער נשמה. דער ייד איז גע־וואָרן שטאַרק מוזיקאַליש און פאַרבונדן זיין גלויבן, זיין רעליגיע מיט געזאַנג און מוזיק. אין פיל תלמודישע שטעלן רעדט מען וועגן דער גרויס־קייט און חשיבות פון געזאַנג, אַלס איינע פון די „שבע חכמות" און אַלס הייליקע מענטשלעכע אינספּיראַציע־איינגשאַפטן.

אין דער גמרא סוכה 4) ווערט שטאַרק געלויבט די נגינה. אַזוי אין יומא 5) וועגן דעם געזאַנג פון די לויים, וועגן דעם „עיקר שיר" צי עס איז געווען „בפה", צי „בכלי" ווערט געזאָגט, אַז דאָס לויים־געזאַנג האָט גע־קענט צעברעכן דאָס האַרץ און ברענגען מענטשלעכע נשמות צו הרהור תשובה. אין „זהר", דאָס קבלה־ספר פון תנא ר' שמעון בן יוחאי, דער שאַפער פון דעם יידישן מיסטיציזם אַלס טיפע, פאַרהוילענע פילאָזאָפיע, ווערן אויסגערעכנט די פאַרשיידענע הכלות אין גן־עדן, איז היכל הנגינה איינגעשלאָסן.

יעדן טאָג אין דער וואָך האָבן די לויים אין זייער בית־המקדש געזאַנג אויסגעזונגען אַ פּרק תהלים, אַ באַזונדערן „מזמור" 6). שבת האָבן זיי גע־זונגען „מזמור שיר ליום השבת — ליום שכולו שבת"... אַ געזאַנג לכבוד שבת, און אויך אַ געזאַנג לכבוד דער צוקונפטיקער גאולה. אַ גאַנצע וואָך, הייסט עס, האָט מען געזונגען לויב־געזאַנגען פאַרן „עבר" און שבת האָט מען געזונגען פאַר די גאולה „לעתיד".

אַז כאַראַלער געזאַנג איז געפירט געוואָרן אין בית־המקדש, זענען אַלע מסכים. פיל מוזיק־פאָרשער האַלטן אויך, אַז עס זענען געווען באַ־שטימטע כאָרן פון זינגער און שפּילער פאַר אַן אַנדער סאָרט נגינה, אויסער דאָס הייליקע געזאַנג פון בית־המקדש. זיי באַווייזן, אויפן סמך פון פסוקים אַז „נגינה קבוצית" איז איינגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין ארץ־ישראל, דורך דוד און שלמה המלך און פון דאָרט זיך פאַרשפּרייט אין אַנדערע לענדער. זיי באַווייזן אויך, אַז ארץ־ישראל איז געווען די שאַפערין

4) פּרק ה', משנה א' און ב'.
5) פּרק ב', י"א, ל"ח, ע"ב און אין ערובין י', ע"ב.
6) זע ראש השנה, ל"א, ע"ב.

פון חזנות און פון ארץ־ישראל איז חזנות מיטגעגאַנגען מיט די ייִדן אין זייערע גלות־לענדער.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר טראַכטן אַפילו ניט צו מאַכן אַ פאַרזוך צו געבן אַן אַלץ־אַרומנעמענדיקע אָפּהאַנדלונג וועגן ייִדישער מוזיק, וועגן אונדזער מוזיקאַלישן פאָלקלאָר און בכלל וועגן אונדזער סינאַגאָגאַלער נגינה, וואָס איז געוואָרן אַ קאָלעקטיווע און אַנאָנימע פאָלקס־שאַפונג. דער ייִדישער פאָלקס־ניגון האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע גלגולים זינט דער אוראַלטער צייט פון בית־המקדש און לוויים־נגינה. די ייִדישע טראַדיציע פון נגינה וואָס איז געהיט געוואָרן אין דער לאַנגער גלות־עפּאָכע ביז צו אונדזער צייט, האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע גלגולים און פאַזן פון אַנט־וויקלונג. געוויס קענען מיר היינט ניט זאָגן גענוי ווי און וואָס פאַר אַ פאַר־מען די ייִדישע מוזיק אין דער ביבלישער עפּאָכע האָט געהאַט. אַפילו ניט גע־נוי, ווי אַזוי די אייגנאַרטיקע קאַנטילאַציעס פון ביבלישן טראָפּ איז געווען אין יענער צייט. אונדז פאַראינטערעסירט בלויז דער פאַקט, אַז ייִדן זענען שטענדיק געווען מוזיקאַליש, און אויב ייִדן האָבן דורות־לאַנג ניט אַרויס־געגעבן קיין גרויסע מוזיקאַלישע קינסטלער אָדער קאָמפּאָזיטאָרן, איז עס געווען ניט צוליב אינערלעכע סיבות, נאָר צוליב אויסערלעכע גלות־סיבות, וואָס האָבן טעמפּ־געמאַכט אונדזער חוש־הנגינה אין אַ געוויסן זין.

וועגן דער ייִדישער פאָלקס־מעלאָדיע, וועגן ייִדישער נגינה, חזנות און בכלל מוזיק בײַ ייִדן, האָבן מיר די בעסטע פאָרשונג אין די ווערק פון פּראָפעסאָר א. צ. אידעלזאָן, קאָלאָסאַל־מאָנומענטאַלע ווערק אויף דעם גע־ביט. דער „אוצר הנגינה" פון אידעלזאָנען, וועט בלייבן אייביק אין זכרון פון ייִדישן פאָלק, וואָס וועט אים שטענדיק דאַנקבאַר זײַן פאַר ראַטעווען די ייִדישע נשמה דורך דעם ייִדישן ניגון. ער ווערט פאַררעכנט אַלס פּיאָ־נער אויף דעם געביט, גרויסער מחדש אין ייִדישער מוזיק־פאָרשונג. אויך שלמה ראָזאָווסקיס מוזיקאַלישע ווערק ווערן באַטראַכט פאַר באַדייטנדע בייטראָגן צו מוזיק־שטודיום.

פון וויכטיקן קולטורעלן בייטראָג איז אויך דאָס ווערק „מוזיק ביי ייִדן" פון ישראל ראַבינאָוויטש, רעדאַקטאָר פון „קענעדער אָדלער", אַ גרויסער פאַרערער און נאָכפאָלגער פון אידעלזאָנען און זײַן שיטה. אין די לעצטע יאָרן זענען דערשינען נאָך פיל אַרבעטן, עסייען און אָפּהאַנדלונגען

וועגן דעם יידישן ניגון, אויך וועגן דעם חסידישן ניגון, וואָס האָט באַדייט אַ נייע תקופה אין דעם פאָלקס־געזאַנג. דאָס חסידישע שאַפן אין געזאַנג, אויב עס איז ניט פון דאָס בעסטע אין דער וועלט־מוזיק איז עס אָבער דער בעסטער מוסטער פון אָריגינעלער יידישער מוזיק, אָריגינעלע יידישע שאַפונגען אין משך פון טויזנטער יאָרן. כדי צו פאַרשטיין דעם כח פון נגינה אין חסידיזם, מוז מען זיך פריער מער באַקענען מיט דער יידישער נגינה אין אַלגעמיין, מוז מען בכלל פריער אַריינטרעטן אין „היכל הנגינה" און זיין געבענטשט מיט דעם אינטואיטיוון חוש פאַר געזאַנג. ניט יעדער איז געבענטשט מיט אָט דעם חוש און ניט יעדער איז געבענטשט מיט דעם פיין־ראַפינירטן און ביז גאָר שאַרפן געהער פאַר מוזיקטענער. יעדער אינטעליגענטער לייענער קאָן זיך אָבער באַקענען מיט דער אַנטוויקלונג פון מוזיק און געזאַנג ביי יידן, אָנהייבנדיק פון דער אוראַלטער ביבלישער עפּאָכע ביז צו אונדזער צייט. ער קאָן זיך אַפילו שאַפן אַ ידיעה וועגן די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, וואָס זענען גענוצט געוואָרן און ווערן אָפט דערמאָנט אין תנ"ך.

מיר האָבן פריער שוין דערמאָנט דעם פסוק, אַז ווען דער נביא אלישע האָט געדאַרפט נביאות זאָגן, האָט ער געזאָגט „קחו לי מנגן" — און אַז דער שפּילער האָט געשפּילט, איז געוועזן אויף אים די האַנט (דער גייסט) פון גאָט (מלכים ב', ג', ט"ו). און אַזוי די נביאים פון פאַר און נאָך אלישען האָבן געשעפּט באַגייסטערונג דורך געזאַנג און אָנגערופן נעמען פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן.

דוד המלך איז דאָך בכלל באַרימט אַלס גרויסער מיזיק־קינסטלער, דורך וועמעס מוזיק גאָטס גייסט איז געוואָרן דערוועקט אויף שאולן. און עס איז געווען, אַז ווען דוד פלעגט שפּילן, פלעגט שאולן ווערן גרינגער און בעסער און עס פלעגט זיך פון אים אָפּטאָן דער שלעכטער גייסט (שמואל א', ט"ו—כ"ג). דער מערסט־באַנוצטער מוזיק־אינסטרומענט דודס, איז געווען דער „כנור", וואָס מען פלעגט טייטשן אין חדר „אַ פידל", אַ קליינע האַרפּע אָדער לירע — לויט דעם אמתן מיין. (די לירע פון דריי און פינף סטרונעס זעט מען אויף די יידישע מטבעות פון צווייטן י"ה פאַר דער געוויינלעכער רעכענונג. די האַרפּע, דערציילט אונדז די גמרא (ברכות, ד', ע"ב) איז געהאנגען איבער דודס בעט, און ווען עס פלעגט קומען האַלבע

נאַכט, פלעגט אַ צפון־ווינט נעמען בלאָזן אויף איר און זי פלעגט אַליין נעמען שפּילן. דאָס איז די לעגענדאַרישע האַרפע, וואָס וועקט פון שלאָף מיט אירע זיסע טענער מלכים, נביאים און דאָס יידישע פאָלק אַלס נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו אין אַלע דורות אין אַלע אַלע צייטן.

יידיש פאָלק אַלס תנ״ך־פאָלק, אַלס פאָלק פון אומגעהייער גרויסן רעליגיעזן דראַנג, אַלס פאָלק, וואָס האָט געבראַכט רעליגיע צו דער וועלט, האָט במילא געמוזט זיין דורכגעדרונגען מוזיקאַליש. מוזיק און רעליגיע זענען דאָך שטענדיק זאַלבענאַנד. איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואָס יידישע געשיכטע און יידישע תורה הייבן זיך אָן מיט מוזיק־טענער מיט „קולות״. די שכינה אַנטפּלעקט זיך אַמאָל דורך הויך־דונערדיקע און אַמאָל דורך שטילע קול־דממהדיקע טענער און וואָס איז דער קול שופר? אַן אַלטער מוזיקאַלישער אינסטרומענט, וואָס וועקט דרימלענדיקע און ציטערט אויף שלאָפנדיקע. די תורה איז געקומען אין סאַמע מיטן פון קולות, „וקול שופר חזק מאד״ — און אין די קולות איז געהערט געוואָרן דאָס אַלמעכטיקע קול פון גאָט, וואָס האָט אָפּגעהילכט איבער דעם גאַנצן וועלט־חלל „והאלהים יעננו בקול״...

און ניט נאָר „קול שופר״ האָט באַגלייט גאָטס וואָרט. אין תנ״ך ווערן אויסגערעכנט פאַרשידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, וואָס יידן האָבן גענוצט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אַזוי דער „נבל״ („אַ ליוט״), דער „חליל״ (אַ פייפל אָדער אַ „פלייט״), אַזוי דער „עגב״ (אַ פידל ווי טייל טייטשן אָדער אַזאַ מין פייפער־מויל־אָרגל), דער „קרן״ און „חצוצרה״, טראָמפּייטער, דער „תוף״, פאַרשיידענע פּייקלעך און אַנדערע אינסטרומענטן וואָס ווערן אויסגערעכנט אין דעם הונדערט און פופציקסטן — דעם לעצטן — קאַפּיטל פון תהלים.

דער מערסט געשאַפענער געזאַנג איז געווען דורכגעדרונגען מיט רעליגיע. די זיסע מעלאָדיעס פון נביאים און לויים־געזאַנג איז געווען פאַרן הייליקן געברויך, פאַר גאָטס דינסטן ,פאַר דער עבודה אין משכן און אין בית־המקדש. אָבער אויך אַנדערע לידער האָט דאָס פאָלק געהאַט, לידער פון נאַטור, לידער וועגן ליבע, מלחמה־לידער און נאָך אַזעלכע פאָלקס־מעלאָדיעס.

פּראָפעסאָר א. צ. אידעלסאָן, רעדט זייער פיל וועגן די וועלטלעכע

לידער, זייער באַדייט און השפּעה אין דער שפּעטערער גלותדיקער תקופה, ניט געקוקט אויף דעריף וואָס נאָכן חורבן איז פאַרבאָטן געוואָרן איבעריק געזאַנג, אַלס זכר לחורבן.

ישראל ראַבינאָוויטש באַווייזט מיט פאַקטן פון ציטירטע מקומות, אַז די נביאים האָבן זיך פיל אָפּגעגעבן מיט מוזיק, געפינענדיק דערין דאָס גרויסע מיטל צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט גאָט און אַז אין צייט ווען מיט דעם געזאַנג האָט מען געזוכט צו פאַרזינגען און צו פאַרשרייען דאָס וויי־געשריי פון די געדריקטע און באַעוולהטע, האָבן די נביאים גע־שטראָפט די פאַלשע זינגער. דער נביא עמוס שרייט אויס אין נאָמען פון גאָט: „טוט אָפּ פון מיר אייער פיל־געזאַנג, און דאָס שפּילן פון אייערע האַרפן וויל איך ניט הערן. זאָל בעסער פליסן ווי וואַסער דער יושר און די גערעכטיקייט — ווי אַ שטראָמיקער טייך" (עמוס, ה', כ"ג—כ"ה). דער נביא וואָרנט זיי, אַז אַזאַ פרייליכקייט וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין טרויער: „והפכתי חגיכם לאבל וכל שריכם לקינה". און אַזוי די אַנדערע, פאָדערן געזאַנג וואָס זאָל זיין באַזעלט און אינספּירירט פון סאָציאַלן יושר. דער אדון הנביאים ישעיה שטראָפט די וואָס פאַרנעמען זיך מיט פאַרגעניגנס און פאַרגעסן די נויטן פון אָרעמאַן... „עס זענען דאָ גיטאַרעס און האַרפּעס און פּייקלעך און פלייטן און ווייִן ביי זייערע מאָלצייטן און אויף דער טוונג פון גאָט קוקן זיי ניט..." (ישעיה ה', י"א, ג'). און נאָך און נאָך זאָגן אונ־דזערע נביאים וועגן פאַלשער מוזיק, זי ברענגט טרויער אין וועגן אמתער מוזיק, אַלס אויסדרוק פון אמתער פרייד, אַלס אויסדרוק פון מענטשלעכער דערהייבונג, פונעם „קול דממה דקה", וואָס ברענגט מיט זיך געטלעכן גייסט, געטלעכע פרייד. דורך דער מוזיק זענען געקומען צום אויסדרוק די דערהויבענע מענטשלעכע שטרעבונגען, די ריינע פרייד פון דער מענטשלע־כער נשמה. די צרות אָבער, וואָס זענען אָנגעקומען אויף ייִדן, האָבן גורם געווען, ער זאָל ענדערן זיין גייסט פון פרייד. עס איז מקוים געוואָרן די תוכחה פון הושע: אל תשמח ישראל אל גיל כעמים (פריי זיך ניט ישראל, אין דער פרייד ווי אַנדערע פעלקער) (הושע ט', א'). מ'האָט אָנגעהויבן ממעט זיין בכלל מיט געזאַנג און גאָר באַזונדערס מיט וועלטלעך געזאַנג. אויב זינגען, איז בלויז הייליק, סינאַגאָגאַלער געזאַנג, זינט דער סנהדרין

איז בטל געוואָרן, איז אויך בטל געוואָרן דאָס געזאַנג פון די טרינק־הייזער 7).

דער פאַרבאָט אויף אַלגעמיין וועלטלעך געזאַנג זינט דעם חורבן פון צווייטן בית־המקדש, האָט אפשר גורם געווען, אַז ייִדן זאָלן ווערן הינטער־שטעליק אויף דעם געביט. אָבער אין גאַנצן צו פאַרגעסן אין נגינה האָבן ייִדן בשום אופן ניט געקענט. די הייליקע לידער, די הללויהס צו גאָט, די שירי קודש אין דאַוונען, די „זמירות" ביים טיש האָבן אויפגעהאַלטן ייִדיש געזאַנג, די אַלטע געזאַנג־טראַדיציעס ביז צו אונדזער עפּאָכע, די עפּאָכע פון חזנות. די חזנות־רעציטאַטיוון און קאָמפּאָזיציעס פון עכטן ייִדי־שן אָריגינאַלן מקור, פון אַלטע ייִדישע אָריענטאַלע מעלאָדיעס, האָבן געגעבן זיי אַ נייעם לבוש, אַ נייעם תוכן.

ווי ווייט נגינה איז שטענדיק טייער און הייליק געווען ביי ייִדן, איז צו זען פון דעם מאמר אין תלמוד (מגילה, ל"ב, ע"ב): „כל השונה בלא זמרה, עליו הכתוב אומר: וגם אני נתתי להם חוקים לא טובים (יחזקאל כ'). נגינה קאָן דערהייבן צו אמונה און צו יראת־שמים. נגינה קען ברענגען די גאולה. אויף חזקיהו המלך ווערט געזאָגט, אַז ער איז ראוי געווען צו זיין משיח. ער איז עס ניט געווען, ווייל ער האָט ניט געזאָגט קיין שירה.

דאָס חזנות האָט געבראַכט דעם ייִדישן טאָן צום ייִדישן אויער און ווער עס איז דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון די תפילות און האָט גענוג אינטעליגענץ צו באַנעמען אַזאַ אידעאַלע קונסט ווי מוזיק, דער וועט באַ־נעמען דעם באַטייט פון ליטורגישער נגינה פאַר דער ייִדישער קולטור. מ'דאַרף ניט ווייניקער האָבן טיפע קענטעניש אויף צו באַנעמען און אונ־טערשיידן צווישן די עכטע ייִדישע טענער און די פאַלשע, נאָכגעמאַכטע. די מעלאָדיעס פון די ראש־השנה און יום־כפור תפילות באַווייזן, ווי חזנים האָבן געקענט צופּאַסן מוזיק צו אַזעלכע תפילות, וועלכע זאָלן אַרויסברענ־גען יעדן געדאַנק, יעדן איינפאַל און זאָלן אַרויסרופן ביים מענטש אַ הייליקן געפיל, אַ הייליקן ציטער. די דאָזיקע טענער קענען ניט זיין קיין צופע־ליקע, זיי מוזן זיין המשך פון אַמאָל און זענען אויסגעוויקט געוואָרן

7) זע וועגן דעם תנחומא, פרשת ראה, סוטה מ"ח און אַנדערע מקומות אין תלמוד.

אין טרערן במשך פון דורות גאַנצע, טענער, וועלכע זענען געהיט געוואָרן טיף אין די הערצער פונעם יידישן פאָלק, גלות־אויסגעבענקטע טענער, דורך וועלכע יידישע בענקשאַפט, יידישע האָפענונג, האָבן באַקומען אַ „תיקון", האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט, האָבן געגעבן די אינספּיראַציע 8).

אין זוהר און אין אַנדערע קבלה־ספרים, רעדט זיך זייער אַ סך וועגן כח פון נגינה און געזאַנג. דורך געזאַנג, ווערט געזאָגט, דעריגרייכט מען צו רוח־הקודש און נבואה, „והי׳ כנגן המנגן ותהי עליו יד ד׳" 9). די נשמה פונעם מענטש, ווערט געזאָגט ציט צום היכל הנגינה און ניט בלויז דער מענטש. אויך קי, ווען זיי שפּירן הייליקייט ווערן דורכגעדרינגען מיט שירה. אויף דעם פּסוק: „וישרנה הפרות בדרך" 10) ווערט קאָמענטירט, דאָס זאָל מיינען, די קי האָבן געזונגען אַ נייַ געזאַנג 11).

וועגן דער קונסט פון געזאַנג ביי די לוויים, ווערט דערציילט, אַז הוגרס בן לוי, האָט געקענט באַווייזן די קונסט פון זינגען, דורך אַריינגעמען זיין פינגער אין מויל און אַרויסברענגען כל מיני זמר־קלאַנגען 12).

אויף אַן אַנדער אָרט, ווערט געזאָגט, אַז פּופּצן הונדערט און פופציק צען טויזנטער זינגען צום באַשעפער יעדן טאָג, אַזוי שנעל ווי עס ווערט טאָג; אַזוי אינמיטן טאָג און נאָך מער ביים אָנקום פונעם אָוונט 13).

לויטן זוהר איז דער גאַנצער חלל פון דער וועלט אָנגעפילט מיט געזאַנג. דער גאַנצער קאָסמאָס איז לויטער נגינה. דעם מענטשנס אויג און אויער איז דאָס שווער צו זען און צו הערן...

דער חורבן האָט אָבער געבראַכט ירידה דעם יידישן געזאַנג, ווי דער תלמוד דערקלערט עס, „משבטלה סנהדרין, בטל השיר מבית המשתאות" און רב גיט צו: „דאָס אויער וואָס הערט געזאַנג, זאָל אויסגעריסן ווערן"; און רבא דריקט זיך אויס: „געזאַנג אין הויז — אַ חורבן ביים סוף" 14).

---

8) זען די אַרבעטן פון גשורי, ראַבינאָוויטש, סטאָלניץ און אַנדערע.
9) מלכים, ב׳, ג׳, ט״ו.
10) שמואל א׳, ו׳.
11) זוהר, חיי שרה.
12) יומא, ל״ח.
13) זוהר אחרי מות.
14) סוטה מ״ח, ע״א.

רב הונא אין זיין צייט האָט גוזר געווען אויף געזאַנג און די שטימונג איז געווען זייער אַ שלעכטע, מ׳האָט פאַרקויפט הונדערט געגנדז פאַר אַ גילדן און ס׳איז ניט געווען קיין קונה. רב חסדא האָט זיך דערלויבט צו באַנוצן מיט געזאַנג ביי שמחות און די פרייז אויף געגנדז איז געוואָרן אַזוי הויך, אַז מ׳האָט באַצאָלט אַ גילדן פאַר אַ גאַנדז און ס׳איז ניט געווען צו באַקומען 15).

אויף אַן אַנדער אָרט, האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז אין תלמוד (בבלי און ירושלמי), געפינט מען אומציילליקע מאָל מאמרים וועגן כח און באַטייט פון נגינה. תנאים און אמוראים ווערן דערמאָנט אַלס שליחי ציבור, מנגנים, פייטנים און פאַרפאַסער פון תפילות, ווי למשל רב (אבא אריכא) וועלכער איז דער „תנא ופליג״, אַזאַ גרויסער אויטאָריטעט, אַז זיין וואָרט איז שטאַרק געווען מחולק צו זיין אויף אַ תנא, איז ער געווען פאַרפאַסער און קאָמפּאָזיטאָר פון מלכות, זכרונות און שופרות, אינעם מוסף פון ראש השנה.

ר׳ זינין, ווערט דערמאָנט אַלס חזן אין יבנה (ירושלמי, ברכות, פרק י״ד). די חזנים זענען תמיד געווען באַליבט ביים פאָלק, אַז מ׳האָט אַפילו מתקן געווען אַ ספעציעלע תפילה פאַרן וווילזיין פונעם חזן (מסכת סופרים, י״ד) און אין שפּעטערע תקופות האָבן מיר חזנים־פייטנים ווי ינאי, יוסי בן יוסי, ר׳ אליעזר הקליר, ר׳ מאיר בר״ יצחק (מחבר פון אקדמות), קלונימוס בן קלונימוס און אַנדערע, צווישן זיי גדולי הפוסקים און אָנערקענטע רבנים.

אין צייט פון רב האי גאון, האָט דער חזן פאַרנומען אַ גאָר אָנגעזען אָרט אין קהלישן לעבן. דער גאון פסקנט, אַז „מ׳דאַרף שטאַרק באַפרידיקן דעם חזן, ווייל ער ווערט דאָך אויסגענוצט פאַר דעם אַמט פון מספיד זיין״; ער איז אויך דער מחבר פון פיוטים פאַר חופות און ימים־טובים.

די ווערמייזער (וואָרמס) חזנים זענען מערסטנס געווען אָנערקענטע פירער ביים פאָלק געגנוג צו דערמאָנען דעם בעל „הרוקח״. ר׳ אליעזר בן יהודה, וועמעס תלמידים זענען געווען און זענען עד היום די גרונטלייגער פון הלכה. גענוג צו דערמאָנען, אַז דער מהרי״ל, ר׳ יעקב ווייל, איינער פון

15) דאָרט. מיר וואָלטן געקענט אַ סך מאריך זיין מיט ציטירונגען, אָבער די ראַמען פון דער איצטיקער אַרבעט דערלויבן עס ניט.

די ערשטע צו קריגן דעם טיטל „מורינו״ (נפטר געוואָרן כ״א אלול קפ״ז, ליגט ביים קבר פון מהר״ם מרוטנבערג), איינער פון די גדולי הפוסקים און ראש־ישיבה, האָט פאַרנומען דעם אַמט אַלס חזן און שליח־ציבור.

ווערמייזע האָט בכלל געהאַט די זכיה צו רבנים־פייטנים און חזנים וואָס זענען באַרימט געוואָרן מיט זייערע חזנישע פאַרפאַסונגען, סיי מיט זייער נגינה און סיי מיט דער מוזיק פון תנ״ך, די אוראַלטע רעטשיטאַטיוון, וואָס ווערן גערופן קאַנטילאַציעס, פונקט ווי די פאַלקס־מעלאָדיעס און די גאַטעס־דינסטן — דאָס אַלץ איז דער באַזיס פאַר דעם מאָדערנעם ייִדישן מוזיק־קינסטלער, פאַר דער מוזיקאַלישער אַנטוויקלונג ביי ייִדן. די אַלטע, טראַדיציאָנעלע מוזיקאַלישע וועגן און אויסדרוק־מיטלען זענען געבליבן די ברייטע האָריזאָנטן פאַר דעם ייִדישן קינסטלער אין דער לעצטער רענע־סאַנס־עפּאָכע פון נייע, גרויסע קינסטלערישע שאַפונגען פון די גרויסע ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן.

גאָר באַזונדערס האָט די מאָדערנע ייִדישע מוזיק אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס צו דער חסידישער נגינה, צו דער ראָמאַנטיק פון חסי־דות, צו דעם „וואָלעכל״ און לירישער דביקות און צו דעם טעמפּעראַמענט־אויפברויזנדן חסידישן ליד.

חסידיזם, וואָס האָט אַזוי פיל בייגעטראָגן צו דער ייִדישער ליטע־ראַטור, פאַרנעמט אַ זייער אַנגעזען אָרט אין דער ייִדישער מוזיק און האָט באַאיינפלוסט די שאַפונגען פון מוזיקער, ניט בלויז אַזעלכע, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין דער חסידישער סביבה פון מזרח־איראָפּע, נאָר אַפילו די געבוירענע אין מערב־איראָפּע.

אויב ר׳ נחמן בראַסלאַווער האָט באַצויבערט מיט זיין דענקען דעם טיף־־דענקענדן דייטשן ייִד מאַרטין בובער, האָט דער, אין לעגענדעס פאַר־וועבטע מיסטישע פיגור, ר׳ ישראל בעל־שם־טוב אינספּירירט דעם טיף־פילנדן קאָמפּאָזיטאָר ערנעסט בלאָך צו שאַפן איינעם פון די פּרעכטיקע ציקלען אין דער מאָדערנער ייִדישער און אַלגעמיינער מוזיק, דעם „בעל שם״, „די דריי בילדער פון חסידישן לעבן״, „דער ניגון״ א״אַ.

דער באַרימטער מוזיק־קענער און קאָמפּאָזיטאָר שלמה ראָזאָווסקי האָט פיל געשאַפן אויף דער טעמע „חסידיזם״, און אַזוי די אַנדערע מער באַקאַנטע ווי ליאָוו (חסידישע ראַפּסאָדיע); סאַמינסקי (חסידישן טאַנץ);

טשערניאָווסקי (חסידים און מתנגדים) און פיל אַנדערע, וועלכע האָבן אַרויסגעבראַכט אין זייערע מוזיקאַלישע ווערק די חסידישע מאָטיוון, די חסידישע ראָמאַנטיק. אַפילו דער באַקאַנטער קאָמפּאָזיטאָר וולאַדימיר חפץ האָט אַריינגענומען אין זיינע שאַפונגען אויך „חסידיש".

חסידישע נגינה איז געוואָרן אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון אַנרע־גונגען פאַר אַ סך יידישע קאָמפּאָזיטאָרן, פאַר גרויסע, געניאַלע חזנים און נאָך מער אַ קוואַל פון פאָלקס־ליד, פון פאָלקס־מעלאָדיע אָבער וועגן דעם אין ווייטערן קאַפּיטל.

2. דעם רבינס ניגון

מיר וועלן אָנהייבן מיט י. ל. פּרצעס דערציילונג „אַ גלגול פון אַ ניגון", וואָס איז פאַררעכנט צווישן זיינע בעסטע און שענסטע דערציילונגען, און ברענגט אַרויס אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן די שיינע זייטן פון חסידות. ער לאָזט רעדן דעם טאַלנער חסיד וועגן נגינה און יענער הייבט אָן מיט אַ פראַגע:

— אַ טאַלנער ניגון ווילט איר?

און דער חסיד דערקלערט וואָס עס באַדייט אַ טאַלנער ניגון, וואָס פּוילישע חסידים קענען ניט נאָכזינגען.

„דאַכט זיך — זאָגט ער — אין פלוג אַ קלייניקייט, נעמען אַ ניגון פון אַ טאַלנער שלוש־סעודות און נאָכזינגען! ס'איז אָבער ניט ווי עס דאַכט זיך! דער טאַלנער ניגון מוז געזונגען ווערן ברוב־עולם, חברה מוז אים זינגען! אונטערהעלפן ווילט איר? ניין, ברידער! מיט דער הילף פון פּוי־לישע חסידים זינגט זיך ניט קיין טאַלנער ניגון...". ס'געפעלט אים ניט, דעם טאַלנער חסיד, ווי אַזוי חסידים אין פּוילן זינגען אויף זייערע שמחות. ווי עס ווייזט אויס, איז ביי אים דער חוש פאַר נגינה און געזאַנג מער אַנטוויקלט און כדי מ'זאָל פאַרשטיין פון וואַנען דאָס קומט צו אים, זאָגט ער, „אפשר קומט עס שוין בירושה און אפשר ליגט עס אין דער געגנט".

„אין אונדזער קיעווער געגנט (דאָס שטעטל טאַלנע איז אין קיעווער גובערניע, אין אוקראַינע) — דערציילט ער ווייטער — איז אין בית אָן אַ

פידעלע! אַ בעל־הבתיש קינד, אָדער ווי מ׳זאָגט אין יענע קאַנטן, אַ טאַטנס אַ קינד, מוז האָבן אַ פידעלע, מוז קאָנען שפּילן... איר ווילט וויסן וויפל מאַנסלייט עס געהערן צו אַ שטוב? קוקט אויף די ווענט! יוויפל ס׳הענגען פידעלעך, אַזוי פיל מאַנסלייט! אַלע שפּילן: ס׳שפּילט דער זיידע, ס׳שפּילט דער פאָטער, ס׳שפּילט דער זון... ס׳איז נאָר אַ שאָד וואָס יעדער דור שפּילט זיך זיינס. שפּילט אַנדערש. שפּילט באַזונדער!...״

דער טאַלנער חסיד וויל ניט זינגען. ער וויל בלויז רעדן פון נגינה און ער גיט דערויף אַ מוסטערהאַפטן משל:

— וואָס טוען חסידים, אַז עס פעלט אַ ביסל בראָנפן? רעדט מען פון בראָנפן!... זינגען איינער אַליין, אָן חברה, אָן ברען פון עולם, קען מען ניט; וועלן מיר רעדן פון נגינה... ער רעדט וועגן דעם, ווי אַזוי ב׳קען אַ ניגון זינגען אויף פאַרשידענע אופנים, און ניט ווילנדיק נעמט ער אַ טאַלנער לידל אַלס מוסטער צו ווייזן ווי אין טאַלנע זינגט זיך מיט גרויס התרוממות. נעמט כאַטש דאָס לידל:

„רבי דודל האָט געוווינט אין וואַסילקאָוו —
אין וואַסילקאָוו,
און היינט וווינט ער אין טאַלנע;
ר׳ דודל, ר׳ דודל, האָט געוווינט אין וואַסילקאָוו,
היינט וווינט ער אין טאַלנע!״.

„ס׳זינגען טאַלנער, ס׳זינגען וואַסילקאָווער! נאָר אַז די טאַלנער זינ־גען, איז דאָס אַן אמת פריילעכס... זינגען עס אָבער וואַסילקאָווער, איז עס אויסגעוויקט מיט צער און מרה־שחורה! און ווענדן ווענדט זיך עס אין דער נשמה, וואָס מ׳גיט אַריין אין ניגון״...

אין אַ חסידישן ניגון איז אַריינגעטאָן אַזויפיל נשמה, בענקשאַפט, אַזויפיל האַרץ, אַזויפיל ראָמאַנטיק, סענטימענטאַל־טרוימערישקייט, אַז ער רופט אַרויס גרויס התפעלות, אַז ער באַצויבערט און דערהייבט די זינגער און מיטזינגער. דער ניגון האָט דעריבער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין חסידיזם ביים אָנהייב פון דער חסידישער אַנטשטייונג און האָט זיין באַטייט ניט פאַרלאָרן ביזן היינטיקן טאָג, אָן אונטערשיד צי דאָס איז נוסח באַר־דיטשעוו, חב״ד, אָדער לובלין־קאָצק; צי דאָס איז נוסח פינסק־וואָלין אָדער

סאַנז־ריזשין; צי דאָס איז בראַסלאַוו־אומאַן אָדער קאַזמיר־מאָדזשיץ. דער חסידישער מאָטיוו איז דאָ דער עיקר, דאָס געזאַנג פון חסידות, וואָס האָט אויפגעלעבט די ראָלע פון געזאַנג און מוזיק אין ייִדישן לעבן. דעם רבינס ניגון האָט דאָך הימלען געעפנט. ניט אומזיסט האָבן גרויסע רביים אַרייַנגענומען דאָס זינגען אין זייער חסידישן „דרך". דורך דעם ניגון האָבן זיי פאַרטריבן דעם טרויער און מעלאַנכאָליע און געבראַכט די גרויסע האָפענונג, די פרייד פון אַ גוטן מאָרגן וואָס וועט פאַרגיטיקן די הייַנטיקע צייטווייליקע זאָרגן, ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין חסידישן לידל:

ס'איז שוין נישטאָ קיין נעכטן
ס'איז נאָך נישטאָ קיין מאָרגן
ס'איז נאָך דאָ אַ שטיקעלע הייַנט
שטערט אים ניט מיט זאָרגן...

חסידישע נגינה האָט געפונען איר אויסדרוק נאָך יענער ערשטער בעש"ט־עפּאָכע. ר' ישראל בעל־שם־טוב (ת"ס — תק"ד) האָט אַליין ניט פאַרשפּרייט זייַנע ניגונים. ר' יחיאל מיכל מזלאָטשוב, דער זלאָטשעווער רבי, אַ תלמיד־מובהק פון בעל־שם־טוב, האָט זייַנע ניגונים פּאָפּולאַריזירט און פאַרשפּרייט דורך לערנען זיי צו זייַנע חברים און בעש"טס נאָכפאָלגער, ווי זייַן אייניקל ר' נחמן בראַסלאַווער, ר' שניאור־זלמן ליאָדער (דעם בעל „התניא", „ושולחן ערוך הרב"), רבי אהרן הגדול מקרלין, קאַרלינער רבי, צו ר' לוי יצחק מברדיטשוב, דעם באַרדיטשעווער רב (1740—1809), און צו פיל זיילן פון חסידישן געזאַנג אין יענער שפּעטערער עפּאָכע.

מיר וועלן וויַיטער באַרירן די נגינה פון יעדן רבין באַזונדער. דאָ ווילן מיר רעדן אין אַלגעמיין וועגן באַטייַט פון נגינה אין חסידיזם.

חסידים האָבן געוווּסט די גרויסקייט פונעם כח הנגינה, זיי האָבן דערהויבן די נגינה צו אַזאַ הויכער מדרגה, אַז אָן איר האָבן זיי זיך ניט געקענט פאָרשטעלן אין די העכערע כוונות, השתפכות־הנפש, התעוררות צו עבודת השם.

מען דערציילט וועגן ר' נחמן בראַסלאַווער, אַז ער זאָל האָבן אַמאָל געזאָגט צו זייַנע תלמידים „ווי אַזוי דאַוונט איר צו גאָט? קען מען דען דינען גאָט בלויז מיט ווערטער? קומט, וועל איך אייך וויַיזן אַ נייַעם וועג

צו גאָט, ניט דורך רייד, ניט דורך ווערטער — נאָר דורך געזאַנג. מיר וועלן זינגען און דער אין הימל, וועט אונדז פאַרשטיין״...

מערקווירדיק איז, וואָס די מערסטע חסידות־פאָרשער האָבן פאַרזען אָדער בכוונה ניט געוואָלט באַרירן דעם ענין חסידישע נגינה. זיי האָבן פאַרזען אַ וויכטיקן פאַקטאָר אין חסידיזם — געזאַנג און מוזיק, וואָס זענען די נשמה פון חסידות, וואָס ברענגען פרייד אין ייִדישע הערצער — אַ יסוד אין בעש״ט שיטה פון חסידות, באַזירט אויף דעם „עבדו את ד׳ בשמחה״...

חסידישע „גוטע ייִדן״ האָבן דאָך זיכער געהאַלטן, אַז נאָר דורך שירה קאָן זיך דער ייִד דערנענטערן צו די הימלישע ספערן, אויפכאַפּן די ווייטע קלאַנגען און טענער פון דעם אַמאָליקן רעליגיעז־פּאַטריאַרכאַלן לעבנס־שטייגער. זאָגט די גמרא (חולין צ״א, ע״ב): געליבט זענען די ייִדן פאַר גאָט, מער ווי די מלאכי השרת. ייִדן זאָגן שירה יעדער שעה און מלאכים בלויז איין מאָל אין טאָג... טייל זאָגן איין מאָל אין וואָך... איין מאָל אין אַ יובל... און זיי קענען ניט זאָגן קיין שירה, סיידן די ייִדן זאָגן שירה אויף דעם עולם ווי דער פּסוק לויטעט: „ברן יחד כוכבי בקר... ויריעו כל בני אלקים״, דאָס געזאַנג צו השי״ת איז די אָנערקענונג פון גאָטס חסד פירערשאַפט, באַנייענדיק יעדן טאָג מעשי בראשית, געבנדיק „חיים לכל חי״. עס איז דער שיר אויף אַלע טאָג־נסים, דער מלאך קען אָבער ניט זאָגן קיין שירה, סיידן ווען ס׳קומט פאָר אַן ענדערונג אין מעשי־בראשית, אָדער אַן איבער־בייט אין דער טבע 1). דער ייִד קאָן שטענדיק זינגען שירה. אַז ער לעבט איבער אַ שעה, איז עס אַ פרייד — און חסידים האָבן זיך טאַקע געפרייט: דורכגעלעבט אַ שעה, נענטער צו דער גאולה, אַן ענדע צו די אַנטוישונגען און פאַרצווייפלונגען. דער ניגון האָט אַריינגעזונגען אין די ווייטענישן — אָבער המשכדיק איבערשפּרייזט ער דעם בלאָנדזשענדיקן היינט און פירט צום הערלעכן מאָרגן — פון „בראשית״ ביזן סאָמע „קץ״. דאָס איז דער מאָטיוו־פאַרבינדונג פון אמת ייִדישן ניגון.

דער אָנגעזעענער פאָרשער פון חסידיש געזאַנג, איז, דער שוין פון פריִער דערמאָנטער, געזאַנג און מוזיק־פאָרשער פּראָפ. א. צ. אידעלזאָן. ער וויד־

---

1) זע „שיחות מלאכי השרת״, פון ר׳ צדוק הכהן מלובלין, ז׳ 28

מעט אַ גאַנצן באַנד פּאַר אַט דער טעמע: דעם צענטן באַנד פון זיין מאָנומענטאַל ווערק „אוצר נגינת ישראל״.

ישראל ראַבינאָוויטש אין זיין בוך „מוזיק ביי ייִדן״, ווידמעט דעם אַכטן קאַפּיטל אַלס אַן אָפּשאַצונג פון אידעלזאָנס פאָרשונג פון חסידישע נגינה און גיט צו אויך זיין אייגנס צו אַט דער פאָרשונג. און אַט וואָס אידעלזאָן, אַ מומחה אויף נגינה בכלל, לויט דער אויסטייטשונג פון ראַבינאָוויטשן, האָט צו זאָגן וועגן חסידיש געזאַנג. קודם־כל באַטראַכט ער עס ווי אַ צווייג פון דעם אַלגעמיינעם „פאָלקס־געזאַנג פון די מזרח־אייראָפּעישע ייִדן״. דאָס געזאַנג פון די חסידים, לויט זיין מיינונג, כאָטש אַזוי אייגנאַרטיק אין זיין סטיל און פאָרעם, איז, פונדעסטוועגן מעלאָדיש פאַרוואָרצלט אין דעם אַלגעמיינעם געזאַנג פון אַט דער טייל פון אונדזער פאָלק.

ער באַגרינדעט דאָס אויף זיין אייגנאַרטיקן סיסטעם פון פאָרשן און אַנאַליזירן די כאַראַקטעריסטישע עלעמענטן פון וועלכע דאָס דאָזיקע געזאַנג באַשטייט. ער זאָגט ניט סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין.

זיין שיטה פון שטודירן אַט דעם קעגנשטאַנד איז פון כלל צום פּרט און פונעם פּרט צום כלל. פריִער באַטראַכט ער דעם גאַנצן בוים, נאָכדעם אַלע זיינע פאַרצווייגונגען און נאָכדעם קומט ער צוריק צום בוים. אַזוי אַרום זעען מיר אַלע אָפּצווייגונגען פון דער ייִדישער מעלאָדיע, באַקענען מיר זיך מיט אַלע דעטאַלירטע פּרטים פון ייִדיש־חסידישע נגינה און לסוף קומט מען צום הויפּט־טעזיס, ווי אַזוי דאָס ייִדישע געזאַנג אין די פאַרשיידענע גלגולים דורך פאַרשיידענע גלותן, טראָגט מיט זיך די אוראַלטע ייִדישע עלעמענטן פון דער ייִדישער מעלאָדיע, טראָגט מיט זיך דעם אורטיפּ פון די אַלטערטימלעכע ייִדן — אַלץ צוזאַמען, ניט געקוקט אויף דעם מרחק פון טויזנטער יאָרן, האָט אין זיך בשותּפותדיקע, האַרמאָנישע אייגנהייטלעכקייט. די היינטיקע מעלאָדיע אַנטפּלעקט צו אונדז אויף אַ רעוועלאַטאָרישן אופן די טיפקייט און פּאָעטישן חן פון דער אור־אַלטער דורכדרינגענדער מעלאָדיק פון תנ״ך.

אידעלזאָן האָט צונויפגעקליבן 253 חסידישע ניגונים, וואָס ער האָט געזאַמלט במשך פון קנאַפּע פערציק יאָר. צווישן די ניגונים, זאָגט ער אונדז, געפינען זיך אַזעלכע וואָס זאָלן נאָך שטאַמען אַזש פון דעם בעל־שם־טוב

אַליין, דעם גרינדער פון חסידיזם. אַנדערע ניגונים זאָלן שטאַמען פון רבי שניאור־זלמן פון ליאַדי, דעם גרינדער פון חבדישן חסידיזם 2).

אין זיין גרויסער זאַמלונג געפינען זיך ניגונים פון טאַלנער, באַרדי־טשעווער, ריזשינער, סאַדיגורער, מאַקאַרעווער, קאַרלינער, קאַידאַנאָווער און פון אַנדערע חסידישע דינאַסטיעס. יעדער ניגון האָט זיך זיין מקור, זיין פאַרוואַנדלונג.

אידעלזאָן ווייסט, אַז בלויז פונעם ניגון וועלן מיר ניט קענען אַריינ־

---

2) וועגן שיטה פון חב״דיזם און ליבאַוויטשער חסידות בכלל, ש. דובנאָוו: „געשיכטע פון חסידיזם״; דוד כהנא, ׳תולדות המקובלים״, „השבתאים והחסידים״, כרך שני, „אבן אפל״, ל״ד—ל״ז 110—120; אין די ספרים פון דר. ש. א. הור־ רודצקי „החסידים והחסידות״ און אין פיל אַנדערע. מען מוז אויך זיך באַקענען מיט די כתבים פון ר׳ שניאור־זלמן און זיינע נאָכפאָלגער די אדמו״רים פון ליו־ באַוויטש. פון גרויס באַטייט זענען די ווערק פון חיים יצחק בונין: „משנה חב״ד״, אין צוויי טיילן: „משנת הבינוני״ (ורשה תרצ״ב); משנת האלהות (תרצ״ג). דער מחבר, אַ באַקאַנטער פאָרשער פון חסידות, איז דורך די נאַציס אומגעקומען אין יאָר 1943, צוזאַמען מיט אַ גרויסער צאָל אינטעלעקטואַלן פון פוילישן יידנטום. זיינע ווערק וועלן באַטראַכט ווערן אַלס יסודותדיקע, און ער וועט שטענדיק זיין בבחינת שפתותיו דובבים בקבר... ער ווערט באַטראַכט אַלס גרויסער אויטאָריטעט אויף דעם געביט און איז באַקאַנט אַלס טיפער דענקער און געלערנטער. אין זיינע ווערק „משנת חב״ד״, האָט ער זיך באַמיט צו פאָפולאַריזירן די שיטה פון חב״ד, געשאַפן און באַגרינדעט דורך ר׳ שניאור־זלמן („רב״) שניאורסאָן און אַלץ וואָס איז געשאַפן און אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַרום דער דאָזיקער שיטה, אָנהויבנדיק פון „תניא״, דעם מקור און גרונטשטיין פון אָט דער חסידיש־פילאָזאָפישער שיטה און די נאָכפאָלגנדיקע ספרים פון זיינע קינדער נאָכפאָלגער און תלמידים וואָס האָט געבראַכט מיט זיך אַ באַזונדערע אַנטפלעקונג אין דער וועלט פון חסידות, ספּעציעל צוליב איר ברייטער און טיפער אויפפאַסונג פון גאָט, מענטש און וועלט...

אַ גאָר גרויסער ביישטייער איז הלל צייטלינס ווערק וועגן חסידות. צייטלין (געב. אין יאָר תרל״א — 1971, ניט תרל״ב, ווי יעקב פיכמאַן גיט אָן אין „התקופה״, י״ב, זייט 391, הערה; אויך ניט ווי אין דער יידישער ענציקלאָפּעדיע: 1872), איז אומגעקומען דורך די נאַציס ימ״ש אין יאָר 1943, געפינט אין חסידות די אמתע דערהויבענע ליבשאַפט וואָס נאָר זי אַליין איז בכח צו דערהייבן דעם מענטש אי־ בער אַלץ, אים צו געבן אַן אחרית ותקוה... די פּראָטאָטיפּן זיינע זענען מערסטנס: ר׳ נחמן בראַסלאַווער, ר׳ שניאור־זלמן לאַדיער, ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער, ר׳ יעקב יצחק מלובלין, דער „חוזה״ און נאָך אייניקע אבות פון חסידיזם. צייטלין איז דער גרויסער פאָרשער פון חסידיזם, גרויסער קענער פון חב״דיזם, אויסטיי־ טשער פונעם בראַסלאַווערס טיפזיניקע משלים אין סתרי תורה. זע „ספר צייטלין״, תל־אביב, תש״ד. ווייטער נאָך וועגן חב״ד.

בליקן אין דער חסידישער אידעען־וועלט; ער ווייס, אַז דער ניגון מיט זיינע אויסערלעכע תנועות וועט אונדז בלייבן פרעמד, אויב מ׳וועט ניט פריער אַריינדרינגען אין יענער אוטאָפישער וועלט וואָס די חסידישע מיסטיק האָט אַנטדעקט און פאַרוואַנדלט אין אַ שטיקווירקלעכקייט פאַר אירע נאָכפאָל־גער. פירט ער אונדז דעריבער אַריין אין דער חסידישער אידעען־וועלט, אַזוי אַרום צו קענען געבנוי דערפילן דעם אינערלעכן מהות פון חסידישן ניגון. ער ציטירט אויך מיינונגען פון די אבות פון חסידיזם וועגן דעם ווערט פון ניגון, דעם ווערט פון זיין אָפטימיסטיש, די וויכטיקייט פון שמחה־שטימונג.

מיר וועלן אין אַ וויטערדיקן קאַפיטל רעדן וועגן די שטרעמונגען אין חסידות, וועלכע האָבן זייער אויסדרוק באַקומען אין די נוסחאות פון ניגון. דאָ, ווילן מיר בלויז אָנווייזן, אויף דעם אַלגעמיינעם שטריך אין חסידיזם, און דעם פיל מער אַלגעמיינעם נוסח פון חסידישן ניגון. דער אָריגינעלער מקורותדיקער ניגון איז תמיד געווען דער אויסדרוק פון הייליקער שטי־מונג, וואָס באַהעפטנדיק זיך מיט איר ווערט דער מענטש ריינער, בעסער, רעליגיעזער. דאָס ליד פון לערנען און פון דאַוונען דרינגט אַריין אין דער נשמה פון ייִד וועקט אין אים עטישע עמאָציע, טראָגט אים אַוועק אין דער ליכטיקער בלויקייט פון אידעאַלן, דערהויבט אים צו פאַרגעסן די געשרייען און זיפצן פון לעבן, דערהויבט אים אין הימלישע ספערן. בעתן זינגען פאַרגעסט מען די גרויע וואָכעדיקייט. מען ווערט אַריינגעפירט אינעם היכל פון קדושה און יום־טובדיקייט. דער געמיט־צושטאַנד ווערט באַרויקט דורך דעם פאַרחלומטן ניגון.

וויאַזוי נעמט אַ ייִד אויף זיין שבת־קודש? — מיט געזאַנג!

„לכו נרננה לה׳, נריעה לצור ישענו״...

„לכה דודי לקראת כלה, פני שבת נקבלה״.

וויפל פרייד־געפילן זענען אַריינגעטאָן אין אָט די ניגונים! דורך די ניגונים דריקן ייִדן אויס זייער שטאַרקע שבת־קודש פרייד. דורך דעם ניגון קלימאַטיזירט זיך דער ייִד מיט דער נשמה יתירהדיקייט פון שבת היילי־קייט. דער נוסח און תנועה פון דער שבתדיקער נגינה ברענגט צום אויס־דרוק די ייִדישע בענקשאַפט נאָך שטענדיקער שבתדיקייט און געלייטערט־

קייט. דורכן שבתדיקן ניגון האָט דער ייִד געפילט דעם זעכציקסטל פון גן־עדן; זאָרגלאָז, יסורימלאָז און אָן אָפּשיין פון דעם גליקלעכן אחרית הימים.

דער ניגון פון שבת שאַפט דעם שבת, די הערלעכע שירים ותשבחות, די ווונדערלעכע שבת זמירות שאַפן די שבתדיקן שטימונג — שבת זינגט ניט בלויז יעדער מענטש, נאָר די גאַנצע בריאה זינגט, אַלע באַשעפענישן זינגען, די ביימער אין וואַלד, די טייכן, אַלע דוממים וצומחים, הימל און ערד — אַלץ זינגט, לויט דער אויפפאַסונג פון די מקובלים — ווייל אין שבת ווערן דערוועקט די קלאַנגען פון קדושה און דעריבער צעגיסט זיך די גאַנצע וועלט אין אַ געטלעכן כאָר אין „מכנף הארץ זמירות שמענו"...

די חסידישע נגינה איז אַ שבת־יום־טובדיקע, איז פאַרפלאַנצט אין ייִדישן האַרץ זינט דעם שיר הלויים. ניט געקוקט אויף אַלע צרות און פּיי־נען אין לאַנגען ייִדישן גלות איז דער ניגון אַלץ געבליבן באַהאַלטן טיף אין ייִדישן האַרץ און איז אַרויסגעקומען דורך קליינע און גרויסע צנוריות אין תפילה־געזאַנג, אינעם לערנען „על ספסל בית המדרש" און ביי שמחות.

ייִדן האָבן מיט זיך געטראָגן דעם ייִדישן ניגון ווו נאָר זיי האָבן גע־וואַנדערט, אַ דאַנק דעם ניגון, איז דאָס ייִדיש פאָלק ניט אונטערגעגאַנגען, ניט אַריינגעפאַלן אין יאוש, נאָר מיט טראַציקע אַנטשלאָסנקייט און מיט גרויס בטחון געשפּאַנט אויף וועגן און אומוועגן צום ליכטיקן און בעסערן מאָרגן.

ווען יעקב אבינו האָט געשיקט זיינע זין, די ייִדישע שבטים קיין מצרים, האָט ער זיי אָנגעזאָגט: „קחו מזמרת הארץ" (בראשית, מ"ג, י"א). זאָגט דערויף ר' נחמן בראַסלאַווער, אַז זמרת קומט פון זמר. געזאַנג, ניגון; ער האָט זיי געהייסן מיטנעמען מיט זיך דעם ייִדישן ניגון... אַ דאַנק דעם ניגון האָבן ייִדן נאָך הונדערטער יאָרן וויילן זיך אין די מ"ט שערי טומאה פון מצרים, זיך געקענט לייטערן און ווערן ראוי צו קבלת התורה ביים באַרג סיני; אַ דאַנק דעם ניגון זענען די צוועלף זין אויסגעוואַקסן צו מעכ־טיקע צוועלף שבטים, אַ גרויס און האַרמאָניש ייִדיש פאָלק — ווייל אַלע האָבן געזונגען דעם זעלביקן ניגון.

„מעשי אבות סימן לבנים"... די ייִדן האָבן שטענדיק מיט זיך גע־טראָגן דעם „זמרת הארץ", דעם הייליקן ניגון פון פאָלק. מיט דעם דאָזיקן ניגון האָט מען געטאָן די עבודה אין בית־המקדש.

דורך דעם קול דממהדיקן ניגון האָט גאָטס גייסט גערוט אויף די נביאים... און שיינע וווּנדערבאַרע וועלטן פאַר אונדז געזען. דורך דעם ניגון איז דער ים התלמוד געשאַפן געוואָרן, האָבן די גאונים, פּיטנים, פילאָזאָפן, רבנים געשאַפן זייערע גרויסע ווערק — דאָס איז דער ניגון, וואָס האָט ביז אונדזער צייט ניט אויפגעהערט אין די גרויסע תורה־צענ־טערן פון אייראָפּע און ווערט שוין אויך געהערט אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

ס׳איז געווען אַ צייט ווען יידישער ניגון איז שיער ניט פאַרגעסן גע־וואָרן אין אוקראַינע, וואָס איז ווי דורך אַ העליש פייער איז די גזרות ת״ח ות״ט אַרומגעכאַפּט געוואָרן דורך שוידערלעכע שחיטות, וועלכע האָבן ביז די נאַצי־רציחות ניט געהאַט קיין גלייכן צו זיך אין דער מאַרטירער־גע־שיכטע פון אונדזער פאָלק. איז געקומען חסידיזם און צוריק דערוועקט דעם ניגון, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רבינס ניגון — און אָט דער „שיר חדש״ האָט דערפרייט מענטשלעכע הערצער, האָט זיי געגעבן נשמה און חיות אויף ווייטער צו קענען עקזיסטירן. אָן דעם ניגון, קאָן די יידישע וועלט ניט האָבן קיין קיום. דער ניגון האָט באַקומען זיין תיקון דורך דעם חסידישן רבין. יידן האָבן אויפסניי אָנגעהויבן זינגען און טאַקע אַ פריילעכס, ווייל נאָר „בשמחה דאַרף אַ ייד זיין״ האָט געלערנט דער בעש״ט און זיינע תלמידים באַכפאַלגער. האָט דאָך ר׳ נחמן בראַסלאַווער (תקל״ב—תקע״א) געזאָגט „דורך שמחה אַנטפּלעקט זיך דער מענטשלעכער כבוד״ („על ידי שמחה מתגלה כבודו של אדם״ — ספר המדות). דער כח פון נגינה, די יופי פון זמר קאָן דעם מענטש אַרויספירן פון עצבות און מרה שחורה און אים פריילעך מאַכן.

דער עיקר פון בעש״טס חסידות איז געווען צו פאַרטרייבן עצבות, ניט צו דערלאָזן יידן צו זיין אומעטיק, און דאָס האָט מען געקענט דער־גרייכן מיטן כוח פונעם ניגון און מיטן ריקודל. אינעם טאַנץ זענען יידן געוואָרן צוזאַמענגענומען אינאייינעם, דורכן טאַנץ זענען פיס, הענט און ניגון געוואָרן איין שטיק שמחה, זיך באַהאַפטן מיט אייגענער נשמה, דערהערט דאָס אייגענע קול און פאַרוואָרפן די שטענדיקע אימה, דעם פחד פון אָרום.

ווען חסידים האָבן אין גרויס דבקות געזונגען:

„דו, דו, דו
רק דו, תמיד דו,
שמים דו, ארץ דו,
דו, דו דו!...״

האָבן זיי אין אַלץ פאַרגעסן, אין אַלע זאָרגן, אין אַלע פּחדים, יעדער האָט פאַרגעסן אין זיין פּעקל צער און ווייטיק. מ׳האָט אַפילו קיין טרייסט ניט געזוכט — דער „דו־דו־דו״ האָט גרינגער געמאַכט איפן האַרץ, מען איז אַהיים געגאַנגען געטרייסט...

אַ ניגון פון מעזשיבעזש און מעזריטש האָט טויזנטער הערצער דער־פרייט, אַריינגעבראַכט אין זיי נייעם חיות. עס האָט ייִדישע הערצער צונויפ־מענגענומען, פאַרוואַנדלט אין „אנשי שלומינו״, און אחדות איז געווען פון דאָס וויכטיקסטע ביים בעש״ט ז״ל. ווי פלעגט זאָגן דער בעש״ט: „כל זמן איר קוקט נאָר אויף זיך אַליין, זענט איר טרויעריק, טוט אָבער אַ קוק אַרום אייך, אויף דער וועלט און איר וועט ווערן פריילעך״.

דער ניגון האָט פאַריאָגט די מרה שחורה, האָט פאַרטריבן די אימה און דאָס שפּלקייט ביים מענטשן. די פרייד פון זיין אינאיינעם ביים רבין, זינגען און טאַנצן צוזאַמען האָט אַוועקגעיאָגט די שרעק. דער ניגון האָט איינגעשטילט די געמיטער, האָט געבראַכט יום־טובדיקייט, לויטערקייט, פרייד.

ווי דערציילט אונדז י. ל. פּרץ אין „קלעזמערס טויט״. מיכל קלעזמער האָט שוין געגוססט. עס האָבן ניט געהאָלפן די יללות און געוויינען פון זיין ווייב מירל. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס מעסטן קברים, שול־רייסן אאַז״וו. מיכל קלעזמער האָט געוווסט, אַז עס איז פאַרפאַלן, אַז ער שטאַרבט. וואָס־זשע האָט ער געטאָן? האָט ער באַפוילן זיינע קינדער נעמען די כלים און שפּילן: „איך הייס, איך בעט אייך... נעמט די כלים, שפּילט... שפּילט מיר אָפּ די ווידוי און די פיר־איילנדיקע שטוב איז געוואָרן פול מיט מוזיק״.

דאָס פידעלע איז גוט אין אַלע מאָמענטן. דאָס פידעלע איז בכח אָנ־צופילן מענטשלעכע הערצער, מענטשלעכע נשמות, — מיט פרייד! ס׳זענען אַוועק יענע צייטן. דאָס לעבן איז געענדערט געוואָרן. די באַגריפן זענען

אַנדערש. ס׳זענען חרוב די גרויסע חסידישע צענטערן. נישטאָ מער קיין חסידות־באַוועגונג. דאָס געזאַנג פון חסידות, דער רוח הקודש, וואָס איז אַנטפּלעקט געוואָרן דורכן חסידיזם איז געבליבן אין אונדז. אַפילו אין די איצטיקע חורבן־טעג, וואָס שטייגן איבער אין כמות און אין איכות די אַמאָליקע חרבנות, דאַרף מען דערמאָנען צום גוטן די חסידישע באַוועגונג, וואָס האָט אָנגעצונדן דאָס יידישע ליכטל „טרם יכבה״ און דאָס ליכטל וועט שוין מער נישט פאַרלאָשן ווערן. דאָס ליכטל ווייזט דעם וועג, באַלייכט דעם וועג צו גאולה. חסידיזם וועקט נאָך היינט אין יידישע הערצער די טליִענדיקע בענקשאַפט נאָך דעם אַמאָליקן יידישן לעבנס־שטייגער, נאָך דער איינגעוואָרצלטער טראַדיציע, נאָך דעם יגיע כפימדיקן לעבן פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן, צו וועלכע דער חסידיזם איז צום ערשט נתגלה געוואָרן.

3. אָפּטימיזם און שמחה

ניט ווילנדיק זיך אַריינלאָזן אין דער עצם־טעאָריע פון חסידיזם, די, לאָמיר זאָגן: „שבחי החסידות״, ווייל דאָס געהערט צו אַ באַזונדער אַרבעט, און אפשר וועט אונדז נאָך מעגלעך זיין דאָס צו טאָן, איז אָבער נויטיק צו באַמערקן אגב אורחא, אַז חסידות איז די באַוועגונג, וואָס האָט מיט אַ צוויי הונדערט יאָר צוריק אויפגעטרייסלט און גענצלעך געענדערט און רעוואָ־דירט יידישע ווערטן; אַריינגעבראַכט נייעם אינהאַלט, נייע פאָרמען אין יידישן לעבן. די באַוועגונג פאַרדינט זיכער אַ געהעריקע אָפּשאַצונג.

רעדנדיק אָבער וועגן חסידישן ניגון, מוז מען פריִער באַמערקן אויף אַ גאָר וויכטיקן שטריך — דער אָפּטימיזם אין חסידישן וועלט־באַנעם און די פאָעזיע פון דער חסידישער קבלה.

די יידישע אָנשוִיונג איז בכלל אַן אָפּטימיסטישע. מיט האָפענונג און צוטרוי קוקט דאָס יידנטום אויף דער אומענדלעכער צוקונפט־וועלט, אויף דער גאָלדענער עפּאָכע פון משיחס צייטן. די אוראַלטע וועלט האָט ניט גע־טויגט, איז געוועזן פאַרדאָרבן. אדם הראשון האָט בלויז איין טאָג געקענט זיין אין גן־עדן פון וואַנען ער איז באַלד אַרויסגעטריבן געוואָרן. די שפּע־

טערדיקע דורות זענען אַלץ בעסערע: נאָכן מבול קומט דער דור פֿון שם ועבר. נאָכן דור הפלגה קומט די עפּאָכע פֿון אברהם, יצחק און יעקב. נאָך מצרים — גאולה, מתן־תורה, ארץ־ישראל. די צוקונפֿט־וועלט איז אַן אי־דעאַלע, ווען וואָלף און שעפּס וועלן זיך גוטמוטיק חברן, און פֿעלקער וועלן מער קיין מלחמה־כלים ניט נוצן... „וגר זאב עם כבש... לא ישא גוי אל גוי חרב...״

אין חסידות איז אָט דער אָפּטימיזם בולטער. עבודת השם לויטן חסי־דישן דרך, איז דורכגעדרונגען מיט שמחה און טוב לב.

דער בעל־שם־טוב וועלכער האָט זיך מתגלה געווען אין צווייטן העלפֿט פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט, האָט געלערנט: „דער גרעסטער כלל אין עבודת הבורא איז דאָס נזהר זיין פֿון עצבות. געוויין איז אַן־און־פֿאַר־זיך זייער שלעכט. ווען דאָס געוויין קומט אָבער פֿון אַ סך שמחה איז עס זייער גוט״, און נאָך אַזעלכע בליציקע געדאַנקען אין שייכות מיט שמחה־שטימונג. דאָס זענען די הויפּט־פּונקטן אין בעל־שמס חסידות. די עבודה צו גאָט, וואָס דאַרף זיך אויסדריקן אין אַלצדינג, אין אַלע מעשים פֿון מענטשן, ווייל או־מעטום איז דאָ גאָט, מוז אָט די עבודה זיין דווקא בשמחה, ניט ווי אַ קנעכט פֿאַר אַ האַר, שפּלדיק, נבזההדיק ווי אַ זינדיקער, שולדיקער, וואָס קומט מיט יללות און געוויינען בעטן מחילה. ניין! ניט אַזוי, האַלט דער בעל־שם־טוב, קומט מען דינען גאָט. מען דאַרף אים דינען מיט פֿרייד, ווי אַ זון פֿאַר זיין פֿאָטער. דער בעל שם טוב האָט אָפּגעשאַפֿט די סיגופֿים, די פּייניקונגען, ווי עס האָבן זיך געפּירט די גרויסע מקובלים פֿון פֿאַר דעם בעל־שם־טובס עפּאָכע. ער איז קעגן סיגופֿים, ווייל דאָס ברענגט מרה שחורה און עצבות, וואָס ער באַטראַכט פֿאַר אַ גרויסע געפֿאַר. דער מענטש, האָט ער געלערנט, קען זיך דערהייבן פֿון קטנות צו גדולות דורך שמחה און „מלתא דבדיחותא״, און אַפֿילו ווען ער טוט אַן עבירה, זאָל ער אַלץ ניט ווערן פֿאַרזאָרגט, נאָר באַדויערן די עבירה. עס איז דער וועג פֿונעם יצר־הרע איינצורעדן דעם מענטש, אַז ער איז באַגאַנגען גרויסע פֿאַרברעכנס, כדי דער מענטש זאָל ווערן פֿאַרטרויערט און זיך מתיאש זיין פֿון טאָן תשובה. 1)

1) זע באריכות ד״ר ש. א. הורודצקיס „החסידים והחסידות״, ספר ראשון, זייט ל״ד. דאָ מוז מען מקצר זיין. ער ציטירט פֿון די חסידות־ספרים: באר מים חיים, אור המאיר, שבחי הבעל שם טוב, צוואת הריב״ש און אַנדערע ספרים.

דער הויפט־צענטער פון זיין שיטה באַשטייט פון צוויי פונקטן: דינען גאָט מיט האַרץ און מיט פרייד. „דער מענטש, האָט געלערנט דער מעזריטשער מגיד, ר׳ בער (תס״ד—תקל״ג), דאַרף ווערן ווי אַ כלי, כדי גאָטס גייסט זאָל אויף אים רוען...״ פון אַן אַנדער חסידישן רבין דערציילט מען, אַז ער זאָל געוועז טייטשן דעם פסוק: „והיה כנגן המנגן ותהי עליו יד ד׳״ — אַז דער מנגן באַטראַכט זיך ווי אַ כלי־שיר, דאַן רוט אויף אים דער געטלעכער גייסט, דאַן איז דאָ אויף אים יד ד׳!

ווערטער קענען נישט אויסדריקן אַלץ וואָס דער מענטש פילט אין דער טיפעניש פון זיין נשמה: געזאַנג, די קלאַנגען פון די ווערטער, די מעלאָדיע, די מוזיק, קענען מער ווירקן ווי די ווערטער, און דעריבער איז פאַר יעדן פּאָעטישן אויסדרוק און צויבער נויטיק דאָס ליד. דער לירישער קלאַנג וואָס באַנעמט דעם זין פון די ווערטער ווירקט, אַז אַ העכערע פרייד זאָל אַרויסזינגען פון פּאָעטס נשמה. אַ פאַקט איז דאָך, אַז קבלה איז דורכגעדרונגען מיט פּאָעזיע. די מערסטע מקובלים זענען געווען פייטנים, דיכטער, אַזוי אין דער עפּאָכע פון „קבלה עיונית״, אַזוי אין דער עפּאָכע פון „קבלה מעשית״. די תלמידים פון „אר״י הקדוש״, ר׳ יצחק לוריא אשכנזי (רצ״ד 1534—1572), זענען געווען שאַפער ניט בלויז פון קבלה־ספרים, נאָר אויך פון קבלה־לידער. די „גורי האר״י״, ווי מען פלעגט זיי רופן, האָבן געשאַפן וווּנדערלעכע תפילות, שירים, באַהערשט פון בענקשאַפט צו דער געטלעכקייט, אמתע פּערל! „ידיד נפש״, געדיכט פון ר׳ אליעזר אסקארי, איז דאָך אַ פּערל אין אונדזער לירישער פּאָעזיע!

ידיד נפש אב הרחמן
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
נפשי חולת אהבתך
בהראות לה נועם זיוך.
אנא, אל נא רפא נא לה

אין יידיש:

(נשמהדיקער פריינד,
באַרמהאַרציקער פאָטער,
כ׳בעט אַ גאָט, הייל איר אויס
דורך ווייזן איר דיין זיסע לויטערקייט).

(סימן פונעם שיר הוי״ה אין מחברס נאָמען אזיכרי, זע נ. בן מנחם, זמירות של שבת).

און אַז מען רעדט שוין פון קבלה־פּאָעזיע און זמירות, קאָן מען נישט פאַרבייגיין ניט צו דערמאָנען דעם אר״יס זמירות ביים שבתדיקן טיש, דורך פאַרוואַנדלען דעם טיש אין אַ מזבח און דאָס עסן במקום קרבן.

אתקינו סעודתא דמהימנותא,
שלימתא חדותא דמלכא קדישא...
דא היא סעודתא דחקל תפוחין קדישין,
וזעיר אנפין ועתיקא קדישא...

ביינאַכט פאַנגט מען אָן:

אזמר בשבחין
למיעל גוי פתחין
דבחקל תפוחין
דאינין קדישא

שבת אין דער פרי זאָגט מען מיט גרויס כוונה:

אסדר לסעודתא בצפרא דשבתא
ואזמין בה השתא עתיקא קדישא

ביי שלש סעודות:

בני היכלא דכסיפין למחזי זיו דזעיר אנפין
יהון הכא בהא תכא דבה מלכא בגילופין

עס איז זייער שווער איבערצוזעצן די פערזן אין ידיש. מ׳דאַרף זיין באַקאַנט מיט די קבלה־טערמינען און באַגריפן. „חקל תפוחין״, „זעיר אַנפין״ און „עתיקא קדישא״ זענען באַגריפן פון געטלעכקייט. איך האָב בלויז געוואָלט אָנווייזן אויף דער דירעקטער נגינה־השפעה פון יענע מקובלים, אויף דער נגינה פון חסידות, אָנהייבנדיק פונעם בעש״ט, ציענדיק זיך ווי אַ קייט פון רביים, אדמורי״ם און „גוטע ידדן״. די זיילן פון די גרעסטע חסידישע דינאַסטיעס. אומעטום קומט צום אויסדרוק די פרייד פון דבקות, פון באַהעפטונג מיט דער געטלעכקייט, וואָס איז נאָר מעגלעך ווען מען איז אויסגעטאָן פון דער וועלט, פון דאָס חומרדיקע.

„בשמחה״, — האָט געזאָגט ר׳ נחום טשערנאָבילער — האָט אין זיך די אותיות מחשבה — אַלע מחשבותן דאַרפן זיין מיט שמחה... אויף עצבות

האָבן די גדולי הרביים והחסידים געקוקט ווי אויף דער „סטרא אחרא", ווי אויף אַ קליפּה, וואָס פאַרשטעלט דעם וועג צו דער שכינה.

נאָכן בעל שם האָבן זיך געשאַפן פאַרשיידענע דרכים אין חסידיזם און אויך די שמחה האָט זיך געהאַט פאַרשיידענע מדרגות. איינער איז געווען „ששונדיק", דער אַנדערער איז געווען שמחהדיק. ווי זאָגט פּרץ אין זיינע חסידישע דערציילונגען: „איין צדיק איז זוכה צו דער שמחה פון מוצאי יום הכפורים, דער אַנדערער צו דער שמחה פון סעודה של מצוה, און דער גרעסטער צדיק אין דור איז זוכה צו דער שמחה פון ברוך ד' יום יום..."

וועגן דעם באַטייט פון שמחה האָבן אַלע נאָכפאָלגער פון בעש"ט גערעדט. אַזוי דער רבי ר' זישא פון אַנאַפּאָליע, אַזוי דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק, אַזוי דער „חוזה" פון לובלין, אַזוי דער קאָזשעניצער מגיד ר' ישראל בן ר' שבתי, און איבערהויפּט ר' נחמן בראַסלאַווער (תקל"ב—תקע"א), דער גרויסער פאָלקס־דיכטער און טיפער דענקער־פילאָזאָף, מקובל און חסידות־אויסטייטשער.

„דער עיקר שמחה, זאָגט ר' נחמן בראַסלאַווער, איז אין הארץ. דאָס הארץ קען ניט זיין פריילעך, סיידן ער טוט אָפּ די פאַרקרימטקייט פון הארץ... דורך תפילה, יראה און אהבה. דורך דער שמחה קומט מען צו דער מדרגה פון „חדוש המוחין". דער שורש פון אַלע מצוות איז די שמחה וואָס מען איז זוכה זי מקיים צו זיין... אויב מען איז פאַרטאָן אין דאגה און עצבות, זאָל מען זיך שטאַרקן און גלוסטן צו שמחה, וועט מען זוכה זיין צו אמתדיקע שמחה... מען דאַרף זיין פריילעך, סיי אין צייט פון ירידה און סיי אין צייט פון עליה..." און נאָך און נאָך אַזעלכע ענלעכע מאמרים און אזהרות.

איז די בריוו פון זיין געטרייסטן תלמיד, ר' נתן בן נפתלי הערץ בראַסלאַווער (געבוירן אין נעמיראָוו, נפטר געוואָרן אין תר"ה) ווערט צענדליקער מאָל ווידערהאָלט דער פאַרלאַנג פון שטענדיק זיין בשמחה. מען זאָל ניט אַריינפאַלן אין עצבות, מען זאָל שטענדיק אין זינען האָבן, אַז אַלץ איז פונעם בעל הרחמים, און ניט פאַרלירן בטחון און האָפענונג אין אים, „ולהתחזק בשמחה טובה תמיד..." (מכתבים של שנת תר"ב). דורך דער שמחה, שרייבט ער צו זיין זון יצחק, וועט גאָט צוהערן זיינע תפילות.

ער ציטירט פון לקוטי מהר״ן, אַז שמחה איז דער „יסוד פון כל הקדושה״... דער גלות פון דער שכינה איז צוליב עצבות...״ יעדער בריוו ווערט פאַרענדיקט מיט שמחה־ווונטש. אויב ער האָט עפּעס עגמת־נפש פון זיין זון איז ניט אַזוי צוליב זיינע שלעכטע עסקים, שלעכטן מזל, נאָר צוליב דער מורא, אַז דער זון פאַלט אַריין אין עצבות.

ווער עס איז באַקאַנט מיט אומאַנער חסידות, מיטן בראַסלאַווער דרך פון די „טויטע חסידים״, ווי מען פלעגט זיי רופן, צוליב דעם, ווייל זיי זענען געפאָרן צו אַ טויטן רבין, ווער עס האָט אַמאָל בייגעוווינט זייערס אַ תפלה בצבור, ווייסט דעם באַדייט פון שמחה. ביי זיי האָט מען געהערט זאָגן דעם מוראדיקן „ונתנה תוקף״ מיט פרייד און שטראַלנדיקער שמחה, ניט קיין „געקינסטלטער״.

דאָס פאָרן צום רבין האָט דאָך געהאַט צווישן אַנדערן אויך דעם באַטייט פון פאַרגעסן הויז־זאָרגן און קענען פולשטענדיק מקיים זיין דעם „ושמחת בחגך״. די נסיעות אויף יום־טוב צום רבין, האָבן געבראַכט מיט זיך גרויס התעוררות. דעם רבינס תורה, די נגינה בצבור, דאָס טיש־פירן און דאָס ריקודל, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט, האָבן געבראַכט הייליקע שטימונג, הייליקע פרייד... באַפרייט פון וואָכעדיקייט, וואָכעדיקע זאָרג, זאָרג פון פאַמיליען־לעבן, דאגת פרנסה.

חסידים פלעגן זיך שלעפּן וואָכן־לאַנג צום רבין. טייל פלעגן פשוט „עולי־רגל״ זיין צופוס... אָבער קומענדיק צום רבין, האָבן זיי נהנה געווען פון זיו השכינה און מקבל געווען אַלץ בשמחה...

לצנות איז שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן פון די פירנדע חסידיזם־אידעאָלאָגן. שחוק און הילולות איז פאַרבאָטן „באסור״, ווי עס ווערט געזאָגט אין תלמוד (ברכות ל״א, ע״א): „אסור לאדם שימלא שחוק פיו בעולם הזה״. תורה און מצוה פרייד, די פרייד פון קינדער, זיי מחנך צו זיין אין תורה, פרייד וואָס פאַרטרייבט דעם עצבות — דאָס איז ניט בלויז דערלויבט, נאָר אַ מוז [2].

די „שמחה במעונו״ איז דערוועקט געוואָרן דורך נגינה, אָן אינסטרומענט מיט וועלכן יעדער רבי און „גוטער ייד״ האָט זיך באַנוצט. אָבער

2) זע „צדקת הצדק״, פון אדמו״ר ר׳ צדוק הכהן מלובלין, זייטלעך 142—144).

אַזוי ווי ניט יעדנס פרייד־אויסדרוק איז געווען דאָס זעלבע, אַזוי איז ניט יעדנס ניגון געווען גלייך... דער הויפּט־נגינה שטראָם איז געווען נגינה פון בעל־שם־טוב: אַ צווייטער — נגינה פון חב״דיזם; אַ דריטער — בראַס־לאַווער נגינה, און אַזוי יעדער רבי מיט אַן אייגענעם דרך, האָט זיך אויך געהאַט אַן אייגענעם ניגון. דאָס געזאַנג פון בעל־שם־טוב, און די אָרטאָ־דאָקסאַלע נאָכפאָלגער האָבן געזונגען חסידיש געזאַנג פון עונג און צופרי־דנהייט. גייסטיקע שמחה דערקענט מען אין זמירות הבש״ט, אין איינקלאַנג מיט דער לערע, אַז די שכינה רוט נאָר אויף דעם מענטש דורך שמחה, ווי דריקט זיך אויס דער בעש״ט (אין צוואת הריב״ש): אַפילו ווען דער מענטש ווערט נכשל אין אַן עבירה, זאָל ער ניט ווערן פאַרטרויערט, זאָל ער ניט אַריין אין עצבות, נאָר חרטה האָבן אויף דער זינד וואָס ער איז באַ־גאַנגען און צוריק זיך פרייען מיטן בורא יתברך...

די בעש״ט־נגינה — די שטרעמונגען פון אָט דער נגינה — זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אַלס „שירי חסידות״ אין אוקראַינע, פּוילן, רומעניע, אונגאַרן, דרום־רוסלאַנד און אין אַנדערע מקומות. אַן אַנדער שטראָם פון נגינה איז געווען דער חב״דישער, וועמענס אָפּשטאַם און יניקה איז פון ליטע, דאָס געבורט־פּלאַץ פון חב״דישער חסידות. דאָ האָבן מיר שוין טיפע מוזיק, האַרמאָניע, לירישע דבקות, בהדרגההדיקער אויפגאַנג אויף דער לייטער פון „אין סופן״. אינעם ניגון דערקענט מען די פּאַרטיפקייט פון דער חב״דישער לערע וועגן קאָסמאָס, אוניווערס.

ס'איז גענוג צו הערן ליבאַוויטשער חסידים זינגען „דרכך אלקינו להאריך אפיך״... און איר ווערט באַצויבערט פון דער דבקות. ס'דאַכט זיך אייך, אַז איר זינגט אויס די לערע פון חכמה, בינה, דעת (חב״ד), די ריכ־טונג אין חסידות וואָס האָט געזוכט דעם גלייכגעוויכט צווישן שכל און געפיל. עס איז דער מעדיטאַציע־ניגון וואָס געפינט אינעם השתפכות־הנפש די זעלישע פרייד, די שמחת הנפש.

אין ספר הניגונים 3) ווערט טאַקע אַרויסגעבראַכט דער געדאַנק, אַז אַ ניגון דאַרף ניט פאַנגען מיטן הויכן קול, נאָר גראַד מיט עמקות, מיטן

---

3) ספר הניגונים, אַריינפיר־וואָרט פון הרב שמואל זאַלמאַנאָוו. לקוטים וועגן נגינה, 175 ניגונים, פאַרשריבן פון חזן יהושע וויסער, אַרויסג' „ניחח״.

קול דממה דקה וואָס קען פירן צו העכערע ספערן, צו רוחניותדיקייט, צו הימלישקייט, ווי דער באַדייט פון די אותיות נגינה איז עליה... דאָס אמתע קול נגינה, קען מעורר זיין די כוונה און התרוממות הנפש.

דער חב״דער ניגון האָט אין זיך עשירות פון מעלאָדיע, ריטם און די התלהבות וואָס פירט צו די עשר ספירות פון צמאה נפשי לאלקים! דער דורשט זיך צו דערהויבן צו הימלישקייט.

ווען מיר דאָ איבערהויפט ניט געבן קיין אָפּשאַצונג: וועגן ניגון־חב״ד, בלויז אָנוואַרפן אייניקע שטריכן וועגן דער אייגנשאַפט פון יעדן ניגון וואָס זאָגט עדות אויף דער אַנדערשקייט פון דעם אָדער אַנ־דערן חסידישן דרך — אָבער אַלע צוזאַמען שטעלן מיט זיך פאַר דעם גרויסן כאָר, די האַרמאָניע פון חסידישן געזאַנג וואָס האָט מעורר געווען צו שמחת החיים, צו דעם אָפּטימיזם וואָס איז אַן עיקר אין דער לערע פון בעש״ט.

דער פאָטער פון חב״דיזם, ר׳ שניאור־זלמן פון לאַדי, ז״ל, וועגן וועמען דער רבי ר׳ בער (תס״ד—תקל״ב) שרייבט אין זיינע „אגרות קודש״ צום זון ר׳ אברהם המלאך, אַז דער בעל־שם־טוב איז געקומען און אים געזאָגט מיט דעם לשון: „זאָלסט וויסן, ר׳ בערעניו, אַז אין דיין ווייגאָרטן, וואָס דו האָסט פאַרפלאַנצט, געפינט זיך אַ ווייגשטאָק, וואָס שוין הונדער־טער יאָרן, אַז אַזאַ ווייגשטאָק איז ניט געפלאַנצט געוואָרן ביי ייִדן. ער איז נאָך יונג און האָט צוויי מאָל זוכה געווען צו גילוי אליהו, ניט אין חלום, נאָר אין דער ווירקלעכקייט, „במראה, פה אל פה״, דעריבער זאָלסטו וויסן, ווי אַזוי זיך נוהג זיין מיט אים...״. האָב איך אים געפרעגט: „וואָס איז זיין נאָמען?״ האָט ער מיר געזאָגט: „שניאור־זלמן... זאָלסט אים נוהג־כבוד זיין, זאָלסט טאָן וואָס ער וועט דיר זאָגן...״

דער דאָזיקער שניאור־זלמן, דער גרויסער יורש פון רבין ר׳ בער פון מעזריטש, איז געווען אַ גאון, אַ טיפער דענקער און גרויסער שרייבער. ער איז געווען דער הויפּט־פאַרטיידיקער פון חסידיזם אין די מלחמות מיט די מתנגדים, וועמענס הויפּט־אָנפירער און השפעה איז געווען דער גאון הגאונים, דער הגר״א מווילנע, וועלכער האָט געטראָגן די קרוין פון גדול הדור, פאַר וועמען אַלע גדולי תורה און גדולי המקובלים זענען געווען אונטערטעניק.

פאַרשטייט זיך, אַז דערמיט האָב איך אַפילו ניט אין זינען צו געבן אַ

וועלכע עס איז כאַראַקטעריסטיק פון דעם דאָזיקן גייסטיקן גיגאַנט. אינעם פּרווו בלויז איבערצוגעבן זיין ניגון, זיין ליד, האָב איך שוין במילא גע־מוזט דערמאָנען אין עטלעכע ווערטער וועגן זיין גרויסקייט.4)

רעדנדיק בעיקר וועגן חסידישן ניגון, איז וויכטיק נאָכאַמאָל צו ברענ־גען אייניקע ציטאַטן פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער, ז״ל, וועגן נגינה. דאָס גע־זאַנג פון גליק און צופרידנקייט האָט מען טאַקע געהערט צווישן די אומאַ־נער חסידיזם. מען זאָגט ניט: „אוי, גוואַלד, מ׳שלאָגט, מ׳שלאָגט...״, נאָר מען זינגט, און אינעם געזאַנג ווערן מענטשלעכע הערצער באַהעפט. עס איז דער מעדיום פון אייביקער מענטשלעכער ליבשאַפט, וואָס האָט זיין מקור אין אהבת השם. דאָס געזאַנג, וואָס נעמט אַרום ליבנדע מענטשן און פאַרוואַנדלט זייערע טרויעריקע הערצער אין ריזיקע זונען פון ליכט, גלויבן און שטאַרקן בטחון, וואָס איז אין זיי איינגעפלאַנצט געוואָרן דורך דעם „אדמו״ר הקדוש והנורא...״ ווי זיי רופן זייער רבין ר׳ נחמן בראַסלאַווער. דער ניגון האָט דערוועקט די ליידנשאַפט פון שמחה און האָט געמאַכט דאָס האַרץ צו קענען מקבל זיין געטלעכע אהבה. מיטן ניגון האָט מען יידן געוועקט צו עבודת הבורא, מיטן ניגון האָט מען יידן גערופן צו שבת, יום־טוב־פריילעכקייט.

ווער עס האָט געלעבט אויף יענער זייט ים, אויף די מזרח־איירא־פּעישע פּליינען, וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם קול פון שמש:

שטייט אויף קינדערלעך, קומט, קינדערלעך...
איילט זיך לעבודת הבורא!
ער וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם רוף פונעם שמש:
אין שול אַ־ר־יי־ן!...

דער ניגון איבער די יידישע געסלעך האָט פאַריאָגט די סיטרא־אחרא, דעם סקעפּטיציזם, דעם פּעסימיזם. עס איז אויף דערויף קיין צייט ניט געבליבן. דער ניגון האָט געאיילט יידן אין בית־המדרש אַריין. אין בית־המדרש האָבן יידן במילא זיך געמוזט אויסלעבן יידיש. דאָרט אין די אייגענע ד׳ אמות, אין דער אייגענער עכט־פאָלקישער סביבה, איז במילא גע־קומען צום אויסדרוק די אינערלעכע שטרעבונג, די אינערלעכע נשמה־האַרציקייט.

---

4) זע קאַפּיטל: ליבאַוויטשער חסידות.

זאָגט ר׳ נחמן בראַסלאַווער:

„אַלע ניגונים שטאַמען פֿון דעם מקור הקדושה און דעם היכל הנגינה. די טומאה קען ניט קיין געזאַנג, ווייל זי קען ניט קיין פֿרייד... די טומאה איז דער מקור פֿון יעדער מרה שחורה״ 5).

יוען אַ מענטש הערט דאָס קול פֿון שמחה־ניגון... כאָטש דער מנגן איז ניט קיין געהויבענע פּערזענלעכקייט... ווערט ער פֿאַרבונדן מיט השי״ת, מיט דער מלכות פֿון קדושה... עס איז פֿאַראַן טבע־געזאַנג אין דער בחינה פֿון השמים מספרים כבודו... דאָס איז היינטיקער געזאַנג. לעתיד לבוא וועט בטל ווערן די טבע און די וועלט וועט געפֿירט ווערן בלויז דורך דער ווונ־דערלעכער השגחה, און עס וועט דערוועקט ווערן אַ ניי געזאַנג, אַ שיר חדש... אַ ווונדער־ניגון, וואָס וועט אויסגעשפּילט ווערן אויף אַ פֿידל מיט 72 סטרונעס... דער ניגון וועט אַנטרינקען דעם גן־עדן...

יעדער פּאַסטוך האָט זיך זיין ניגון, לויט די גראָזן 6) און לויט דעם אָרט ווו ער געפֿינט זיך. יעדעס גרעזל האָט זיך זיין געזאַנג... און פֿון גראָז־געזאַנג ווערט געשאַפֿן דעם פּאַסטוכס ניגון, דורך וועלכער די גראָזן וואַקסן בעסער... ארץ־ישראל האָט זיך אַן אייגן געזאַנג אין דער בחינה פֿון „קחו לכם מזמרת הארץ״ 7).

ר׳ נחמן בראַסלאַווער אין זיינע אויסגעצייכנטע פּאָעטישע אויסדרוקן גייט ווייטער און זאָגט: „אויב דו וואָלסט זוכה געווען צו הערן דעם קול פֿון די שירות ותשבחות פֿון די גראָזן... וואָלסטו באַגריפֿן די קאָסמישע הערלעכקייט. זיי זינגען אַן פּניה, אָן מחשבות זרות און האָפֿן אַפֿילו ניט פֿאַר באַלוינונג. ווי שיין עס איז זייער געזאַנג...״

אויף אַן אַנדער פּלאַץ זאָגט ר׳ נחמן בראַסלאַווער:

---

5) זע דובנאָוו: „געשיכטע פֿון חסידיזם״; י. ראַבינאָוויטש: „מוזיק ביי יידן, ז׳ 82.

6) אין בראשית רבה ווערט געזאָגט, אַז יעדעס גרעזל, האָט זיך איר מזל. אין אַנדערע ווערטער: האָט זיך זיין מלאך. זע „שיחות מלאכי השרת״, ז׳ 60. מזל מיינט אויך מלאך. אַ ראיה פֿון ב״ק, כ׳, ע״ב. דער מלאך באַשיצט יעדעס גרעזל. אין ספֿר „אור המאור״ ווערט געזאָגט, אַז יעדעס גרעזל איז מרמז אויף הויכע וועלטן...

7) לקוטי מוהר״ן, „לקוטי עצות״, וואַרשע, תרל״ה.

„געזאַנג איז די נשמה פון דער וועלט, פון דעם גאַנצן אוניווערז. דער גאַנצער הימלרייך זינגט. דער כסא־הכבוד אָטעמט מיט מוזיק, אַפילו גאָטס נאָמען, דער שם הויה, איז פון פיר מוזיק־נאָטן צוזאַמענגעזעצט...". און ווייטער: „יעדע חכמה, יעדע אמונה, יעדע פילאָזאָפיע און אַפילו דאָס אפּי־קורסות האָבן זייער נגינה, זייער שטייגער פון געזאַנג, וואָס העכער ס'איז די אמונה, אַלץ פּרעכטיקער איז איר מוזיק...". לויט זיין שיטה זענען דאָ היכלות אין די הויכע ספערן וואָס עפענען זיך נאָר דורך געזאַנג. אויף אַן אַנדער אָרט שרייבט ער: „עס איז גוט פאַרן מענטשן זיך צוגעוווינען צו לעבן מיטן ניגון וואָס איז מושך דעם מענטשן צו השי"ת. אַפילו אַ גוייִשער ניגון קאָן „געראַטעוועט" ווערן. דאָס איז אין איינקלאַנג מיט דער לערע פון בעל־שם־טוב, אַז עס איז בכלל ניטאָ קיין שלעכטס אויף דער וועלט, דאָס שלעכטע איז נאָר די אונטערשטע מדרגה פון דעם גוטן... אין אַלצ־דינג וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט, זענען פאַראַן הייליקע פונקען, אַפילו אין העלצער און שטיינער, אין אַלע טועכצן וואָס דער מענטש טוט... די אויפגאַבע פון חסיד איז אַרויסצוהויבן די הייליקע פונקען, וואָס געפינען זיך אומעטום, אַפילו אין דער „סטרא אחרא", און אַזוי ווי יעדער אמונה האָט איר געזאַנג, קאָן מען אין דער וועלט פון ריינער אמונה ראַטעווען אַלצדינג וואָס בלאָנדזשעט און זוכט אַ תיקון אין דער וועלט[8].

חסידים האָבן טאַקע געראַטעוועט ניגונים, געבאָרגט אַ פרעמדן ליד און פון אים געמאַכט אַ חסידישן ניגון, אַזוי דער צדיק פון קאַליוו, אַזוי ר' יצחק קאַליווער, און אַנדערע האָבן געבאָרגט לידער פון פאַסטוכער און אַלגעמיינע נגינה, און זיי געגעבן דעם ריכטיקן „תיקון", פאַרייִדישט, גע־מאַכט פאַר דער סאַמע פּערל פון דער חסידישער נגינה.

ניט אַלע רביים זענען געווען מנגנים; ניט אַלע רביים האָבן געהאַט דעם חוש פאַר מוזיק. אַלע האָבן אָבער געהאַט נגינה ביים טיש־פירן. אַלע רביישע „הויפן" אָדער דינאַסטיעס, האָבן געהאַט זייערע מנגנים, וועלכע זענען געווען באַרימט צווישן עולם חסידים. דאָס געזאַנג איז געפירט גע־וואָרן פון מנגן אָדער „חזן" ווי ר' נחמן בראַסלאַווער רופט דעם זינגער (חזן פון לשון חזון, נבואה) און איז באַגלייט געוואָרן פון המון חסידים

8) זע דאָרטן, ז' 83.

און מערסטנס אין מיטן פון שטאַרקן געזאַנג און התלהבות דערהערט מען אַ קלאַפּ אין טיש — דער רבי זאָגט תורה!... פייער פון מויל, פונקען פליִען אין דער לופטן! אַ שטילקייט באַהערשט דאָס בית־המדרש און חסידים כאַפּן אויף די ווערטער, אַלע הערן מיט דבקות, מיט מח און האַרץ וואָס איז ממש „כל עוף שפורח — נשרף", אַ שטילקייט ווי ביים „אנכי"־באַפעל אויפן באַרג סיני.

און די תורה? יעדער רבי מיט זיין דרך פון זאָגן תורה... עס זענען געווען רביים, וואָס האָבן לגמרי ניט געזאָגט קיין תורה, בלויז געפירט טיש, ווי די עבודה אין בית־המקדש. דער רבי, געקליידט אין ווייסן, האָט אויס־געזען ווי אַ כהן גדול — דאָס שטריימל באַדעקט זיין קאָפּ. דער אַלטער רבי (אַפילו ער איז געווען יונג, האָט ער אויסגעזען אַלט) איז פאַרטיפט אין זיינע רעיונות. מען טיילט אויס „שיריים", מען שטעלט ווייַן — אַ טיש אָן תורה... אָבער נישט אָן נגינה. געזאַנג האָט געמוזט זיין!

אַהיימפאָרנדיק פון רבין, האָבן חסידים זיך איינגעחזרט דעם רבינס תורה, דעם נייעם ניגון, וואָס מ'האָט געהערט און אַזוי קומט מען אַ היים מיט התלהבות, מיט פייער, מ'האָט זיך געפילט דערהויבן, אָנגעזאַפּט מיט אהבת ישראל און שמחת ישראל.

און מען דערמאָנט זיך אַזעלכע הערלעכע מאָמענטן ביים רבין אין לובלין, דער ראש־השנה, דער יום־כפור, די תורה־שמועסן ביים טיש, די תקיעות, דעם רבינס מוסף — דאָס זענען מאָמענטן וועלכע מ'קען קיינמאָל ניט פאַרגעסן. און אָט איז אַ בילד פון אַ ראש־השנה אין לובלין, ווי עס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון:

יידן פאָרן אויף ראש־השנה צום רבין קיין לובלין, טייל פאָרן מיט דער באַן, טייל מיט אויטאָבוסן, אַנדערע שלעפּן זיך אויף אַ וואָגן, און די גאָר אָרימע זענען כמעט עולה רגל. אין לובלין גופא טיילן זיך די קאַטע־גאָריעס ווי אויפן וועג, אָבער אין שמאָל־לאַנגן בית־המדרש, זענען אַלע גלייך, אויס יחסנים... אַלע שטייען, נישטאָ קיין בענק, קיין שטולן, קיין שטענדערס, בלויז אין דער זייט לאַנגע בענק און טישן, פאַר שוואַכע זיך אָפּצורוען און צוליב דעם לערנען, וואָס איז דער עיקר־פונקט אין לובלינער חסידות, און מ'דאַרף האָבן טישן ווו צו האַלטן אַ גמרא, אַ ספר...

פון פאַרטאָג ביז מיטאָג־צייט קלינגט דער קול תורה איבערן הויף.

חסידים זענען זיך מתווכח אין לערנען, יונגעלייט פּרוּוון זיך אויס ווער ס'קען בעסער. בחורים פרעגן זיך אויס די מסכתות וואָס מ'האָט געלערנט אין משך פון יאָר אין די קלויזן און ישיבות. „חסידים ואנשי מעשה" זענען אויך מקיים מצוות טבילה אין דער באַרימטער קאַצענעלבאָגן־מקוה.

12 אַזייגער, צהרים. אַ קלאַפּ אין שולחן. מיטאַמאָל ווערט אַלץ שטיל. דער רבי איז דאָ. דער רבי איז ר' שלמה איגר ז"ל, אַ זון פון „שבט מיהודה", אַן אייניקל פון ר' לייבעלע איגר, אַן אָפּשטאַם פון דער באַרימטער איגר־משפחה, וואָס האָט פאַר דורות אַרויסגעגעבן גאונים, רבנים און גרויסע געלערטע, פינפטער דור פון ר' עקיבא איגר. דער רבי — אַ קליין יידל, אָבער מיט שאַרפע אויגן, אַ גרויסן שטערן, שאַרפן מח, גרויסע ברע־מען — אַזאַ יראת התרוממות, אַזאַ ציטערניש פאַר אַ מענטש און אַזאַ ליב־שאַפט האָב איך נאָך ניט געזען. אַט דער קלייניטשקער ייד רופט אַרויס מיט זיין אַריינקומען אַזאַ דוממה דקה, אַזאַ „דביקות המוחין" — און אַלע קוקן אין דער ריכטונג ווו ער שטייט אָנגעשפּאַרט אַן וואַנט. מיר ציטערן אויף פון זיין יעדער קלענסטער באַוועגונג.

אַלע וויסן, אַז דער רבי איז אַ גרויסער חכם, אַ גרויסער ידען אַפילו אין וועלט־ענינים. אַלע וויסן, אַז ער איז אַ גאון אין נגלה און נסתר, אַ גרויסער בעל־מקובל (קענער פון קבלה) — אַ מענטש מיט געניאַלע מעלות. אַלע וויסן אויך, אַז ער איז דער גרויסער אוהב ישראל, צדיק, קעמפער מיט מסירת־נפש פאַר ערלעכקייט און גערעכטיקייט — קיינער וועט אָבער ניט קענען געפינען אַ דעפיניציע פון דער אהבה פון עולם צו דעם לובלינער, וועלכער האָט ניט געוואָלט אָנטאָן די רבי'ישע בגדים, וועלכער האָט יאָרן לאַנג ניט געוואָלט נעמען קיין „קוויטלעך", וועלכער וויל ניט נעמען קיין געלט (פדיון) פון די חסידים, וועלכער ווייזט אַרויס אומגעוויינטלעכע עניוות און זאָגט לומדישע תורהס וואָס איז צום שטוינען פון זיין בקיאות. אַנדערע חסידים קריטיקירן וואָס ער זאָגט די שאַרפע עלוי'ישע תורהס, ווייל אַ רבי דאַרף בלויז זאָגן אַ גוט וואָרט, אַ קנייטש...

און ווי אַזוי זאָגט ער תורה? ער זיצט אויבנאָן אויף אַ קליינעם שטול, אַז מ'זעט אים קוים אַרויס. ער וויל ניט זיצן אויף אַ העכערן שטול. עס וועט, לויט אים, הייסן גאווה און דערפון איז ער זיך מתרחק אויפן עקס־טרעמסטן אופן. דאָס בית־המדרש איז פול געפּאַקט מיט חסידים פון פאַר־

שיידענע געגנטן. טייל כאַפּן זיך אַרויף אויף די טישן און בענק. מען שפּאַרט זיך אָן אויף אַ פענצטער, און ווו נאָר ס'איז דאָ אַ מעגלעכקייט זיך אַרויפצוכאַפּן, כדי פון דאָרט צו זען דעם רבין. זיין באַוועגן זיך. אַ סך חסידים ברענגען מיט זיך עסן און שטייען אַרום דעם טיש באַלד פון נאָכן דאַווענען. זיי זענען אמתע זריזין מקדימין... נישט איינמאָל האָט מען מורא, אַז צוליב דעם געדרענג זאָל מען חלילה ניט האָבן קיין „יום טוב מעוכין" — אָבער ניסים געשען! דער רבי ביים טיש קוקט זיך נישט אַרום, ער איז שטאַרק פאַרטראַכט — און אָט הערט מען דאָס ברומען פון אַ ניגונדל, וואָס צעגייט איבער אַלע אברים, אַ ניגון אָן ווערטער: „דעם־דעם־דעם"... עס איז ממש „והי' כנגן המנגן" — דער רבי פאַנגט אָן זאָגן תורה. פריִער שטיל און וואָס אַמאָל העכער, פלאַמיקער, ממש „כל עצמותי תאמרנה", און די ווערטער, דברים היוצאים פון אַזאַ גרויס האַרץ, דרינגען אַריין אין אַלעמענס הערצער. די דברי תורה דערוואַרעמען יעדנס האַרץ.

חסידים, וואָס האָבן פאַר מיר נאָכגעזונגען דעם פאָטערס ז"ל ניגון ביים בענטשן, האָבן אַרויסגערופן טרערן. אַזאַ זיסע מעלאָדיע, אַזאַ דבקות־דיקע, אַז נאָר אין די געטלעכע שעהן, אין תהלימדיקייט־אַטמאָספערע קאָן מען איר אינטויִטיוו דערשפּירן מיט מענטשלעכע חושים...

און נאָך דעם לעצטן טיש ראש־השנה, אַ רקידהלע, אַ פריילעך געזאַנג. ייִדן וואָס קוים זיי שלעפּן זיך אויף די פיס, פליִען אין דער לופטן. מ'זעט ממש לויטער רוחניות. עס איז „וטהר לבנו" אין פולן זין פון די ווערטער. אַ גייסטיקע התרוממות, שטאַרקע, נפשדיקע געפילן.

חסידישע טיפּן, צדיקים, רביים, אַזעלכע ווי מיר האָבן געהאַט אין לובלין, אַ „נחום מן השמים", אַ „משה מלאך" און נאָך אַזעלכע, זענען שוין פאַראייביקט אין דער ייִדישער ליטעראַטור דורך אונדזערע קלאַסיקער. מיר האָבן שוין אַ רייכע ליטעראַטור וועגן חסידות, זינט פּרץ, מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, אין אייביקע יצירות פון פייערבערג, שלום אַש, יהודה שטיינבערג, הלל צייטלין, מאַרטין בובער, יוסף אָפּאַטאָשו, ש. י. עגנון, א. ש. האָראָדעצקי און פון אַ סך אַנדערע פון אונדזער צייט. ווי זאָגט זיך דאָס ווערטל: דער גר"א, דער יחיד אין דורות, וואָס שייך גאונות און זיינע מתנגדישע נאָכפאָלגער האָבן אונדז איבערגעלאָזן — ספרים; דער בעל־שם־טוב — מענטשן. און וועגן אייביקע פון זיי, שאַפער און גרונטלייגער

פון חסידיזם און פון חסידישן ניגון, וועלן מיר שרייבן אין די קומענ־דיקע קאַפּיטלען.

דאָ ווילן מיר צום סוף אונטערשטרייכן, אַז עס איז וויכטיק און נוי־טיק אין אונדזערע טעג זיך צו באַקענען מיט די שטרעמונגען און די השפּעות פון חסידיזם אין יענעם אַנטשטייונגס־מאָמענט, ווען יידיש לעבן איז געווען חרוב ומוחרב צוליב דער דעמאָלטיקער שרעקלעכער פּאָגראָם־כוואַליע אויף ייִדן. חסידות קאָן אויך היינט אין אונדזער מוראדיקן חורבן האָבן אַזאַ ווירקונג צום גוטן, ניט געקוקט דערויף וואָס זי האָט ניט די סביבה, דעם דור, וואָס זאָל זיין ראוי צו אַזאַ באַוועגונג. די אייניקלעך און אור־אייניקלעך פון יענע ריזן, לעבן נאָך מערסטנס אין זכות... אבות! די גייסטיקע ווערטן, די אָנשווינגען, דאָס איז געבליבן און קאָן אויסגענוצט ווערן אין אונדזער צייט, אויפן בעסטן, תפארתדיקן קדושה וטהרהדיקן אופן.

פונקט ווי די באַגריפן פון גלות השכינה און גאולה, אהבת ישראל, רחמים, משיחיזם און אַנדערע קבלה־מיסטישע באַגריפן, וואָס זענען פּאָפּו־לאַריזירט געוואָרן דורך דעם חסידיזם, האָבן געראַטעוועט גרויסע טיילן פון ייִדנטום אין יענער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אויך געהאַט שרעקלעכע נאָכווייענישן פון אַ פאַלשן משיח, פון אַ געשמדטן שבתי־צבי, פון אַ פאַררעטערישן יעקב פראַנק, אַזוי קאָן חסידות נאָך היינט אונדז צוריקגעבן דעם אָפּטימיזם פון אַ לעבן של חסד, צוריקברענגען די שמחת החיים, דער־הויבן ייִדן צו דער הויכער פּאָעטישער מדרגה, אַריינברענגען דאָס ייִדישע געזאַנג אין ייִדישן לעבן, צוריקברענגען דעם אַמאָליקן ניגון, וואָס זאָל מאַכן היימלעך. פריילעך, וואָס זאָל ברענגען פרייד אין דער ייִדישער נשמה און זאָל שאַפן די האַרמאָניע אין ייִדישן לעבן. דער ניגון זאָל אונדז באַ־העפטן מיט דער שכינה נאָך דער פינצטערער נאַכט, זאָלן מיר פּלוצלינג ליכט דערזען, זאָלן נייע, ברייטע האָריזאָנטן זיך באַווייזן, זאָל אַ נייע צו־קונפט זיך אַנטפּלעקן פאַר אונדז אינעם הייליקן לאַנד, אַ נייער שיר אויף די בערג פון גליל און יהודה אין מדינת־ישראל.

ניט אומזיסט האָט מען זיך אין ארץ־ישראל לעצטנס גענומען זינגען חסידישע ניגונים. איבער דער נאַציאָנאַלער ראַדיאָ ווערן געגעבן גאַנצע פּראָגראַמען פון חסידישן געזאַנג, חסידישער מוזיק, אין אָריגינאַל אָדער באַאַרבעט. דאָרט באַגרייפט מען די שיינקייט און ווירקזאַמקייט פון חסי־

דישן ענטוזיאַזם און וואַרעמקייט, וואָס האָט געשטאַרקט די גרייטקייט אין דעם ייִדנטום פאַר אונדזער אויפבוי אין ארץ־ישראל, און וואָס האָט צו־געגרייט די מחשבות פאַר נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט.

4. נגינה ביי חסידים

ווען מיר אַנאַליזירן די לערעס פון די גרויסע חסידישע פערזענלעכ־קייטן און מיר מאַכן די פאַרשידענע אַנאַלאָגיעס און פאַראַלעלן, זעט מען ביי יעדן אַ דירעקטע נאָכפאָלגערשאַפט פון בעש״ט, ניט געקוקט דערויף וואָס יעדער פון זיי האָט אַריינגעבראַכט זיין נוסח, זיין שיטה, זיין ספע־ציפיש־אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. אַן עיקר־גדול איז ביי זיי אַלעמען געווען דאָס דינען גאָט מיט שמחה און געזאַנג. דורכן ניגון, זאָגט ר׳ נחמן בראַס־לאַווער, „ווערט דער מענטש מתקשר צום השי״ת. אין דער צוקונפט־וועלט, ווען די טבע וועט בטל ווערן און די וועלט וועט געפירט ווערן בלויז דורך דער געטלעכער השגחה, וועט געזונגען ווערן אַ שיר חדש, אַ וואונדער־ניגון אויף 72 סטרונעס, דער ניגון וואָס וועט אָנטרינקען דעם גן־עדן... דער ניגון פון צדיקים און חסידים, וואָס וועלן געניסן פון עולם הבא...״ (לקוטי עצות).

חסידיש געזאַנג איז ניט ניי אין געוויינלעכן זין פון וואָרט. דער „שיר חדש״ האָט אין זיך די אַלטע ייִדישע עלעמענטן. פונדעסטוועגן געפינט מען אין אים נייַקייט אויף אַזוי ווייט ווי דער חסידישער דרך איז אַ נייער אין פאַרגלייך מיט דעם מתנגדישן. ווייל אין דער אמתן איז דאָך דובנאָוו גע־רעכט מיט זיין כאַראַקטעריזירן דעם מהות פון חסידיזם:

„דאָס חסידיזם האָט געשטרעבט ניט צו אַ תיקון אין די פונדאַמענטן פון דער ייִדישער רעליגיע אָדער טראַדיציע. חסידיזם האָט געשטרעבט צו אַ פיל־טיפערער ענדערונג און תיקון, צו אַ תיקון הנפש און מיט דער הילף פון אַ שטאַרקער פסיכישער השפעה, האָט זי געשאַפן אַ טיפ פון אַ גלויביקן, ביי וועמען דאָס געפיל איז וויכטיקער פון דעם אויסערלעכן לבוש, פון דעם אויסערלעכן מנהג. דאָס רעליגיעזע צדקות און התלהבות איז גע־

ווען וויכטיקער ווי די חקירה און למדנות פון דאָס רבנות און פון די מקובלים" (דובנאָוו, „תולדות החסידות", הוצאת דביר, ז' 35).

מיר האַלטן ניט שמעון דובנאָוון פאַרן גרעסטן אויטאָריטעט אין חסידות. ער איז אַ יידישער היסטאָריקער, אַ היסטאָריקער פון יידנטום, אַ וויסנשאַפטסמאַן, וואָס איז שייך געשיכטע־קענטעניש. ער איז אָבער ניט אין דער זעלבער מאָס דער היסטאָריקער פון חסידיזם. אים פעלט די פאַנ־טאַזיע און די מיסטיק פון חסידות. ער איז אַ מתנגד, נעמט מערסטנס זיינע כאַראַקטעריזאַציעס פון מתנגדישע ספרים. ער איז נישט פּעדאַנטיש געגוג און קען בכלל נישט אַריינדרינגען אין די אינעווייניקסטע כוחות פון חסי־דיזם. ער קען אונדז אַפילו ניט געבן קיין קלאָר בילד פון אַזאַ גיגאַנט ווי ר' נחמן בראָסלאָווער, וועמעס שאַפן איז צו מיסטעריעז און אומפאַרשטענד־לעך פאַר דעם טרוקענעם, קאַלטן, וויסנשאַפטלעכן דובנאָוו. אויב ער פאַר־שטייט נאָך די ערשטע חסידישע מנהגים, זענען עס די פון דער אוקראַאינע, ליטע און אומגעגנט. ער פאַרשטייט אַ חב"דניק, ווייל אין די ספרי חב"ד האָט ער געפונען אַ דורכגעטראַכטע פילאָזאָפיע, פונדאַמענטאַלע טעאָריעס, באַזירט אויף פילאָזאָפיש - פּסיכאָלאָגישן פּרינציפּ. די חסידישע גדולים מאָלט ער מיט שוואַרצע קאָלירן. עס זענען דאָ טייל וואָס האָבן דובנאָוון חושד געווען אין שנאה צום גאַליציאַנער יידנטום און אַז דערמיט זאָל זיך דערקלערן זיין שילדערונג פון דעם הויפּט פון גאַליציאַנער חסידות, דעם רבין ר' אלימלך מליזענסק. ער ציטירט פון „נועם אלימלך" אַזעלכע שטעלן וועלכע זענען גאַנץ פאַרשטענדלעך, אויב מען זוכט דעם אמת. אַפילו אַט דעם מאמר זיינעם (סוף פרשה בהר): „וכן בכל דור ודור לכל צדיק וצדיק השי"ת ב"ה צייט לצדיק לכל דבריו כמו העבד הציית לרבו וזהו דוקא בצדיק גמור אשר הולך תמיד בדבקות ויחודים". איז דאָס געוויס אין איינקלאַנג מיט דעם מאמר אין תלמוד: „כביכול הצדיק גוזר, והקב"ה מקיים", אויך אין מדרש געפינט זיך דער געדאַנק, אַז אין דער מדבר האָט גאָט ברוך־הוא באַהאַנדלט די יידן ווי אַן עבד באַהאַנדלט זיין בעל־הבית. דאָס איז ניט חלילה קיין „נאָוץ" פאַר השי"ת, אויך ניט קיין „הטחת דברים". ווען מען גיט צו דעם „כביכול, גלייך ווי מען וואָלט געקענט זאָגן... דערמיט זענען די חסידות־טעאָרעטיקער אויסן געווען צו ווייזן גאָטס ליבשאַפט צו יידן

און צו באַגרינדן דעם געדאַנק פֿון צדיקס פּערזענלעכקייט. צו באַווייזן די גרויסקייט און וויכטיקייט פֿון צדיק.

נאָך אין תנ״ך געפֿינען מיר אַן אָנווייזונג אויף דער מעלה פֿון צדיק, ניט בלויז אויף צו דערהויבן די מאַסע, „לאכשיר דרא״, נאָר אויך אויף דעם כח צו באַווירקן די עולמות העליונות, ווי די חז״ל טײַטשן דעם פּסוק „מושל באדם צדיק — מושל יראת אלקים!״ (שמואל כ״ג, ג׳).

משה רבינו האָט צוריקגערופֿן פֿיל גזרות. מיטן כח פֿון „שלש עשרה מדות״, האָט ער אָפּגערופֿן די פֿאַרניכטונג־גזרה אויף יידן. אהרן האָט מיטן „קטורת״ אָפּגעהאַלטן די מגפֿה ביים קרח מחלוקת. פּנחס האָט צוריקגע־האַלטן פֿון מגפֿה: „ויעמד פּנחס ויפלל ותעצר המגפה...״

חסידות האָט אויסגעברייטערט און מער פֿאַרטיפֿט אָט־דעם געדאַנק פֿון צדיק־אינסטיטוציע. דער „רבי״, דער צדיק פֿאַרנעמט דעם צענטראַל־פּונקט. דורך אים און מיט אים ציען זיך די פֿעדים פֿון חסידות. אינעם וואָרט „רב״י״ האָט מען אָנגעהויבן אַריינטײַטשן „ראש בני ישראל״. „אמונת צדיקים״ איז אַזוי אַרום געוואָרן אַן עיקר־פּונקט אין חסידיזם. דעם רבינס תפֿילות האָבן חסידים געהאַלטן, האָבן אַ גרויסן ווערט אין הימל. זיי דאַרפֿן פּועל ישועות זיין און אויב ניט — זענען פֿאַראַן סיבות אויף דערויף. וואָס דער רבי טוט, אַפֿילו די פּשוטע זאַכן, זענען פֿול מיט קדושה און טהרה. אַפֿילו ביים אָנטאָן פֿון זיינע שיך, האָט ר׳ ליב שרהס געזען אין מעזריטשער מגיד חכמה און יראה עליונה, אין אַלץ וואָס דער צדיק טוט ,האָט מען געזען גרויסקייט און קדושה.

דער רבי האָט אָבער געדאַרפֿט זיין אַ געטלעכער מענטש, אַ גרויסער מענטש. פֿילן יידישע ליידן ווי אייגענע, ליב האָבן יידן ווי גאָט, בעטן פֿאַר יידן, מקרב זיין יידישע נשמות און אַרויסווייזן זיי אומגעוויינלעכע ליב־שאַפֿט. האָט ר׳ משה־לייב סאַסאָווער געזאָגט, אַ מענטש וואָס קען ניט אויס־זויגן דאָס בלוט פֿון די מכות פֿון יידישע קינדערלעך, האָט ער נאָך נישט דערגרייכט צו האַלב אהבת ישראל.

אויב דער רבי האָט זיך ניט דערהויבן צו אָט די מדרגות, און האָט ניט געהאַט אין זיך די מעלות, איז ער געווען אַ פֿאַלשער רבי, אַ „רע בעיני ד׳״, חלילה, ווי דאָס וואָרט קען אויסגעטייטשט ווערן. די גדולי החסי־דים, די שאַפֿער און אויפֿשטעלער פֿון די חסידישע דינאַסטיעס, די נאָכ־

פאַלגער פון בעל־שם־טוב און פון מעזריטשער מגיד, ווי ר׳ יעקב־יוסף פולנאָהער, ר׳ נחמן בראַסלאַווער, ר׳ פּנחס קאָריצער, ר׳ שניאור־זלמן ליאַדער, ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער, ר׳ אלימלך ליזענסקער און זייערע תלמידים — די פאַרשטייער פון אָט דער נייער באַוועגונג וואָס האָט זיך באַוויזן אינעם 18טן יאָרהונדערט, אויפן פינצטערן יידישן האָריזאָנט, האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אָט די גרויסקייט, אָט די גרעניצלאָזע טאָפּלטע אהבה, אָט די גרויסע פּערזענלעכקייטן, די גיגאַנטן פון חסידיזם האָבן געבראַכט מיט זיך דאָס גאָט־דורשטיקייט, האָבן געבראַכט מיט זיך די „תורת הלב״, דאָס שטעלן דעם עיקר־פּונקט אויף דעם האַרציקן געפיל און אויף דער פריַער־דערמאָנטער אהבת השם און אהבת ישראל וואָס גייען זאַלבע־נאַנד, אַ אהבת ישראל ווי ביים רבין ר׳ אברהם יהושע העשיל מאַפּטא, וועמעס ספר „אוהב ישראל״ איז פון די בעסטע אין דער חסידות־ליטעראַטור, וועלכער זאָגט אַז אַפילו ביים בית־דין־של־מעלה וועט ער ניט קיין מורא האָבן און דערציילן ווי טיף אין האַרץ עס איז ביי אים איינגעקריצט אהבת ישראל. צוליב יידן, האַלט ער, האָט גאָט באַשאַפן די וועלט און אַלץ אין איר („אוהב ישראל״, פּ׳ שמואל), און „אַז עס איז אַ מצוה צו ליבן יעדן ייד. אהבת ישראל איז געקניפּט מיט אהבת השם יתברך... ווער עס האָט ליב גאָט, האָט ליב זיין פאָלק ישראל״ (פּ׳ שקלים).

ביי מערסטע חסידישע „גוטע יידן״ איז אהבת ישראל און אהבת השם געקומען צום אויסדרוק דורך שמחה און אויך דורך געזאַנג, וואָס פאַרטרייבט די עצבות. דאָס חסידישע געזאַנג צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס פון דער פאַרדבקותער ליריק, פון דער אינערלעכער שטימונג, רופט דער ניגון אַרויס חדוה־שטימונג, וואָס נעמט דורך און דרינגט אַריין אין דער נשמה לויטן באַגריף פון „כל עצמותי תאמרנה״. אַפילו אין חב״דער חסידות, וואָכ איז כולו פאַרטיפונג און קבלהיסטישע מחשבותן, געפינט מען אויך דעם סוד פון נגינה. אויך ליבאַוויטשער חסידים האַלטן שטאַרק פון קאָלעקטיוון חסידישן געזאַנג, פון חסידישן טענצל, פון חסידיש פייער־לעכקייט. אויך ליבאַוויטש האָט פיל בייגעטראָגן צו דעם „נייעם געזאַנג״ פון חסידיזם און אַ חב״דער ניגון האָט זיך זיין פּלאַץ געפונען אינעם היכל פון נגינה.

ווייל, וואָס איז דען חסידישע נגינה? דאָס געזאַנג פון „ביטול היש״,

דאָס געזאַנג דורך וועלכן דער מענטש ראַטעוועט זיך פון עצבות און מרה שחורה צו דער ריינער קדושה־פרייד, צו השפכות־הנפש און גייסטיקער חדווה.

אין אידעלזאָנס „אוצר נגינות ישראל" געפינט זיך דער ניגון פון רבי שניאור־זלמן פון ליאַדי (נפטר געוואָרן כ"ד טבת, תקע"ג), דער גרינדער פון דער חסידישער שיטה „חב"ד" (חכמה, בינה, דעת), באַרימט אַלס מחבר פון „תניא", שולחן־ערוך הרב, לקוטי תורה און אַנדערע ספרים. אַ ניגון, וואָס ער האָט פאַרפאַסט בשעת ער איז געווען פאַרשפאַרט אין תפיסה, אין פעטערבורג (היינטיקע לענינגראַד), אין 1799, י"ט כסלו. דער טאָג פון זיין באַפרייונג, איז געוואָרן אַ יום־טוב ביי חב"דישע חסידים, וועלכע האָבן נאָכגעזונגען דעם רבינס ניגון.

אין די עיקרים פון חב"דער שיטה פאַרנעמט דאָך אַ פלאַץ, דאָס שטרעבן צו דינען גאָט מיט האַרצקוועלנדער אהבה, מקיים זיין די מצוות מיט גייסטיקער שמחה און אָפּשאַפן די מחיצה צווישן גאָט און ייִד, צווישן ייִד און ייִד — דורך אויסוואָרצלען פון זיך דעם עגאָיסטישן „איך". דאָס איז אַ שטריך אינעם חב"דער חסידות און אַלע זייערע נאָכפאָלגער, ביזן לעצטן ליובאַוויטשער רבי, אדמו"ר ר' יוסף־יצחק שניאורסאָן זצ"ל, דער 6טער דור אין דער וועלט־באַרימטער רבייִשער דינאַסטיע, וועלכער האָט פאַרגעזעצט מיט איבערמענטשלעכער מסירת־נפשדיקייט זיינע קאַמפן פאַר ייִדישקייט און פאַר אַ פאַרצווייגטער הרבצת תורה און חינוך־באַוועגונג.

אינעם ניגון פילט זיך דער הייסער חב"דניק דערהויבן. ער מאַכט דורך „עליות", גייסטיקע התרוממות, דורך דעם ניגון. נאָכן אָפּלערנען עטלעכע שווערע מאמרים אין די ספרים פון חב"ד, וואָס פאָדערט אַ געוואַלטיקן כובד־ראש און פאַרטיפונג. אַפילו די היינטיקע „מאמרי חסידות" פון היינטיקן ליובאַוויטשער רבין פאָדערן „התעמקות" און אומגעהויערער „דבקות". אָט ליגן פאַר מיר צוויי קונטרסים „מאמרי חסידות", און „מאמרים ושיחות", ריגע תרצ"א, דאַרף מען זיך אויף אַן אמת פאַרטיפן און גוט אַריינטראַכטן אין די געדאַנקען, וואָס ווערן דאָרט אַרויסגעבראַכט. נאָך אַזעלכע מאמרים מוז קומען דער ניגון. עס מוז קומען און זיך דערוועקן דער מוזיקאַלישער מיטאָס, וואָס ברענגט פאַרלייכטערונג און צו דער זעלבער צייט פריילעכקייט נאָך דער אַזויפיל אָנגעשטרענגטקייט.

דער חב״דניק, וואָס האָט כל ימיו געלערנט וועגן מענטשלעכער דער־הויבונג, אַז אַ מענטש טאָר זיך אויך קיין האָר ניט נאַרן, ווייל אויב לויטן דין טאָר איין מענטש ניט נאַרן דעם אַנדערן ווי דער פסוק זאָגט „לא תונו איש את עמיתו״, דאַרף דער חסיד טאָן לפנים משורת הדין און זיך אַליין ניט נאַרן; דער חב״דניק, וואָס האָט זיך איינגעזאַנצן איבערגעגעבן די לערעס פון ר׳ שניאור־זלמן, סיי אין נגלה און סיי אין נסתר, האָט במילא געמוזט האָבן אַ ניגונדל, כדי אָנצוהאַלטן די טייערע הייליקע מחשבות און אים האַלטן שטענדיק צוגעבונדן צום „אור האמת״, צו דער שכינה. האָט דאָך דער רבי ר׳ בער געלערנט, אַז תפלה, וואָס איז בשמחה, איז ביים בורא יתברך חשובער ווי די תפילה, וואָס קומט פון עצבות... און דאָס איז דאָך אויך געווען די ליבע פון ר׳ שניאור־זלמן, וועגן וועמען דער רבי ר׳ בער דערמאָנט אין איינעם פון זיינע „אגרות קודש״: „זאָלסט וויסן, מיין זון בער־רעניו, אַז אין דיין ווייַנגאָרטן, וואָס דו האָסט געפלאַנצט, געפינט זיך אַ וויינבוים (גפן) וואָס שוין הונדערטער יאָרן, אַז אַזאַ „גפן״ איז ניט געפלאַנצט געוואָרן. ער איז נאָך יונג, אָבער שוין צוויי מאָל האָט ער זוכה געווען צו גילוי אליהו... זיין נאָמען איז שניאור־זלמן... זאָלסט אים געבן גרויס כבוד...״.

ר׳ שניאור־זלמן ז״ל איז טאַקע געווען דאָס, וואָס דער „מגיד״ האָט געזען אין אים, אַ יחיד בדורו, איינעם צווייטן קרייז פון די שאַפנדע כוחות אין חסידיזם. זיין גרויסקייט איז געווען טאָפּל, סיי אין נגלה און סיי אין נסתר, פוסק און מקובל, אָן אומגעווײנלעכער פּענאָמען. פאַר אים האָבן די מתנגדים געציטערט. ער איז געווען דער גדול אויך אויף זייער געביט. אויך זיי האָבן געוווּסט, אַז ער פאַרנעמט אַן אויבנאָן אין דער לאַנגער קייט פון פוסקים רבנים.

עס איז דאָ אוממעגלעך אַפילו צו געבן אַ קיצור פון אַ מאָנאָגראַפישער רעזומע. מיר ווילן בלויז דערמאָנען אַ טייל פון זיינע ריזן־ספרים: „לקוטי־אמרים״, באַרימט אַלס „תניא״, צוליב דעם ערשטן וואָרט פון ספר, אַ טיף־פילאָזאָפיש ווערק, געטיילט אין צוויי טיילן אין וועלכער דאָס חסידות איז געשטעלט געוואָרן אויף אַ באַזיס, אויף אַ מקור און האָט אַ שורש אין יהדות; שלחן־ערוך על־פי טור או״ח ויו״ד; דער „שולחן ערוך הרב״ איז באמת איינציק אין דער חסידישער ליטעראַטור: אַ שאַפער פון חסידות־געדאַנק, פאַרנעמט זיך אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב אין דער יידישער הלכה.

דעם שולחן־ערוך האָט ער מחבר געווען אויף דעם פאַרלאַנג פון זיין רבין ר׳ בער, וועלכער האָט אין אים געזען דעם פּאַסיקסטן מענטש פאַר אַזאַ אַרבעט, דעם געשיקטן מן השמים צו באַגרינדן די הלכה לויט דעם ים התלמוד, ראשונים און אחרונים און אַריינדרינגען אין דער טיפעניש פון דער הלכה. אין „שלחן ערוך הרב" ווייזט ער אַרויס פיל בקיאות אין אַלע אוצרות פון דער רעליגיעזער ליטעראַטור, ליטורגיע און הלכה בכלל און דערצו אַזאַ סטיל, שפּראַך־רייכקייט, ווי אין די ספרי הראשונים. זיין כלל אין הלכה: ווי די בעלי קבלה און זוהר, זענען מחולק אויף אונדזער גמרא — פּסקנט מען ווי אין דער גמרא. אין זיין סידור פאַר זיינע „אנשי שלומנו" חסידים, איז ער שוין מער נוטה צו די מקובלים... סדר תפילות, על־פּי קבלה; „תורת חיים"; „תורה אור" אויף חומש; „לקוטי תורה" אויף תנ״ך, „הלכות תלמוד תורה", „באור הזהר" אאַז״וו.

עס איז באמת אוממעגלעך איבערצוגעבן אַ „מעין" פון אַט דער לויטערער פּערזענלעכקייט פון דעם פּרינץ פון חסידות, דעם רבין מיט זעלטענער תמימות און געוואַלטיקע גייסטיקע כשרונות, וועלכער האָט אַזוי קלאָר און פילאָזאָפיש־באַגרינדעט די נייע אידייע פון חסידיזם, וואָס איז טיף פאַרוואָרצלט אין יידנטום. אַ דאַנק זיינע גאוניִשע ווערק און אידעאַלער פּערזענלעכקייט, האָט חסידות געווונען פּאָפּולאַריטעט אויך אין די גרויסע לומדישע צענטערן.

ר׳ שניאור־זלמן איז, אַזוי צו זאָגן, געווען דער חסידיש־מיסטישער ראַציאָנאַליסט, וועלכער האָט אַנטפּלעקט און קלאָר אַרויסגעבראַכט די אמתדיקייטן, די זיטלעכקייטן פון חסידיזם, פאַרוואָרצלט אינעם געשיכטלעכן מהות פון דער געטלעכער אומה, פון דעם ממלכת כהנים וגוי קדוש. עס איז אוממעגלעך צו קענען געבן וועלכע ס׳איז דערקלערונג, כאַראַקטעריזאַציע אָדער אָפּשאַצונג פון זיינע ספרים, לערעס און זיין פּערזענלעכקייט אין עטלעכע שורות. אוודאי ניט פון דער גרויסער פאַרצווייגטער ליבאַוויטשער רביישער דינאַסטיע.

אין אַזאַ אַרבעט, ווי די איצטיקע, קען מען נאָר אין אַלגעמיינע שטריכן אַרויסברענגען אַ טייל פון אַזעלכע גרויסע, ווונדער נשמות. ר׳ שניאור־זלמן, אַ פענאָמענאַלע פּערזענלעכקייט, טיף־מאָנומענטאַלע פיגור און טראַנסצ-

דענטאַלער גרויסקייט האָט געוואָלט גייסטיקע און טיף־מענטשלעכע דער־הויבונג.

5. חסידישע דינאַסטיעס וואָס האָבן געשאַפן נגינה

געדיכט איז געווען דער וואַלד פון צדיקים, אדמורי״ם און רביים אין פוילן און אין גאַליציע. יעדער רבי אין די ראַמען פון זיין דינאַסטיע, מיט זיין התנהגות, האָט זיך געלאָזט הערן מיט זיין אייגנאַרטיקייט, מיט זיין זמרל אינעם כאָר פון חסידות.

צווישן די ערשטע באַרימטע און אָנגעזעענסטע, הן לויט זיין דרך און הן לויט זיין נייעם ניגון, איז געווען דער באָבאָווער רבי, ר׳ בן־ציון האַל־בערשטאַם זצ״ל, הי״ד. ער האָט זוכה געווען צו אַ סך פּרסום אין דער יידישער וועלט. מ׳האָט געשטוינט פון זיין אָריגינעלן חסידישן פאַרנעם און זיין ראָל אין דער נאָך־מלחמהדיקער קליין־פוילן (גאַליציע), אַלס רבישער אָרגאַניזאַטאָר. ער איז געווען אַ יחיד אין דעם זין פון אַריינברענגען די וואַרעמקייט אין די הערצער פון דער יידישער יוגנט און זיין גרעאַנגל מיט דער שוואַרצקייט און פינצטערקייט, וואָס האָט אַזוי געלויערט אויף זיי. מיטן געלייטערטן חסידישן ניגון האָט ער גענומען די יוגנטלעכע הערצער; זיי געוויזן ווי ערד און הימל זינגען אין געטלעכער האַרמאָניע; ער האָט געפונען פאַר זיי אַן אויסוועג; ער האָט זיי געבראַכט ליכט און האָפענונג און פאַריאָגט פון די יונגע הערצער דאָס פאַר׳מרה־שחורה׳טקייט. ער האָט געמאַכט יונגע חסידים...

ווען דער געדיכטער וואַלד איז אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל, איז אויך דער באָבאָווער רבי געווען אַ קרבן. ס׳איז אומגעקומען די פּלעיאַדע חסידישע מנהיגים; ס׳איז אויסגעריסן געוואָרן דער בוים פון חסידות; ס׳איז פאַרענדיקט געוואָרן אַן עפּאָכע!

ווי פיינלעך עס איז דאָס וואָרט אַרויסצוזאָגן.

וועט נאָך אַמאָל ווידער געהערט ווערן זיין „ה׳ רבון עולם״? וועט מען נאָך הערן אין גאַליציש־פּוילישע שטעט און שטעטלעך די באָבאָווער ניגו־נימלעך? די באָבאָווער טענץ־ניגונים? מיליאָנען יונגע לעבנס זענען פאַר־

שניטן געוואָרן. טייכן בלוט — פאַרגאָסן געוואָרן. דורך די קוימענס פון מאַידאַנעק, אָשוויענטשים און טרעבלינקע איז אויסגערויכערט געוואָרן דער דאָרטיקער ייִדישער עבר — אויף וואָס קען זיך דאָרט האַלטן די ייִדישע צוקונפט? — דאָרט ווו דער לעצטער אַקאָרד פון ווידוי איז אין נאַכט פון פּחד אין דער שטילער שטומקייט געזאָגט געוואָרן.

יאָ, ס'איז געשען אַ נס: עס האָט זיך געראַטעוועט דער עלטסטער זון פון באָבאָווער רבין, אדמו״ר ר' שלמה האַלבערשטאַם, שליט״א און זיין זון נפתלי־צבי. עס האָט זיך געראַטעוועט נאָך אַ ברודער, די מוטער, אַ שוועסטער... זיי דאַרפן פאָרזעצן דעם דרך און די התנהגות פון באָבאָוו, סאַנדזער־ראָפּשיצער דינאַסטיעס. זיי דאַרפן אויפהאַלטן באָבאָוו־גאַליציש חסידות.

***

דאָס חסידות אין גאַליציע, איבערהויפּט דער מערבדיקער טייל, איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון ראָפּשיץ־סאַנדז. נאָך בעלז, די הויפּט־הערשערין פון גאַליצישן חסידיזם, איז ראָפּשיץ־סאַנדז־באָבאָוו געווען די איינפלוסרייכסטע־שטאַרקסטע דינאַסטיע, אָדער דינאַסטיעס, לויט די פאַר־צווייגונגען פון קינדער און „אייניקלעך״.

ר' נפתלי־צבי האָראָוויץ (זון פון ר' מנחם־מענדל פון ליסק), האָט געלייגט דעם חותם פון חסידות אויף אַ גרויסן שטח אין גאַליציע און ווענעס ניגונים און תורה־ווערטלעך, אַנעקדאָטן און הומאָ־ריסטישע מעשהלעך זענען באַרימט צווישן חסידים פון דער גאַנצער וועלט. אַ טייל פון זיי זענען געדרוקט אין די ספרים „זרע קודש״ און „אילה שלוחה״ און אין די פאַרשידענע ספּורי צדיקים ספרים.

די טרעפלעכע ווערטלעך פון ראָפּשיצער זצ״ל ווערן עד היום נאָכגע־זאָגט אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט. זיינע ווערטלעך, לייכט געזאָגט, דאָך אַזוי טיפזיניק. מען דערציילט פאַרן ראָפּשיצער, אַז ווען מ'האָט אים אַמאָל געוויזן אַ ייִדן, אַ גרויסן פאַסטער, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ זאַק אויפן לייב, האָט ער אים שטאַרק באַדויערט, זאָגנדיק: „דער יצר־הרע האָט אים אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין״.

ר׳ נפתלי ראָפּשיצער איז געווען אַ גרויסער בעל־מנגן און געזונגען האָט דער ראָפּשיצער מיט התלהבות און ברען און אַ סך געזונגען.

אין ראָפּשיץ, פלעגט מען אויף יעדן שבתדיקן זמר זינגען אַ נייעם ניגון. פיל ניגונים זענען, ביז גאָר לעצטנס פאַר דער היטלער־שריפה, גע־זונגען געוואָרן אין די ראָפּשיצער הויפן פון אייניקלעך און אוראייניקלעך.

עס ווערט דערציילט — ברענגט מנשה אונגער אין „חסידות און לעבן" (ז״ז 84—85) — אַז דער ראָפּשיצער רבי האָט אַמאָל געזאָגט אַ ווערטל אום שבת, וואָס איז אויסגעפאַלן תשעה־באב; דער רבי איז דעמאָלט גע־זעסן ביי שלש סעודות זייער שפּעט און האָט כסדר געזונגען. פּלוצים דרייט ער זיך אויס צו אַ חסיד און זאָגט:

— שבת איז ביי אונדז זייער אַ חשובער גאַסט, זאָל ער זיך אַ ביסל אויפהאַלטן ביי אונדז, אָבער תשעה־באב איז ניט ביי אונדז פון די אַנגע־לייגטע אורחים, און הלוואי וואָלט ער אינגאַנצן ניט געווען געקומען; נו, זאָל דער תשעה־באב אַ ביסל צוּוואַרטן און מיר וועלן זיך ווייטער פרייען מיטן טייערן אורח, מיטן שבת און זינגען זמירות...

ניגינה איז ביים ראָפּשיצער באַטראַכט געוואָרן אַלס הויפּט־עבודה אין דינען גאָט, וואָס דאַרף בעיקר זיין מיט שמחה. אַזוי האָט מען אין ראָפּשיץ געזונגען פאַרשידענע השתוקקות (שכינה בענקשאַפט ניגונים) ניגונים, פאַסטוך־ניגונים און פריילעכע טאַנץ־ניגונים. כמעט דאָס גאַנצע דאַווענען פלעגט דער ראָפּשיצער אויסזינגען און אויף יעדער תפילה געהאַט אַ באַ־זונדערן ניגון.

זיין באַרימטער תלמיד, דער סאַנדזער רב, ר׳ חיים האַלבערשטאַם, באַרימט אין הלכה און אַ גרויסער מקובל, האָט אויסגעשפּרייט דעם ראָפּ־שיצער דרך און אויך אַריינגעפירט לומדות אין ראָפּשיצער חסידות.

ר׳ חיים סאַנדזער, ווי זיין רבי ר׳ נפתלי, האָט שטאַרק געהאַלטן פון נגינה און אויב ער אַליין איז ניט געווען קיין קאָמפּאָזיטאָר האָט ער געהאַט אַ בעל־תפילה מיטן נאָמען ר׳ אביש־מאיר פון קראָקע, וועלכער האָט גע־שאַפן די ניגונים פאַרן סאַנדזער הויף. מיט זיין זיס־אַנגענעמער שטים האָט ער אַלעמען גערירט און זיינע לידער האָבן שטאַרק אויסגענומען. חזנים, קענער פון ליטורגיע און געזאַנג, פלעגן קומען פון אומעטום זיך צוהערן צו זיין דאַווענען. ר׳ חיים סאַנדזער איז נתפעל געוואָרן פון זיין זינגען. און ר׳

אַביש־מאיר, האָט זיך געהאַט אַ סימן, אויב דער רבי איז ביי זיין זינגען אַריין אין גרויס התפעלות, איז דאָס געווען אַ באַווייז, אַז דער ניגון איז גוט, געלונגען... אויב דער רבי איז ניט גערירט געוואָרן פון ניגון, איז געבליבן קאַלט, גלייכגילטיק, האָט ער געוווּסט, אַז דער ניגון טויג ניט און מער אים ניט געזונגען.

די אומצייליקע אייניקלעך פון ראָפשיץ־סאנדז זענען כמעט אַלע געווען גרויסע מנגנים, אַ טייל רביים פון דער דינאַסטיע זענען געווען קאָמפּאָזיטאָרן און פאַרפאַסער פון ניגונים.

דער אָפיציעלער פאַרטרעטער פון דער דינאַסטיע איז פאַר דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט געווען דער באָבאָווער רבי ר׳ בן־ציון האַלבערשטאַם זצ״ל. באָבאָוו איז אינעם גאַליציע פון צווישן די צוויי וועלט־מלחמות געווען דאָס וואָס איז אַמאָל געווען דער סאנדזער הויף: תורה, חסידות, יראת שמים און שמחת הנפש, וואָס האָט קיין פאַרגלייך ניט געהאַט. אין אָרגאַניזאַטאָרישקייט, בעסער געזאָגט, אין מיליטאַנטישקייט, האָט דער באָבאָווער הויף איבערגעשטיגן בעלז, אַ קעמפעריש־באַוווּסטזיניק חסידות.

די עיקרי החסידות, וועלכע ווערן דעפינירט אין אהבת השם, אהבת ישראל און אהבת התורה, דאָס קלאַסישע אין חסידיזם איז געווען אין באָבאָוו ווי אין אַנדערע חסידישע „הויפן". אויך די התעוררות און „רעותא דליבא" איז אין באָבאָוו געלערנט געוואָרן ווי אין די אַנדערע חסידישע שטעט, די לערע פון בעש״ט און זיינע נאָכפאָלגער די „חסידים הראשונים".

באָבאָוו האָט זיך אָבער אָנגעהויבן באַנוצן מיט נייע מעטאָדן אויף צו קענען ממשיך זיין די הייליקע טראַדיציעס פון סאנדז־ראָפשיץ און אויפצולעבן דאָס חסידות בכלל. אויב באָבאָוו האָט ניט געשאַפן קיין נייע שיטה אין דער פילאָזאָפיע פון חסידות, האָט באָבאָוו יאָ געשאַפן אַ נייע באַוועגונג, זיך געלאָזט אויף אַ נייעם וועג, וואָס איז געווען פרעמד די רביישע הויפן אין גאַליציע.

ווי אַן אויסערגעוויינלעכער אָרגאַניזאַטאָר און בעל־השפעה האָט ער זיך פאַרנומען מיט צוציִען די יוגנט צום חסידות, זיך אָפּגעגעבן מיט חינוך, אָרגאַניזירט ישיבות און זיך באַמיט מעמיד צו זיין נייע דורות פאַרן חסידיזם, דערציִען ייִדישע קינדער אין גייסט פון חסידות, אין גייסט פון קדושה און טהרה.

בעת אַנדערע רביים האָבן געזוכט משפּיע זיין אויף דערוואַקסענע, האָט דער באָבאָווער רבי, ווי דער גערער רבי אין קאָנגרעס־פּוילן, זיך פאַרנו־מן מיט צוציִען די יוגנט, מקרב זיין בחורים, געגעבן שיריים יונגע בחו־רימלעך, זיי געלאָזט טאַנצן אין רעדל, געלאָזט זיי זיצן ביים טיש און זיך אָפּגעגעבן מיט זיי מערער ווי מיט עלטערע חסידים. זיין הויפּט־קראַפט און „חידוש" איז טאַקע באַשטאַנען אין זיין טעטיקייט „לעשות נפשות לחסידות", שאַפן יונגע חסידימלעך.

אין אָנפאַנג האָט מען אין גאַליציע געקוקט קרום אויף אָט דעם נייעם דרך. מ'האָט זיך דאָך ניט געקענט צוגעווינען צום געדאַנק, אַז אַ יונגער בחור איז חשובער פונעם „שיינעם ייִד". ס'האָט לאַנג ניט גענומען און די „אַלטע" האָבן זיך איבערצייגט ווי שיין עס איז צו זען תמימותדיקע חסי־דישע בחורים מיט לאַנגע פּיאות, לאַנגע קאַפּאָטעס, און האַלדזבענדער זינגען און טאַנצן „וטהר לבנו"...

דערצויגן די יונגע חסידימלעך, האָט דער באָבאָווער רבי אויך דורך נגינה און דורך מקרב זיין די יונגע קינדער לתורה ולחסידות. קינדער פון זעקס יאָר אָן זענען שוין געווען חסידים, געפאָרן אָדער מיטגעפאָרן צום רבין און דאָרט באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג מיט אַלע חסידים. אין משך פון אַ פּאָר יאָר, האָט מען געקענט טרעפן כמעט אין יעדער שטאָט פון מערב־גאַליציע גרופּעס יונגע באָבאָווער חסידים, געקליידט אין די באָבאָוו חסידיסטישע בגדים, שטאַרקע קעמפער פאַר אָרטאָדאָקסיע, פאַרן גייסט פון ישראל סבא, וועלכע זענען גרייט געווען פאַרן רבין אין פייער צו שפּרינגען, ווונדערלעכע אידעאַליסטישע ישיבה־בחורים, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען עלוים מופלגים.

די שטאָט באָבאָוו איז געוואָרן אַ צענטער פון תורה אין חסידות. אין אַ קורצער צייט איז אויפגעשטעלט געוואָרן איבער גאַנץ גאַליציע אַ נעץ פון „עץ חיים"־ישיבות אויפן לעבעדיקן באָבאָווער שטייגער. אין דער גרוי־סער ישיבה אין באָבאָוו האָבן געלערנט עטלעכע הונדערט יונגעלייט. זיי זענען געקומען פון אַלע וועלט־טיילן פון די פאַרוואָרפנסטע אָרימסטע גע־גנטן אין גאַליציע און אויך פון אַמעריקע און קאַנאַדע. אַ טאַלאַנטער בחור מיטן נאָמען ראָזענגאַרטן איז דאָרט געוואָרן אַ מוסמך. די ישיבה איז ממש

אויסגעהאַלטן געוואָרן פון רבין אַליין און געשטאַנען אונטער זיין פולשטענ־דיקער השגחה.

מיט דער צייט האָט די ישיבה געהאַט זעכצן אָפּטיילונגען איבער גאַנץ גאַליציע. הרבצת התורה אויף אַן אָרגאַניזירטן שטייגער איז געווען דער באָבאָווער דרך. תורה, חסידות און יראת שמים זענען געגאַנגען צוזאַמען אין באָבאָווער פּראָגראַם. דער דערפאָלג אין באָבאָוו איז געווען אַזוי גרויס, אַז פיל חסידישע הויפן האָבן זיך מתקנא געווען און פיל זענען געקומען קיין באָבאָוו לערנען ווי אַזוי אויפצולעבן דאָס חסידות.

אין יעדן שטעטל איז געשאַפן געוואָרן אַ באָבאָווער קלויז, וווּ זיי האָבן געלערנט צוזאַמען און געזונגען צוזאַמען, און יעדער קלויז איז געפירט געוואָרן פון אַ בחור, וואָס איז פאַר דעם צוועק באַשטימט געוואָרן פון רבין. זיין אויפגאַבע איז געווען אויסלערנען דעם רבינס אַ ניגון, נאָכזאָגן דעם רבינס אַ תורה־וואָרט און בעיקר צוציִען וואָס מער פון די יונגע חסידימלעך.

פאַר אַ יום־טוב פלעגן די יונגע חסידימלעך פאַרלאָזן זייערע היימען און געפאָרן צום רבין. געפאָרן איז מען צוזאַמען, בצבור, און אויב איינער האָט ניט געהאַט אויף הוצאות האָט מען אים מיטגענומען אויפן חשבון פון דער אַלגעמיינער באָבאָווער קאַסע. אויף די וואַגאָנען זענען אַרויסגעהאָנגען געוואָרן אויפשריפטן „חסידי באָבאָוו" און מ'האָט זיך געלאָזט ווילגיין מיט באָבאָווער ניגונים. די יונגע חסידימלעך, די איבערגעגעבענע פייערדיקע בחורימלעך, האָבן זיך געצײלט אין די טויזנטער, און גאַליציע האָט זיך מיט זיי גערעכנט אַלס אַ כח. עס איז געווען אַ מלוכה פון יוגנטלעכע, וואָס האָט משפיע געווען אויך אויף די אַלטע.

עס איז געווען נאָכן ערשטן וועלט־קריג. די יוגנט האָט זיך געריסן מיטן שטראָם פון דער צייט, מאַסנווייז איבערגעגאַנגען צו די נייע אידעען און באַוועגונגען. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די ירידה פון חסידיזם, וואָס האָט פאַרלוירן די השפעה. די יוגנט האָט פשוט דעזערטירט פון חסידישן קלויז. עס האָט געלויערט אַ גרויס געפאַר. דעמאָלט איז געקומען מיט זיין נייעם דרך דער באָבאָווער רבי און רב (זינט תרס"ח, אויפן באָבאָווער כסא הרבנות, וואָס ער האָט איבערגענומען פון זיין פאָטער ר' שלמה), מיט זיין פּקחות און גאונישע פעִיקייטן, זיך שטעלנדיק מיטן פּנים צו דער יוגנט. האָט ער אָפּגעראַטעוועט טויזנטער חסידים, געראַטעוועט דעם פּרעסטיזש

פון חסידות אין גאַליציע און באָבאָוו איז געוואָרן אַ נאָמען אין דער חסי־דישער וועלט.

דער רבי האָט געפירט ספּעציעלע טישן פאַר די יונגע חסידים. ביים טיש זענען געזעסן קינדער און בחורים. דער רבי האָט געזאָגט תורה, געזונגען און געטאַנצט מיט די קינדער און שטאַרק געווירקט אויף די יונגע נשמות. די יונגע בחורימלעך זענען מיט דער צייט געוואָרן יונגעלייטלעך און דאָס באָבאָווער חסידות האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן.

ווען דער רבי פלעגט קומען צו דעם סאַנדזערס יאָרצייט קיין סאַנדז, זענען זיך צונויפגעקומען צענער־טויזנטער יונגעלייטלעך. זיי פלעגן אויס־שפּאַנען די קאָטש אין וועלכער דער רבי איז געפאָרן און אַליין איר גע־שלעפּט. די התלהבות און איבערגעגעבנקייט צו זייער רבין איז געווען אין לשער. דאָס איז געקומען, פאַרשטייט זיך, אַלס רעזולטאַט פון רבינס כח המושך. ער האָט אין די הערצער פון די יונגע חסידים איינגעפלאַנצט ליב־שאַפט צו ייִדישקייט און צום חסידישן דרך. דער רבי איז געווען זייער דערציִער, זייער וועג־ווייזער און בלב ונפש, טאָג און נאַכט, געטאָן אַלץ, וואָס איז נויטיק געווען אויף איינצופלאַנצן אין זיי עכט־ייִדישקייט אָן יעדן שפּור פון אַסימילאַציע און מאָדערניזם.

אַ באָבאָווער תלמיד האָט ניט געלערנט אין געוויינלעכן זין תורה און חסידות, נאָר אויך מידות און אמונה אויף אַ פּעדאַגאָגישן אופן. די דברים העומדים ברומה של עולם זענען פאַר אים אויפגעקלערט געוואָרן אויף אַ חסידיש־אמונהדיקן שטייגער, אין גייסט פון די צדיקים גאונים, גדולים און ייִדישע פילאָזאָפן און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט אַזויפיל ליב־שאַפט, מיט אַזויפיל מסירת־נפש, מיט אַזויפיל פאַרשטענדעניש און מיט אַזויפיל פאַראַנטוואָרטלעכקייט — און בעיקר אָן פּאָליטיק!

דער באָבאָווער רבי (ווי דער בעלזער) איז ניט געגאַנגען מיט קיין פּאַרטיי, אַפילו ניט מיט דער אגודת ישראל, צו וועלכער ס׳האָבן געציילט די אָנגעזעענסטע רביים פון פוילן און אויך די אדמורי״ם פון טשאָרטקאָוו, סאַדיגורע, הוסיאַטין און אַנדערע. דער באָבאָווער רבי האָט זיך קיינמאָל ניט אידענטיפיצירט מיט קיין פּאַרטיי, מיט קיין פּאָליטישע באַוועגונג.

**
*

נגינה איז געהערט געוואָרן אין אַלע חסידישע הויפן, פיל רביים זענען שעפער פון נגינה. פון די באַרימטע רביים קאָמפּאָזיטאָרן אין דעם לעצטן יאָרהונדערט, וועמעס מוזיקאַליש שאַפן האָט אַ גרויסן ווערט זענען געווען דריי: דער באָבאָווער רבי ר׳ בן־ציון האַלבערשטאַם; דער רימאַנאָווער רבי ר׳ אשר הורוויץ, דער מאָדזשיצער רבי אדמו״ר ר׳ שאול ידידיה אליעזר טאַוב.

אין גאַנץ גאַליציע האָט מען געזונגען באָבאָווער ניגונים. מיטן חסידישן עקסטאַז האָבן די יונגע חסידימלעך צעטראָגן דאָס אָנגענעמע געזאַנג פון באָבאָווער רבין. אויף יעדן יום־טוב האָט דער באָבאָווער רבי פאַרפאַסט אַ נייעם ניגון און געזונגען מיט זיין זיס, אנגענעם קול אין דבקות, וואָס האָט אַלעמען באַצויבערט. ווי די אַנדערע, האָט ער אויך ניט געשריבן קיין נאָטן. ווי מ. ש. גשורי באַמערקט אין זיין „לחסידות מזמור״ (ז׳ כ״ד) האָט ער זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו נאָטן־שריפט. ער האָט אָבער באַרייכערט חסידיש געזאַנג מיט אַ גאָר רייכן אוצר פון נגינה. ווען ר׳ יאָסעלע ראָזענבלאַט, דער וועלט־באַרימטער חזן איז געקומען אין באָבאָוו און געהערט זינגען דעם באָבאָווער רבינס „על נהרות בבל״, איז ער שטאַרק נתפעל געוואָרן. אויף זיין פראַגע: „ווי שאַפט איר אייערע קאָמפּאָזיציעס?״. האָט אים דער רבי געענטפערט: מ׳זיצט ביים טיש, מען זינגט און עס שאַפט זיך אַ זאַך...

אַזוי איז געווען דער דרך פון באָבאָווער רבינס שאַפן. דער רבי האָט געזונגען ביים טיש. די יונגע חסידימלעך האָבן זיך גלייך אויסגעלערנט. דעם נייעם ניגון האָט מען געזונגען אָן אויפהער; דער גאַנצער באָבאָווער הויף איז אָנגעפילט געוואָרן מיטן געזאַנג און פון דאָרט אָפּגעהילכט איבער גאַנץ גאַליציע.

צווייטער טייל

קאַפּיטל פינף

דער בעש״ט און זיינע נאָכפאָלגער

1. דער בלי-פּעריאָד פון חסידיזם

צדיקים יראו וישמחו...
וחסידים ברינה יגילו.
(פון תפלה לימי נוראים)

חסידות האָט, אין אָנהייב פון זיין אַנטשטייונג און בלי-פּעריאָד, גע־פונען אַ נעסט אין גאַליציע, דאָרט געהאַט מער השפעה ווי אין וועלכן עס איז אַנדערן טייל פון מזרח־איראָפּע. דאָרט זענען אַרויסגעוואַקסן די באַ־גרינדער פון חסידות, די פאָלקס־רביים, וועלכע האָבן געלערנט דעם בעש״טס חסידות אין דאָרט האָט חסידיזם דורכגעפירט זיינע סאָציאַלע פונק־ציעס אויף אַ גאָר גרויסן פאַרנעם און מאַסשטאַב, געווירקט צווישן די פאַר־שידנסטע שיכטן פון גאַליצישן יידנטום.

אין די ראַמען פון דער איצטיקער אַרבעט האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, ניט קיין מעגלעכקייטן צו געבן אַ פולשטענדיקע אָפּשאַצונג וועגן דער ראָל פון חסידיזם אין יידישן לעבן. ס'איז אוממעגלעך אין אַ פּראַגמענטאַרישער שטודיע איבערצוגעבן אַלע זיינע פאַזן, אויסצופאָרשן און צו אַנאַליזירן די חסידישע לעגענדע, וועלכע איז געוואָרן אַ קוואַל פון פאָלקס־שאַפונג. מיר שטעלן זיך דעריבער אָפּ אויף איין טייל פון חסידישן שאַפן: „חסידישע נגינה״. מיר קענען אָבער ניט שרייבן בלויז וועגן נגינה. מיר מוזן זיך באַקענען מיטן מהות פון חסידיזם, מיט זיינע דעוויזן, אויפטועז, און אַזוי ווי מיר ווילן דאָ אַ שמועס טאָן וועגן דער נגינה פון חסידישן גאַליציע,

מוז מען זיך אַביסל אָפּשטעלן אויפֿן גאַליציאַנער און אַלגעמיינעם חסידיזם. אַלץ האָט איין ריכט־ליניע, איין ריכט־שנור — אַ סינטעזע פֿון עכטן ייִדישן געדאַנקען־גאַנג.

נאָך איידער עס איז געשאַפֿן געוואָרן די גרויסע חסידישע באַוועגונג, נאָך איידער גאַליציע האָט געהאַט די גרויסע חסידישע דינאַסטיעס, איז גאַליציע שוין געווען אַ צענטער פֿון דער „קבלה עיונית", אויך פֿון דער קבלה לויט דער שיטה פֿון „אר"י" (ר' יצחק בן ר' שלמה לוריא אשכנזי, געבוירן אין ירושלים, רצ"ד (1534); נפֿטר געוואָרן אין צפֿת, שנת של"ב (1572) און זיינע תּלמידים אין צפֿת. קראָקע, די אַלטע פּוילישע שטאָט, איז געווען די געבורט־שטאָט פֿון גרויסע און באַרימטע מקובלים פֿון 16טן און 17טן יאָרהונדערט.

קראָקע, איינע פֿון די עלטסטע שטעט אין פּוילן, צונויפֿגעפֿלאָכטן מיט דער געשיכטע פֿון פּוילישן קעניג קאַזימיר דעם גרויסן און זיין ייִדישער גע־ליבטע אסתּרקע, האָט ביז דעם לעצטן קריג פֿאַרמאָגט אַ שול, געבויט אין יאָר 1350 און אַ בית־עולם פֿון 1374, און געהאַט די טייערסטע ייִדישע קונסט־ווערק אַלס אָנדענק פֿון איר רייכער פֿאַרגאַנגענהייט. די ערשטע העברעישע דרוקעריי ווי עס ווייזן קולטור־פֿאָרשער, איז געגרינדעט געוואָרן אין קראָקע אין 1534. ווען די דרוקערס האָבן זיך געשמדט און די דרוקעריי איז ליקווידירט געוואָרן, איז אין לובלין געגרינדעט געוואָרן אַ דרוקעריי, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אין פּוילן, געדרוקט ש"ס.

קראָקע און לובלין, די צוויי עלטסטע שטעט אין פּוילן, האָבן פֿאַר־שפּרייט דאָס ייִדישע געדרוקטע וואָרט. די אָרטיקע דרוקערייען זענען גע־שטיצט געוואָרן פֿון „וועד ארבע ארצות", וועלכער האָט אויך געשטיצט די מחברים מיט געלט, זיי זאָלן זיין בכח אַרויסצוגעבן זייערע ספֿרים. פֿון די באַשלוסן פֿון „וועד ארבע ארצות" איז אויך געווען, אַז „ספֿרים, וואָס ווערן געדרוקט אין קראָקע און אין לובלין, טאָרן ניט איבערגעדרוקט ווערן אין איטאַליע".

די מקובלים האָבן, פֿאַרשטייט זיך, געפֿונען אין קראָקע אַ צוגעפּאַסטן צענטער צו פֿאַרשפּרייטן זייער „תורת הנסתר" און טאַקע דאָרט אָפּצודרוקן זייערע קבלה־ספֿרים. אין דער צייט האָבן אין צפֿת געווירקט און געשאַפֿן זייערע קבלה־ספֿרים און פּיוט־שאַפֿונגען די „גורי האר"י", די תּלמידים

פון ר׳ יצחק לוריע און ר׳ חיים וויטאַל (1620—1543), ר׳ משה אַלשיך (1600—1508)· ר׳ ישראל סרוג (מחבר „הנהגות יושר״), ר׳ ישראל ב״ר משה ב״ר לוי נאגארא, רב אין עזה, א״י, וואָס ר׳ יהודה אריי׳ דע מאדענאַ האָט אויף אים געזאָגט: „לא קם בישראל כישראל״, ר׳ חיים הכהן פון אַלעפּאָ, תלמיד פון ר׳ חיים וויטאַל (ער האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם סדור האר״י), ר׳ מנחם בן יהודה די לאַנזאַנא (נפטר געוואָרן אין ירושלים אין 1608), מחבר פון ספר „שתי ידות״, יוסף ידידיה קאַרמי, זיין שוואָגער אהרן ברכיה סמודינא, דער ארי׳ שבחבורה, ר׳ משה קורדיבירו (1570—1522) פון צפת און פיל אַנדערע. אין איטאַליע האָבן געשאַפן, ר׳ משה זכותא (אַ חבר פון ברוך שפינאָזאַ, וועלכער האָט געפאַסט פערציק טעג, צו פאַרגעסן לאַטיין), מחבר פון „שפתי ערוך״, ר׳ בנימין באסאני, ר׳ משה חיים לוצאַטי (רמח״ל), געבוירן אין פאַדואַ 1707 און נפטר געוואָרן, אין עכו 1747, און אַנדערע.

אין יענער צייט האָבן אין פוילן און איבערהויפט אין קראָקע אַ גרעס־סערע צאָל מקובלים פאַרשפּרייט זייערע קבלה־לערעס.

אמת, די קבלה סודות זענען געווען מער פאַרשפּרייט אין די מיסטישע מזרח־לענדער איידער אין פוילן, ווי אַ ניי ליכט איז אויפגעגאַנגען און באַלויכטן דעם גאַנצן גלות. דאָך האָט די קבלה פאַרכאַפּט פוילן, איר געמאַכט פאַרן צענטער 1). אין קראָקע האָט אין דער צווייטער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט געלעבט און געווירקט דער רמ״א, ר׳ משה ב״ר ישראל איסרלש (געבוירן ר״פ (1520), נפטר געוואָרן ל״ג בעומר של״ב (1572). ביז 1939 איז דאָרט געשטאַנען די שול, גערופן אויפן רמ״אס נאָמען. די שול האָט זיין פאָטער ר׳ ישראל אויסגעבויט אין 1553, אויפן נאָמען פון זיין פרוי מלכה בת ר׳ אלעזר און אויסגעקעמפט אַ דערלויבעניש, זי צו דערעפענען ערשט אין האַרבסט פון 1556טן יאָר. מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער (ר״ח אייר 1557), איז אין קראָקע אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע שרפה, אין וועלכער די שול איז פאַרברענט געוואָרן. זי איז אָבער באַלד צוריק אויפגעבויט געוואָרן און נאָכן רמ״אס פטירה איז זי גערופן געוואָרן אויף זיין נאָמען.

---

1) זע גרעץ, 15, 420; 10, 116.

ר׳ משה איסרלש איז געווען דער גדול הדור און פּוסק אין פּוילן. זיין וואָרט איז געווען געזעץ און אויטאָריטעט אין הלכה. ער איז געווען דער היטער פֿון יידישן מנהג. ער איז דער מחבר פֿון פֿיל קאָלאָסאַלע ספרים, צווישן זיי די הגהות צום „שולחן ערוך" אַלס „מפּה" (טישטוך) צום גע־גרייטן טיש פֿון ספֿרדישן פּוסק און גרויסן מקובל ר׳ יוסף קאַרו (1488—1575). אין די הגהות שפּיגלט זיך אָפּ פּוילישע זיטלעכקייט און לעבנס־שטייגער.

דער רמ״א האָט זיך פֿאַרנומען אויסער מיט הלכה און שו״ת, מיט פֿילאָזאָפֿיע און קבלה און איז דערפֿאַר קריטיקירט געוואָרן פֿון זיין חבר דעם מהרש״ל פֿון לובלין. דער לעצטער האָט זיך מער, ווי אַלע גדולי־פּוילן, אויסגעצייכנט מיט טיפֿער לאָגיק און סיסטעמאַטישקייט אין דענקען. דער רמ״א האָט זיך אויך פֿאַרטיפֿט אין דער ראַציאָנאַליסטישער פֿילאָזאָפֿיע, נאָכפֿאָלגנדיק דעם רמב״ם, וועלכער האָט געשאַפֿן אויף אַלע פֿיר געביטן פֿון „פּרדס" (הלכה, פּירוש, פֿילאָזאָפֿיע און מעטאַפֿיזיק) און זיך שטאַרק געשטיצט אויפֿן שלטון השכל, אַ טערמין, וואָס ער באַנוצט זייער אָפֿט.

פּוילן האָט נאָכן גירוש שפּאַניע, איבערגענומען די העגעמאָניע פֿון מזרח און צענטראַל־איראָפּע. לויט דעם עדות זאָגן פֿון ר׳ נתן נטע האַ־נאָווער, איז אין אַלע תפוצות ישראל ניט געווען אַזויפֿיל תורה ווי אין מדינת פּוילן 2). פֿון דער גאַנצער וועלט איז מען געקומען לערנען תורה אין פּוילן, אין קראָקע און לובלין. אויך די קבלה פֿון ארץ־ישראל און פֿון שפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרשפּרייטן אין פּוילן. אַזאַ פּוסק און גאון ווי ר׳ מרדכי יפה (בעל הלבושים) האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין קבלה און גע־האַט אַלס רבין פֿאַר דער „תורת הנסתר" ר׳ מתתיהו, ב״ר שלמה דאלקראַט, אַ פּוילישער מקובל, וואָס האָט שטודירט אין די איטאַליענישע אוניווער־זיטעטן און פֿאַרפֿאַסט פֿיל קבלה־ספרים. ר׳ מרדכי יפה שרייבט וועגן לעצטן אין זיין ספר „לבושי אור יקרות" (לובלין שנ״ה): קבלתיו רובו זה ירחים ושנים, מפי איש אמונים, מגדולי מקובלים האחרונים, שמו בשערים נודע מוהר״ד בן מוהר״ר שלמה ז״ל ראש הרבנים 3).

2) זע „יון מצולה",ביים סוף פֿון ספר.
3) זע הורודצקי, א. מבוא, ז׳ 26.

אין לובלין האָט אין יענער צייט געווירקט דער באַרימטער גאון און מקובל מהר״י סג״ל (ר׳ ישעיה הלוי) — (השי״ח־שפ״ח) הורוויץ, דער מחבר פון באַרימטן קבלה ספר של״ה (שני לוחות הברית) און זיין זון ר׳ שעפטיל, רב אין פראַנקפורט, פויזן, ווין און אַנדערע מקומות. עס האָט דעמאָלט שטאַרק אויסגענומען מיט זיין קבלה־ספר „עמק המלך״, ר׳ נפתלי בן יעקב אלחנן פון פוילן און פיל פיל אַנדערע מקובלים.

עס איז אויך אַ פאַקט, אַז אין דער צייט פון שבתי צבי, זענען אין פוילן געווען אומצאָליקע „חסידישע״ גרופעס, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט, אויף פאַרשידענע אופנים, דער כת שבתי צבי. קראָקע איז אוודאי געווען זייער נעסט. דער דעמאָלטיקער קראָקעווער רב ר׳ שאול, פרעגט זיך אָן אין אַ בריוו ביים „חכם צבי״ (דעם באַרימטן גאון ר׳ צבי אשכנזי, ז״ל) וועגן דער כת חסידים, און דער לעצטער ענטפערט אים, אַז מ׳זאָל זיין געהיט פון זיי, מ׳זאָל זיי פאַריאָגן און באַזונדערס זייער אַפּאָסטאָל, אין זיין לשון: „ובפרט מהמלאך הרע חיים מלאך...״. דער דאָזיקער חיים מלאך איז געווען אַ גרויסער למדן און מקובל אין פוילן און איז געוואָרן איינער פון די אינטימסטע מענטשן פון פאַלשן משיח, שבתי צבי און געבראַכט געגנוג אומגליק אין יידישן לעבן. דער דאָזיקער חיים מלאך האָט אויך אָרגאַניזירט אַן „עלית חסידים״ פון פוילן קיין ארץ־ישראל, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ גרויסן דורכפאַל. חיים מלאך אַליין איז צוריקגעקומען קיין פוילן, צוגעצויגן צו זיך מענטשן פון פאַרשידענע שטעט פון וועלכע ס׳איז אַרויסגעקומען די פאַררעטערישע שמד־באַוועגונג פון יעקב פראַנק און זיינע מוסרים־באַנדעס.

דורך אָט די אַפּאָסטאָלן איז אַזאַ ייד ווי לייבעלע בראָדער געוואָרן אַ ש״צ־אַנהענגער און זיך באַטראַכט פאַר אַ נביא און אַראָפּגעפירט מענטשן פון וועג.

אין קראָקע האָט געלעבט און געווירקט ר׳ נתן שפּירא (געבוירן אין יאָר שמ״ה, נפטר: שצ״ג), דער מחבר פון טיפזיניקן קבלה־ספר „מגלה־עמוקות״, וועמען מען האָט אנערקענט אַלס דריטן אין קבלה־גרויסקייט צום אר״י הקדוש. דערצו באַרימט אַלס גאון און פוסק, הויפט־רב אין קראָקע, גרויסער קענער אין דקדוק: „הזכרן הגדול שאין כמהו״ (הקדמה פון זיין זון ר׳ שלמה, „מגלה עמוקות״, ואתחנן). אין קראָקע איז אויך גע־

בוירן געוואָרן אין יאָר ת״ן, דער גאון און מקובל ר׳ יהונתן אייבישיץ, וועלכער האָט אויפגעשטורעמט די וועלט מיט זיינע גאונישע פעיקייטן אין נגלה און נסתר, גרויסער קענער אין וועלט־וויסנשאַפטן, באַרימטער פוסק און מפרש, וועלכער האָט אַרויסגערופן קעגן זיך, צוליב זיינע מיסטישע התנהגותן, צוליב זיינע קמיעות, באַרימטע גאונים און רבנישע אויטאָריטעטן און דעם שאַרפסטן קעגנער ר׳ יעקב עמדין (ר׳ יעקב ישראל המכונה יעב״ץ), וועלכער האָט אים אָפן באַשולדיקט אין פאַרשפּרייטן דעם מיסטיציזם און קבלה־לערע פון שבתי־צבי ימ״ש און זיינע נאָכפאָלגער. אָט דער גרויסער גאון און דענקער, יעב״ץ, אַ קנאי בן קנאי, אַ קעגנער פון דער קאַבאַליסטישער לערע, אַ ראַציאָנאַליסט־סכאָלאַסטיקער, וואָס האָט אַלץ באַזירט אויף תורת הנגלה, אויף תנ״ך און תלמוד, האָט דעם רבין ר׳ יהונתן אייבישיץ געררודפט מיט אַלע מיני רדיפות און אַרויסגערופן קעגן אים דעם צאָרן פון די גדולי הדור אין אשכנז 4). אָבער ניט וועגן שטורמישן מחלוקת צווישן רבין ר׳ יהונתן און רבי יעקב עמדין, האָבן מיר דאָ געוואָלט שרייבן. מיר האָבן בלויז געוואָלט דערמאָנען איניקע גרויסע פערזענלעכקייטן אין דער קבלה־וועלט, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן אין גאַליציע און באַזונדערס אין קראָקע און געוואָרן די וועג־ווייזער פאַר דורות, אונטער וועמענס השפעה עס איז געשטאַנען דאָס גייסטיקע יידישע פאָלקס־לעבן און וועלכע האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער חסידות־באַוועגונג.

4) ר׳ יעקב עמדין איז נפטר געוואָרן ער״ח אייר תקל״ו, אין אַלטונאַ, אין עלטער פון אַכציק יאָר, און זוכה געווען צו „גבורות״. ר׳ יעקב עמדין ז״ל, דער איש ריב פון רבין ר׳ יהונתן ז״ל, האָט געקעמפט מיט זיין גאַנצער קראַפט קעגן שבתי צבי (1626—1676) און די פראַנקיסטן אין פוילן, קעגן וועלכע ער האָט פאַר־עפנטלעכט אַ ספר מיטן נאָמען „שבט לגו כסילים״. אין אַ בריוו צו אים פון דעם פילאָזאָף משה מענדעלסאָן (אין תקכ״ז), שרייבט דער לעצטער:

„ברוך ד׳ אשר לא השבית לנו גואל והקים לנו את אדמו״ר לשמור משמרתו וחרף נפשו לנקום נקמת תורתו, מי כמוהו בדור יתום גודר גדר ועומר בפרצה... מי יתיצב לני עם פועלי און המדיחים את לב איש ישראל לכפור ברשות וקבלת חז״ל... לולי העיר ד׳ את רוח מורי אשר לבו כלב אריה ישחק לקול הכסילים״ (זע דוד כהנא: תולדות המקובלים ב׳, 87—88).

ר׳ יעקב עמדין, דער „תקיף בדעתו״ איז געווען דער גרויסער איש אמונים, ניט געוווסט פון קיין חניפה, ניט געשראָקן זיך צו זאָגן דעם אמת, אַ בר־לבב אין ברייטסטן זין פון וואָרט און איז געווען געאַכטעט צווישן אַלע גדולים פון זיין צייט.

וואָס איז אַנטשטאַנען אין גאַליציע און אַריבער קיין אוקראַינע, פּוילן, רוס־לאַנד און ליטע — און נאָכדעם אין אונגאַרן און רומעניע און אין אַנדערע מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער.

עס מוז דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער גרויסער מקובל הקדוש ר׳ שמשון פון אָסטראָפּאָליע, וועלכער איז אומגעקומען אין די ת״ח־פּאָגראָמען, וועגן וועמען ר׳ נתן נטע האַנאָווער שרייבט, אַז צווישן די הרוגים פון פּולנאה האָט זיך געפונען „איש חכם ונבון ומקובל אלקי ושמו מהור״ר שמשון בק״ק אוסטרופולי ובא מלאך המגיד אליו בכל יום ולמד סתרי תורה...״

אויסער דעם "זוהר„ האָט מען אין פּוילן שטאַרק געלערנט און זיך פּאַרטיפט אין „ריקאַנטי״, פון ר׳ מנחם ריקאַנטי (געלעבט אין 13טן י״ה), איינער פון די ראשוני המקובלים.

אין יענער צייט, ווען עס זענען פּאַרענדיקט געוואָרן די קאַמפן צווישן די רבנים און מקובלים, ווען די רעשטלעך שבתי צבי־אַנהענגער און יעקב פראַנק־נאָכפאָלגער זענען דורך חרמות און אַנדערע רדיפות ליקווידירט גע־וואָרן, איז אין פּוילן אויפגעקומען די נייע חסידישע באַוועגונג, איז אויפגעקו־מען די לערע פון ר׳ ישראל בעש״ט ז״ל אין מעזשבעזש, אוקראַינע, און זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער דער מעזריטשער מגיד, ר׳ יעקב־יוסף פּולנאָהער, ר׳ פּנחסל קאָרעצער, ר׳ אהרן קאַרלינער, ר׳ שניאור־זלמן פון ליאַדי, ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער, דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק, ר׳ נחמן בראַסלאַווער, שפּעטער אין פּוילן דער „חוזה״ פון לובלין, דער ייִד הקדוש, דער רבי ר׳ בונם פון פּשיסכע, ר׳ מענדעלע קאָצקער, און די אַנדערע, פון וועלכע עס זענען אַרויסגעקומען די גרויסע חסידישע דינאַסטיעס פון די רו־סישע, אוקראַיִנישע ,פּוילישע און גאַליציאַנישע רביים: די טשערנאָבילער, טריסקער, ליבאַוויטשער, ריזשינער, סאַדעגורער, מונקאַטשער, בעלזער, לובלינער, פּשיסכער, קאָצקער, גערער (גורא קאַלוואַריאַ), וואָרקער, רידזי־נער, אַפּטער, אַלעקסאַנדער, קוזמירער, רימאַנאָווער, סאַנדזער, ראָפּשיצער און אַ סך אַנדערע קלענערע און גרעסערע דינאַסטיע.

די דאָזיקע רביים האָבן, אין קעגנזאַץ צו די פריִערדיקע מקובלים, גע־שאַפן זייערע תורות אויף אַ מער פשוטן פאָלקסטימלעכן אופן, צוגענגלעך צו די ברייטע פאָלקס־שיכטן און אויסגעפורעמט דעם טיפּ פון גייסטיק

אַריסטאָקראַטישן יידישן פאָלקס־מענטש, וואָס האָט ניט קיין גלייכן צו זיך אין דער יידישער גלות־געשיכטע.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט צו די מאַסן און געעפנט פאַר זיי דעם וועג צו תורה אין נגלה און אין נסתר, האָבן זיי דאָך דערהויבן דעם כבוד פון דער תורה אַזוי, אַז אין קיין לאַנד האָט מען ניט אָפּגעגעבן אַזוי פיל כבוד דעם למדן, רב, אָדער רבי, ווי אין די דער־מאָנטע ערטער. זייערע תורות האָבן זיי געזאָגט אין יידיש לשון, כדי אַלע זאָלן פאַרשטיין.

די מערסטע תורות זייערע זענען געווען בעל פה. אייניקע רביים האָבן גאָרנישט געוואָלט דרוקן זייערע שאַרפזיניקע ווערטלעך און תורה־שמועסן. ערשט אין יאָר 1780 האָט זיך אָנגעהויבן אַ חסידישע ליטעראַטור מיט דער דערשיינונג פון „ספר תולדות יוסף״. נאָכדעם זענען געקומען די ווערק פון ר׳ שניאור־זלמן, דער „תניא״ א״אַ ספרים. נאָך זיי איז געקומען ר׳ נחמן בראַסלאַווער מיט זיינע ווונדערלעכע „ספורי מעשיות״, וועלכע ווערן באַ־טראַכט פאַר מייסטערווערק פון פּאָעטישן שאַפן און נאָך די ערשטע באַ־גרינדער פון חסידות קומען אַ גאַנצע רייע אדמורי״ם, לומדים און מקובלים מיט זייערע חסידות־ווערק, באַגרינדעט אויף דעם בעש״ט שיטה.

2. חסידות ווי אַ באַוועגונג

מיר שרייבן דאָ נישט די געשיכטע פון חסידיזם, מיר גיבן בלויז אי־בער אייניקע שטריכן און עטאַפּן אין דער אַנטוויקלונג פון דער חסידישער באַוועגונג, אַרום וועלכע עס האָט זיך געשאַפן אַ גאַר רייכע ליטעראַטור אויף יידיש, העברעיש און אַנדערע שפּראַכן, געשריבן פון באַווונדערערס און קעגנערס, אָביעקטיווע פאָרשערס און פון סוביעקטיוו־טענדענציעזע אויסטייטשער. אָבער אפילו שרייבנדיק בלויז וועגן אייניקע שטריכן, מוז מען גיין מיט אַ סדר און טאַקע אָנפאַנגען מיט איר מיסד, וועלכער האָט באַגרינדעט די חסידות־פילאָזאָפיע און זי פאַרוואַנדלט אין אַ לעבנס־שטייגער.

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב־איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תנ״ח אָדער

ת״ס (1698 אָדער 1700) אין דאָרף אָקופּ, צווישן קוטי און קאָסאָוו, גאַליציע און נפטר געוואָרן שבועות תק״כ, (1760) אין אוקראַיִנישן שטעטל מעזשי־בעזש, פּאָדאָליער געגנט.

פיר יאָר נאָך דער פּטירה פונעם בעש״ט, איז אַרויס די גזירה וואָס האָט בטל געמאַכט דעם וועד ארבע ארצות, די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון די ייִדן אין פּוילן. עס האָט זיך געגויטיקט אַ נייע באַוועגונג וואָס זאָל ניט דערלאָזן די דראָענדיקע געפאַר פון אַ גייסטיקער, קאַטאַסטראָפאַלער ירידה.

דער ווילנער גאון, וואָס איז געווען דער גרויסער בקי און קענער פון קבלה, געשריבן באורים־קאָמענטאַרן אויפן „ספר יצירה״. אויפן „ספרא דצנעותא״, אויפן „זוהר״ און אַנד. קבלה־ספרים, איז אָבער אַרויסגעטראָטן מיט דער גרעסטער שאַרפקייט קעגן דעם חסידיזם, דער „כת״, און נאָך פּסח פון יאָר תקל״ב אַרויסגעלאָזט קעגן זיי אַ חרם. נאָך דעם איז געקומען די מתנגדישע שטעלונג קעגן חסידות, וואָס האָט גערופן צו פאַרברענען חסידישע ספרים 1).

דער חרם איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון גר״אָ, פון ר׳ שמואל בן אביגדור, לעצטער ווילנער רב און נאָך צען דיינים. דער דאָזיקער קול־קורא איז געשיקט געוואָרן צו דער קהלה אין בריסק, אַדרעסירט צום אָרטיקן רב, ר׳ אברהם קאַצינעלבויגן, דער מתווכח מיט דעם באַרדיטשעווער.

דער גרויסער קאַמף צווישן חסידים און מתנגדים האָט זיך אָבער צע־פלאַקערט ערשט אין די חדשים ניסן־סיון, תקל״ב, ביים סוף פון יאָר 1772. אָנהייב תקל״ג איז געקומען די ערשטע חלוקה פון פּוילן. ס׳האָט זיך געמאַכט די שפּאַלטונג פון קהילות און די געפאַר איז גרויס געוואָרן פאַר אַלע גרויסע ייִדישע ישובים. חסידיזם אין אוקראַיִנע און פּוילן איז געווען די רעטונג פאַר די אָרטיקע ייִדישע ישובים, פּונקט ווי אין דער ליטע, איז לומדות און פאַרטיפונג געווען צוגעפּאַסט צו דערהאַלטן די גאַנצקייט פון די אָר־טיקע קהילות. מיטן צוגאָב פון חב״דער חסידות, דאָס פאַרטיפטע חסידות פאַר אינטעלעקטועלע כוחות, איז געשען דער גרויסער נס פון תורה און חסידות־איינפלוס אין די ייִדישע ישובים.

---

1) זע „זמיר עריצים וחרבות צורים״, אפרים דיינארד אויסגאַבע.

ווי אַזוי דער בעש״ט איז איינגעוועבט אין דער פאָלקס־לעגענדע, קען מען זען פון די „שבחי הבעש״ט״, דעם „קהל חסידים״ און אַנדערע ענלעכע ספרים 2) ס׳איז אָבער ניטאָ קיין היסטאָרישער מאַטעריאַל וועגן באַגרינדער פונעם חסידיזם, וועלכער איז, לויט דער חסידישער מסורה, געב. געוואָרן י״ח אלול ת״ס (1700) און לויט א. מאַרקוס — אין יאָר 1698).

די לעגענדע דערציילט, אַז דער בעש״ט האָט זיך געגרייט צוזאַמען מיט זיין משמש, ר׳ הערש סופר, צו דער נסיעה קיין ארץ־ישראל, ער איז אַפילו שוין געווען אויף דער שיף, וואָס האָט אים געדאַרפט פירן צום הייליקן לאַנד. די שיף האָט פאַרבלאָנדזשעט און זיי זענען געווען אין גרויס סכנה. און פלוצים איז געשען אַ נס, זיי זענען אַרויף צוריק אויף דער שיף, זיך אומגעקערט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, שביעי של פסח. דער בעש״ט האָט אין דעם געזען אַ ווונק פון אויבן ניט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, ווייל מען איז מעכב זיין נסיעה מן השמים.

דער בעש״ט איז געוואָרן אַ יתום, ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג און בכדי זיך צו דערנערן, איז ער געוואָרן אַ באַהעלפער ביי אַ מלמד. ער האָט געפירט יידישע קינדער אין חדר אַריין מיט זיין זיס געזאַנג, וואָס האָט געצויגן צו זיך, מיטן ניגון, וואָס ער האָט שפּעטער גענוצט אויף מתקן צו זיין גדולים, דערוואַקסענע, און זיי מושך זיין צום דרך החסידות. ער האָט זיך אָבער לאַנג ניט געקענט האַלטן ביים מלמדות. ער האָט געזוכט התבודדות און דאָס האָט ער געפונען אין די פעלדער צווישן די קאַרפּאַטן־בערג. זיבן יאָר האָט ער פאַרבראַכט צווישן די פּויערים און זיך אויסבאַהאַלטן פון אַנטדעקט צו ווערן. אַפילו זיין אייגענער שוואָגער, ר׳ גרשון קיטעווער, האָט געמיינט אַז ער איז אַ פּראָסטאַק און זיך געשעמט מיט אים.

מ׳קען אָבער ניט בלייבן קיין נסתר. ס׳מוז קומען אַ מאָמענט פון התגלות און ער איז אַרויס פון נסתרות, געוואָרן אַ מנהיג פון טויזנטער חסידים, געראַטעוועט יידן פונעם גייסטיקן גלות; מציל געווען אַנדערע פון אַריינפאַלן אין דער נעץ פון פאַלשע שמד־משיחים וואָס האָבן זיך אויפּ־

---

2) דער ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער פאָרשער שמואל אבא האָראָדעצקי (געב׳ י״ אלול, תרל״ד, אין מאלין, ראַדאָמישלער געגנט), אַליין אַן אָפּשטאַמיקער פון חסידישע דינאַסטיעס, האָט אַ באַזונדער קאַפּיטל אין זיין „תולדות החסידות והחסידים״ וועגן דעם בעש״ט אין דער לעגענדע פון פאָלק.

געפירט פרעך און אויסגעלאַסן און מיט דער הפקרות געוואָלט צוציִען ייִדן, געליטענע פון ת״ח־ת״ט־גזירות.

דער בעש״ט האָט געלערנט און פראַקטיצירט שמחת הנפש, חדוות הלב. חסידות האָט געשאַפן די באַהעפטונג צווישן גייסט־מענטש מיטן פאָלק, געשאַפן אַ גאַנצקייט, אַן איינהייטלעכקייט און ניט ווי שלמה מיימון האָט עס אויפגעפאַסט, אַז „חסידיזם האָט געמאַכט לייכט דעם וועג צו עולם הבא, ווייל זי באַטראַכט דאָס פאַסטן, דאָס פייניקן זיך און דאָס פאַרנעמען זיך בלויז מיט לערנען גפ״ת ווי אַ שטערונג, שטרויכלונג צו אמתער חסידות...״ 3) דאָס איז אַביסל איבערגעטריבן. מיר ווען ווייטער זען, אַז חסידות האָט גראָד יאָ פאַרלאַנגט לומדות און געהאַט לומדות. גענוג צו דערמאָנען דעם בעל התניא, דעם חידושי הרי״ם, דעם אבני־נזר און אַנ־דערע גדולים אין דער וועלט פון אדמור״ים, וואָס האָבן געלאָזן נאָך זיך לומדישע הוראה־ספרים און ווערן באַטראַכט פאַר אויטאָריטעטן אין הלכה.

חסידות האָט אָבער פאַרלאַנגט, שמחת־הנפש, שלווהדיקייט און ניט עצבות. דער הויפּט־באַדינג פאַר חסידות, איז פרייד...

דער בעש״ט פון פשוטן דאָרף, ביים טייך זבאַריטש, ניט ווייט פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק איז געוואָרן אַ לעבעדיקע לעגענדע, פאַרקערפּערט אין זיך די עלעמענטאַרסטע ייִדישע פרומקייט און גוטסקייט, וואָס ער האָט דערהויבן צו דער העכסטער און טיפסטער אַלמענטשלעכקייט און געשאַפן די באַוועגונג, וואָס האָט מיט איר הייליקייט און התלהבות צוגעצויגן די ברייטע שיכטן פון פאָלק און געוואָרן די גייסטיקע הערשער אין פוילן, גאַליציע און אוקראַינע.

עס איז כדאי צו וויסן ווי וויכטיק ס׳איז געווען די חסידישע באַווע־גונג אין יענעם טרויעריקן מאָמענט פון ייִדיש־מענטשלעכער געפאַלנקייט. די חסידישע באַוועגונג מיט איר שטראָם פון פרייד און עקסטאַז האָט דער־הויבן דעם מענטש, געוויזן אַז זיין האַרץ איז גרויס און ברייט און זיין קאָפּ טורעמט אין די הימלען. אַז דער מענטש קאָן זיך דערהויבן צו דבקות, צו קאָנטעמפּלאַציע מיט זיין געטלעכקייט.

דער בעל שם טוב האָט געעפנט די לויטערע קוואַלן פון ייִדישן

---

3) זע, תולדות שלמה מימון, תרגום י. ח. טביוב, חלק ב„ ז״ז 98—99.

געפיל און — אַ וועלט דורשטיקע זענען געלאָפן זיך אַנטרינקען פון אָט די קוואַלן. ער האָט געשאַפן די אַטמאָספערע פון פרילינג פון חסידות און עס האָבן שוין ניט געפעלט די נאָכפאָלגער, וועלכע האָבן געוועבט און גע־בונדן די מיסטישע פעדים פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט מיט אונדזער קעגנוואַרט אויף די שליאַכן פון נבואה, רוח הקודש און הייליקער אינ־טויציע.

זיי, די בעש״ט נאָכפאָלגער, האָבן באַלעבט דאָס פאָלקס־לעבן, וואָס איז געוואָרן אַרכאַיש, אָפּשטאַרבנדיק. זיי האָבן עס מחיה מתים געווען, אַריינ־געאָטעמט אין איר די לופט פון חסידות און במילא געשאַפן אַ נייעם לעבנס־שטייגער, אַ נייעם לעבנס־איינשטעל — אַ נייער אייגנאַרטיקער נוסח פון התלהבות און באַגייסטערונג. עס האָבן זיך אָנגעהויבן הערן נייע טענער, אַרויסגערופן דורך עמאָציעס און טיפע איבערלעבונגען, דורך וועלכע דער גרויסער חסיד און מקובל איז באַהעפט געוואָרן מיט דער הייליקייט. די דאָזיקע לירישע טענער, געזונגען מיט ברען און עקזאַלטירטקייט, האָבן אַרויסגערופן די בענקשאַפט נאָך דאָס שבת יום־טובדיקע, האָבן אַרויסגע־נומען דעם ייִד פון מרה־שחורה־גלות, אים אַוועקגעפירט אין אַנדערע עול־מות, אין וועלטן פון לויטער אצילות און קדושה, אין וועלטן פון גייסטי־קייט...

און דאָ קומט אויפן געדאַנק י. ל. פרצעס חסידיש־פּאָעטיש שאַפן אין וועלכן ער דעקט אויף די טיפענישן פון אָט דעם לעבן פון פאָלקסטימלעכן בר־נש, די בענקשאַפט פון צדיק צו גאַנצקייט, צו פשטות, וואָס איז מיט טויזנטער אומזיכטיקע פעדים באַהאָפטן צו דעם הויך־האַרמאָניש געטלעכן בראשית־באַשאַף.

אויף צוויי וועגן האָבן ייִדן זיך געלאָזט גיין אין יענע צייטן פון די נאָך כמיעלניצקי־פּאָגראָמען.

איין וועג: דער וועג פון אבלות, די שטרענגע אבלות נאָך גרויסע פּרעניות, פיל ייִדן האָבן ממש געפילט דאָס וואָרט וואָס ווערט געזאָגט אין דער גמרא: „יעדער מענטש דאַרף זיך פילן אַזוי ווי דער שווערד וואָלט ליגן ביי אים צופוסנס און דער אָפענער גיהנום הינטער אים״.

מען האָט זיך פאַרטיפט אין די ספרי־מוסר און תשובה. דער קו הישר״, „שערי תשובה״, „חובת הלבבות״, „יסוד יוסף״ און „מסילת ישרים״

זענען געווען די פּאָפּולערסטע ספרים... זיי זענען אַממייסטנס געלערנט געוואָרן. איז דאָס זייער גוט, אָבער צופיל טראַכטן: „מה אני, מה חיי" איז ניט געזונט!

דער צווייטער וועג: אַ רעאַקציע קעגן דער פאַרצווייפלונג און טרוקענער סכאָלאַסטיק, דער דרך החסידות פון רעליגיעזן עקסטאַז, וואָס האָט געבראַכט פרייד און אָפּטימיזם אין יידישע הערצער, פאַריאָגט די שלעכטע עצבות, וואָס פירט צו רעזיגנאַציע און פאַרלייקענונג. דער חסידיזם פאַרלייקנט ניט דעם עצבות, וואָס קומט פון ריינעם קדושה־קוואַל. עצבות פון שכינה־טרויער אויף פאַרשוועכונג פון קדושה. חסידיזם באַקעמפט אָבער דעם עצבות, וואָס פאַרקלידט זיך אין מאַנטל פון יראה און נאַרט אַריין דעם חסיד שוטה, ער זאָל ווערן מעלאַנכאָליש, זאָל זינקען אין טומאה און זיך איבערגעבן דער „סטרא אחרא", וואָס לויערט אויף אים.

מענטשלעכע ליידן און פיינען צערייסן דעם רבינס האַרץ. זיי לאָזן אים ניט רוען, זיי ציִען אים אין געוועב פון טרויער, פירן אים צום ברעג פון פאַרצווייפלונג. ער פאַלט אָבער ניט. די ליבע צו גאָט און מענטש איז אַזוי שטאַרק, אַז דורכן טאָל פון יאָמער רייסט ער זיך צו דער פרייד פון גאָט. דאָס שבת־יום־טובדיקע, נשמה־יתירהדיקע אין אים איז גובר אַלע מיכשולים און אָט דער „צדיק יסוד עולם" (דער פונדאַמענט פון דער וועלט) ברענגט צו דער וועלט דעם מאָטיוו פון שטאַרקן גלויבן און בטחון.

אָט דער גלויבן און די האָפענונג זענען דאָך אַזוי נויטיק געווען אין יענע בלוטיקע און טראַגישע טעג אין דער יידישער געשיכטע, נאָך די אימהדיקע שחיטות פון באָגדאַן כמעלניצקי און זיינע אוקראַיִנישע באַנדיטן.

מען קען דאָ ניט פאַרבייגיין ניט צו דערמאָנען יענע בלוטיקע שחיטות און קרבנות פון שנת ת"ח ות"ט (1648) אין וועלכע העכער 700 יידישע קהילות זענען אָפּגעווישט געוואָרן דורך פייער און שווערד. דערציילט דאָך אונדז דער פריִער דערמאָנטער כראָניקער פון יענער צייט, ר' נתן־נטע האַנאָווער אין זיין „יון מצולה" (און אונדז דאַכט זיך, אַז מיר לייענען וועגן די אימהדיקע פאַרטיליקונג פון יידן אונטער די נאַצי־באַנדיטן):

„מען האָט פון מענטשן לעבעדיקערהייט די הויט אָפּגעשונדן, און דאָס פלייש פאַר די הינט געוואָרפן... קליינע קינדער האָט מען ביי די מוטערס ברוסט געהרגעט... אויף די שפיזן געשטאָכן... אויפן פייער זיי געבראָטן...

מעוברתדיקע פרויען די בייכער אויפגעשניטן, די נאָך ניט־געבוירענע קינ־דער אין פּנים געשליידערט... אין אַנדערע ערטער — ייִדישע קינדער אין די ברונימער געוואָרפן... נישטאָ די מיתה משונה, וואָס אונדזערע ברידער זענען דאָרט ניט אויסגעשטאַנען...״

און דער באַרימטער פּוסק ר׳ שבתי כהן (ש״ך) באַשרייבט זיינע אי־בערלעבענישן אין יענער טרויעריקער תקופה אין זיין „מגילת איכה״. ער שרייט אויס זיין יאָמער־געשריי און רופט דעם באַשעפער, ער זאָל נקמה נעמען אין די רוצחים. דער ש״ך באַשרייבט ווי אַן עד־ראיה די שחיטה אין האָמעל ווו די באַנדעס האָבן אַרומגערינגלט די ייִדישע באַפעלקערונג אין אַן ענגען ראָד, צוזאַמענגענומען זייער גאַנצן פאַרמעגן און זיי איבערגעלאָזט נאַקעט ווי שאָף פאַר דער שחיטה... אין אַן אַנדער שטאָט האָבן די כמעל־ניצקי־באַנדעס פופצן הונדערט ייִדישע קינדער אין די גריבער געוואָרפן, זיי לעבעדיקערהייט מיט דער ערד פאַרשאָטן און פון אונטער דער זיך נאָך באַוועגנדיקער ערד, האָבן זיך די קינדערשע קולות געהערט...

די פאַרצווייפלונג ביי ייִדן איז געווען זייער גרויס. די סליחות און קינות זענען איין ווײ־געשריי, יאוש און פאַרצווייפלונג, אַז עס איז געקומען חלילה צום ענד פון הויז פון ישראל...

„פּוילן העדינה! — שרייבט איינער פון די מקוננים, ר׳ משה בן אליעזר הכהן — די אויסדערוויילטע פאַר תורה און וויסן, צו דיר איז קיין גלייכן ניט געווען זינט דאָס פאָלק איז אין גלות געגאַנגען — איצט ביסטו פאַר־וויסט און פאַרוואָגלט, פאַרגעסן און פאַרלאָזן... ווער וועט איצט די געזעצן דערקלערן, די סודות התורה אַנטפּלעקן... צו אַש איז געוואָרן דאָס הויז פון יעקב, צוגענומען איז פון אונדז גאָטס הייליקער ארון...״

עס איז אָבער געשען אַ גרויס וווּנדער — עס האָט זיך צעבליט אַ גרויס ייִדיש, פאַרבנרייך קולטור־לעבן. און אַ גרויסן חלק אין דעם אויפ־לעבן און שטאַרקן דאָס ייִדישע לעבן אין פּוילן, גאַליציע, אוקראַינע און רוסלאַנד, האָט דאָס חסידות. אַ דאַנק דעם חסידיזם איז אין פּוילן צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן דער אַמאָל ריזיקער קולטור־בנין — און מיט נייע קולטור־ווערטן, און מען האָט אויפסניי געקאָנט זאָגן, ווי נתן־נטע האַנאָ־ווער, דער כראָניקער פון גזרות ת״ח, אַז „אין קיין שום לאַנד איז ניט געווען אַזוי פיל תורה ווי אין פּוילן״.

ייִדן זענען געוואָרן אין פּוילן און גאַליציע אַ נאַציאָנאַלער קיבוץ אין בריי‏טסטן זין פון וואָרט, מיט אַן אייגענער שפּראַך און מיט אייגענע פאָר־מען פון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע. לערנען תורה איז געוואָרן אַ פאָלקס־זאַך, אומעטום, אין יעדן בית־מדרש, קלויז אָדער „שטיבל״ פלעגן ייִדן זיצן בחברותא און לערנען, ווער אַ בלאַט גמרא, ווער אַ פרק משניות, ווער מדרש, זוהר און בכלל אַריינקוקן אין ספרים... אַ סך בייגעטראָגן צו דער פאָרזעצונג פון אייגנאַרטיקן קולטור־לעבן האָבן די גרויסע חסידישע פּער־זענלעכקייטן, וועלכע האָבן געווירקט, ניט אַזוי מיט זייער שריפט ווי מיט זייערע מעשים, מיט זייער לעבעדיקן ביישפּיל.

און דאָ וועל איך זיך באַנוצן מיט דעם גוט־באַקאַנטן וואָרט פון אַ גרויסן חסידישן רבין, וועמען זיינע מקורבים האָבן געפרעגט: — רבי, עס שטאַרבן אויס אנשי שלומנו, מ׳מוז דאָך עפּעס טאָן, מ׳מיז געפינען אַן עצה...

האָט דער רבי געענטפערט, ווי די לעגענדע דערציילט:

— ס׳זענען דאָ כמה סגולות פאַר תחית המתים. אין די הייליקע ספרים זענען באַהאַלטן אַ סך סודות ווי מען קאָן מאַכן טויטע לעבעדיק, און אַז איך וואָלט געוואָלט, וואָלט איך אויך געקאָנט מאַכן טויטע לעבעדיק — אָבער איך וויל נישט... איך וויל בעסער מאַכן לעבעדיקע לעבעדיק...

די חסידישע רביים און אדמור״ים האָבן לעבעדיק געמאַכט לעבעדיקע, האָבן געשטאַרקט דעם שארית הפליטה, אין די טראַגישסטע מאָמענטן פון איבערלעבענישן, באַלויכטן זייער קעמפערישן וועג מיט געטלעכקייט, קדו־שה־ריינקייט און קאָסמישער פרייד. די גרויסע חסידישע פערזענלעכקייטן האָבן אויפסניי איינגעפלאַנצט און איבערגעפלאַנצט די אידעאַלן פון אמונה און מסורת אבות, אין די סאַמע שווערסטע ראַנגלענישן פון די געררודפטע און אָפּגעזונדערטע. מיט טיפער התלהבות דערהויבן די ייִדישע נשמה מיטן ליכטיקן משיחישן דערלייזונגס־אידעאַל, וואָס איז אויסגעזונגען געוואָרן פון חסידות־געזאַנגען און באַשטראַלט געוואָרן פון חסידות־ליכט, און פון חסידות־ליבשאַפט, מיט „אהבת ישראל״ וואָס איז אַן עיקר און הויפּט־פרינציפּ אין בעל־שם־טובס חסידות. דער יסוד פונעם חסידיזם.

חסידות האָט געשטאַרקט דעם „רגש שבלב״, האָט זיך ניט באַנוגנט מיט מח־ייִדישקייט, מיט בלויז „דע את התורה״... נאָר האָט דערהויבן צו

דער העכסטער שטופּע די בלאָנדזשנדיקע מאַסע דורך דעם 'דע את האלקים', דורך מענטשלעכקייט און דבקות אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

חסידות, ווי אַ גרויסע פאָלקס־באַוועגונג, האָט געעפנט די קוואַלנדיקע ברונימער, געעפנט די געשיכטלעכע קוואַלן, די לויטערע און קלאָרע, פון וועלכע די דורותדיקע־אויסגעפּרוווטע אידעען זענען געקומען צו דער אויבערפלאַך.

חסידות, ווי אַ סטימול פון גייסטיקער שפע, האָט דערהויבן די מאַסע, האָט איר געבראַכט התרוממות, האָט אין איר אַרייַנגעדרונגען אינעווייניקסטע שבת יום־טובדיקייט, אַרייַנגעבלאָזן אַ רוח־חיים אין די עצמות יבשות; נייע חלומות, נייע אַספּיראַציעס, נייע בענקעניש נאָך דערלייזונג. דאָס איז געווען חסידות פאַר די טיף־דערשלאָגענע אין דעם אָנהייב פון זיין פאַנאַנדערבלי, איידער די דינאַסטיע־אינסטיטוציע איז געשאַפן געוואָרן און אין אָנהייב פון זיינע רייפקייט־יאָרן. אין דער עפּאָכע ווען דאָס ריינע, הייליקע, אָריגינעלע חסידות האָט משפּיע געווען און פאַרשפּרייט די תמימותדיקע אהבה און ענווה — די הויפּט־פּרינציפּן פון אָט דער נייער שיטה, וואָס דער בעש״ט האָט געלערנט זיינע תלמידים.

אָבער ניט וועגן דער חסידות־פילאָזאָפיע זענען מיר אויסן צו שרייבן, אוודאי ניט די געשיכטע פון חסידות, אירע סאָציאַלע פונקציעס, אור־איידעען, אָנשטייגונג, אויפבלי און ירידה. מיר ווילן דאָך אייגנטלעך רעדן פון חסידישער נגינה. מיר מוזן זיך אָבער פריִער פאַר אַלץ באַקענען מיט נאָך איניקע ביאָגראַפישע שטריכן פון ר' ישראל בעל־שם־טוב, דעם באַשאַפער פונעם חסידות, וועמעס לעבן, געבורט און פּטירה, איז איין גרויסע לעגענדע, כדי מיר זאָלן פאַרשטיין די ווירקונג פון געזאַנג און שמחה אויף דער חסידישער מאַסע.

ר' ישראל בעל־שם־טוב איז דאָס קינד פון פאָלקס־מענטשן, צו וועלכע מען האָט פון הימל געשיקט אליהו הנביאן, אָנזאָגן די בשורה, אַז ער וועט האָבן אַ זון „ישראל אשר בך אתפאר". ער איז געבוירן געוואָרן, ווי דערמאָנט, אין דאָרף אָקאָפּ, ביים גרעניץ פון פוילן און וואָלאַכיי. זיין געבורט זאָל האָבן געווען אין יאָר ת״ס (1700). זיינע עלטערן, ר' אליעזר און זיין פרוי, זענען געווען אָרימע דאָרפס־מענטשן און ביי זיי איז געבוירן געוואָרן

דער גרינדער פון חסידות, וועלכער האָט דערהויבן דעם אָרימען ישובניק, דערהויבן דעם פּאָלקס־מענטש, פּאַרטיידיקט און געשיצט דעם ייִדישן פּאָלקס־מענטש קעגן די בייזע מגידים, בעלי־מוסר, תקיפים און פּרנסים און אַפילו קעגן דער רבנות שטרענגקייט. ווען דער בעש״ט איז געבוירן געוואָרן, זענען זיינע עלטערן שוין געווען נאָענט צו אַן עלטער פון הונדערט יאָר, יעדער. דאָס אַלץ דערוויסן מיר זיך פון „שבחי הבעש״ט״ (תקע״ה, א׳), צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אַרום 55 יאָר נאָך דער פּטירה פון בעש״ט. וועגן דער נשמה פון בעש״ט האָבן שוין זיינע ערשטע תלמידים פיל גערעדט. איינער זאָגט, אַז זיין נשמה איז געווען פון די וואָס זענען אָוועקגעלאָפן נאָך פאַר דער זינד פון „עץ הדעת״, ווען דער מענטש איז נאָך געווען ריין. אַנדערע זאָגן, אַז זיין נשמה איז די נשמה פון חנוך. גאָר אַנ־דערע — די נשמה פון דוד און שלמה, און ווידער אַנדערע — די נשמה פון ר׳ סעדיה גאון 4).

זיינע עלטערן זענען אים אָפּגעשטאָרבן, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען (זייז מוטערס קבר איז אין קיטעוו). דער יונגער בעש״ט דאַרף זיך זיך זוכן פּרנסה און ווערט אַ „באַהעלפער״ ביי אַ מלמד, האָבנדיק גרויס דערפאָלג ביי די עלטערן און נאָך מער ביי די קינדער, וועלכע ער ציט צו מער מיט זיין זיס געזאַנג, איידער מיטן „קאַנטשיק״, ווי דער שטייגער איז געווען.

די דאָזיקע פּראָפעסיע האָט אים געגעבן אַ געלעגנהייט צו ווערן דער שומר פון בית־המדרש און דאָרט האָט ער געפּראַוועט התבודדות, פאַר־ברענגענדיק גאַנצע נעכט אין נגלה און נסתר, אָפּגעזונדערט פון יעדן בן־אדם, ניט וועלנדיק, אַז אימיצער זאָל וויסן פון זיין התנהגות.

אין עלטער פון זיבעצן יאָר האָט ער חתונה געהאַט אין דאַרף אָקאָפּ. זיין ווייב איז אים אָבער באַלד געשטאָרבן און ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט, ביז ער איז געקומען אין אַ שטעטעלע, ניט ווייט פון בראָד און דאָרטן געוואָרן אַ מלמד. אין „שבחי הבעש״ט״ ווערן דערציילט פאַר־שידענע אותות ומופתים פון זיין דעמאָלטיקן לעבן, ווי אַזוי ער איז געוואָרן

4) זע. הורודצקי: החסידים והחסידות, א׳, ב׳.

דער שוואָגער פֿון באַרימטן בראָדער רב 5), ר׳ גרשון קיטעווער (אין 1747 — תק״ט, איז ער מיט ר׳ נחמן האָראָדענקער געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל), ווי אַזוי ער האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַן עם־הארץ, געוווינט אין אַ דאָרף צווישן קיטעוו און קאָסאָוו, ווי אַזוי ער האָט צווישן די קאַרפּאַטן־בערג געפּראַוועט התבודדות — זיך דערווייל אויסגעלערנט שחיטה, געוואָרן שוחט אין דאָרף קשילעוויץ — דער סוף איז געווען, ער איז נתגלה געוואָרן פֿאַר דעם גאון ר׳ גרשון קיטעווער, פֿאַרן דעמאָלטיקן באַרימטן קאָלאָמייער רב און פֿאַר אַנדערע גדולי־הדור, וועלכע האָבן אין אים דערזען דאָס גרויסע ליכט...

די חסידישע לעגענדע ווייס צו דערציילן, אַז ער איז נתגלה געוואָרן אין עלטער פֿון זעקס און דרייסיק יאָר, אינעם שטעטל טלוסט, גאַליציע, און אַז מען האָט אים גערופֿן מיטן נאָמען „דער בעל שם פֿון טלוסט״. ער איז געוואָרן באַרימט אין גאַנץ גאַליציע, אוקראַינע, פּאָדאָליע און פֿון אומעטום איז מען געקומען צו אים. ער האָט אָבער געהאַט אויסצושטיין רדיפֿות, באַזונדערס פֿון די פּריצים, וועלכע האָבן זיך דערוווסט, אַז ער רעדט אָפּ און אָרגאַניזירט אַלע ייִדישע פּאַכטער. איינער אַזאַ פּריצל, פֿון מעזשיבעזש, האָט זיך באַמיט ביים קאָמיסאַר, מ׳זאָל דעם בעש״ט באַשטראָפֿן, מען זאָל אים אַרויסשיקן פֿון דאָרט. דער לעצטער האָט אָבער מורא געהאַט פֿאַר דעם מערקווירדיקן הייליקן מענטש.

דער בעל־שם איז, אויסער די מופֿתים, קמיעות און נאָך אַזעלכע וווּנדער־זאַכן, וואָס ער האָט באַוויזן, געוואָרן באַרימט דערמיט, וואָס ער האָט זיך אָנגענומען פֿאַר דעם פּראָסטן מענטש, שטאַרק געהאַלטן פֿון ישובניק.

דערציילט די חסידישע לעגענדע:

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז אַמאָל געקומען אויף שבת קיין אָליק,

---

5) ר׳ גרשון קיטעווער איז, ווי אייניקע פֿאָרשער ווייזן אָן, ניט געווען רב אין בראָד, נאָר אָרטיקער חזן, אַזוי ווערט ער דערמאָנט אין פּנקס בראָד... ער איז אָבער געווען אָנערקענט אַלס גאון אין לערנען, ווי עס זאָגן עדות די בריוו פֿון ר׳ יחזקאל לאַנדאָ און פֿון ר׳ יהונתן אייבעשיץ. דער ערשטער רופֿט אים, „מחמד עיני וחמדת לבבי.. חכם עדיף מנביא... הרב המופלא ומופלג בתורה ובחסידות...״ און דער צווייטער רופֿט אים: „הרב החסיד המפורסם מופלג בתורה ומקובל אלקי כמוהר״ר אברהם גרשון קוטובר״.

איז ער איינגעשטאַנען ביים פּרנס. שבת צו מנחה האָט אין בית־מדרש אַ מגיד געזאָגט מוסר, ווי דער סדר איז דעמאָלט געווען; געשטראָפט דעם עולם פאַר ניט לערנען גענוג, ניט דאַווענען ווי געהעריק, פאַר ניט גענוג פרום זיין אאַז״וו. ווען דער בעל־שם־טוב האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט ער געשיקט רופן פון בית־מדרש דעם פּרנס. ווען דער פּרנס איז אַרויס פון בית־המדרש, האָט דער עולם אויך אָנגעהויבן אַרויסצוגיין, ביז דער מגיד איז געבליבן איינער אַליין שטיין אויפן באַלעמער.

אויף מאָרגן איז דער מגיד געקומען צום בעל־שם־טוב נעמען שלום. פרעגט אים דער בעש״ט:

— ווער זענט איר?

— כ׳בין — זאָגט ער — דער מגיד, וואָס האָט נעכטן געזאָגט אַ מוסר־דרשה אין בית־המדרש, און איך וואָלט טאָקע געוואָלט וויסן פאַרוואָס האָט איר אויף מיר אַזוי געצאָרנט?

— דו! — גיט אַ געשריי דער בעל־שם־טוב מיט טרערן אין די אויגן — ווּעסט רעדן שלעכטס אויף ייִדן?! דו ווייסט, אַז ווען אַ ייִד גייט אַ גאַנצן טאָג אַרום אין מאַרק און די אויגן קריכן אים אַרויס צו געפינען אַ גראָשן פּרנסה, און ערשט פאַרנאַכט כאַפּט ער זיך: „אוי, ווי, כ׳וועל פאַרשפּעטיקן מנחה אין שטובל!" און ווען ער דאַוונט מנחה שנעל און ער ווייסט נישט, וואָס ער רעדט, ציטערן דעמאָלט די הימלען, ציטערן אַלע מלאכים און שׂרפים! דערוועגסטו זיך צו רעדן אויף ייִדן?!...6)

אָט דאָס מעשהלע אילוסטרירט פאַר אונדז די נייע שיטה פון אהבת־ישׂראל בפּועל ממש, וואָס דער בעל־שם־טוב האָט אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין די גאַליצישע, אוקראַאינישע און פּוילישע שטעטלעך. עס איז אַ נייע סאָציאַלע לערע, אַ נייע באַציִונג צום אַרבעטער, דאָרפס־ייִד און בכלל צום פּשוטן פאָלקס־מענטש — אַ נייע באַציִונג צום אָרימערן שיכט אין דער דעמאָלטיקער ייִדישער געזעלשאַפט.

דעם בעש״טס חסידות ווייזט אַרויס אַן אומענדלעך, גרינטלעכע ליבע

---

6) זע ש. א. הורודצקי, „החסידים והחסידות", ד׳, הבעש״ט אגדת העם, לענגערע אָפּהאַנדלונג וועגן „שבחי הבעש״ט"; מנשה אונגער, חסידות און לעבן, ניו־יאָרק, 1946, 14־15, ציטירט לויטן „שבחי הבעש״ט".

צום ישובניק. באַמיט זיך צו דערהייבן און אַרויסהייבן דעם דאָרפס־ייִד ווי בכלל די אָרימערע שיכטן ביי ייִדן. ווייל דער עיקר ביים חסידות איז געווען די מחשבה און דאָס האַרץ. דער בעש״ט און זיינע תלמידים האָבן טאַקע געלערנט, אַז דער עיקר איז, אַז די מחשבה זאָל זיין לשם שמים, פאַרן אויבערשטן, ניט וויכטיק ווי אַזוי דער ייִד ברענגט עס אַרויס. דער עיקר איז דאָס גוטע האַרץ, „רחמנא ליבא בעי״...

די תורה פון מעזשיבעזש האָט דעריבער געהאַט גרויס דערפאָלג, ניט בלויז צוליב די מופתים פון בעש״ט, נאָר מער פון אַלץ צוליב דעם נייעם דרך, וואָס ער האָט געוויזן: ליבשאַפט צו גאָט, וואָס דאַרף גיין זאַלבענאַנד מיט ליבשאַפט צו זיין פאָלק ישראל.

האָט שוין די תורה אָנגעזאָגט וועגן דער ליבשאַפט צו השי״ת, אַלס יסוד פון יהדות, „ואהבת את ד׳ אלקיך״... און אַז ליבשאַפט דאַרף זיין מיטן גאַנצן האַרץ און נשמה, ווייל פון אָט דער ליבשאַפט פליסט אַרויס די ייִדישע אמונה. אויך די נביאים האָבן פיל גערעדט וועגן אָט דער ליבשאַפט צו גאָט און אויך אָנגעוויזן אויף גאָטס ליבשאַפט צו זיין פאָלק ישראל וועלכע איז, ווי דער נביא ירמיהו זאָגט, „אַן אייביקע ליבשאַפט״...

חסידות פון בעש״ט האָט אויפגעלעבט און אויפגעפרישט אָט די דאָזיקע ליבע פון וועלכער יעדער ייִד קאָן געניסן, ווערן באַגייסטערט און אַריינפאַלן אין התלהבות פון ראָמאַנטישער ליבשאַפט און אין דער דאָזיקער הייליקער ראָמאַנטיק פון כנסת ישראל און „קודשא בריך הוא״, איז אויפגעגאַנגען ישראלס געזאַנג צו די הויכע הימלען און דערגרייכט דעם כסא־הכבוד.

און צו דעם איז צוגעקומען די ליבשאַפט צום פאָלק ישראל, אַ פייערדיקע ליבשאַפט, וואָס איז געוואָרן אויסגעדריקט ניט סתם אַזוי אין ווערטער, נאָר ממש, אין דער פּראַקטיק. עס איז געקומען אַ נייער שווונג פון אהבת עם ישראל, וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע: ליבשאַפט אָן אַ גרעניץ צום פאָלק ישראל, ווייל אָן ישראל, האָבן זיי געזען אַ ליידיקייט אין דעם גאַנצן וועלט־באַשאַף; אָן ישראל איז ניטאָ קיין אינטערעס אין דער בריאה און אין ישראל האָבן זיי געזען אַזויפיל גוטס, אַזויפיל געטלעכקייט.

די נביאים האָבן שוין געזאָגט וועגן אהבת ישראל, אַז גאָט האָט

שטאַרק ליב זיין פאָלק ישראל, די קרוין פון דער בריאה — האָט דאָך ירמיה הנביא אין גרויס פאַטעטישקייט אויסגעשריען אין נאָמען פון גאָט: „אָן אייביקע ליבע האָב איך דיך ליב".

אַנדערש איז אָבער געווען דאָס דאַוונען פון אַ מתנגד, ווען ער האָט געזאָגט „אהבה רבה", „אהבת עולם", אַנטקעגן דעם דאַוונען פון אַ בעש"טס חסיד וועלכער האָט ממש געפילט די ווערטער, זיי אַנגעטאַפּט ווי אַ קאָנקרעטן באַגריף... עס איז געווען די „הרגשת הלב", וואָס חסידיזם האָט געלערנט, די רעליגיעזע התלהבות, וואָס האָט אויפגעפראַלט דעם פאַרשלאָסענעם הימל.

די גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע, די רבנישע וועלט, איז געשטאַנען אַביסל ווייטלעך פון פאָלק, געווען פרעמד דער ייִדישער מאַסע, איז געווען פאַרטאָן אין מוח־שאַרפקייט, איז געווען פאַרנומען מיטן פאַרטיפן זיך אין ים התלמוד און אין אַנאַליז פון דער הלכה. חסידות האָט באַשטראַלט אָט די מאַסן, וועלכע האָבן געזוכט וואַרעמקייט און ניט בלויז אויטאָריטעט.

אָנשטאָט מתנגדישן פעדאַנטיזם, קאַלטער ייִדישקייט, וואָס ווערט באַטראַכט ווי מעכאַניזירטע מצוות אנשים מלומדהדיקע ייִדישקייט, האָט חסידיזם געבראַכט אין ייִדישע הערצער הייליקן פייער פון רעליגיעזן עקסטאַז. אָנשטאט פאַרגליווערטקייט איז געקומען פלאַם־פייערדיקער רעליגיעזער באַוווסטזיין פון אַ נייעם קולט, באַזירט ניט בלויז אויף תורת־הנגלה, נאָר און בעיקר אויף דער תורת הנסתר, אויף דער קבלה און מיסטיציזם — און מיט דער ליבע אַרויסגערופן פון מענטש פון דער טיפעניש אַרויס, „גוט געמאַכט" די תפילות פון די פּראָסטע, געבראַכט צום כסא־הכבוד אַפילו די פאַרגרייזטע תפלות פון בעל מלאכה, בעל עגלה, דאָרפס־ייִד — אויב זי איז געזאָגט געוואָרן מיט כוונה.

די התגלות פון מעזשיבעזש־קיטעוו, די אַנטפּלעקונג פון בעל־שם־טוב צווישן די קאַרפּאַטן־בערג, האָט אַ ניי ליכט געבראַכט אין דער ייִדישער נשמה. זיין חסידות־לערע איז ניט בלויז אַ רעליגיעז־מאָראַלישע פילאָזאָפיע, ווי דער חסידישער דענקער מארטין בובער זעט זי, נאָר אַ הויךסאָציאַל־עטישע לערע, וואָס האָט געווירקט אויף דעם גרעסטן טייל פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום.

דאָס רבנות וואָלט ניט אימשטאַנד געווען צו באַשיצן דאָס ייִדנטום פון

די געפאַרן מצד פנים און מצד חוץ, קעגן דעם יאוש אין צייטן פון גזירות, גרושים, רדיפות און פאָגראָמען און קעגן דער השכלה און אַסימילאַציע, וואָס האָט שיער ניט חרוב געמאַכט אַלע אונדזערע פעסטונגען. דאָס חסי־דישע פייער האָט אונדז פאַרהיט און געשיצט. דורך התלהבות און „התפש־טות הגשמיות", פון אויסטאָן זיך פון די קערפּערלעכע פאַרגעניגנס, האָט דער ייִד זיך געשיצט פון אַלע סכנות, וואָס האָבן געלויערט אויף אים. כמעט קיין שום רעליגיעז־גייסטיקע באַוועגונג האָט ניט אַזוי געווירקט ווי די חסידישע, דורך איר חסד־גבורההדיקער תפארת, דורך איר קדושה וטהרה און בטחון אין די געדריקטע הערצער פון די אָרימע לײדנדע ייִדישע מאַסן אין גאַליציע און אוקראַינע.

לאָמיר אויף אַ מינוט, זיך אָפּשטעלן אויפן ייִדישן לעבן אין די מקומות וווּ עס איז צום ערשטן מאָל געהערט געוואָרן דאָס וואָרט פון דעם בעש"ט.

ייִדן זענען געווען מיד פון די אומאויפהערלעכע צרות. מ'האָט געהאָפט און מען האָט דערוואַרט די גאולה, וואָס דאַרף קומען דורך איבערנאַטירלעכע כוחות. די אַלגעמיינע באַפעלקערונג איז געווען אויפגעטרייסלט. די פּאָליאַקן האָבן געהאַלטן פאַרשקלאַפט דעם אוקראַיִנישן פויער. דער לעצטער, ניט־וויסנדיק ווער עס איז באמת שולדיק אין זיין לאַגע, לאָזט אויס זיין כעס צום אָרימען ייִד, וועלכער איז אונטערגעוואָרפן צום „פּריץ", דעם „מושל בכפו", מיט איין וואָרט, שלעכט איז געווען דאָס ייִדישע לעבן ביי די טייכן פון פּרוט און דניעסטער, ביים בוג און סאַן. פריש איז געווען די וווּנד פון כמעל־ניצקיס פּאָגראָמען, אין וועלכע הונדערטער ייִדישע קהילות זענען אָפּגע־ווישט געוואָרן און צווישן זיי באַרימטע צדיקים, רבנים, גדולי ישראל, ווי דער מקובל ר' שמשון אָסטראָפּאָליער, דער צדיק ר' מיכל נעמיראָווער און אַנדערע.

אין יענער צייט איז געקומען דער בעש"ט מיט זיין נייע רעליגיעזער פילאָזאָפיע, גערייניקט ייִדישע הערצער דורך איינפלאַנצן אין זיי ריינע אמונה, דורך פאַריאָגן דעם עצבות און ברענגען בטחון־פרייד, שטאַרקן דער טיפער מאָראַלישער און גייסטיקער גבורה, שטאַרקן די ראָמאַנטישע העי־ראָיִק, וואָס איז זייער וויכטיק געווען נאָך דעם שבתי צבי פּעריאָד, וואָס איז געווען פול פון מאַסן פאַרצווייפלונג, פּאָלקס־שמד און אַנדערע דעס־טרוקטיווע דערשיינונגען...

דורך דעם מיסטישן גלויבן האָט דער בעש״ט געבראַכט לעבעדיקע רעאַליטעטן, וואָס זענען אַ ברכה פאַרן ייִדישן קיום, אַ קאָמפּלעקס אידעען וועלכע האָבן געזיכערט דעם ייִדישן לעבנס־שטייגער.

**
*

ווילנדיק דאָ בעיקר שרייבן וועגן חסידישן ניגון, האָבן מיר געמוזט רעדן וועגן חסידיזם בכלל. און ווי קאָן מען דורכלאָזן און ניט שרייבן וועגן איר מיסד און וועגן דעם וויגעלע פון חסידיזם. עס איז אויך פון אַ סך שטאַנדפּונקטן וויכטיק צו באַרירן ביאָגראַפישע מאָמענטן פון אונדזערע גדולים. האָט דאָך ר׳ ישראלטשע ריזשינער זצ״ל געזאָגט, אַז רעדן וועגן גדולים איז אַזוי חשוב אין הימל, ווי רעדן פון מעשה מרכבה...

לוינט זיך טאַקע צו באַשרייבן אייניקע פון די גרויסע פּלעיאַדע אָבות פון חסידיזם און באַזונדערס דעם באַגרינדער און לערער פון חסידות, דאָס ליכט וואָס שיינט אַפילו אין דער פינצטערניש.

3. דעם בעש״טס ניגון

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז, ווי געזאָגט, דער פאָטער פון דער חסידישער באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע. וואָלט מען אַ סך געקאָנט שרייבן וועגן דער הייליקער גייסטרייכער פּערזענלעכקייט; אַ ברויזנדער גייסט און דאָך אַזוי באַצויבערנדיק אין זיין איינפאַכקייט. אַ לעגענדאַרישע פיגור, וואָס האָט ניט קיין היסטאָרישן פאַרגלייך מיט זיין גרויסקייט אַלס פאָלקס־מענטש. דער פּוילישער „האר״י״, מיט אַ נייעם קבלה־דרך...

אין הונדערטער ווערק, ספרים, ספורי מעשיות, ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון אָט דעם מערקווירדיק־ווונדערלעך־לעגענדאַרישן מענטש וועלכער האָט זיך באַוויזן נאָך אַ צייט פון פּאָגראָמען, הריגות און שווידערלעכקייטן. אין אַ צייט פון משיח־באַוועגונגען — אין אַ צייט פון דער טרויעריקער „כת״ שבתי צבי ימ״ש. און אין אָט דער פאַטאַלסטער צייט, נייע האָפענונגען געבראַכט, אַ נייע באַוועגונג געשאַפן, אַ נייעם ניגון געלאָזט הערן! ניט אין סתם געפליגלטע ווערטער אויסגעדריקט דעם נייעם ניגון,

נאָר אין שעפערישקייט, וואָס האָט צוגעצויגן צו זיך גרויסע יידישע הער־צער, געשטאַרקט דעם יידישן מוט און ווידערשטאַנד־כוח אין יענע שטילע אָוונט־שעהן פון זון־אונטערגאַנג און שווערן געמיט. געעפנט נייע גייסטיקע לעבנס־קוואַלן.

אינעם עקסטאַז פון לייד, אין התבודדות פון רוישנדיקן וואַלד, אין דער ברייטקייט פון די אוקראַינער סטעפּעס, דאָרט אין דער איינזאַמקייט און אין דער פינצטערניש, האָט זיין ניגון אָפּגעהילכט מיט אַ הייליקן עכאָ, איבער די סאַמע וויטסטע האָריזאָנטן. מיט זיין ניגון האָט ער צעריסן די קייטן פון יידישע ליידן, דערהויבן דעם מענטש דורך אָט די חסידות־מע־לאָדיעס און אים פאַרבונדן מיט דער אייביקייט. מיט זיין צאַרטן ניגון אַרומ־גענומען און געהאַלדזט מיליאָנען ליידנדע און אין זייערע טרויעריקע הער־צער ליכטיקע האָפענונגען געבראַכט, גלויבן און בטחון. דורך דעם ניגון האָט ער דעם יידן דערהויבן צו קדושה, אינעם ניגון האָט ער געפונען אַ מקור פון קדושה.

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, דער גרינדער פון חסידות, איז קיינמאָל קיין רב נישט געווען. אין זיינע יוגנט־יאָרן איז ער געווען אַ באַהעלפער ביי אַ מלמד. נאָכדעם איז ער געווען אַ מלמד ביי אַ ישובניק. ער איז אויך אַ צייט געווען שוחט, ביז ער איז נתגלה געוואָרן אַלס גרעסטער מקובל און בעל שם, וואָס באַווייזט „נסים ונפלאות״ און צוגעצויגן צו זיך די מקובלים פון אוקראַינע, גאַליציע, פוילן און ליטע און געשאַפן די גרויסע פאָלקס־באַוועגונג, וועלכע איז שטאַרק באַקעמפט געוואָרן פון די גדולי המתנגדים.

צווישן דעם בעש״טס תלמידים האָבן זיך געפונען אַ צאָל פון די גדולי הדור, גאונים, רבנים־פּוסקים. די תלמידים זיינע, דערמאָנען אים ניט בלויז אַלס גרעסטן אויטאָריטעט אין קבלה און דרך־חסידות, נאָר אויך אַלס גדול אין תורת הנגלה, אַלס תלמודישער גאון און הייליקער צדיק. איינער פון די מתנגדישע רבנים ר׳ מאיר עמדין, דער זון פון באַרימטן ר׳ יעקב עמדין (די הערלעכע קנאישע פּערזענלעכקייט, באַקעמפער פון רבין ר׳ יהונתן אייבעשיץ), שרייבט צו אים וועגן אַ שאלה, וואָס דער לעצטער האָט גע־פרעגט, מיטן טיטול: „אלוף ביהודה ובישראל עושה חיל, גדול הוא בששך ושם לו ברקת, ה״ה הרב המופלג המפורסם מוה״ר ר׳ ישראל נ״י״...

אַ סך ווערט דערציילט וועגן בעש״ט אין דער חסידישער ליטעראַטור און באַזונדערס אין דעם ספר „שבחי הבעש״ט״ און „כתר שם טוב״ (זאָלק־וואה, תקמ״ד), און אין די אַנדערע ספּורי מעשיות. ער איז דער העכסטער פּראָטאָטיפּ פון אַ צדיק, „קדוש עליון״, וואָס איז „לא מעלמא הדין״ און דאָך איז ער אויף דער ערד, איז משפיע אויף מענטשן, באַהעפט זיך מיט זייערע נשמות, איז זיי מתקן און בלאָזט אַריין אין זיי די הייליקע נצוצות... איז דאָך באַקאַנט, וואָס דער אַפּטער רב (ר׳ אברהם יהושע העשל — התקכ״א, פּ״א — 1765—1825) האָט געזאָגט וועגן דעם „ספר שבחי הבעש״ט״, אַז „וואָס ס׳איז געדרוקט געוואָרן, איז בלויז אַ טראָפּן פון ים״. אָבער ווי געזאָגט, ווילן מיר דאָ זען און הערן וואָס דעם בעש״ט חסידות האָט אויפגעטאָן פאַר נגינה.

„חסידות — זאָגט מנשה אונגער (אין זיין ווערק „חסידות און לעבן״) — האָט אין די יידישע פאָלקס־מאַסן דערוועקט אַ גרויס געפיל פאַר געזאַנג. מען קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז מיט דער אַנטשטייונג פון חסידות, האָט דאָס יידישע פאָלק צובאַקומען אַ נייעם חוש, אַ געפיל פאַר נגינה...״

נגינה איז שטאַרק אַנטוויקלט געווען ביי יידן אין אַלטערטום און ניט בלויז נגינה, נאָר טאַקע מוזיק, אויף מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, ווי דער „תוף״, „כנור״, „עוגב״, „חצוצרה״. נאָכן נס פון קריעת ים סוף, האָט מרים הנביאה געכאַפּט אַ פּויק און זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טאַנץ, צוזאַמען מיט אַנדערע בראַווע פרויען. ווען יפתח האָט באַזיגט די עמונים, איז זיין איינציקע צאַרטע, טראַגיש־געטראָפענע טאָכטער, אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט תופים און מחולות (שופטים י״א, ל״ד). ווען די גרופּע נביאים אין צייט פון שמואל הנביא, האָט געוואָלט זאָגן נביאות, האָבן זיי פאַר זיך געהאַט אַ „נבל ותוף וחליל וכנור״ (שמואל א׳, ה׳), און ווען די מעלאַנכאָליע האָט באַפאַלן שאולן, האָט מען געבראַכט פאַר אים דודן, דעם „איש מיטיב לנגן״ און ער האָט געשפּילט פאַר אים אויף דער האַרפע (דאָרט, ט״ז, כ״ג), און ביי דער שמחה ווען מען האָט צוריקגעבראַכט דעם ארון־קודש, האָט מען געשפּילט אויף כלערליי מוזיקאַלישע אינסטרומענטן: „בכל עצי ברושים בכנורות ובנבלים ובתופים ובמנענעים ובצלצלים (שמואל ב׳, ו׳, ה׳).

דוד המלך, דער שאַפער אין ליבהאָבער פון מוזיק, האָט איינגעפירט

דעם גרויסן כאָר פון לוויים־געזאַנג פאַרן ארון ד׳, לויטן פסוק (דברי הימים א׳, כ״ג, ה׳): „ארבעת אלפים להרים בקול, לשמחה בכלים, אשר עשה דוד להלל, נבלים ובנובות ומצלתים...״ פאַראַנען נאָך און נאָך פסוקים וועגן שיר און כלי־זמר.

אין גלות בבל האָבן יידן אויפגעהערט זינגען. די לוויים האָבן אויפגע־האנגען זייערע כנורות און געזאָגט: „איך נשיר את שיר ד׳ על אדמת נכר״ (תהלים, קל״ז, ד׳). אָבער ביים צוריקקער פון גלות בבל, באַלד ביי דער ערשטער עליה, נאָך דער פראָקלאַמאַציע פון כורש מלך פרס, האָבן יידן באַנייט דעם שיר און דאָס נייע געזאַנג איז געהערט געוואָרן צווישן די נייע עולים, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין עזרא (ב׳, ס״ה), אַז צווישן די עולים פון תלמלח זענען געווען „מאתים משוררים ומשוררות״...

אין תלמוד ווערט זייער אַ סך גערעדט וועגן „שיר של הלוויים״, וועגן דוכן־געזאַנג, וועגן געזאַנג בכלל, וועגן די כלי־נגינה, וועלכע מען האָט געניצט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. ר׳ יהודה זאָגט אַפילו, אין דער גמרא ערוכין (י״ג ע״ב), וואָס פאַר אַ כנור מ׳וועט נוצן אין צייט פון משיח און לעתיד לבא: „כנור של מקדש של שבעת נימין... של ימות המשיח שמונה... של עולם הבא — עשר״.

פאַראַן אַ מאמר אין דער גמרא (מגילה ל״ב, ע״א), וואָס זאָגט, אַז דער וואָס לערנט אָן געזאַנג („כל הקורא בלא נעימה ושונה בלא זמרה״) זאָגט אויף אים דער פסוק: וגם אני נתתי להם חוקים לא טובים (יחזקאל כ״, כ״ה), זאָגט דערויף תוספות אויפן אָרט, אַז געזאַנג העלפט צו געדענקען בעל־פה. דאָס ווייזן מיר טאַקע פון פעדאַגאָגישער דערפאַרונג. דער כח פון ניגון איז זייער גרויס. אין גלות, צוליב די צרות, איז געזאַנג פון אונדז פאַרגעסן געוואָרן. דער אומעט און שטענדיקער פחד האָבן דעם ייד גע־מאַכט פאַרגעסן אין זיין ניגון. פאַרזאָרגטע און פאַרמרה־שחורהטע, האָבן יידן פאַרלאָרן דעם חוש פון נגינה, וועלכער איז באַלעבט און אויפגעפרישט געוואָרן דורכן חסידיזם, וואָס האָט געלערנט התלהבות (צעפלאַמטקייט), דבקות (באַהעפטונג), התפשטות הגשמיות (אָפּשיידן זיך פון קערפּערלעכ־קייט) און שמחת־הנפש (גייסטיקע פרייד). אנשטאָט ענויים און סגופים, האָט דער בעש״ט געלערנט עבודה מתוך שמחה וחדווה.

אַז מ׳דאַרף דינען גאָט דורך שמחה און אַז עצבות איז ניט געזונט פאַרן ייִדישן מענטש, האָט שוין דער תלמוד אָנגעוויזן, ווי דער מאמר: „די שכינה רוט ניט דורך עצבות״. חסידות האָט אָבער אָט דעם געדאַנק געגעבן אַ נייע אויסשטאַטונג און אַ טיפן באַדייט און פאַרנעם. האָט טאַקע דער בעל התניא געלערנט, אַז עצבות קומט פון דער סטרא אחרא און ניט פון דער קדושה און אַז דעם יצר הרע קען מען נאָר באַזיגן דורך שמחה, פרייד, וואָס קוועלט אַרויס פון גלויבן, דורך פרייד, וואָס קומט פון הייליקער באַגייסטערונג. עצבות, האָט דער בעש״ט געזאָגט, איז אַ גרויסע שטערונג צו עבודת הבורא יתברך (צוואת הריב״ש).

און דעריבער האָט חסידות זיך גענומען באַקעמפן עצבות, אָוועקטרייבן אומעטיקייט. ניט לאָזן דעם ייִד אַריינפאַלן אין יאוש חלילה, און דאָס, פאַר־שטייט זיך, קאָן מען דערגרייכן דורך זינגען און טאַנצן, וואָס ברענגט צו „ביטול היש״ און ערשט דאַן דערפילן פולהאַרציק דעם „ישמח ישראל בעושיו״...

דער בעש״ט פלעגט זייער אַ סך זינגען מיט זיינע חסידים; מיטן כח פון נגינה האָט ער צוגעצויגן צו דער, דעמאָלט נאָך נייער, באַוועגונג פון חסידות. און די חסידישע לעגענדע דערציילט, אַז ווען ער איז נאָך געווען אַ באַהעלפער, האָט ער שוין געפירט די קינדערלעך מיט געזאַנג אין חדר אַריין און מיטן כח פון נגינה האָט ער אויך שפּעטער פאַרשפּרייט זיין חסידות־שיטה. מיט געזאַנג און טענץ האָט ער דערהויבן די נשמות פון די פאַרזאָרגטע און פיזיש־גייסטיקע צעבראָכענע ייִדן אין שווערן גלות.

אַנדערש פון דער „קבלה עיונית״, אַנדערש פון די סכאָלאַסטישע הלכה־ספרים און אַנדערש פון די מוסר־ספרים, אַפּעלירט צום ייִדישן האַרץ די נייע שיטה פון בעש״ט, דער נייער חסידישער דרך, וואָס איז, ווי אחד־העם, אין זיין מאמר „שינוי ערכין״, וויזט אָן, ניט ניי, האָט זיין מקור אין „זהר״ און אין די כתבי האר״י, אָבער דאָך פון חסידות באַנייט, אויפגע־לעבט און אויפגעפרישט און געוויזן דעם וועג פון עבודת השם דורך נייע מעטאָדן. מיט נגינה האָבן די באַגרינדער פון חסידיזם געזען, קאָן מען עפענען אַלע הימלישע טויערן, ווי עס זאָגט זיך אַ חסידיש ווערטל: „אויב מיט געוויין קאָן מען עפענען טויערן, קאָן מען מיט שמחה ברעכן מויערן״.

אין אַ בריוו צו זיין באַרימטן תלמיד ר׳ יעקב־יוסף, דער מגיד פון פולנאה (מחבר „תולדות יעקב־יוסף״), זאָגט אים דער בעש״ט אָן באזהרה גמורה, ניט צו מערן אין תענית 1).

רעדנדיק וועגן בעל־שם־טוב דריקט זיך אויס מיט אַ זייער שטאַרקער און דעפיניטיווער כאַראַקטעריזאַציע, דער מחבר פון „סדר הדורות החדש״, אַז „אויב דער האר״י האָט אַנטפּלעקט די געטלעכקייט אין הימל (געמיינט די הימלישע ספערן), האָט דער בעל־שם־טוב דאָס אַנטפּלעקט דאָ, ביי אונדז, אויף דער ערד...״ ער האָט ארויסגעבראַכט אויף אַ פאַרשטענדלעכן אופן אָט די וויכטיקייט פון דבקות און כוונות ביים דאַוונען, ביים לערנען, ביים טאָן מצוות — און אַפילו ביים עסן, ביי די גשמיותדיקע ענינים. ער האָט באַלעבט און געמאַכט יעדן איינעם פילן אָט דעם מאמר אין זוהר (פקודי, רס״ב, ווילנע) „מאן דקריב קמי מאריה וצלי צלותיה ולא אשלים... טב ליה דלא איברי״.

אמתע דבקות קאָן מען נאָר דערגרייכן דורך שמחה, וואָס קומט דורך אהבת השם, פילנדיק זיך ווי השי״ת איז דער פאָטער און מיר קומען צו אים אַלס זין. אינעם ספר „כתר שם טוב״ (פרק ז׳) איז געבראַכט אַ משל פון בעש״ט:

אַ גרויסער און קלוגער קעניג האָט געוואָלט אויספּרובירן זיינע מענטשן. האָט ער באַפוילן בויען אַרום אים טורעמס, טויערן, מויערן און ווענט און ביי יעדן טויער געהייסן וואַרפן און פאַרשפּרייטן דעם קעניגס אוצרות. זענען מענטשן געקומען צו איין טויער, געטראָפן אוצרות, געכאַפּט, אַהיים־געלאָפן און געקומען צום אַנדערן טויער — ווער האָט שוין אין זינען געהאַט קומען צום קעניג? דער איינציקער, וואָס האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט ביי די מחיצות, איז געווען זיין זון. ער האָט געוואָלט זען דעם פאָטער... דער ייִד וואָס פילט זיך ווי גאָטס קינד, ביי אים איז ניטאָ קיין הסתר. ער איז געקניפּט און געבונדן מיט השי״ת און מיט זיין תורה און אין די אותיות פון דער תורה זעט ער די געטלעכע ליכטיקייט, איז ממילא קען ער שוין ניט זיין פאַר־צווייפלט, מוז ער שוין זיין בשמחה...

---

1) תולדות הבעש״ט, 52.

חסידות האָט אַנטפּלעקט די פּאָעזיע פון תפילה, דאָס הויכע געזאַנג, בעתן מתדבק זיין מיט השי״ת. די תפילה האָבן חסידים געהאַלטן, איז זייער גוט אויפן פעלד, צווישן ביימער און גראָזן און לויטער־ריינער לופט, זיך צו באַהעפטן מיט דער נאַטור, מיט דער יצירה, מיטן קאָסמאָס און צוזאַמען זאָגן דאָס געזאַנג צום באַשעפער 2).

„דער בעש״ט, — דערציילן חסידים — איז אַמאָל געגאַנגען אונטער־וועגנס אויף פעלדער און צווישן וועלדער, פּלוצלונג רופט ער זיך אָן: „איר האָט געהערט דעם ניגון פון די גראָזן?... די גאַנצע וועלט איז פול מיט קולות. יעדער אבר פון דער בריאה האָט זיך זיין קול. ווען אָן אבער איז שמחהדיק, טאַנצט עס צו זיין אייגענעם קול... ווען עס איז אָן עת רצון, זינגען אַלע אברים, און דאָך הערט מען יעדן אבר באַזונדער... גאָר ווייניק זענען אָבער זוכה צו הערן, צו וויסן און צו באַנעמען, וואָס מען הערט און מען זעט״...

מיטן קול פון נגינה, האָבן די חסידות־באַגרינדער געזאָגט, דערגרייכט מען צו די העכסטע מדרגות און מען איז זוכה צו דער גאולה, צו משיחן. מיט אַ ניגון, אַ פריילעכן ניגון קען מען דערהייבן זיך צו די העכסטע ספערן פון מחשבות און דמיונות, ווייל די שפּראַך פון ניגון איז שטאַרקער, טיפער, נשמהדיקער.

דער ניגון איז אויך די שפּראַך פון דער גאַנצער בריאה, דער אוני־ווערסאַלסטער אויסדרוק פון מענטשלעכער פרייד און מענטשלעכן צער. מיטן ניגון פירט דער פּאַסטוך זיינע שאָף. מיטן ניגון דערהייבט מען דעם מענטש גייסטיק און מאָראַליש און מען לאָזט אים ניט אַריינפאַלן אין מרה־שחורה. דער ניגון איז אויך די שפּראַך פון פויגל אין וואַלד און אָט ווי דעם בעש״טס אייניקל, איינער פון די טיפסטע דענקער פון חסידות, ר׳ נחמן בראַסלאַווער (ה׳ תקל״ג—תקע״א; 1770—1810), שילדערט די תפילה אין פעלד:

„ווינטער זענען אַלע גראָזן און אַלע שפּראָצונגען טויט. עס קומט דער זומער ווערן זיי אַלע אויפגעוועקט צום לעבן, איז גוט דעמאָלט צו שפּאַ־

2) זע ספר תולדות יעקב יוסף, ויצא, ויחי.

צירן אין פעלד, ווען יעדער גרעזל זאָגט זיך זיין שירה. ווי אַנגענעם עס איז צו הערן זייערע געזאַנגען! און ווי גוט עס איז דעמאָלט צו זאָגן שירה צוזאַ־מען מיט דער גאַנצער בריאה... מיט דער תפילה אין שויס פון דער נאַטור רופט אַרויס אַ מענטש אַלע עולמות צו לויבן דעם באַשעפער״3).

דאָס זינגען פאַרנעמט אַ גרויס אָרט ביי אַלע נאָכפאָלגער פון דעם בעש״ט. אָבער גאָר באַזונדער ביי זיי געטרייסטן אייניקל, ר׳ נחמן בראַסלאַ־ווער. „זייט וויסן, האָט ער אַמאָל געזאָגט צו זיינע תלמידים, — יעדע חכמה האָט זיך איר ניגון, וואָס נאָר דורך דעם ניגון קען די חכמה עקזיסטירן. אַפילו די חכמה פון אפיקורסות האָט זיך איר ניגון... מיטן ניגון פון צדיק ווערן אָט די נשמות וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין אַפיקורסות דערהויבן״4).

און אויף אַן אַנדער אָרט זאָגט ער, אַז דורך נגינה קאָן מען קומען צו דער בחינה פון נבואה5).

די שיינקייט פון ניגון, איז דאָס העכסטע אין דער וועלט. דער ניגון איז פון די וויכטיקסטע אינסטרומענטן פאַר גייסטיקער השפעה. „די שכינה — לערנט אונדז ר׳ נחמן — איז זיך מתלבש אינעם קול פון ניגון... דער זמר פון אמונה־ניגון ציט מיט זיך די ניגונים און זמירות פון אַלע חכמות״6).

אין אַלע זיינע ספרים און אויך אין די ספרים און בריוו פון זיין תלמיד און פראָפּאַגירער פון זיין שיטה, ר׳ נתן נעמיראָווער, ווערט אומעטום גע־רעדט וועגן דעם גרויסן באַדייט פון נגינה. יעדער חסיד דאַרף קענען און פאַרשטיין געזאַנג, דאַרף זיין יודע נגן, ווייל נאָר דורך דעם געזאַנג קאָן דער מענטש דערגרייכן צו פולשטענדיקער פרייד, וואָס איז אַזוי נויטיק אין ביטערן גלות. אין אַ קומענדיקן פּרק וועלן מיר רעדן וועגן בראַסלאַווער נגינה. דאָ שרייבן מיר בעיקר וועגן באַגרינדער פון חסידות און חסידיש געזאַנג, וועגן בעש״ט, אין וועמענס ניגון עס איז געלעגן באַהאַלטן דער סוד פון חסידות. אויף די פליגלען פון הייליקן ניגון האָבן זיך געטראָגן הייליקע יידישע נשמות. דורך דעם ניגון האָט ער „מטהר״ געווען יידישע נשמות.

---

3) זע שיחות מהר״ן צ״ח, קס״ג; לקוטי מהר״ן י״א, חלק א׳, קל״ב.
4) דאָרט, ק״ד.
5) לקוטי עצות. אות נגינה.
6) זע לקוטי מהר״ן, הורודצקי, החסידים והחסידות, חלק ג׳, כ״ט—נ״א.

4. תלמידים פון בעש״ט

שילדערנדיק אין זיין אויטאָביאָגראַפיע דעם מעזריטשער מגיד, דעם רבין ר׳ בער, זיין הויף און סביבה 1) מיט אַזאַ אומפאַרגלייכלעכער פּינקטלעכקייט און מאָלערישקייט, דערציילט שלמה מימון וועגן אַ דרוש, וואָס ער האָט געהערט פונעם מגיד איבער נגינה. דער פּסוק זאָגט: „והי׳ כנגן המנגן ותהי עליו רוח אלקים״, וואָס עפּעס כנגן המנגן? ס׳האָט געדאַרפט זיין והי׳ כנגן... דער תירוץ איז, ווען אַ מענטש זינגט, קען ער האָבן פּניות, זיך באַווייזן מיט זיין טאַלאַנט; אַנדערש איז, ווען ער שפּילט אויף א מוזיקאַלישן אינסטרומענט. די כלי האָט ניט קיין פּניות, זי איז ערלעך, גיט אַרויס טעגער, ווייל זי איז דערויף באַשאַפן געוואָרן...

דאָס מיינט, האָט דער רבי ר׳ בער געזאָגט, דער פּסוק: „והי׳ כנגן המנגן...״, ווען דער זינגער וועט זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון מוזיקאַלישן אינסטרומענט, זינגען אָן פּניות, דאַן וועט רוען אויף אים דער גייסט פון גאָט, דאַן וועט ער זיין געבענטשט מיט אמתן טאַלאַנט... איינער פון די יונגע חסידות־פאָרשער, יוסף ווייס, איז שטאַרק באַגייסטערט פון מיימונס זכרון, איבערגעבנדיק געני די ווערטער פון מעזריטשער 2). ס׳איז אָבער מעגלעך, אַז ער האָט דאָס געהערט פון חסידים און דאָס געזען אין חסידישע ספרים.

ר׳ יעקב־יוסף ב״ר צבי כ״ץ מפולנאה (נפטר תקכ״ט), איז געווען דער ערשטער וואָס האָט פּאָפּולאַריזירט און אַרויסגעבראַכט די לערע פון בעש״ט אין שריפט. פריער איז ער געווען אַ מתנגד און ווי אַן אָפּשטאַמיקער פונעם מקובל ר׳ שמשון אָסטראָפּאָליער, פון תוספות יום־טוב, געהאַט גרויס אָנזען אין דער לומדיש־רבנישער וועלט. נאָך איין נסיעה אין מעזשיבעזש,

---

1) זע, 19טער קאַפּ. שאָקן־אויסג., דייטש., ז׳ 106. דער דאָזיקער געדאַנק ווערט אויך אַרויסגעבראַכט אויף אַ מער באַריכותדיקן אופן אין די ספרים „תפארת עוזיאל״ (וואַרשע, תרכ״ב, ז׳ ל״ט, ע״ב), אין „מגיד דבריו ליעקב״, „אור תורה״, „אור האמת״ (תר״ס, ז׳, ח׳, ע״ב).

2) ציון, ירושלים, שנה י״ב, א׳־ב׳, תשרי־טבת, תש״ז, ז׳ 97.

זיך טרעפנדיק מיטן בעש״ט, איז ער געוואָרן אַ פלאַמיקער חסיד און זיך גענומען פאַרשפּרייטן חסידות דורך זיינע ספרים: תולדות יעקב־יוסף, צפנת פענח, בן פורת יוסף, כתונת פסים.

דער בעש״ט האָט אים שטאַרק ליב געהאַט, זיך אויסדריקנדיק, אַז ווען ער וואָלט מער ניט געגעבן דער וועלט, ווי דעם דאָזיקן יאָסעלע, וואָלט ער שוין גענוג געגעבן דער וועלט. ר׳ פינחסל קאָרעצער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דער תולדות יעקב־יוסף איז געדרוקט אין טויזנט עקזעמפּליאַרן און יעדער עקזעמפּליאַר קאָסט איין טאָלער, ווען ער וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט, וואָלט ער געקויפט איין בוך פאַר טויזנט טאָלער... אַזוי הויך האָט ער געהאַלטן דעם ווערט פון אַ ספר פון ר׳ יעקב־יוסף.

די ספרים ווערן טאַקע באַטראַכט פון אַלע חסידות־פאָרשער פאַר די ערשטע מקורים פון בעש״טס חסידות. מיט אַ צייט צוריק, האָט דער פריִער דערמאָנטער יוסף וויס, פאַרעפנטלעכט אַ מאמר אין „ציון״ וועגן אָנהייב פון חסידות 3), האָט ער זיך גענומען צו די ספרים פון ר׳ יעקב־יוסף, זיך פאַרמאָסטן צו באַווייזן זיופים אין זיינע ספרים; אָבער ער האָט באַלד געכאַפּט זיין גאָב, „ושקל למטרפסיה״. דער מומחה איבער חסידות און באַרימטער ביבליאָגראַף ר׳ חיים ליבערמאַן האָט אים באַצאָלט פאַר אָט דער געוואַגטקייט 4).

ר׳ חיים ליבערמאַן איז דאָ ממש מקדש השם, אָנווייזנדיק, אַז יונגע פאָרשער טאָרן ניט זיין אַזוי געאיילט מיט זייערע אויספירן און ער באַווייזט, אַז די ציטאַטן פון ר׳ יעקב־יוסף זענען געגנבֿט ווי אין „ספרי״ און במילא ווערן צעלייגט די אָנקלאַגעס פון זיוף אויפן חשבון פונעם חסידות־פאַרשפּרייטער און בכלל, ווייזט ער אָן אויף אָן ערלעכן וועג צו שטודירן חסידות, וואָס פאָדערט באַהאַוונטקייט און פאַרשטענדיקייט.

ער פירט דערביי אַ גאָר שאַרפן וויכוח מיט אַנדערע פאָרשער, וואָס האָבן אָן אויבערפלעכלעכן לייכטזיניקן צוגאַנג צו חסידות־פאָרשונג און זוכן ניט געגנבֿ זיך צו באַקענען מיט חסידות פון אינעווייניק, לערנען אין

3) אונטער דער רעדאַקציע פון יצחק־בער, בן־ציון דינאַבורג, ישראל היילפּרין, שנה ט״ו, ג־ד, תשי״א.

4) בצרון, ניו־יורק, שנה י״ד, חוב׳ ג׳, כסלו־טבת, 1953, ז״ז 1—10.

די ספרים און פאַרטיפן זיך אין די געדאַנקען וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט. ער דערמאָנט למשל, דעם ספר „אור הגנוז", וואָס פאַרשער גיבן אָן, אַז זיי ווייסן ניט ווער דער מחבר איז און אין דער אמתן, ווייזט ער אָן, איז דער מחבר גוט באַקאַנט, ר' אהרן הכהן מאַפּטאָ, רב אין זשעלעכאָוו און בילגוריי, פוילן.

דער ספר הגנוז, ווייזט ער אָן איז געבויט אויפן „תניא" און תורה אור און האָט הסכמה פון די גדולי הרבנים ווי ר' לוי־יצחק באַרדיטשעווער, ר' ישראל, דעם קאָזשעניצער מגיד, ר' יעקב־יצחק הורוויץ, פון לאַנצוט, „הדר בק"ק לובלין" און אויך פון לובלינער רב, ר' עזריאל הורוויץ, באַקאַנט אַלס „דער אייזערנער קאָפּ". זייער אינטערעסאַנט, אַז אַ חסידיש ספר זאָל האָבן די הסכמה פון אַ פאַרברענטן מתנגד פונעם „חוזה"...

***

און צוריק צום ניגון.

ר' ישראל בעל־שם־טוב האָט אָנגעהויבן מיטן ניגון צוציִען יידישע קינדער צו יידישקייט. ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, פלעגט ער זינגען אין די גאַסן. די חסידישע לעגענדע ווייס צו דערציילן, אַז דאָס קול פון דעם ייִנגל האָט „געשפּאָלטן הימלען און אַרויסגערופן אין הימל אַ באַזונדערן נחת־רוח ווי דער שיר של הלוויים אין בית־המקדש". דאָס מוזיקאַלישע אין אים איז געווען איינגעוואָרצלט „מבטן ומלידה"; פון געבורט איז אין אים אַנטוויקלט געווען אַ הייליק פּאָעטיש־מוזיקאַלישער חוש און אַ „הרגש הלב" פאַר געזאַנג. דער ניגון ווי ער איז פון אים שפּעטער געהערט גע־וואָרן, באַגלייט מיט אַ זיפץ, מיט אַ קרעכץ און מיט אַ הייליקן עקסטאַז ווי ווערטערלאָזע תפילה צום טאַטן אין הימל, האָט ממש פאַרכאַפּט די עמאַ־ציעס פון דעם אוקראַיִניש־גאַליציש־פּוילישן ייד. די יידישע אַטמאָספערע איז געוואָרן באַהערשט פון חסידיש־בעל־שם'ישן ניגון.

וועגן זין פון דעם בעל־שם'ישן ניגון, וואָס קוועלט אַרויס פון דער גייסטיקער רוחניותדיקער שמחה, וואָס חסידיזם האָט געלערנט, האָבן שוין געשריבן די פאַרשער פון חסידות, ווי ר' אהרן מאַרקוס, פּראָפעסאָר מאַר־טין בובער און אַנדערע און ניט ווייניקער די היסטאָריקער און כראָניקער

ווי: דובנאָוו, האָראָדעצקי, מוזיקאָלאָגן און קענער פון חסידישן ניגון, ווי מ. ש. גשורי און אַנדערע.

דער חסידישער ניגון איז אַ רעזולטאַט פון קדושהדיקער שמחה, פון הימלשער פרייד. דאָס לאַכן אָדער טאַנצן פון הייליקן רבין איז גאָר אָפט געווען אַ סימן אויף אַ ווייטן קוק.

דערציילט די חסידישע לעגענדע:

דער בעש"ט איז אַמאָל געזעסן פרייטיק צו נאַכטס ביי דער סעודה מיט זיינע תלמידים און גערעדט וועגן שמחה און עצבות. פּלוצים צעלאַכט ער זיך, איינמאָל, נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. האָבן די תלמידים זיך איבער־געקוקט און געשטוינט. זיי ווייסן, דער בעש"ט איז שטענדיק בשמחה, אָבער אַזאַ לאַכן האָבן זיי ביי אים ניט געזען. זיי האָבן אים אָבער ניט איבערגע־פרעגט און געוואַרט, ער זאָל זיי אַליין דערקלערן. דער בעש"ט האָט אָבער דעם גאַנצן שבת געשוויגן. ערשט שבת־צו־נאַכט האָט ער אַ זאָג־געטאָן צו זיינע תלמידים:

„איר האָט זיך געוווּנדערט פאַרוואָס איך האָב געלאַכט. איר וועט עס באַלד וויסן. גייט אַהיים, טוט זיך איבער וואָכעדיק, וועלן מיר זיך אַביסל דורכפאָרן אויסער דער שטאָט".

אַז דער בעש"ט זאָגט, דאַרף מען פאָלגן. גלייך נאָך זייער איבערטאָן זיך, האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אַריין, און ווי די לעגענדע גיט צו, האָט ער געהאַט קפיצת־הדרך און באַלד אײַנדערפרי אָנגעקומען אין קאָזשעניץ.

ער האָט געהייסן רופן צו זיך דעם אײַנבינדער מיט זיין פרוי. ווען זיי זענען געקומען, האָט זיך דער בעש"ט אויפגעשטעלט און געזאָגט דעם אײַנ־בינדער: „איך בעט דיך, דערצייל, וואָס מיט דיר איז פאָרגעקומען פרייטיק צו נאַכטס. זאָלסט פאַר מיר גאָרנישט באַהאַלטן". האָט דער אײַנבינדער אין גרויס שרעק אָנגעהויבן דערציילן:

— איך בין אַן אָרימער בעל־מלאכה, אַן אײַנבינדער, און פון דער מלאכה זיך מפרנס געווען דאָס גאַנצע לעבן מיינס; איך בין קיינמאָל ניט אָנגעקומען צו מתנת בשר ודם. מיין מנהג איז שטענדיק געווען פון דאָ־נערשטיק צוגרייטן אויף שבת; פרייטיק פאַרנאַכט פלעג איך גיין אין בית־המדרש, פריִער פאַר יעדן, אָפּזאָגן מיט כוונה שיר השירים און נאָך עט־

לעכּע קאַפּיטלעך תהילים... ווען איך בין אַלט געוואָרן און מער ניט געהאַט קיין כּוח צו אַרבעטן, האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרקויפן אַלצדינג פון מיין שטוב און ניט געוואָלט אָנקומען צו נדבות. די לעצטע וואָך האָב איך שוין גאָרנישט נישט געהאַט צו פאַרקויפן. האָב איך מיט מיין ווייב באַשטימט דעם שבת צו פאַסטן, אַבי ניט בעטן ביי קיינעם קיין נדבות. מיר האָבן זיך תקיעת־כּף געגעבן, אַז קיין בן אדם זאָל פון אונדזער תענית ניט וויסן... איך בין מיר אַוועקגעגאַנגען, ווי מיין שטייגער איז, אין בית־המדרש. נאָכן דאַווענען האָבן איך מיך געלאָזט אַהיים גיין. קומענדיק, ניט וויט פון דער שטוב, האָב איך באַמערקט, אַז ביי מיר אין שטוב ברענען שבת־ליכט. עס האָט מיר געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרצן און איך האָב געטראַכט, ניט אומזיסט האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט: „נשים דעתן קלות". עס איז קיין אונטער־שייד נישט פון איין פרוי צו דער אַנדערער. אָט האָט מיין פרום ווייב עובר געווען אויף איר תקיעת־כּף און געבעטן הילף ביי אַ בשר־ודם. קומענדיק אין שטוב אַריין, האָב איך גאָרנישט געזאָגט, כאָטש די טרערן האָבן מיך געשטיקט. איך האָב ניט געוואָלט פאַרשטערן שבת, אָפּגעזאָגט „שלום־עליכם", געמאַכט קידוש, זיך געוואַשן. דאָס ווייב האָט דערלאַנגט גוטע פיש, נאָכדעם יויך, לאָקשן מיט פלייש. איך האָב געגעסן און מיך האָט געוואָרגן...

נאָכן עסן, האָב איך אין אַ ווייכער שטימע געפרעגט מיין ווייב, זעט אויס, אַז דו קענסט ניט מקבל זיין דאָס שלעכטס... אָבער זי לאָזט מיך ניט אויספירן מיינע רייד. מיין מאַן, — זאָגט זי צו מיר — געדענקסטו דאָס קלייד מיט די זילבערנע קנעפּ און גאָלד אויסגעהאַפטן, וואָס איז מיר פאַר־לוירן געגאַנגען? ביים אויסקערן די שטוב, האָב איך עס געפונען און פאַר־קויפט און געמאַכט שבת... פאַר גרויס שמחה זענען מיר טרערן פון די אויגן גערונען. איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטן און פאַר גרויס שמחה גענומען מיין ווייב צו א טענצל. דריי מאָל מיט איר געטאַנצט. אויב דאָס איז געווען אַ זינד, בין איך גרייט תשובה צו טאָן... השי"ת ווייסט אָבער דעם אמת, אַז מיין כּוונה איז געווען לשם שמים".

— איר הערט — רופט זיך אָן דער בעל־שם־טוב — ווען ר' שבתי האָט געטאַנצט מיט זיין ווייב, האָט די גאַנצע „פּמליא של מעלה" מיטגע־טאַנצט.

דער בעש״ט האָט צוגערופן דעם ר׳ שבתי איינבינדערס פרוי און האָט איר געפרעגט, וואָס זי וויל בעסער: „עשירות אָדער אַ זון״. די לעצטע האָט פאַרלאַנגט אַ זון. האָט איר דער בעש״ט פאַרזיכערט, אַז אין אַ יאָר אַרום וועט זי האָבן אַ זון, וואָס וועט באַלייכטן די וועלט און יענע וועלט און איר אָנגעזאָגט, זי זאָל אים רופן ישראל, ווי זיין נאָמען. דער זון איז געווען דער באַרימטער קאָזשעניצער מגיד, ר׳ ישראל זצ״ל, חבר פון די באַרימטע רביים, ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער, ר׳ נפתלי ראָפּשיצער, ר׳ יעקב יצחק („חוזה״) לובלינער און אַנדערע.

לויט דער טראַדיציע האָט דער בעל־שם־טוב געשאַפן דעם ניגון צו „אשת חיל״ אַלס אַריינפיר צו „שבת מלכתא״ און צו דעם קאָזשעניצער מגיד איז מען מיחס דעם חסידישן ניגון צו „הללויה אודה״ ביי מנחה פון שבת און „אמר ד׳ ליעקב״ פון דער מלוה־מלכה, מוצאי־שבת. עס איז דער הערלעכער בוים מיט די שיינע פרישע צווייגעלעך. דער בעש״ט און זיינע טייערע נאָכפאָלגער, וועלכע האָבן, ווי ער, פאַרשפּרייט ליכטיקייט, שמחת הנפש און בטחון און ס׳איז ניט קיין ווונדער, וואָס איינער פון די גרויסע רביים (אַזוי דערציילן חסידים) האָט ליגנדיק אין בעט פאַר דער פּטירה, געהייסן כל־זמרים אויפשפּילן אַ חסידיש פריילעכס און חסידים זאָלן מאַכן אַ ריקודל. אַנשטאָט דעם ניגון פון עלעגיע, פון אומעטיקייט, זאָל מען אַפילו ביי דער פּטירה הערן דאָס געזאַנג, וואָס דערוועקט גלויבן און בטחון, אַז מיר וועלן אַלע אויסגעלייזט ווערן פון אונדזערע ליידן און אַז מיר אַלע וועלן אויפגעהויבן ווערן פון תהום, אין וועלכן מיר זינקען.

יאָ, אויפן בעש״ט האָט מען געקאָנט זאָגן „צדיק יסוד עולם״ — דער צדיק איז דער פונדאַמענט פון דער וועלט. ער האָט געוואָלט הייליקן די ערד, שאַפן די הימלשע קעניגרייך אויף דער ערד, שאַפן אַ לעבעדיקע הייליקייט אויף אונדזער וועלט.

ניט קיין ווונדער, וואָס דער נאָמען בעש״ט מיט זיין גענייאַלער תמי־מותדיקייט האָט דערוואָרבן די הערצער פון די יידישע קיבוצים אין אוק־ראַינע, פוילן, גאַליציע און אַנדערע געגנטן פון מזרח־אייראָפּעיִשן שטח. ווי פון אַ הימל געראָפענער מורה־דרך, ווי אַן עמוד־האש, האָט ער באַלויכטן דעם וועג פון די, וועלכע האָבן געשפּאַנט איבער די פינצטער בלאָטיקע

געסלעך אין אַנגעווייטיקטע הערצער. מיטן חסידיש־צאַרטן ניגון האָט ער פאַרטריבן אַלע טונקלקייטן.

וועגן בעש״טס מלמד זכות זיין אויף יידן און זיין קעגנערשאַפט צו די בייזע מגידים, איז כדאי צום סוף צו ברענגען זיין משל:

אַ בן־מלך איז פאַרשיקט געוואָרן פון זיין פאָטערס מדינה. צוויי משר־תים זענען מיט אים מיטגעפאָרן און מען האָט באַאויפטראַגט, זיי זאָלן באַ־ריכטן ווי ער פירט זיך אויף.

איין משרת האָט געמאַכט אַ טרוקענעם באַריכט פון די פאַקטן, וואָס איז געווען ניט גינסטיק פאַרן פרינץ.

דער צווייטער משרת האָט געמאַכט דעם זעלבן באַריכט, אָבער ער האָט צוגעגעבן, אַז דעם בן־מלכס שלעכטע אויפפירונגען איז אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס ער איז געווען אין דער פרעמד, אין גלות. דאָס שאַפט ביי אים אַ געפיל פון מרה־שחורה, פון פאַרביטערטקייט, פון אומפאַראַנט־וואָרטלעכקייט.

דורך אָט־דעם באַריכט האָט דער פאָטער געהאַט מיטלייד מיט זיין זון, אים צוריקגעבראַכט אין פּאַלאַץ און נאָך באַלוינט דעם געטרייען משרת...

5. הסתלקות פון בעש״ט

דער ערשטער טאָג שבועות, איז די יאָרצייט פונעם באַגרינדער פון חסידות — ר׳ ישראל בעל־שם־טוב זי״ע, וועמענס נאָמען איז פאַרוועבט אין אגדות און פאַרהייליקט ביי חסידים. די חסידישע לעגענדע האָט אַ סך באַדייט צוגעגעבן דעם פאַקט, וואָס דער בעש״ט איז נסתלק געוואָרן שבו־עות, דעם טאָג פון מתן תורה און יאָרצייט פון דוד מלך ישראל, חי וקים.

וועגן דעם געבורט, יוגנט און התגלות פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, זענען דאָ אומצייליקע לעגענדעס, פונקט ווי ס׳איז רייך די אגדה־ליטעראַ־טור וועגן זיין ווערן אַ רבי און גרינדער פון חסידות. אויך זיין פאָטער אליעזר, איז פאַרוועבט אין לעגענדעס.

ס׳ווערט דערציילט אַז ער איז פאַרקויפט געוואָרן דורך רויבער פאַר אַ

קנעכט צו אַ פריץ — און דער לעצטער, זעענדיק אין אים אַ גרויסן חכם, האָט ער אים אַוועקגעשענקט צום קעניג, ביי וועמען ער איז געוואָרן דער בעל־יועץ.

זייענדיק צופרידן פון זיין קלוגשאַפט און לאָיאַליטעט, האָט ער אים געגעבן פאַר אַ כלה, איינע פון די פרינצעסינס, דעם וויצע־קעניגס טאָכ־טער. יענע האָט אָבער געזען, ווי קאַלט ער איז צו איר, ווי גלייכגילטיק ער באַנעמט זיך, ווי פאַרטרויערט ער איז, האָט זי אים געפרעגט די סיבה — און ווען ער האָט איר דערציילט די גאַנצע געשעעניש, ווי אַזוי ער איז געקומען צום קעניג, אַז ער האָט איבערגעלאָזן אַ יונגע פרוי, אַז ער בענקט אַהיים צו זיין פאַמיליע, האָט זי אים געהאָלפן אַהיימפאָרן און נאָך מיט־געגעבן מתנות פאַר זיין פרוי.

אויפן וועג, האָט אליהו הנביא זיך באַוויזן צו אים, אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז צוליב זיין פרומקייט, וועט אים געבוירן ווערן אַ זון, און ער זאָל אים אַ נאָמען געבן ישראל, ווייל ביי אים וועט מקוים ווערן דער פסוק: „עבדי אתה ישראל, אשר בך אתפאר (ישעיה, מ״ו, ג׳).

ר׳ אליעזר און זיין ווייב האָבן לאַנגע יאָרן געהאָפט אויף דער דער־פילונג פון דער ברכה. ערשט אויף דער עלטער, ווען ר׳ אליעזר איז שוין געווען קרוב צו 100 יאָר אַלט, איז אים געבוירן געוואָרן דער לאַנג־דער־וואַרטעטער זון. לאַנג האָט ער זיך מיט אים ניט געפרייט. ער איז באַלד נפטר געוואָרן. אויך די מוטער איז באַלד געשטאָרבן און דער אויסגעבעטענער און אויסגעוווּנטשענער ישראל, איז געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום. געלעבט האָט ער פון דעם וואָס גוטע, פרומע לייט האָבן אים אויסגעהאַלטן, באַזונ־דערס האָבן זיך מיט אים אָפּגעגעבן די פרויען פון שטעטל. ער אַליין פלעגט לויפן אין וועלדער און פעלדער. אין עלטער פון צוועלף יאָר, איז ער שוין געווען אַן אונטער־בעלפער ביי אַ מלמד, און אויף זיינע פלייצעס געטראָגן ייִדישע קינדער אין חדר אַריין. ער איז דערנאָך געוואָרן אַ „גאַנצער בעל־פער״ און, לסוף, דערגרייכט די מדרגה צו ווערן אַ מלמד אין טלוסט, ביי בראָד.

זיין התנהגות איז דאַן געווען: בייטאָג, געלערנט מיט תלמידים; ביי־נאַכט געפּראַוועט התבודדות, און זיך פאַרטיפט סיי אין תורת הנגלה, סיי

אין תורת הנסתר: אין גמרא־פסוקים און אין קבלה. ער האָט זיך שטאַרק אויסגעהיט, אַז מ׳זאָל זיך דערוויסן פון זיין לומדות.

ווען ער איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר, האָט ער חתונה געהאַט. ער איז אָבער ניט געווען מזלדיק מיט זיין ערשטער הייראַט. זיין פרוי איז אים באַלד געשטאָרבן. ער איז נאָכדעם געווען אין קיטעוו, דאָרט שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם רייכן ר׳ אפרים, וועלכער האָט אים צוגעזאָגט געבן זיין טאָכטער חנה פאַר אַ פרוי. אָבער דאָ איז ווידער געשען אַן אומגליק: ר׳ אפרים איז פלוצלינג געשטאָרבן און זיין זון ר׳ גרשון, איז געווען קעגן שידוך, ניט געוואָלט, אַז זיין שוועסטער זאָל ווערן די פרוי פון אַ „פּראָסטאַק״... דער סוף איז געווען, אַז חנה האָט דווקא געוואָלט דעם שידוך, חתונה געהאַט און אַוועק מיט איר מאַן וווינען אין אַ דערבייַיקן דאָרף, ביי די קאַרפּאַטן־בערג.

דאָרט, צווישן די בערג, האָט דער בעש״ט געפונען דאָס בעסטע אָרט פאַר זיינע דבקותן. וואָס שייך פרנסה, האָט זיין ווייב געטאָן פאַרשיידענע מלאכות, לסוף, האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט, מיט דער הילף פונעם שוואָגער, אַ קרעטשמע און דערפון געצויגן חיונה. אָבער אַלץ געטאָן קיינער זאָל ניט וויסן פון אים, פון זיין לערנען און פון זיינע ידיעות אין תורה. זיין אייגענער שוואָגער, ר׳ אברהם־גרשון פון קיטעוו, איינער פון די „חכמי בראָד״ האָט אויך ניט געוווסט, אַז ר׳ ישראל קען לערנען און ער האָט זיך געשעמט מיט זיין שוואָגער...

**
*

ס׳מוז אָבער קומען אַ צייט, ווען דער מענטש ווערט געצוווּנגען נתגלה צו ווערן.

אין חסידישע ספרים, גייט די מעשה אַזוי: ר׳ ישראל איז געוואָרן אַן אַרענדאַר פון אַ קרעטשמע אין בראָדער געגנט. האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז אַ תלמיד פון ר׳ גרשון קיטעווער, אַ גרויסער תלמיד־חכם, איז פאַרבייגעפאָרן די קרעטשמע און זיך געשאַפט מיטן אַראַנדאַר, ווי ער וואָלט געווען זיין משרת, אַ פּראָסטער עם־הארץ וואָס ער דאַרף אים ניט אָפּגעבן קיין כבוד.

עס איז געווען אַ דינסטיק, און דער ייִד האָט געקענט אַריינפאָרן אין

בראָד אין עטלעכע שעה. האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז מן השמים, האָט מען געפּירט, אַז ער זאָל בלייבן אין דאָרף ביים אַרענדאַר אויף שבת: דאָ איז צעבראָכן געוואָרן אַ ראָד, דאָ די אַקס, דאָ אַן אַנדער ראָד און קיין קאָוואַל איז ניט געווען און, באין ברירה, איז ער געבליבן דאָרט איבער שבת.

אַ גאַנצן שבת, האָט ער ניט געזען קיין אויסערגעוויינלעכס. אָבער, ווען ס׳איז געקומען צו שלוש־סעודות, און ר׳ ישראל האָט אָנגעהויבן זאָגן תורה, געוואָרפן מיט קבלה־מאמרים, איז דער תלמיד געבליבן אַ פּאַראַפּ־טער פון גרויס איבעראַשונג — אַזעלכעס האָט ער ניט געהערט. ער איז אַוועק קיין בראָד און דערציילט פון דעם שבת ביי ר׳ ישראלן — און באַלד איז דער בעל־שם נתגלה געוואָרן. פון אומעטום האָבן מענטשן געשטראָמט: ווער נאָך אַ רפואה; ווער נאָך אַ חסידיש וואָרט; ווער נאָך אַ מדריך, און ר׳ ישראל האָט זיך באַזעצט אין מעזשיבעזש, וואָס איז געוואָרן דער צענטער פון חסידיזם, און צוזאַמען מיט זיינע תלמידים פאַרשפּרייט דעם נייעם דרך פון עבודת־השם, דעם דרך פון דינען גאָט מיט שמחה, מיט אַ פריידיק האַרץ, די נייע שיטה פון אַבסאָלוטן אָפּטימיזם וואָס דערהויבט דעם מענטשן צו געטלעכער הכרה.

ר׳ ישראל בעש״ט האָט שטאַרק מקרב געווען דעם פּשוטן, ערלעכן יידן, אַפילו ער איז ניט געווען קיין גרויסער בן־תורה; ער האָט די יידישע מאַסע ניט געלאָזט אַריינפאַלן אין עצבות און ער האָט נאָר פאַרלאַנגט פון זיי צו דינען גאָט מיט שמחה, יידן ביי וועמען דער שולחן־ערוך איז אין זייערע הערצער.

אַ יסוד אין זיין שיטה איז געווען אַז כביכול איז אומעטום, אַז „לית אתר פנוי מניה״, אַז יעדע זאַך האָט אין זיך עפּעס פון די נצוצות קדושות — און מ׳דאַרף בלויז וויסן, ווי אַזוי די דאָזיקע נצוצות אַרויסצובאַקומען. ער האָט דעריבער געלערנט קעגנערשאַפט צו אַסקעטיזם און געפּרעדיקט די וויכטיקייט פון דבקות, פון דערגרייכן צו דער מדרגה פון האָבן דאָס געפיל פון באַהעפטן זיך מיטן באַשאַפער, פון דערגרייכן צום עקסטאַז פון בלויז נשמה און גייסטיקייט און דאַן קען אָט דער חלק אלקי ממעל זיך באַ־העפטן מיטן מקור, מיטן בורא עולם.

***

באַלד נאָך פּסח פונעם יאָר תק״ך, איז דער בעש״ט קראַנק געוואָרן. ער האָט שטאַרק געליטן אויפן מאָגן און ס׳איז ביי אים אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. די ערשטע נאַכט שבועות, האָט ער פאַר זיינע מקורבים געזאָגט תורה און באַלד נאָכדעם זיי אָנגעזאָגט ווער ס׳זאָל זיך מיט אים מתעסק זיין נאָך זיין פטירה.

ער האָט דאַן זיך געהייסן דערלאַנגען דעם אר״יס סידור און אַזוי גע־האַלטן אין איין זאָגן פונעם סידור, און פלוצלינג אויסגערופן די ווערטער: „בידך אפקיד רוחי, פדית אותי, ד׳ אל אמת״. אין יענעם מאָמענט, האָט זיך אין זיין צימער אָפּגעשטעלט סיי דער גרויסער וואַנט־זייגער, סיי דאָס קליינע זייגערל אויפן טיש — און די גרויסע נשמה איז אַרויף אין די הע־כערע עולמות.

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז נסתלק געוואָרן דעם ערשטן טאָג שבועות, תק״ך (1760) אין עלטער פון 62 יאָר לערך.

עס ווערט דערציילט, אַז דער בעש״ט זי״ע, האָט געלאָזן נאָך זיך זי־בעציק תלמידים און אַ פערציק טויזנט נאָכפאָלגער. די פראַגע איז אָבער געווען, ווער זאָל איבערנעמען די הנהגה פון דער גרויסער חסידישער עדה, וועמען אויסצוקלייבן פון די „שבעים כוכבי לכת״. זיין בן־יחיד ר׳ צבי (ר׳ הערשעלע), ווייזט אויס, איז ניט געווען מסוגל צו פירן די גרויסע עדה, דערצו נאָך צו קענען אָנפירן דעם קאַמף מיט די מתנגדים און אַלע האָבן מסכים געווען, אַז ר׳ דוב־בער, מעזריטשער מגיד, זאָל זיין דער ממלא־מקומו פונעם בעל־שם און דער לעצטער האָט געפירט מיט פאַרנעם און געקראַגן נייע כוחות פאַר דער חסידישער באַוועגונג. ווען ער איז נסתלק געוואָרן, אין יאָר תקל״ג (1772), זענען געווען איבער אַכציק טויזנט חסידים.

דער זון פונעם בעש״ט, איז ניט געוואָרן דער ממלא־מקום. זיין טאָכ־טער אָדל האָט אָבער יאָ מזכה געווען דעם בעל־שם מיט אייניקלעך בעלי־השפעה און מנהיגים פון גרויסע רביישע דינאַסטיעס. זי האָט געהאַט צוויי זין: ר׳ משה־אפרים סודילקאָווער (פון די אָנגעזעענסטע מחברים פון חסי־דישע ספרים); ר׳ ברוכל מעזשביזשער, וועלכער האָט אַרויסגערופן דרך־ארץ צו זיך פון די גרעסטע רביים און חסידישע מנהיגים. דעם בעל־שם־טובס טאָכטער האָט אויך געהאַט אַ טאָכטער פייגע און זי איז געווען די

מוטער פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער ז״ל, דער שאַפער פון אַ נייעם דרך אין חסידות.

**
*

וואָס האָט דער בעש״ט אויפגעטאָן?

דאָ וועלן מיר לאָזן הערן דאָס וואָרט פונעם ראַציאָנאַליסטישן היסטאָ־ריקער שמעון דובנאָוו:

„דאָס חסידות האָט געשטרעבט ניט צו תיקון אין דת אָדער מנהג, נאָר צו אַ טיפערן תיקון — צו אַ תיקון אין דער נשמה. דורך דער פאַרמיטלונג פון פסיכישער השפעה, האָט דאָס חסידות געשאַפן דעם טיפּ פונעם גלוי־ביקן ביי וועמען דאָס געפיל איז שטאַרקער און וויכטיקער פונעם אויסער־לעכן מנהג. רעליגיעזע דבקות און התלהבות איז וויכטיקער פון חקירה און בלויזן לימוד התורה 1).

חסידות האָט אויך ניט בלויז געלערנט אהבת ישראל, נאָר עס פּראַק־טיצירט. „איך האָב ליב — האָט דער בעש״ט געזאָגט — אַפילו דעם ני־דעריקסטן פון די נידעריקע 2). די יסודות פון אהבת ישראל זענען אַוועקגע־שטעלט געוואָרן פון הלל הזקן, פון ר׳ עקיבא בן יוסף און דער גרויסער מקובל, דער האר״י ז״ל פסקנט דאָך, אַז יעדן פרימאָרגן, ווען אַ ייִד הייבט זיך אויף פון שלאָף, דאַרף ער פריִער פון אַלץ נעמען אויף זיך די מצווה פון „ואהבת לרעך כמוך 3), דאָס חסידות האָט דאָס געמאַכט פאַר אַ פאַקט. דער בעש״ט און זיין נאָכפאָלגער דער רבי ר׳ בער האָבן אַרויסגעגעבן אַזעלכע אוהבי ישראל, ווי ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, ר׳ אברהם־יהושע העשל אַפּטער, ר׳ משה לייב סאַסעווער און אַנדערע.

ר׳ לוי יצחק וואָרנט, מ׳זאָל ניט רעדן קיין שלעכטס אויף ייִדן, אַז אויף ייִדן דאַרף מען בלויז זוכן זכותים; ייִדן — האַלט ער — זענען דער תכלית פונעם וועלט־באַשאַף 4) און עבלעך דריקט זיך אויס דער אַפּטער אוהב ישראל, דער וואָס האָט ליב גאָט, מוז ער ליב האָבן זיין פאָלק 5)...

---

1) תולדות החסידות, דביר, ז׳ 355.
2) זע, דרך אמונה ומעשה רב.
3) זע, ג. פלדר, יסודי ישורון, א׳, מערכת השכמה.
4) קדושת לוי, יא, יתרו, פינחס.
5) אוהב ישראל, שמות, פ׳ שקלים.

קאַפּיטל 6

ניגונה ביי חסידים

1. דער אַלטער קאַרלינער

אין סאַמע חשכות און קאַשמאַר פון אונדזער צייט, ווילט זיך הערן דאָס געזאַנג פון אַמאָל; ווילט זיך חלומען פון יענע אייביקע פונקען, פון יענע טייערע אַקאָרדן, וואָס האָבן אונדז געבראַכט אויף אַנדערע עולמות; לידער פול מיט שטימונג און מיט פאַרשטעלונג.

די רוצחישע האַנט האָט פאַרשניטן אונדזערע זין און טעכטער און אויסגעוואָרצלט אַלט־איינגעזעסענע קהילות — אָבער אין סאַמע שרעקלעכן יאָמער הערן מיר דאָס טריומפירנדע ליד, ציט אונדז צום רייכן גייסטיקן עבר און גלאָררייכן עתיד — דאָס ליד פון בעש״ט און רבין ר׳ בער, דאָס ליד פון חב״ד און ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, דאָס ליד פון טאַלנע און קאַר־לין, ליזענסק און לובלין; דאָס ליד פון ראָפּשיץ און באָבעוו, גראָדזשיסק און מאָדזשיץ — דאָס ליד וואָס גייט מיט אונדז איבער פּאָלעסיע און קרעסן, איבער גאַליציע, פּוילן, איבער די געטאָ־ווענט מיט די פּאַרטיזאַנער, צום לאַנד פון אונדזער צוקונפט, צום לאַנד פון אונדזער טרייסט, ארץ־ישראל.

אין גרויליקן קנויל פון יסורים, פּיין און לייד גייט אויף דאָס יידישע ליד פון די רעשטלעך געבליבענע פון בוכענוואַלד און מאַידאַנעק. עס גייט אויף דורך די אָפּגרונטן און באַרג־שפּיצן פון חרובן אייראָפּע און זאָגט אָן פון אַ גליקלעכער פרייַלעכער צוקונפט, ווען חסידים וועלן מאַכן דאָס גרויסע ריקודל און דעם יום „שכולו טוב״ און האָבן הנאה פון „זיו השכינה״.

אַלע רביים האָבן געזונגען. יעדער האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם

נוסח, זיין אייגן געזאַנג. טייל פון זיי האָבן געמאַכט פון נגינה דעם עיקר עבודה. מירן דאָ דערמאָנען אייניקע.

**
*

אַ באַזונדער טיפּ, מיט אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער איז געווען דער אַלטער קאַרלינער, ר׳ אהרן (התצ״ו—תקל״ב) „הגדול״, ווי די חסידים רופן אים, איינער פון די תלמידים פון רבין ר׳ בער, דעם מגיד פון מעזריטש. פון ר׳ אהרן קאַרלינער איז אַרויסגעקומען אַ גרויסע חסידישע דינאַסטיע. דאָרט, אינעם פּאָלעסיער דלות, האָט דער רבי ר׳ אהרן געפונען דעם ריכ־טיקן פּלאַץ פאַר גייסטיקע און מאָראַלישע ווערטן אַלס פאַרגיטיקונג פון דער מאַטעריעלער אָרימקייט. דאָרט איז אויסגעפּעכט געוואָרן דער דראַמאַ־טישער קאַמף צווישן מתנגדות און חסידות און דאָרט איז געשאַפן געוואָרן אַן אייגנאַרטיקע חסידישע באַוועגונג, אינגאַנצן אַנדערש פון פּוילישן אָדער גאַליצישן חסידיזם.

ר׳ אהרן, ווי אַנדערע גרונטלייגער פון חסידיזם, איז געווען פול מיט התלהבות. ווען ער האָט געזאָגט אויף זיין שטייגער שיר השירים, מיט דעם ספּעציעל־צוגעפּאַסטן ניגון, זענען אַלע עולמות שטיל געוואָרן און די מלאַ־כים פון הימל זענען געקומען גרופּנווייז הערן דאָס ווונדער געזאַנג.

ר׳ אהרן קאַרלינער, געפינענדיק זיך נישט ווייט פון ליטע, האָט אין דער שטיל געגנבעט די ליטווישע גרענעץ און דאָרט אַריינגעבראַכט דעם חסידישן געדאַנק און אַפילו באַוויזן צו אָרגאַניזירן קלענערע גרופּעס חסי־דים, נית בלויז אין די קלענערע שטעטלעך, נאָר אַפילו אין די גרעסערע שטעט, ווי מינסק און ווילנע, די ירושלים דליטא, די רעזידענץ פון די מתנגדים, די שטאָט פון הגר״א ז״ל. ער האָט דאָס חסידות געבראַכט צו די ליטוואַקעס און צווישן די קאַלטע, טרוקענע למדנים געפונען התלהבותדיקע יונגעלייט אויף וועלכע ער האָט געהאַט אַן אומגעהויערע השפּעה. דער איינ־פלוס זיינער איז געווען זייער שטאַרק אויף די, וואָס זענען געקומען צו אים. ער האָט געהאַט אַ געוואַלטיקע צוציונגס־קראַפט און דערצו געזען זאַכן מיט „אָפענע״ אויגן, מער פון די אַנדערע תלמידים פון מעזריטשער מגיד. אין

דעם ספר „שבחי הבעש״ט״ 1) ווערט דערציילט, אַז ער איז אַמאָל אין אַ פרעמדער שטאָט געגאַנגען צו אַ סופר קויפן תפילין. אַזוי ווי ער האָט נאָר אָנגעקוקט דעם סופר האָט ער באַלד אויסגעשריען: נעכטן איז ער באַגאַנגען אַ שרעקלעכע עבירה („אשת־איש״) און היינט פאַרקויפט ער תפילין?!...

ר׳ אהרן קאַרלינער איז ניט דער רבי פון בעש״טס חדר, וואָס באַגנוגנט זיך מיט אמונה — פשוטה, תמימה. ער, דער גרויסער מקובל, פאָדערט פאַרטיפונג, פאָדערט פאַרשטיין די קבלה און דאָס חסידות. ער לייגט אויך אַרויף געוואַלדיקע פליכטן, אויפגאַבן אויף יעדן ייד. זיין „סדר היום״ האָט ניט קיין איין ליידיקע מינוט. אַ גאַנצן טאָג דאַרף דער ייד זיין אַ קדוש וטהור. אַ גאַנצן טאָג געדענקען אין גאָט, ניט מסיח דעת זיין אויף קיין מאָמענט, אַזוי ביים עסן, ביים טרינקען, ביים שלאָפן, ביים אויפהייבן, ביי אַלץ דאַרף דער מענטש אין זינען האָבן גאָט ברוך הוא. לויט אים, טאָר מען גאָרנישט רעדן קיין שיחות חולין, טאָר מען גאָרנישט הנאה האָבן פון עולם הזה, מ׳דאַרף לעבן אַסקעטיש, ביינאַכט אויפשטיין צו „תיקון חצות״, בייטאָג פראַווען און לערנען תנ״ך, משנה, און אויך ספרי מוסר, באַזונדערס דעם „ראשית חכמה״, אַזוי אַז מען זאָל גאָרניט קענען האָבן קיין שלעכטע מחשבות. און צו דער מאָראַלישער אויפפירונג קומט דאָס עטישע: מ׳טאָר נישט בייז זיין, מ׳טאָר נישט פירן מחלוקת, מ׳דאַרף שטאַרק בכבוד האַלטן אָרימעלייט, אאַז״וו 2).

נישטאָ ביי אים קיין צייט פאַר טיילונגען. שטענדיק דאַרף דער מענטש זיין הייליק, ווידמען זיין לעבן צו רוחניותדיקייט, צו אצילות, פראַווען התבודדות, סיגופים און תעניתים.

אין קעגנטייל צו די לערעס פון אַ באַרדיטשעווער, פון אַ ר׳ יחזקאלע קאָזמירער, פון אַ ר׳ מענדעלע קאָצקער, האַלט ער שטאַרק פון פאַסטן. אַ תענית, האַלט ער, לייטערט דעם קערפער און רייניקט די נשמה.

אין טאָג פון תענית זאָל מען גיין אין מקוה, זיך צוויי מאָל טובלען, איינמאָל אַראָפּצונעמען פון זיך די טומאה און דאָס צווייטע מאָל איינגעהילט

1) י״א, ק״ב קאָפּוסט, תרע״ה.
2) זע בית אהרן בראָד, תרל״ח.

צו ווערן אין קדושה און אַלץ דאַרף זיין „בדחילו ורחימו״, מיט גרויס ציטער און פולער ערנסט און געוויין. פונדעסטוועגן זאָגט ער אויך, אַז צופיל סיגופים און מקוואות איז די עצה פון יצר־הרע, וואָס וויל דעם מענטש אָפּשוואַכן, צעמישן און מבטל מאַכן פון לערנען. אין אַ בריוו צו אַ תלמיד, עצהט ער אים ניט איבערצוכאַפּן די מאָס מיט פייניקן זיך מיט אַסקעטישע מעשים 3).

ר׳ אהרן קאַרלינער איז געווען איינער פון די יונגערע תלמידים ביים „מגיד״, אָבער פון די אָנגעזעענסטע, צוליב זיין שטאַרקן כאַראַקטער און ווילן. אין אים איז געווען פאַרקערפּערט, ווי חסידות־היסטאָריקער גיבן איבער, די קבלה מעשית פון אר״י און די הייליקע חבריא, די לוריאַנישע פּראַקטישע קבלה, די טעאָרעטישע קבלה פון די אַנדערע שאַפער פון יידישן מיסטיציזם, און דאָס פאַלקסטימלעכקייט פון בעש״ט און זיין שיטה. ער איז אויך געווען אַ גרויסער מנגן און פּיטן. לויט דעם סטיל (סגנון) פון זיינס אַ „זמר לשבת״ קאָן ער מיט רעכט באַטראַכט ווערן אַלס משורר עברי. דער שיר איז געטיילט אין פיר פערזן און די ערשטע דריי ווערטער פון יעדן טייל זענען מרמז אויף דעם שם הויה, אהרן, נשמה. דער שיר איז געדרוקט אין פיל חסידישע ספרים און האָט געהאַט די זכיה אַריינגענומען צו ווערן אינעם חסידישן סידור פון די פּרייטיק צו נאַכטיקע זמירות 4).

אינעם דאָזיקן שיר דריקט ער זיך אויס מיט די הערלעכסטע ווערטער וועגן דער גרויסקייט פון שבת, די ליבשאַפט צום שבת־קודש, מיט וועלכער די יידישע נשמות זענען פאַרבונדן און אין וועמענס שאָטן זיי געפינען שוץ און ער בעט טאָקע דעם באַשעפער, אַז ער זאָל באַשיצן יידן, היטער פון הייליקן שבת. פאַראייניקט מען זיך מיט דער קדושה פון שבת, ווערט מען במילא פאַראייניקט מיט הקדוש ברוך הוא. ער באַזינגט דעם „רזא דשבת״, דעם סוד פון שבת, וואָס גיט כח דעם ייד פאַר די זיבן ימי המעשה. די „שבת מלכתא״, וואָס ווערט אַזויפיל באַזינגען מיט די שענסטע שירים פון

3) זע בית אהרן א׳, קמ״ז; הורודצקי ז. קי״ז.

4) זע „בית האוצר״, סדור פון ר׳ צבי יחזקאל מיכלזאָן: זמירות ליל שבת; זע אויך „דברי קדושים״, וואַרשע, תרל״ח.

די גרעסטע פּאָעטן, האָט געוווּנען די פּראַכט אין חסידישן הויז. ביי יעדן רבין איז געפּראַוועט געוואָרן ספּעציעל־געווידמעטע „טישן" לכבוד די סעודת שבת.

ר' נחמן בראַסלאַווער דריקט זיך אויס אויף אַן אָרט, אַז דורך דעם שבת ציט דער ייִד אויף זיך די ליכט פון משיח 5). דער שבת־טאָג שטראַלט מיט קדושה וטהרה פאַר די איבעריקע ששת ימי החול. ער פאַרזיסט די ביטערקייט פון דער וואָכן. ניט אומזיסט האָבן קבלה־ספרים טיטולירט דעם שבת אַלס „שבת מלכתא קדישא" און ניט אומזיסט האָבן זיך די חכמי התלמוד אויסגעדריקט: „שקולה שבת כנגד כל התורה".

זינגט טאַקע ר' אהרן קאַרלינער אין זיין שבתדיקן זמר:

„יה אכסוף נועם שבת המתאמת ומייחדת בסגלותך,
משוך נועם יראתך לעם מבקשי רצונך.
קדשם בקדושת השבת המתאחדת בתורתך
פתח להם נועם ורצון לפתוח שערי רצונך".

ער האָט ליב דעם שבת מיט אויסערגעוויינלעכער גייסטיקער ליב־שאַפט. שבת איז דער מנוחה־טאָג אַפילו פאַר רשעים אין גיהנום. דאָס פייער פון גיהנום ווערט איינגעשטילט אום שבת (אורו של גיהנום שובת בשבת). עס איז דער טאָג פון לויטער רוחניות, ווען מלאכים פון הימל היטן און וואַכן איבער ייִדישע הייזער.

דריקט ער זיך אויס וועגן דער הייליקייט פון שבת אין אָט די פּרעכ־טיקע פּאָעטישע ווערטער:

השבת נועם הנשמות והשביעי עונג הרוחות
ועדן הנפשות להתעדן באהבתך ויראתך.
שבת קודש נפשי חולת אהבתך.
שבת קודש נפשות ישראל בצל כנפיך.
יחסיון ירויון ביתך.

---

5) על־ידי שמירת שבת, ממשיך אדם על עצמו אור של משיח — ספר המדות.

ר׳ אהרן קאַרלינער האָט ניט איבערגעלאָזט קיין ספרים נאָך זיך, אַלץ וואָס מיר ווייסן פון אים, איז פון בעל־פה תורה, פון חסידישע מעשיות, לעגענ־דעס און עפּיזאָדן. מיר האָבן אָבער פון אים עטלעכע מערקווירדיקע בריוו און אַ באַרימטע „צוואה״, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט און וואָס איז אײַ־בערגעדרוקט אין חסידישע ספרים. אויך שמואל־אבא האָראָדעצקי האָט אין זײַנע מאָנומענטאַלע ווערק „החסידים והחסידות״ 6) איבערגעדרוקט די דאָ־זיקע מערקווירדיקע צוואה אין וועלכער מיר דערקענען די גרויסע, ליכטיקע עטישע פּערזענלעכקייט. ער באַווייזט זיך פאַר אונדז אין זײַן אמתן גע־שטאַלט. זײַן טיפע אמונה, זײַן מסירת־נפש, זײַן התבטלות המציאות, דאָס אויסוואָרצלען פון זיך דעם עגאָיזם ביזן גרונט, דאָס מבטל זײַן דעם אייגע־נעם איך און צו דער זעלבער צייט רופן צו הכרה עצמית, דער אמתער זיך דערקענטעניש, וואָס דערהויבט צו דער העכסטער שטופע. מיר זעען בײַ אים אַ מערקווירדיקע דערשיינונג: ענוה, שפלות און הכנעה האַרמאָנירט מיט דעם „בשבילי נברא העולם״ און אַלס אַזעלכער דאַרף ער מתקן זײַן די וועלט, ביז איר פולער שלימותדיקייט. צוליב באַשרענקטקייט פון פּלאַץ, מוזן מיר מקצר זײַן. מיר ווילן אָבער ברענגען לכה״פ עטלעכע שורות פון זײַן צוואה:

„איך בין גוזר מ׳זאָל קיין לויב ניט זאָגן אויף מיר און ווער ס׳וויל רעדן „בגנותי״, קען מיר, זאָל ער רעדן. איך גיב אים דערלויבעניש. ער זאָל אָבער וויסן, אַז פאַר יעדן וואָרט, וועט ער דאַרפן זײַן פאַראַנטוואָרט־לעך צום הימלישן בית־דין. תלמידים מובהקים מעגן נאָכזאָגן אַ שבח אויף מיר, אויב זיי זענען זיכער אין דעם וואָס זיי זאָגן... נאָך דער שבעה זאָל מען באַלד שטעלן אַ מצבה און ניט אויסקריצן קיין טיטלען, בלויז אויס־קריצן די ווערטער: פ״נ פ׳ הנולד מאשה פ׳ שהוא פב״פ אשר זכה וזיכה את הרבים כמה פעמים, וכמה פעמים מסר נפשו על זה...״ און איך בין גוזר, אַז מײַן מקום מנוחה זאָל זײַן ד׳ אמות לײַדיק פון אַלע זײַטן, סיידן אַ מענטש וואָס איך וואָלט זייער וועלן אים האָבן אַלס שכן...״

אין זײַן גאַנצן עניוות־טאָן, זאָגט ער אונדז דאָ, אַז ער האָט ביים לעבן מזכה געווען מענטשן און זיי צוגעצויגן צום דרך החסידות און ער דער־

6) ב׳, ז״ז קי״ט—קכ״א.

ציילט אויך, אַז ער איז געווען „אַ קנא ונוקם על העובר עבודת הבורא״. ער קאָן זיך. ער נאַרט זיך גאָר ניט. ער האַלט שטאַרק פון חסידישן וואָרט, דער דין איז „אל תונו איש את עמיתו״... דער חסיד וואָס טוט לפנים משורת הדין נאַרט זיך אַליין אויך ניט. ער האָט זיך שטאַרק געהאַלטן אָן דעם אַב־סאָלוטן אמת אַלס קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, ווי ער האָט זיך שפּעטער געשאַפן אין דער העברעישער ליטעראַטור דעם פּרישמאַניש־קלאַסישן אויס־דרוק: אוהב אני את אפלטון, אוהב אני את אריסטו — ואת האמת יותר מכולם... אין זיינע „הנהגות ישרות״, דעם צעטל פון מאָראַלישע, עטישע און רעליגיעזע אויפפירונג אַרבעט ער אויס דעם סדר פון מענטש יעדן טאָג אויף אַן אופן וואָס סיי אין שלאָף און סיי אין וואַך, זאָלן זיינע מחשבות זיין לויטערדיקע און הייליקע, איבערהויפּט אין הייליקן שבת, ווען יעדעס וואָרט מוז זיין דורכגעדרונגען מיט קדושה.

ר׳ אהרן איז נפטר געוואָרן אין יאָר התקל״ב, אין עלטער פון 36 יאָר. דער מעזריטשער מגיד, זיין רבי, און אַלע זיינע חברים, מקורבים און תלמי־דים האָבן באַוויינט זיין יונגן טויט. דאָס געטלעכע פייער, זאָגן חסידים, וואָס האָט אין אים אַזוי שטאַרק געברענט, האָט אים פּשוט אויפגעגעסן. פון אים, האָבן מיר אָבער געהאַט אַ צאָל רבישע דינאַסטיעס און בעיקר די די־נאַסטיעס פון זיינע תלמידים, ר׳ שלמהלע קאַרלינער און ר׳ אשר מסטאָלין און די אָפּצווייגונגען פון זיי. יעדער האָט אויף זיין דרך געפירט די „אנשי שלומנו״ און געזונגען דאָס שבת־יום־טוב־געזאַנג פון גרויסן ר׳ אהרן. אַריינגעבראַכט פרייד אין די הייזער פון אָרימען פאָלק, געטרייסט די חסי־דים אין זייער עלנט און נויט און זיי געשטאַרקט צו קענען איבערטראָגן דעם שווערן עול און אויסגעשטאַנענעם פּיין, ניט אַריינצופאַלן, חלילה, אין יאוש, די גייסטיקע קראַנקייט וואָס צעברעכט אויך דעם קערפּער.

2. ר׳ פינחסל קאָרעצער

פּראָפ׳ אברהם יהושע העשל, האָט אין אַן אויסשעפּלעכער אַרבעט וועגן ר׳ פינחסל קאָרעצער (ת״פ—תקל״א), אונדז באַקאַנט מיט זיין לעבן,

דאָס פריוואַטע און עפנטלעכע, זיין התנהגות און זיינע אָנשויוונגען[1] און בכלל מיט דער סביבה אין וועלכער ער האָט געלעבט און געווירקט.

ר׳ פּינחסל — שרייבט ער — איז געווען צווישן די וואָס האָבן צוגע־גרייט דעם באָדן פאַר דעם אויפקום פון חסידות. ער איז געגאַנגען מיטן גאַנג פון בעל שמס תלמיד, דעם מוכיח פון פּולנאָע...״

ר׳ פּינחסל, ווי די אַנדערע פון בעש״טס תלמידים, האָט געלערנט מלמד־זכות זיין אויף אַלע ייִדן, אַפילו אויף רשעים. און ניט ווייניקער רחמנות געהאַט אויף אַלע בעלי־חיים[2].

ס׳איז כדאי צו ציטירן פון העשלס אַרבעט אייניקע פּונקטן, דורך וועלכע מיר קענען האָבן אַ באַגריף וועגן דער באַציִונג פון דעם קאָרעצער צום בעש״טס חסידות[3].

„בערך אַרום דעם יאָר ת״צ (1730), איז דער בעל־שם נתגלה געוואָרן. ר׳ יהודה לייב, דער מוכיח פון פּולנאָע, איז געווען פון זיינע מקורבים. נאָך דער עצה פון בעש״ט איז ער געוואָרן אַ מוכיח... ס׳איז זייער מעגלעך, אַז פון אים האָט ר׳ פּינחס געהערט וועגן דער גרויסקייט פונעם גרינדער פון חסידות. דער אמת איז, אַז עס זענען פאַרביי אַ סך יאָרן זינט דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרן און ר׳ פּינחס איז אַליין געשטאַנען פון דער ווייטנס.

„אַ סך מאָל האָט ער זיך געוואָלט באַקענען מיטן בעש״ט, אָבער דער טאַטע זיינער, ר׳ אברהם אבא, איז געווען אַ ליטוואַק און אַ גרויסער תקיף ביי זיך; ער האָט זייער ווייניק געהאַלטן פון בעש״ט; האָט ער אים אָפּ־גערעדט דערפון...

ר׳ פּינחסל האָט אָבער גרויס חשק געהאַט צו באַקענען דעם בעש״ט, און סוף־כל־סוף האָט דער חשק זיינער גובר געווען אַלע שטערונגען...״

ווי פּראָפ׳ העשל רעכנט אויס, האָט ר׳ פּינחסל זיך געזען מיטן בעש״ט בלויז דריי מאָל און דאָס ניט לאַנג פאַרן טויט פון בעש״ט (תק״כ — 1760).

ר׳ פּינחס — שרייבט ער ווייטער — האָט זיך מתקשר געווען צום בעש״ט און אין די הויפּט־פּונקטן אָנגענומען זיין דרך. ער זאָגט עדות אויף

1) ייוואָ־בלעטער, באַנד 33, ניו־יאָרק, 1949, ז״ז 9—47.
2) זע, דאָרט, ז״ז 10—11, באריכות.
3) דאָרטן, ז״ז 17—20.

זיך, אַז „זינט ער איז געווען ביים בעש״ט האָט אים גאָט געהאָלפן קומען צום אמת 4). ר׳ פינחסל האָט אָבער אין אַ סך זאַכן מחולק געווען אויפן בעש״טס מנהגים 5) און געגאַנגען זיין אייגענעם דרך, כמעט אַ יחיד אין יענער ערשטער עפּאָכע פון חסידישן אויפשטייג. אָבער דאָס איז אַ באַזונדערער ענין.

ר׳ פינחסל קאָריצער האָט זיך געהאַלטן אַמנאָענטסטן צו ר׳ יעקב־יוסף פון פּולנאָע און נאָך דער פּטירה פון בעש״ט, ניט אָנערקענט דעם מעזריטשער מגיד אַלס איינציקן ממלא־מקומו פון בעש״ט, אַלס מנהיג הדור. ער האָט געפילט, אַז דעם מעזריטשערס דרך אין חסידות, איז אַ נטיה פונעם בעש״ט, וואָס האָט דער עיקר געזוכט תמימות. דער מעזריטשער, ווי זיין נאָכפאָלגער, ר׳ שניאור־זלמן, האָבן זיך גאָר פאַרנומען מיט אַריינבערעגגען די טיפע סודות פון אר״י אינעם בעש״טס תורה, סודות פון קבלה, כוונות און יחודים אין חסידות. דאָס איז לויט זיין דעה, געווען אַן אָפּנויג פון פאַלקישן דרך.

ווי העשל ברענגט פון ערשטראַנגיקע מקורים, איז אַפילו אַרויסגעקומען אַ שטיקל מחלוקת צווישן די תלמידים פון רבין ר׳ בער און ר׳ פינחס קאָרעצער און ר׳ פינחס האָט צוליב דעם געמוזט פאַרלאָזט קאָריץ 6).

ר׳ פינחס קאָרעצער, ווי אַ סך אַנדערע גדולי הרביים, האָט אַלע יאָרן געשטרעבט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, נאָך פאַר דער באַרימטער עליה (300 נפשות) פון ר׳ מנחם מענדל וויטעבסקער און זיינע חברים, ר׳ אברהם קאַלעסקער און ר׳ ישראל פּאָלאָצקער מיט דער חברותא אין יאָר תקל״ז (1777), האָט ער באַשלאָסן פאָרן קיין ארץ־ישראל. אָבער דאָס זעלביקע, וואָס ס׳איז געשען מיט ר׳ ישראל בעש״ט, איז אויך געשען מיט ר׳ פינחסן. צוויי מאָל האָט ער געפּרוווט פאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער עס איז אים ניט געלונגען. אין זומער פון יאָר תקכ״ח (1768), האָט ער זיך געגרייט צו דער נסיעה. ער איז אָבער פּלוצלונג קראַנק געוואָרן.

ס׳איז דאַן אויסגעבראָכן דער היידאַמאַקישער אויפשטאַנד, צענדליקער טויזנטער יידן זענען אומגעקומען און ס׳איז נויטיק געווען, אַז די גדולי הדור

---

4) דאָרט, ז׳ 18.
5) דאָרט, ז׳ 20.
6) דאָרט, ז״ז 30—35.

זאָלן בלייבן אויפן אָרט. ר׳ פינחס האָט אין דעם געזען, אַ יד ד׳, אַז ער זאָל בלייבן מיט די יידן אין אוקראַינע, זיי צו שטאַרקן און מוטיקן.

ער האָט אויך שטאַרק געהאַלטן פון פוילן, כאָטש דער יידישער מצב איז דאָרט געווען ווייט פון זיין צופרידנשטעלנדיק. ער האָט געהאַסט דייטש־לאַנד, געהאַלטן, אַז דער ערגסטער גלות איז אין דייטשלאַנד; די רוסן האָט ער גערופן „עכברים" און אַלע זיינע יאָרן מתפלל געווען מבטל צו מאַכן די גזירה פון אומקום, וואָס איז געהאנגען איבער פוילן. דער קאָרעצער איז געווען שטאַרק קעגן דער חלוקה פון פוילן און מערקווירדיק: ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תק״ן, ווי העשל גיט צו, אָדער תקנ״א (1790 אָדער 1791) צוויי יאָר פאַר דער צווייטער צעטיילונג פון דער פוילישער מלוכה, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1793.

ר׳ פינחס שפּיראָ איז געבוירן געוואָרן אין שקלאָוו, ליטע, אין יאָר תפ״ז, ביי זיין פאָטער ר׳ אברהם בן ר׳ פינחס, אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ פאַר־צווייגטער מיוחסדיקער משפחה פון שפּייער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן זיך מוסר־נפש געווען אויף קידוש־השם אין דער צייט פונעם ערשטן קרייץ־צוג.

די שטאָט שפּייער, געהערט צו דער גרופּע פון די היסטאָרישע שטעט: ווירמיזה (וואָרמס) און מגנצה (מיינץ), באַקאַנט אין דער הלכה מיט די ווערטער „תקנות שו״ם" (שפּייער־שפּיראָ, וורמיזה, מגנצה), ווו עס האָבן גע־ווינט די גדולי תורה פון די חכמי אשכנז, אין מיטלאַלטער און אין צייט פונעם רענעסאַנס.

ר׳ פינחסל האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם נאָמען שפּיראָ און אָנגעזאָגט אין זיין צוואה, אויסצוקריצן דעם צונאָב־נאָמען אויף זיין מצבה.

ווי איינער פון די גדולי ליטע, האָט ער זיך פאַרטיפט אין תלמוד און פוסקים אין אויך געלערנט „מורה נבוכים", „חובת הלבבות" און אַנדערע ווערק 7). ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג, האָבן זיינע עלטערן געמוזט פאַרלאָזן שקלאָוו צוליב אַן עלילת־דם און זיך באַזעצן אין מאַריאַמפּאָל, אין

7) זע, מדרש פינחס.

וואָלין, ווו ער האָט זיך באַקענט מיט דער לערע פון בעש״ט און איבערגע־גאַנגען צום חסידיזם, כאָטש ער האָט זיך געהאַלטן ביי סיגופים און תענית 8).

ער האָט זיך נאָך דעם באַזעצט אין קאָרעץ, ווו ער האָט געוווינט די מערסטע יאָרן און אויף דעם נאָמען געוואָרן באַקאַנט. ביי איינעם פון די ייִדישע דיכטער, יעקב־יצחק סיגאַל, איז קאָרעץ געוואָרן אַ לעבנס־באַנעם. ער האָט געבראַכט דעם גייסט און ניגון פון קאָרעץ אין דער ייִדישער לי־טעראַטור אַריין. ער דריקט זיך אויס אין איינעם פון זיינע לידער, אַז ער שטייט ביי דער שוועל פון מדרש פינחס. דעם דיכטערס פּאָעזיע איז דער־הויבן געוואָרן דורכן קאָרעצער ניגון אַלס סימבאָל פון דורותדיקן ייִדישן לעבנס־שטייגער.

ר׳ פינחס האָט פאַרלאָזט קאָרעץ און זיך באַזיצט אין אָסטראָה, ווו ר׳ יעקב־יוסף (ייב״א) איז געווען רב. ווען דער לעצטער האָט פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל אים העלפן אָרגאַניזירן אַ ייִדישן מאַרק, בכדי ייִדישע טעכ־טער זאָלן ניט דאַרפן קומען האַנדלען אין די קריסטלעך־פּוילישע מאַרקן און פאַרברענגען מיט שקצים ר״ל... האָט ר׳ פינחסל אים געענטפערט, אַז פריִער זאָל מען איינפירן ניט צו רעדן אין שול...

האָט דערויף ר׳ ייב״א אים געפרעגט: איך רעד וועגן אַ תיקון אין דאוריתא און איר דערציילט מיר, וועגן אַ תקנה אין רבנן־זאַכן.

ר׳ פינחסל איז אָבער ניט שולדיק געבליבן קיין ענטפער און האָט אים אויפן אָרט געזאָגט: קוקט אַריין אין חומש, וועט איר זען אין פרשת וישלח (פסוק ל״א) „ויאמרו הכזונה יעשה את אחותינו, טייטש דער תרגום ירושלמי: „לא יאי הוא דיהוי מתאמר בכנשתהון דישראל ובבתי מדרשיהון״, זעט מען דאָך, אַז דאָס רעדן אין שול איז ווי מורא פאַר עריות... שקר און רכילות איז פאַרבאָטן ווי אויסגעלאַסנקייט.

זיין דרך פון דאַווענען איז געווען דער הצנע לכתדיקער, שטיל דאַווי־נען, אָבער ווי די צדיקים פון דור, האָבן אויף אים געזאָגט, האָט ער מיט זיין שטילן דאַווענען געשפּאָלטן הימלען.

ס׳האָט אַמאָל געטראָפן: דער מעזריטשער מגיד איז געקומען צום קידוש ראש־השנה ביינאַכט, אַרומגערינגלט פון תלמידים, מקורבים און

---

8) דאָרט, מדרש פינחס, ל״ג.

חסידים און ער וואַרט און וואַרט, ביז ר׳ מענדעלע וויטעבסקער האָט גע־וואָגט אַ פרעג טאָן, וואָס איז דאָס וואַרטן? ענטפערט ער אים: „ווי קען איך מאַכן קידוש, אַז ר׳ פּינחסל שפּאַלט הימלען מיט זיין ראש־השנהדיקן דאַ־ווענען... איך מוז איבערוואַרטן".

ר׳ פּינחס האָט דער עיקר זיך געשטעלט אויף דער מידה פון אמת און שטענדיק מתפּלל געווען, ער זאָל גיין נאָך בדרך אמת...

ער האָט זיך אַלע יאָרן געגרייט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און שטענדיק גערעדט וועגן דער מצוה צו ווינען אין ארץ־ישראל 9). ער איז צוליב דעם געפאָרן קיין שעפּיטעווקע, צו זיין תלמיד ר׳ יעקב שמשון, אַז זיי זאָלן ביידע פאָרן צוזאַמען. דאָרט איז ער אָבער באַלד פאַרשלאָפט גע־וואָרן, ווי מיר האָבן דערמאָנט, און ניט וועלנדיק, אַז אויך זיין תלמיד זאָל בלייבן אין חוץ־לארץ, האָט ער אים ממש געיאָגט צו דער נסיעה. און ווען דער לעצטער איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל, האָט ער דערהערט די שרעק־לעכע ידיעה, אַז זיין רבי איז נסתלק געוואָרן ערב שבת, י׳ אלול לפרט „הקבר אשר איש אלקים נקבר בו...". איבערלאָזנדיק פינף זין, אדמורי"ם, צווישן זיי, דעם מדפיס פון סלאַוויטער ש"ס, ר׳ משה.

ר׳ פּינחס קאָרעצער האָט געטייטשט דעם מאמר אין דער גמרא „במח־שכים הושיבני — זה תלמודה של בבל" (סנהדרין, כ"ד, ע"א), אַז דאָס מיינט אַזוי: אויב אין דער פינצטערניש פון שרעקלעכן גלות, זיצן מיר נאָך און זענען ממשיך אַ ייִדיש לעבן, איז דאָס געוויס אַ דאַנק דעם תלמוד בבלי, וואָס האָט געלויכטן אין דער פינצטערניש אין אַלע צייטן... 10).

ר׳ פּינחסל קאָרעצער (ת"כ—תקל"א) האָט אויך געהאַט אַ געוואַלטיק מוזיקאַליש געפיל, שטענדיק גערעדט וועגן נגינה און אַליי מחבר געווען טעלעכע ניגונים. זיין זון ר׳ משה, האָט זיך גראָד אויסגעצייכנט מיט זינגען און ער האָט דערפון געהאַט גרויס עונג און זיך אויסגעדריקט, אַז ווען זיין זון משה זינגט, קומען פייגל פון פערציק מייל ווייט צו הערן זיין זינגען.

---

9) זע, מדרש פּינחס, נתיב מצוותיך, סדר הדורות החדש, שם הגדולים. הורודצקי ז"ז קמ"א—קנ"ב — באריכות.

10) זע, י. ל. מימון, סיני, י"ט, ל"ט, אלול תשט"ז.

3. דעם קאַליוועס ניגון

מיט אַ צייט צוריק האָט דער ייִדישער אינסטיטוט פֿאַר רעליגיע אין ניו־יאָרק, דורכגעפֿירט אַן אויסשטעלונג פֿון ייִדישע נגינה און מוזיק, געבנדיק אַ מעגלעכקייט יעדן איינעם זיך צו באַקענען מיט דעם אוצר פֿון ייִדישער מוזיק־שאַפֿונג. אויף דער אויסשטעלונג האָבן זיך געפֿונען ווערטפֿולע כתב־ידן פֿון באַרימטע ייִדישע מוזיקער און מוזיק־פֿאָרשער, חזנישע קאָמפּאָזיציעס, מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, ייִדישע פֿאָלקס־לידער, ארץ־ישׂראל געזאַנגען און, פֿאַרשטייט זיך, אַז אויף דער אויסשטעלונג האָט זיך אויך געפֿונען דאָס 10־בענדיקע ווערק פֿון דעם גרויסן מוזיק־קענער און פֿאָרשער אברהם צבי אידעלזאָן, „אוצר נגינות ישׂראל“. דאָרט האָבן זיך אויך געפֿונען מאַנוסקריפּטן און יקרי־המציאותן פֿון באַרימטע ייִדישע חזנים און קאָמפּאָזיטאָרן, פֿון די פֿיינסטע שאַפֿונגען אין דער ייִדישער ליטורגיע און פֿון די אינטערעסאַנטסטע אָראַטאָריעס. אָבער דאָך ווײַט־ווײַט ניט אַלץ, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין דער ייִדישער מוזיק, באַזונדערס די אַנאָנימע מוזיק. גאָר ווייניק איז דאָרט געווען פֿאַרטראָטן די חסידישע נגינה.

מיר האָבן אין חסידישער נגינה אַן אוצר פֿון מוזיקאַלישן פֿאָלקס־שאַפֿן. חסידישע נגינה איז די אַנטפּלעקונג פֿון פֿרייד אַפֿילו אין טרויער. דער ייִדישער ווײַ ווערט ייִדיש־נוסחדיק אויסגעזונגען אין חסידישן ליד אין דער בחינה פֿון „וגילו ברעדה“. מיטן חסידישן ליד זענען ייִדן געגאַנגען צו הריגה, דאַנקנדיק און לויבנדיק דעם באַשעפֿער. נישט אומזיסט טראָגט זיך איצט איבער דער לענג און ברייט פֿון ארץ־ישׂראל די שטים פֿון חסידיש געזאַנג. די ראַדיאָ אין ירושלים באַנוצט זיך מיט חסידישע מעלאָדיעס. מאָדזשיצער נגינה פֿילט אָן די לופֿט פֿון ישוב. חלוצים שעפּן אינספּיראַציע פֿון חסידישן „הוירא“. דאָס חסידישע ליד איז דער קוואַל פֿון שטימונג, איז פֿול מיט רעפֿלעקסיוּקייט און טאָן־אָנרעגונג.

די חלוצים נעמען איבער פֿון חסידיזם דעם חוש פֿאַר פֿרייד אין לעבן, ניט אַרײַנצופֿאַלן אין מרה־שחורה, וואָס איז בבחינת עבודה זרה און פֿאַר־

יאָגט די שכינה, ווייל „אין השכינה שורה מתוך עצבות״. דער מקור פון נגינה שטאַמט, ווי מיר האָבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל געזען, פון דער תנכישער עפּאָכע. ספר תהלים, למשל, דאָס שטאַרקסטע לירישע ווערק איז געזאָגט געוואָרן, ווי רש״י רעכנט אויס, דורך די צען לשונות פון זמר: נצוח, ניגון, מזמור, זמר, הלל אאַז״וו מיטן „מזמור״ קלאָגט אסף אויף דעם חורבן, מזמור לאסף אלקים באו גוים בנחלתך... דורך געזאַנג קאָן מען אַרויסברענגען דאָס הייליקע געוויין, די עלעגיע פּונקט ווי מען קאָן דינען גאָט דורך שמחה, ווי עס ווערט געזאָגט אין זוהר, אַז שמחה און יראה גייען זאַלבענאַנד, אַמאָל קומט מען דורך דער שמחה צו יראה און אַמאָל פאַרקערט „עבדו את ד׳ ביראה וגילו ברעדה״ 1)

די עבודה אין בית־המקדש האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן מיטן שיר־הלויים. די אינערלעכע שמחה פון צדיק ווערט אויסגעדריקט דורך דער עפנטלעכער „רננה״ מיטן מויל, ווי ר׳ חיים וויטאַל, דער באַרימטער מקובל און תלמיד האר״י ז״ל (הרצ״ד—של״ב — 1534—1572) טייטשט דעם פּסוק: „שמחו בד׳... והרנינו כל ישרי לב״ (תהלים ל״ב, י״א). עס איז אָן ספק געווען אַ כוונה דערביי וואָס דער ספר פון תהלות ישראל, פון דעם נעים זמירות ישראל, האָט זיך געענדיקט מיט אַ „הללויה״, וואָס רופט צו לויבן גאָט מיט אַלע כלי־זמר, מיט שופר, נבל, כנור, מינים, עגב, צלצלי שמע, צלצלי תרועה... די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן וואָס זענען באַנוצט געוואָרן ביי דער עבודה פון בית־המקדש.

די אוראַלטע יידישע מוזיק האָט נאָכן חורבן פון צווייטן בית־המקדש פאַרלאָרן אַ סך עלעמענטן. וועלטלעכע מוזיק, אָדער ריטמישע, איז פאַרבאָטן געוואָרן. געבליבן איז בלויז די ליטורגישע, דאָס געזאַנג פון תפלות, דאָך חזנות, דאָס געזאַנג פון לייענען און לערנען. חזנות, ווי באַוווּסט, איז געווען כמעט דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פאַרן אויפהאַלט פון דער יידישער נגינה. דאָס חזנות איז אַנטשטאַנען אין ארץ־ישראל און זיך אַנטוויקלט אין גלות, אָנגעמענדיק, פאַרשטייט זיך, נייע פאָרמען און נאָכדעם באַאיינפלוסט דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב. דער פאַקט בלייבט אַז חזנות

1) זע פירוש שפת אמת; תהילים ב׳, י״א.

האָט פיל געהאָלפן אינעם אויפהאַלט פון דער ספּעציפישער נגינה. אינטערעסאַנט איז, אַז דער גרונטלייגער פון פייטנות, ר׳ אליעזר הקליר, איז געווען חזן אין דער איטאַליענישער שטאָט באַרי אין יאָר 970 און ער האָט אַ צייט געלעבט אין ארץ־ישראל און דאָרט אַ סך געשאַפן אויפן געביט פון פייטנות, באַרייכערט אונדזער ליטורגיע מיט אַזוי פיל פאָרמען קרובה, קינה, סליחה, מאירה, אופן, פזמון...2)

דאָס זעלביקע קען געזאָגט ווערן וועגן חסידיש געזאַנג, אַלס טייל פון פאָלקס־נגינה. אַז עס האָט אַ סך באַרייכערט און געשטאַרקט דעם ייִדישן ניגון, אַריינגענומען ניט־ייִדיש געזאַנג און עס פאַרייִדישט און דערמיט אויסגעברייטערט די פאָרמען פון דעם ייִדישן געזאַנג: אַריינגעבראַכט נייע טענער, נייע טענדענצן אין דעם קאָלעקטיוון און אַנאָנימען ייִדישן שאַפן פון נגינה פאַר דורות לאַנג. דער חסידישער ניגון, ווי דאָס חסידות, חסידישע מיסטיק, איז בכוח אַריינצופירן דעם מענטשן איי אַנדערע עולמות, אין אַן עולם העליון פון איבער־נאַטירלעכקייט, פון געטלעכקייט. דער ניגון פירט דעם מענטש אין זיין עולם אַריין, אינעם היכל הנגינה, וואָס איז לויטער קדושה און לאָזט ניט צו קיין טומאה. דורך דעם ניגון דערהערן זיינע אויערן גאָטס וואָרט און די אויגן דערזען גאָטס וווּנדער — עס אַנטפּלעקן זיך פאַר אים די פאַרשידענע פאַזן פון דער פענאָמענאַליטעט פון וועלט־באַשאַף, ער דערפילט זיי ממש מיט זיינע חושים. דורך געזאַנג־עקסטאַז. דורך דעם ניגון שאַפט זיך די אינטימיטעט, די טיפע אינערלעכע נאָענטקייט פון אַלץ, וואָס געפינט זיך אינעם אוניווערז.

חסידיזם האָט אויך „באַאַרבעט“ און דערהויבן דאָס פאָלקס־ליד, האָט אַרויסגעבראַכט די שטראַלן פון פאָלק־געזאַנג. דער הויפּט־שטריך פון חסידיש געזאַנג אין כלל־געפיל, כלל־האַרמאָניע, לירישן אויסגוס, געמישט מיט שמחה, יסורים של אהבה, געוויין און קלאָג אויף גלות השכינה און אָן סופיקע שמחה פון לעבן, פון אהבת חבריות, אהבת השם — געזאַנג, וואָס איז בכוח צו עפענען די היכלות פון די הויכע ספערן; ניגון, וואָס עפנט די טויערן פון הימל.

---

2) זע מ. ש. גשורי: תרבות הנגינה בא״י, ארשת, תש״ד.

אין דער חסידישער נגינה זענען, ווי געזאָגט, אַריינגענומען געוואָרן פאָלקס־לידער פון אַנדערע פעלקער. פיל גוייִשע ניגונים זענען „געראַטע־וועט" געוואָרן, האָבן באַקומען זייער תיקון, און זענען פאַרייִדישט געוואָרן, מיט אייניקע שינויים, וואָס זענען צוגעגעבן געוואָרן צו דעם ייִדישן נוסח. זענען די הייליקע פונקען אין דעם גוייִשן ניגון אויפגעוועקט געוואָרן און געצונדן ייִדישע הערצער צו עבודת השם.

איינער פון די רביים, וואָס האָט פאַרייִדישט גוייִשע ניגונים, איז גע־ווען דער אונגאַרישער צדיק, ר' אייזיקל קאַליווער, ווי מ'האָט גערופן דעם רבין ר' יצחק פון קאַליוו, דער רבי, וועמענס עיקר עבודה איז געווען דורך זינגען. דער דאָזיקער צדיק איז געווען אַ מערקווירדיקער טיפּ פאָלקס־רבי און זיין הויפּט־כוח איז געווען נגינה. ער איז געווען, ווייזט אויס, אַ למדן, געווען אב"ד פון שטעטעלע קאַליוו, אָבער נישט מיט למדנות צייכנט ער זיך אויס. זיין קוואַל פון חסידות איז נאָר דורך געזאַנג. ווי די חסידישע לעגענדע דערציילט, איז ער אין די יונגע יאָרן געווען אַ פּאַסטעך, און שוין זייענדיק אַ רבי, פלעגט ער פון צייט צו צייט אַרויספאָרן אין וואַלד אַריין און זיך צוהערן צו די ניגונים וואָס די אונגאַרישע פּאַסטעכער פלעגן זינגען, צושפּילנדיק אויף זייערע פּאַסטעך־פייפעלעך.

דער דאָזיקער רבי איז אַמאָל געזעסן אין וואַלד און זיך צוגעהערט ווי אַ פּאַסטעך זינגט אַ ליבע־ליד מיט די פאָלגנדע ווערטער:

רויז, רויז, ווי ווייט ביסטו!
וואַלד, וואַלד, ווי גרויס ביסטו!
וואָלט די רויז ניט אַזוי ווייט געווען,
וואָלט דער וואַלד ניט אַזוי גרויס געווען.

דער קאַליווער האָט באַטראַכט דעם דאָזיקן ניגון פאַר אייסערגעוויינ־לעכער „השתוקקות", פאַר געוואַלטיקער בענקעניש און אים צוגעפּאַסט צו דער השתוקקות פון כנסת ישראל צו דער שכינה און סוף פון גלות, ער האָט דאָס ליד „אויסגעלייזט", געגעבן אַ תיקון און עס איז געבאָרן געוואָרן אַ חסידישער ניגון, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן ביי גדולי הרביים פון סאַנדז און ראָפּשיץ. אין ספר „דרכי חיים", ווערט איבערגעגעבן, אַז דער באַרימ־

טער סאנדזער רבי און רב, ר׳ חיים ז״ל פלעגט יעדן שבת זינגען דעם קאַ־ליווערס ניגון מיט גרויס מתיקות.

דער קאַליווער האָט צו דער פּרעכטיקער מעלאָדיע צוגעגעבן פאָלגנדע ווערטער:

שכינה, שכינה, ווי ווייט ביסטו!
גלות, גלות, ווי גרויס ביסטו!
וואָלט די שכינה ניט אַזוי ווייט געווען,
וואָלט דער גלות ניט אַזוי גרויס געווען.

ס׳זענען פאַראַן פאַרשידענע נוסחאותן. דער מערסט־אָנגענומענער און באַקאַנטער איז דער ציטירטער נוסח. דער באַרימטער וואַרשעווער רב ר׳ צבי יחזקאל מיכלזאָן (אומגעקומען פון די נאַציס אין יאָר 1943), ציטירט פון ספרים פאָלגנדעס:

הרב הקדוש מקאליב היה פעם אחת בשדה ושמע שרועה אחד מזמר בניגון נעים עד להפליא, מיד הלך הק׳ מקאליב ז״ל עמוק אל היער להתבודד שם וישב על הארץ והתחיל לזמר באותו הניגון המתוק בבכיה גדולה ומרה בלשון הזה:

גלות, גלות, מה גדולה את.
שכינה, שכינה, מה רחוקה את.
אלו היה הגלות קטנה,
היתה השכינה קרוב אז,
אלו השכינה קרוב אז,
אלו מן הגלות הוציאני,
היינו שנינו יחד אז.

דאָס ליד דריקט אויס געוואַלטיקע בענקעניש פון אַ נשמה וואָס זוכט זיך צו דערנענטערן צו דער שכינה און צו פאַרקירצן דעם גלות. דער ניגון איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, אַריינגעפירט געוואָרן אין היכל פון ייִדישער נגינה, אינעם היכל פון ספּעציפיש־חסידישן געזאַנג. די געבאָרגטע ניגונים זענען פון די חסידים אַזוי געענדערט געוואָרן, אַז ס׳איז שווער געווען צו דערקענען, צי זיי זענען בכלל פון אימיצן געבאָרגט. אַפילו די מעלאָדיע און

דער ריטם זענען געענדערט געוואָרן, כדי ס׳זאָל זיך ניט מערקן דער גויִשער אָפּשטאַם. ניט בלויז דער „תוכן”, נאָר דער גאַנצער גערוּעב און צוזאַמענבינדונג פון ליד איז פאַרענדערט געוואָרן און עס איז געוואָרן אַ חסידיש־פאָלקסטימלעך ליד [3].

דאָס דאָזיקע ליד, ניט געקוקט אויף דערויף וואָס די מעלאָדיע שטאַמט פון ניט־יידיש געזאַנג, איז שטאַרק געליבט געוואָרן פון גרויסע חסידישע רביים ווי פון באַרימטן סאנדזער רב ר׳ חיים האַלבערשטאַם און פון ר׳ נפתלי ראָפּשיצער. ר׳ חיים האָט אַמאָל געהערט, דערציילט אַ חסידישע לעגענדע, ווי אַ חסיד זינגט דאָס לידל, האָט ער אים געפרעגט צי ער איז היינט געווען אין מקוה, ווייל אָן טבילה טאָר מען דאָס ליד ניט זינגען. ביי ראָפּשיצער חסידים זינגט מען עד היום דאָס לידל מיט גרויס דבקות.

וועגן דעם קאַליווער רבי, זענען פאַראַן פאַרשידענע לעגענדעס וועלכע ווערן ביי חסידים באַטראַכט ווי פאַקטן. ר׳ יצחק־אייזיק טאָב, ווי ער ווערט אין חסידישע מאָנאָגראַפיעס גערופן, איז אַן אויסטערליש־אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט אין דער חסידישער וועלט. ער איז אַן אייגנאַרטיקע פיגור און פאַרנעמט אַ חשובן אָרט אין די בלעטער פון חסידות ווו עס ווערן איבערגעגעבן סימבאָלישע מעטאָדן און געשיכטלעכע פאַקטן וועגן דער אַנטוויקלונג פון בעל שמס דרך.

דער דאָזיקער ר׳ יצחק אייזיק פון קאַליוו, איז געווען אַ תלמיד־מובהק פון באַרימטן ניקלשבורגער רב ר׳ שמואל שמעלקע הורוויץ, איינער פון די אבות פון חסידיזם [4]. נאָך דער פּטירה פון רבין ר׳ שמעלקע, איז ער געפאָרן צום רבין ר׳ אלימלך פון ליזענסק, דעם מחבר פון חסידישן ספר „נועם אלימלך”. פון דעם רבין ר׳ שמעלקע ניקלשבורגער האָט ער אַ סך געלערנט אין נגינה [5]. דעם תלמידס כוח אין נגינה איז אָבער געווען גרע־

---

3) וועגן אַן אַנדער וואַריאַנט פונעם ליד, זעט יהודה יפת, לחסידים מזמור, ז׳ צ״ח.

4) אין שו״ת ר׳ משולם איגרא, חלק ע״ז, י״ז, ווערט ער דערמאָנט. דער לעצטער רופט אים „אהובי ידידי אהבת־נפש המאה״ג החסיד המפורסם אאַז״וו.

5) פון ר׳ שמעלקעס זמירות און זיין כח אַלס מנגן ווערט דערמאָנט אין ספר „ייטב פנים” (שפת הים, אות י״ג), אין ספר „שמן הטוב” (חלק ב׳, אות א׳), אין קונטרס „תהלה למשה”, אָנהייב ישמח משה און אין ספר „דברים ערבים”.

סער. אַ געבאָרענער טאַלאַנט. און ווי עס איז אָנגענומען צווישן אונגאַרישע חסידים, איז ער אַנטדעקט און אַנטפּלעקט געוואָרן דורך דעם וווּנדער־רבין ר׳ לייב שרהס (געב׳ אין יאָר ת״ש, נפטר ר״ח אדר, תקנ״א), וועגן וועמען ס׳וועט אונדז נאָך אויסקומען צו שרייבן. ער איז דער מערקווירדיקער צדיק, וואָס האָט ניט איבערגעלאָזט קיין ספרים, נאָר זיין לעבן אַליין איז איין גרויס ספר. דער בעש״ט, ווערט דערציילט, האָט אַמאָל געזאָגט וועגן ר׳ לייב שרהס, אַז ער פאַסט פון שבת צו שבת, ניט ווייל ער וויל פאַסטן און זיך פּייניקן, נאָר צוליב זיין דבקות אין השי״ת פאַרגעסט ער צו עסן. אַרום דעם ר׳ לייב שרהס וועבן זיך די מערסט־פאַנטאַסטישע לעגענדעס. ער ווערט געהאַלטן פאַר אַן איש קדוש ונורא, אַז בלויז זאָגן דריי מאָל „ר׳ לייב שרהס״ איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ „סגולה בדוקה״ אין צייט פון דונערן.

ר׳ לייב שרהס, אַרומפאָרנדיק אין אונגאַרן זוכן גרויסע נשמות פאַר דער חסידות־באַוועגונג, האָט דאָרט געטראָפן דעם ר׳ יצחק אייזיקל אַלס אַכט יאָריק יינגל, ווי ער האָט געפּאַשעט גענדז און געהערט זיין וווּנדער־לעכע נגינה. האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט אים, געפרעגט וועמעס זון ער איז, האָט מען אים געענטפערט, דער זון פון אַן אלמנה. האָט ר׳ לייב געבעטן דער אלמנה, אַז זי זאָל אים איבערגעבן צו אים, און די אלמנה האָט איינגעשטימט דערויף. ר׳ לייב האָט אים דערצויגן ווי אַן אייגן קינד, אים געשיקט צום רבין ר׳ שמעלקע קיין ניקלשבורג דאָרט לערנען און פאַרטיפן זיך אין נגלה און נסתר און ער איז געוואָרן דער „מאור ישראל״ אין דער חסידישער וועלט.

אין ספר „עשר צחצחות״, אין „שמן הטוב״, און אין אַנדערע ספרים ווערט אַ סך דערציילט פון אים, פון זיין התנהגות, פון זיין נגינה און תורה־שמועסן. אין „שמן הטוב״ (אות כ״ג), ווערט דערציילט, אַז דער וואָס האָט געהערט זיין דאַווענען איז געוואָרן אויסגעטאָן פון אַלע סאָרטן גופניות און אַז דער סאַנדזער רבי פלעגט שבת־נאַכט זיך אַרומדרייען אין בית־מדרש פאַרטראַכט, ביז ער האָט אָנגעהויבן זינגען דעם קאַליוועס ניגון און מקבל געווען די שבת קדושה. דער ראָפּשיצער רבי האָט זינגענדיק דעם דאָזיקן ניגון, באַמערקט, אַז קודשא בריך הוא מיט זיין גאַנצע פמליא קומען צו ר׳

לייב שרהס אין גן־עדן אים לויבן און דאַנקען פאַר זיין ראַטעווען אַזאַ טייערע נשמה.

אָבער ניט בלויז אין הימל האָט מען דערפאַר געדאַנקט ר׳ לייב שרהס וועמענס נאָמען געפינט זיך אין ספר „רזיאל המלאך״, וואָס איז פאַרהייליקט ביי חסידים. צוליב זיין אַנגעהעריקייט, לויט דער טראַדיציע, צו אדם הראשון. ר׳ ליב שרהס איז איינער פון די ריזן אין דער בעש״טס חסידות־באַוועגונג. וועגן אים קורסירן פאַרשיידענע פאַנטאַסטישע לעגענדעס און ווי חסידים גלויבן איז ער געווען אַ זון פון אַ ל״ווניק, א דאָרפס־מלמד, וואָס האָט געוווינט אין ראָוונע. ער אַליין איז אויך געווען אַ למד־וואָווניק, אַ „נסתר״, אַ נע־ונדניק, אַ רייזנדער פון וועמען אַלע גוטע יידן האָבן גע־האַלטן. ער האָט באַרייזט שטעט און שטעטלעך אין רוסלאַנד, אוקראַינע, פוילן, אונגאַרן און שכנישע מדינות. ער איז אויך געווען אין לובלין — דאַן נאָך אַ מתנגדישע פעסטונג. ער איז דאָרט נישט פאַרשטאַנען געוואָרן און זיינע אויפפירונגען האָבן אויסגעקוקט צו זיין ווילד, כישופדיק. האָט מען אים געוואָלט אַריינשלעפן אין שול פון מהרש״ל, אָפשערן די באָרד און פאַרשעמען. ווען ער האָט אויסגעשריען „רבונו של עולם, זע וואָס פאַר אַ הייליק פאָלק דו האָסט, אַז אַ מענטש גייט אַוועק פון דרך זענען זיי גרייט נעמען דיין נקמה פון אים״, האָט מען אים אָפגעלאָזט.

אָט דער ר׳ לייב שרהס האָט אַנטדעקט דעם צווייטן נסתר, דעם שפּע־טער באַרימטן קאַליווער צדיק, רב און רבי ר׳ יצחק־אייזיק (וועלכער איז געווען דאָרטיקער רב פון תקמ״א ביז תקפ״א 6) און וועגן וועמען עס זענען פאַראַן אָן אַ שיעור לעגענדעס, באַשריבן אין די פאַרשידענע חסידישע ספרים. און מערקווירדיק, דער דאָזיקער קאַליווער רב, איז געווען אַ שטאַרק־ליידנדער, אַ קראַנקער, אַ יסורים־ליידנדער און דאָך אַזאַ גרויסער מנגן, שאַפער פון חסידישער נגינה, ער האָט פאַרזונגען די יסורים וועלכע ער האָט מקבל געווען באהבה.

ער איז אויך געווען אַ גרויסער אָרימאַן און דאָס האָט אים געצווונגען אָנצונעמען אַ רבנות־שטעלע קעגן זיין ווילן. ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין ספר „עשר צחצחות״ אין נאָמען פון ר׳ יעקב פיש, וואָס האָט געלעבט אי־

6) לויט דער אויפשריפט אויף זיין מצבה.

בער הונדערט יאָר, אַ דאַנק די ברכה פון קאַליווער, אַז ער האָט געבאָרגט דער רביצין געלט אויף אַלע הצטרכותן. ווען מען האָט דעם קאַליווער אָנ־געבאָטן אַ רבנות־שטעלע, האָט ער זי לכתחילה צוריקגעוויזן, ווען דער ר׳ יעקב האָט אים דערמאָנט, אַז ער איז אַ בעל־חוב, האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און מסכים געווען אָנצונעמען די שטעלע.

דאָס רבנות האָט ער גראָד געפירט ביד רמה. איינגעפירט שטרענגע תקנות אין סאָבאָלטשער געגנט און געשטאַרקט דאָס חסידות אין אונגאַרן. אין גאַנץ אונגאַרן זענען אין יענער צייט געווען בלויז צוויי רביים פון בעש״טס חסידות, ער, און ר׳ אהרן פון זשיטאָמיר, דעם באַרדיטשעווערס תל־מיד. ער האָט זיך משדך געווען מיט דעם דאַן באַרימטן גאַליצישן רבין ר׳ צבי־הירש זידיטשויוער, און דער לעצטער האָט אַמאָל געזאָגט אויף אים, אַז ער איז שוין געווען אין היכל של משיח. דאָס האָט ער באַמערקט, ווען זיין טאָכטער, דעם קאַליווערס שנור, האָט אים דערציילט, אַז דער שווער איז אַמאָל געשלאָפן פון ערב שבועות ביזן צווייטן טאָג שבועות, און ווען די רביצין האָט אים אויפגעוועקט, האָט ער איר געזאָגט, אַז אַ שאָד וואָס מען האָט אים אויפגעוועקט. ער איז שוין געווען אין היכל של משיח און וואָלט זיכער געווען געפּועלט, אַז משיח זאָל קומען...

דער רבי פון לובלין האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דער „סדר״ ביים קאַלי־ווער, איז אַ „חד בדרא״. ניטאָ נאָך אַזאַ ליכט אויף דער וועלט. זיין ניגון אויף „אדיר במלוכה״ האָט ער גערשנט פון רבין ר׳ בער ,דעם מעזריטשער מגיד, וועלכער האָט די מעלאָדיע איבערגענומען פון אַ פּאַסטעך.

תורה ווערט ניט נאָכגעזאָגט פון אים, שמועסן, שיחת־חולין — יאָ, אויך פאַרשידענע מעשות וואָס ער זאָל האָבן דערציילט, מערסטנס איז ער באַקאַנט מיט זיינע מופתים און מיט זיינע ניגונים. זיין ניגון „על נהרות בבל״ איז אַ באַאַרבעטונג פון אַ מעלאָדיע, וואָס ער האָט געהערט פון אַ פּאַסטעך. דער טשאָרטקאָווער רבי פלעגט כסדר זינגען דעם דאָזיקן שיר. ער איז אַמאָל געווען אין אַ דאָרף, האָט מען פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל זינגען „ונתנה תוקף״, האָט ער זיי דערציילט, אַז דער בעש״ט איז אַמאָל געווען אַ מלמד אין אַ דאָרף לעבן לעמבערג, האָט ער דאָרט געדאַוונט ימים נוראים. די לעמבערגער האָט פאַרדראָסן וואָס די ישובניקעס האָבן נישט

געדאַרפט קומען אין שטאָט אַריין, האָבן זיי גוזר געווען, אַז אַלע דאָרפישע מתפּללים, צוזאַמען מיט זייער בעל־תּפילה, זאָלן קומען אין דער גרעסטער לעמבערגער שול דאַווענען. ווען דער בעש״ט האָט נאָר אָנגעפאַנגען מיטן ניגון, האָבן זיי געציטערט ביז חלשות... „ווילט איר — האָט ער אויסגע־פירט — האָבן דעם ונתנה תוקף אויף אַזאַ אופן, וועל איך זינגען״.

דער קאַליווער איז נפטר געוואָרן ז׳ אדר תקפ״א. אויף זיין מצבה איז ניט אָנגעצייכנט קיין טיטל אָדער לויב. אַזוי איז געווען זיין פאַרלאַנג. ס׳ווערט בלויז דערמאָנט, אַז ער איז געווען 40 יאָר רב אין גליל סאבאלטש... ויחי יצחק אייזיק בן רייזיל, בן משה יחזקאל זלה״ה שבעים שנה. ויהי כי זקן יצחק ויגוע ש״ק בעת רצון, בעת צאת הכוכבים ויאסף אל עמיו, אל מערת קברו אשר לו, יום א׳, ז׳, אדר.

ס׳איז געווען אומפאַרשטענדלעך ביים קאַליווער, ווי אַזוי קען ער אויס־האַלטן זיינע שווערע יסורים און נאָך שאַפן לידער. ער האָט דאָך ממש פאַרזוכגעט זיינע שרעקלעכע ליידן. דאָקטוירים האָבן ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי ער האַלט אויס די יסורים. אין פרט פון זיין מקבל זיין די יסורים באהבה ווערט ער פאַרגליכן צו די באַרימטע תנאים ר׳ אליעזר ברבי שמעון און רבי (ר׳ יהודה הנשיא), וועלכע האָבן אויף זיך גענומען ליידן יסורים. זייענדיק אַ מלומד ביסורים, האָט ער באַוויזן צו פאַרשפּרייטן אין אונגאַרן די לערע פון בעש״ט, צוזאַמען מיטן באַרדיטשעווערס תּלמיד, ר׳ אהרן זשיטאָמירער. ער האָט דאָרט געשאַפן די חסידישע באַוועגונג. פיל עוברי עברה געמאַכט פאַר ערלעכע ייִדן און איינגעפירט שטרענג־ייִדישע מנהגים. אָט, דער דאַזיקער פיזישער חלש, וועלכער האָט אויף דער עלטער אַפילו זיינע קליידער ניט געקענט טראָגן אויף זיך, איז געווען אַ גייסטיקער ריז, שטאַרק ווי אַ לייב אין קאַמף פאַר ייִדישקייט. ער האָט אַפילו באַוויזן אָנצושרייבן אַ ספר־תּורה אין אונדזער געוויינלעכן שריפט, פאַרלאָזנדיק זיך אויף געוויסע פּוסקים, אַז די מצוה אָנצושרייבן אַ ספר־תּורה קאָן מען יוצא זיין דורך אונדזער שריפט (כתב משיטא). אַנדערע זאָגן, אַז ער האָט מחמיר געווען אויף זיך ניט צו לערנען אין די געדרוקטע חומשים, טאָמער זענען זיי געדרוקט געוואָרן דורך אַ גוי.

ווי אַנדערע רביים אין זיין צייט, האָט ער באַוויזן מופתים. גע־

האָט רוח־הקודש און געוווסט אַלע גילגולים... ער אַליין האָט געזאָגט אויף זיך, אַז אַלץ טוט ער מיט כוונה. בעיקר האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט געזאַנג. ער פלעגט אַפילו זינגען לידער מיט אונגאַרישע ווערטער, ווי דאָס לידל „עס קרייט דער האָן", אין אונגאַריש: „סאָלאָ קאָקוש". די פרעמדע ווערטער פּונקט ווי די פרעמדע מאָטיוון זענען געוואָרן אין זיין מויל אַזוי פאַריידישט, מיט אייגנאַרטיקן מעלאָדישן געוועב און ריטם, אַז ס'האָט זיך מער ניט געמערקט דאָס גויִשקייט. דער ניגון איז פאַרוואָרצלט געוואָרן אין דער יִדיש־חסידישער נגינה. ער איז בכלל געווען אַ קענער אויף אַרומוואַשן און רייניקן אומריינס און עס פאַרוואַנדלען און לויטער ריינקייט. ער האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינעם אַ תלמיד: „ווייסט ווי אַזוי איך האָב דיך פאַר אַ ייִד געמאַכט, איך האָב דיר אַרויסגענומען די נשמהלע און איבערגעוואַשן, אַזוי ווי די גויע וואַשט איבער ביים וואַסער די וועש און צוריקגעגעבן ריין".

ווי ווייט ער האָט ליב געהאַט געזאַנג, איז געווען אַ מקפּיד אויף חזנים דערציילט אונדז דער פאַקט, אַז ווען זיין שטעטל קאַליוו האָט אַמאָל געוואָלט אויפנעמען אַ חזן אויף ימי־נוראים, האָט ער זיי דערציילט אַ מעשה, אַז צוליב אַ שלעכטן חזן, אַ ניט־ערלעכן, האָט מען שיעור אַ שטעטל פאַראומגליקלעכט, פונדעסטוועגן האָט ער געהאַלטן, אַז מען דאַרף דן זיין יעדן מענטש צום גוטן. דער „דן את כל האדם לכף זכות", האָט ער געזאָגט, באַטרעפט „שמע ישראל ד' אלקינו ד' אחד", אַזאַ פאַרגלייך האָט ער געמאַכט.

עס ווערט דערציילט אַז זיין תלמיד ר' שאול האָט אים אַמאָל געטראָפן אויף דער עלטער כמעט נאַקעט אין בעט. האָט ער אים געפרעגט: „ווי אַזוי זע איך אויס אין אַזאַ שטאַנד?". האָט ר' שאול אים געענטפערט: „ווי אדם הראשון פאַרן חטא". איז ער געווען שטאַרק צופרידן פון דעם ענטפער.

עס זענען געווען נאָך פיל רביים, וועלכע האָבן שטאַרק געהאַלטן פון זינגען אַלס הויפּט־עבודה אין חסידות. דורכן כוח פון געזאַנג האָבן זיי באַוויזן צו דערהויבן חסידים צו אַ הויכער מדרגה, צו גייסטיקער „התעוררות". צו נשמה־דערוואַכונג, צו אַזאַ „דבקות", וואָס ראַטעוועט דעם מענטש פון

עצבות, ער ווערט אויסגעטאָן פון גשמיות און באַהעפט זיך מיט די סאַמע הימלישע הויכענישן. אַזוי האָבן די חסידים אַ „מלאכים ניגון״ פון קאָזשעניצער מגיד און אַ הימלישן ניגון פון לובלינער „חוזה״, ר׳ יעקב יצחק הורוויץ.

חסידים דערציילן, אַז דער רבי פון לובלין, דער חוזה״, איז אַמאָל פרייטיק־צונאַכטס אַריינגעפאַלן אין גרויס דבקות און עטלעכע שעה געשוועבט אין די עולמות העליונים. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געווען מלא שמחה און אָנגעהויבן זאָגן „לאל אשר שבת״ מיט אַן אומבאַקאַנטן ניגון. ווען מ׳האָט אים נאָכן טיש געפרעגט ווו ער האָט גענומען דעם ניגון, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט אים געהערט אין די עולמות העליונים ווו ער איז געווען פאַרדבקותט, און חסידים האָבן זיך גענומען אויסלערנען און נאָכזינגען דעם ניגון. צווישן זיי איז געווען ר׳ נפתלי הורוויץ, דער ראָפּשיצער, וועלכער האָט זיך גוט אויסגעלערנט דעם הימלישן ניגון און נאָכדעם איינגעפירט ביי זיינע טישן צו זינגען מיט אים „לאל אשר שבת״ יעדן פרייטיק צו נאַכטס.

דער ראָפּשיצער, וואָס איז באַרימט אין דער חסידישער וועלט, מיט זיינע שאַרפזיניקע ווערטלעך און אַנעקדאָטן, האָט אַנטוויקלט די חסידישע נגינה, שאַפנדיק אַליין פאַרשיידענע ניגונים, צוגעפאַסט צו די תפילות און צו די ציטן פון יאָר. ער האָט פאַרפאַסט טרויעריקע און פריילעכע ניגונים און בכלל ניגונים אויף יעדן יום־טוב באַזונדער. ראָפּשיצער זענען געוואָרן גרויסע מנגנים און גרויסע חסידישע קאָמפּאָזיטאָרן.

הונדערטער ווערטלעך ווערן נאָכדערציילט פון ראָפּשיצער ז״ל און ווערן געניצט ווי אַ טעמע פאַר חסידישע מגידות און דרשות. קהל, ווערט דערציילט, האָט אַמאָל געמאַכט אַ סעודה ביי ר׳ נפתליס פאָטער, דעם לינסקער רב. ר׳ נפתלי, דאַן נאָך אַ יינגל, איז צוגעגאַנגען צום גבאי און געבעטן געלט אויף משקה. זאָגט דער גבאי: „אַ קונץ איז צו ברענגען משקה פאַר געלט, לאָמיר זען, ברענג משקה אָן געלט״... האָט דער יונגער נפתלי גאָרנישט געענטפערט. אַוועק און אויסגעזוכט ליידיקע פלעשער, פאַרשטאָפּט מיט קאָרקעס, זיי געבראַכט און אַנידערגעשטעלט אויפן טיש, זאָגנדיק: „איך האָב שוין געבראַכט משקה...״

ווען דער גבאי האָט געזען, אַז די פלעשער זענען ליידיק, האָט ער געפרעגט נפתלין וואָס איז געשען?

— אַ קונץ — ענטפערט ער אים, — אַז איר טרינקט פון פולע פלעשער, לאָמיר זען, טרינקט פון ליידיקע פלעשער.

ווען ער איז געווען אַ תלמיד ביים לובלינער רבין, ווערט דערציילט, אַז דער לובלינער רבי האָט אַמאָל אַוועקגייענדיק פאַרגעסן צו נעמען מיט זיך דעם שליסל פון שראַנק, ווו עס איז געלעגן געלט. ווען ער איז צוריקגעקומען נאָך אים, האָט ר׳ נפתלי זיך אָנגערופן:

— רבי, איר האָט שיעור עובר געווען אויף „לפני עור לא תתן מכשול... מ׳האָט דאָך געקענט צוגנבענען!" ער פלעגט אויך זאָגן אויף די וואָס זיצן אין דער היים און ווילן נישט פאָרן צו קיין רבין: „והם לא ידעו דרכי...". די וואָס זיצן אין דער היים וויסן נישט גאָטס וועגן, זאָגנדיק דעם „והם" אין יידיש „היים".

דער קאָזשעניצער מגיד ר׳ ישראל איז אויך געווען ווי זיין חבר דער „חוזה" אַ „מנגן" און אויך זיינס אַ ליד וואָס ווערט ביי חסידים געזונגען ראש־השנה אויף „אין קצבה", ווערט גערופן „מלאכים ניגון" און לויט דער לעגענדע, האָט דער קאָזשעניצער מגיד דעם ניגון געהערט זינגען פון די מלאכים אין הימל בעת זיי האָבן אַריינגעפירט אין גן־עדן אַריין דעם פּראַגער גביר ר׳ שמואל זביטקאָווער, וועלכער האָט אָפּגעראַטעוועט פּראַגע (פאָרשטאָט פון וואַרשע) פון אַ פּאָגראָם אינעם יאָר 1795.

ווי דערמאָנט, איז דער לובלינער רבי ר׳ יעקב־יצחק, באַרימט אַלס „חוזה", געווען אַ בעל־מנגן און אויך פיל פון זיינע תלמידים זענען געווען מנגנים, ווי ר׳ מאיר הלוי מאַפּטא (מחבר פון ספר „אור לשמים"), ר׳ יחזקאל קאָזמירער, פאָטער פון מאָדזשיצער דינאַסטיע, וועמענס כח אין נגינה ווערט באַוואונדערט פון גרויסע מוזיק־קינסטלער און פאָרשער. מאָדזשיצער נגינה, מאָדזשיצער קאָמפּאָזיציעס זענען וועלט־באַרימט. אויך ר׳ שלמהלע ראַ־

דאָמסקער (ר׳ שלמה הכהן פון ראַדאָמסק, מחבר פון ספר „תפארת שלמה״), איז באַרימט אַלס גרויסער בעל־מנגן און שאַפער פון חסידישע ניגונים 7).

וועגן רבין פון לובלין, ר׳ יעקב יצחק הורוויץ, האָבן מיר שוין געשריבן אויספירלעך אין אַן אַנדער אָרט 8); ס׳איז אָבער, כדאי נאָכאַמאָל צו דערמאָנען, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין לאַנצוט, גאַליציע און אַז מן השמים האָט מען אים געהייסן פאָרן און זיך באַזעצן אין „ווינאווי״, דמתקריא צשעכיו ביי לובלין, די שטאָט פון סופרים, חכמים, אָבער מתנגדים און דאָרט איז ער נפטר געוואָרן ט׳ באב תקע״ה (אינעם זעלבן יאָר, זענען נפטר געוואָרן, דער קאָזשעניצער מגיד, ר׳ ישראל בן ר׳ שבתי, סוכות תקע״ה און ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער).

דער רבי ר׳ בונם פשיסכער האָט דערציילט, אַז דער לובלינער רב, ר׳ עזריאל הורוויץ, „דער אייזערנער קאָפּ״, פלעגט מאַטערן דעם לובלינער רבין מיט כלערליי שאלות און פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל עפנטלעך דערקלערן, אַז ער איז ניט קיין רבי, אַז ער איז אַ פּראָסטער ייד, וועלן במילא די חסידים אַוועק פון אים. דער אַנערקענטער „חוזה״ האָט אים געפאָלגט. ס׳האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. ווען זיי האָבן זיך אויפסניי געטראָפן, האָט ער דאָס דערציילט דעם „אייזערנעם קאָפּ״, האָט דער לעצטער פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל טאָן דאָס פאַרקערטע, שרייען און דערקלערן זיך, אַלס גרויסער רבי, אַלס אמתער צדיק, וועלן די חסידים וואָס האָבן פיינט גאווה אַנטלויפן פון אים...

האָט דער לובלינער אים געענטפערט:

„כאָטש איך בין ניט קיין רבי, בין איך אָבער ניט קיין ליגנער און וועל ניט מסכים זיין זאָגן אויף מיר, אַז איך בין אַ צדיק, וואָס איז ניט אמת״...

---

7) וועגן חסידיש געזאַנג, ווי אַזוי פרעמדע ניגונים זענען פאַריידישט געוואָרן, זען, הלל צייטלין, לחסידים מזמור, רעד. מ. ש. גשורי, ז״ז 52—59; מ. אינדריץ, ז״ז 42—43; י. ראַבינאָוויטש, מוזיק ביי יידן (קאַפּיטאַל חסידיש געזאַנג); מנשה אונגער אין זיינע ווערק און אומצייליקע מאמרים; נ. סטאָלניץ, נגינה אין יידישן לעבן, ז״ז 235—236.

8) זע, נ. שמן, לובלין קאַפּ. וועגן חסידות; משה מנחם ב״ר אהרן וואלדן, מקעלץ, פוילן, אהל הרבי — חדו״ת מהאדמו״ר התנא האלקי רבנו יעקב יצחק הורוויץ; נפלאות הרבי, ממעשיו הקדושים, תרע״א.

דער רבי פון לובלין, וואָס האָט זיך ניט געהאַלטן פאַר קיין צדיק, איז געווען דער רב־רבנן אין חסידות. די מערסטע צדיקים פון דור, זענען געקומען צו אים און געקוקט אַרויף צו אים, געהאַלטן אים פאַר זייער רבי און מנהיג.

דער „אוהב ישראל" ר' אברהם יהושע העשל פון אַפּט, האָט געזאָגט עדות אויף אים, אַז ער האָט קיינמאָל ניט אויפגעהויבן זייגע ברעמען, ער זאָל ניט האָבן „מייחד" געווען זיין געבענטשן ליבן נאָמען...

דער קאָזשעניצער מגיד האָט אים גערופן דער „אורים ותומים". די חסידישע וועלט האָט אים טיטולירט מיטן נאָמען „חוזה", ווייל ער האָט געזען פון איין עק וועלט צו דער אַנדערער... און רבי יצחק אייזיק זידי־טשויווער האָט איבערגעגעבן, אַז די לובלינער מתנגדים האָבן אַמאָל גע־זאָלט זאָגן, אַז ווען ער וועט נפטר ווערן, וועלן זיי מאַכן אַ גרויסע סעודה, האָט מען דאָס דערציילט דעם לובלינער רבי, האָט ער געזאָגט, איך בין זי־כער, אַז נאָר מיין אַוועקגיין פון דער וועלט, וועלן זיי אַפּילו ניט קענען טרינקען קיין י"ש... און אַזוי איז טאַקע געווען, ער איז נפטר געוואָרן תשעה באב און אויף דער מצבה איז געווען אויסגעקריצט דער פרט פונעם יאָר ארץ רעשה 9).

4. דאָס הערלעכע געזאַנג פון ראַדאָמסק

ר' שלמה הכהן ראַבינאָוויטש (תק"ס—תרכ"ז) איז נאָך אַלס יונגערמאַן באַקאַנט געוואָרן אַלס עילוי, מקובל און גרויסער מנגן (זע: א. מאַרקוס „חסידות", ר. ויסבורד (הלחמי) „ארזי הלבנון").

אינעם אַריינפיר צום ספר „תפארת שלמה" (וואַרשע, 1869), פון ר' שלמה בהרב המופלג החסיד מו"ה דוב צבי הכהן זלה"ה אבד"ק ראַדאָמסק" (האָט אַ הסכמה פון ר' חיים האַלבערשטאַם, סאַנדזער רב), ווערט אָנגעגעבן דער יחוס פון ר' שלמה ראַדאָמסקער, וואָס ציט זיך ביזן מהרש"ל און במילא ביז רש"י און ביזן תנא ר' יוחנן הסנדלר, פערטער דור פון רבן גמליאל

9) זע, ישראל בערגער, עשר אורות, מערכת ו', ז' 83.

הזקן. ר׳ שלמה איז אויפגעגומען געוואָרן אַלס רב אין ראַדאָמסק, אין יאָר תקצ״ד און דאָרט נפטר געוואָרן ער״ח ניסן, תרכ״ו.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט יחזקאל בעסער־קושיצקי אַרויסגעגעבן אַ ספר א. נ. שבחי כהן, כתר תורה; דער ערשטער חלק געמט אַרום די תורה־שמועסן פון לעצטן ראַדאָמסקער רבין, ר׳ שלמה חנוך הכהן, אייניקל פון תפארת שלמה און פון זיין איידים, ר׳ משה דוד הכהן, אינטערעסאַנטע פלפולים און חידושים.

דער ראַדאָמסקער רבי איז געווען דער לעצטער פון אַ גרויסער דינאַס־טיע. ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין משפחה, שבת קודש, י״ח אב, תש״ב און ווי ר׳ יחזקאל בעסער דריקט זיך אויס:

„הוסר הנזר וחורמה העטרה... נחרב ונהרס בית רדומסק, מבצר התורה והחסידות, ארמון שהי׳ מוכתר בכתר כהונה, כתר תורה וכתר שם טוב״.

ווי ער גיט איבער, האָט דער לעצטער ראַדאָמסקער רבי געגרינדעט 33 ישיבות „כתר תורה״ אין וועלכע ס׳האָבן געלערנט מער ווי צוויי טויזנט תלמידים און די ישיבות זענען כמעט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן געוואָרן פון ראַדאָמסקער רבין. עס האָט אין זיי געהערשט תורה וגדולה במקום אחד...

וועגן ראַדאָמסק זענען דאָ, ווי פון אַנדערע גדולי אדמור״ים, אומצאָ־ליקע מעשיות, געגוג אַדורכצולייענען עטלעכע פרקים אינעם ספר „נפלאות תפארת שלמה״ פון ר׳ אברהם צבי זילבערשטיין, טאָראָגטער רב און אָפּ־שטאַמיקער פון דער דאַזיקער דינאַסטיע, בכדי צו באַקענען זיך מיטן ראַ־דאָמסקער דרך.

אינעם ספר „בית שלמה״ ווערן איבערגעגעבן כל־מיני ווונדער פון אָט דעם גדול אין דער רבניש־רבישער וועלט. ער איז געווען אַ געבוי־רענער אין וולאָשטשאָוו און דאָרט חתונה געהאַט און וולאָשטשאָווער חסידים האָבן אים געבראַכט צו ר׳ מאירל אַפּטער, דעם בעל „אור לשמים״. דאָרט האָט ער שטאַרק אויסגענומען מיט זיין זיסן קול־נגינה וואָס האָט געקלונגען ווי אַן אָרגל און האָט ממש היפּנאָטיזירט דעם עולם צוהערער. ר׳ מאירל אַפּטער האָט זיך וועגן אים אויסגעדריקט, אַז ווען ער זינגט, ליגט דער שם ביי אים אויפן פּנים און ער זינגט ווי דאָס קול פון די כרובים אין גן־עדן.

דער רבי האָט שפּעטער געזאָגט צו זיינע וולאָשטשאָווער חסידים:

„שוטים, אויב איר פאַרמאָגט אין אייער שטאָט אַזאַ יונגערמאַן, נאָך וואָס דאַרפט איר פאָרן צו מיר...״ און ר׳ מאירל אַפּטער האָט אים מסמיך געווען פאַר רבי.

ר׳ שלמה איז אויך געפאָרן צום פּשיסכער רבין ר׳ בונם, ווען ער איז שוין געווען אויף דער עלטער און ניט געקענט זען; ער אַליין האָט זיך דאָך גערופן, דער „בלינדער״ בונם. ער פלעגט זיך נוהג זיין צו האַלטן זיין האַנט אויסגעשטרעקט איבערן טיש און חסידים זענען צוגעקומען נעמען שלום.

ווען ר׳ שלמה איז אין ריי צוגעקומען און אָנגערירט דעם רבינס האַנט, האָט ר׳ בונם זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן: איך האָב דאָ געהאַלטן אַ האַנט און געפילט, אַז אין איר איז דאָ די הימלישע קלוגשאַפט ווי ביי שלמה המלך.

ער האָט אויך אַמאָל געדאַוונט ביי ר׳ יחזקאל קאַזמירער און נאָך דעם געענדיקט מיט „אנעים זמירות״, האָבן די שויבן שיר געפּלאַצט, פונעם הויכן טאָן וואָס ער האָט גענומען.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ איז ניט שייך צו פאַרנעמען זיך מיט ציטירן פון ספר „תפארת שלמה״״, אָדער דערציילן סיפורי מעשיות. בלויז וועגן שירה וועלן מיר ברענגען אַ וואָרט פון אים.

ער שטעלט זיך אָפּ, אויף פאַרשיידענע אויסדרוקן אין דער שירה און ברענגט אַרויס דעם געדאַנק אַז דער ייד דאַרף זיך פרייען דערמיט וואָס השי״ת גיט אים אַ געלעגנהייט צו פרייען און השי״ת פרייט זיך ווען ער הערט יידיש געזאַנג. דאָס האָט משה געמיינט „אשירה לד׳ כי גאה גאה״; לאָמיר זינגען צו גאָט דערמיט וואָס ער גרויסט זיך און ווערט דערהויבן דורך אונדזער זינגען. ער טייטשט דערמיט דעם פּסוק: „מוציא חמה ממקו־מה...״, אַז השי״ת זאָגט צו דער זון, זי זאָל שווייגן, כדי צו קענען הערן יידיש געזאַנג.

ער ברענגט אין נאָמען פון רבין ר׳ בער, אויפן פּסוק „שוש אשיש בה׳״... אַז דער טייטש איז: איך האָב פרייד מיט דעם וואָס איך קען פריילעך מאַכן גאָט 1).

---

1) „וכזה נשמע מפה קדוש הרב אדמו״ר מו״ה דוב בער ז״ל כפי ה״פ שיש, אשיש בהתגל נפשי באלהי... הייגו שמחתי מה שאוכל להביא שמחה בהשית״ב, בה״ה.

מיטן אומקום פון גרויסע חסידישע דינאַסטיעס וועמעס אָפּצווייגונגען האָבן זיך געפונען אין פוילן, איז אויך אומגעקומען די ראַדאָמסקער דינאַסטיע — אַ משפחה פון לויטער חסידיש־גבירישער אַריסטאָקראַטיע. דער לעצטער רבי פון ראַדאָמסקער גזע אין פוילן איז געווען ר׳ שלמה חנוך הכהן ראַבינאָוויץ, דער פּערטער דור פונעם „תפארת שלמה“. ער איז נאָך קיין גאַנצע זעכציק יאָר ניט געווען, און געוועזן רבי זינט דעם יאָר תרע״א. טויזנטער ראַדאָמסקער חסידים זענען געווען אין די שטעט און שטעטלעך פון מערב־איראָפּע. ווער ווייס צי ס׳איז פון זיי אַ זכר געבליבן. ס׳זענען אויך געווען אין פוילן עטלעכע ראַדאָמסקער ישיבות — פון דעם אַלעמען איז קיין זכר נישט געבליבן. עס איז אויסגעלאָשן געוואָרן אַ גרויסע דינאַסטיע וואָס איז געווען באַרימט מיט תורה וגדולה. דער ראַדאָמסקער רבי איז געווען באַרימט אַלס גרויסער גביר און נאָכפאָלגער פונעם דרך וואָס דער באַגרינדער פון דער גזע האָט אָנגעוויזן.

ר׳ שלמה ראַדאָמסקער האָט פריילעך געמאַכט ייִדישע הערצער. גע־שאַפן אייגענע ניגונים און געלערנט ווי אַזוי צו דינען גאָט מיט פריילעכ־קייט, מיט שמחה. אין זיין דרך זענען געגאַנגען זיינע קינדער און אייניקלעך ר׳ יחזקאל (מחבר פון ספר „כנסת יחזקאל“), ר׳ אברהם ישכר (מחבר פון ספר „חסד לאברהם“) און אויך דער אור־אייניקל, דער לעצטער רבי, וועלכער איז אומגעקומען פון די דייטשע מערדער.

ר׳ שלמה ראַדאָמסקער איז נפטר געוואָרן פרייטיק פאַרנאַכט, האָבן חסידים געזאָגט, אַז מ׳האָט אים גערופן מקבל שבת צו זיין פאַר די צדיקים אין גן־עדן. פאַרוואָס זיין אור־אייניקל איז געקומען אַזאַ מערדערלעכער טויט, דאָס קען קיין בן־אדם ניט וויסן. ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה ביי טראַגישע אומשטענדן. פּרטים זענען ניט באַקאַנט. מ׳ווייסט בלויז, אַז ער האָט איבערגעלעבט שרעקלעכע יאָרן, דערזעענדיק ווי די שענדער מאַכן חרוב די קדשי האומה און צום סוף אַליין געפאַלן פון נאַצי־קוילן, פאַרנע־מענדיק אַן אויבנאָן צווישן די קדושים וטהורים שמסרו נפשם על קידוש־השם.

ס׳האָט ניט געהאָלפן זכות פון כלל ישראל און אויך ניט דער זכות פון זיינע גרייסע אבות און די שרפי מעלה זענען געבליבן ביים געשריי: זו תורה וזו שכרה?!

קאַפּיטל זיבן

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער

1. דאָס לעבן פונעם גרויסן אוהב ישראל

וועגן ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער דאַרף מען אייגנטלעך קיין סך נישט שרייבן. ער איז די פּאָפּולערסטע פּערזענלעכקייט אין דער חסידישער וועלט. זיינע פאָלקסטימלעכע לידער ווערן עד־היום געזונגען. זיינע ניגונים, מליצות טובות פאַר יידן, גייען איבער פון מויל צו מויל און זיי בויטיקן זיך ניט געזאַמלט צו ווערן אין ספרים. ער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט אוצרות פון פּאָעטישע שאַפונגען. פּערל פון חסידיזם און מעשיות אָן אַ שיעור ווערן דערציילט אין נאָמען פון ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער, אַז מיר ווייסן שוין ניט וועלכע האָבן אַ היסטאָרישן הינטערגרונט און וועלכע דאָס פאָלק האָט צוגעשריבן צו אים. ער איז אויסערגעוויינלעך באַליבטביים יידישן פאָלק וועמענס „מליץ יושר״ ער איז געווען. די ווונדערלעכע מעשיות אַרום אים אַנטהאַלטן אין זיך וויכטיקע שטריכן פון פאָלקס־מיטאָס און זענען שוין באַאַרבעט געוואָרן אויף אַ קינסטלערישן אופן פון די גרעסטע יידישע קינסטלער, ביז דעם נעגער־זינגער פּאָול ראָובסאָן און אַ יידישער פּאָעט (א. קורץ) האָט פאַרפאַסט אַ פּאָעמע א״נ „ראָבסאָן ברענגט דעם באַרדי־טשעווערס טענות צום רבונו של עולם״. דאָס פאָלק פון האַרלעם און פון בראָנזוויל ווײנט אויף זייער שווערן גורל דורך ר׳ לוי יצחקס ניגון, און פאַרענדיקט אויך מיט „יתגדל ויתקדש שמי׳ רבא״...

דער גרויסער יידישער שריפטשטעלער י. ל. פּרץ האָט די מעשיות וועגן באַרדיטשעווער צדיק אויסגענוצט אין זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכ־

טן״ און וועגן אים פאַרפאַסט, לויט אייניקע פאָרשער, דאָס באַרימטע מייס־טערהאַפטע מעשהלע „אויב ניט נאָך העכער״. די מעשיות ווערן באַטראַכט ווי אַ מעטאַפאָר פאַר אַ געוואַלדיקן מוסר־השכל, פאַר מאָראַלישע דערהוי־בונגען און לייטערונג פון דער מענטשהייט.

זיינע לידער קומען אַריין אין אַלע לידער־זאַמלונגען. חיים קאָטליאַנסקי, אין זיין זאַמלונג פון פאָלקס־לידער, גיט צום ערשט די לידער פון ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער 1) און הייבט אָן מיט „דרי מעלה אם דרי מטה״; „דין תורה מיט גאָט״; „הבן יקיר לי אפרים״;„ דו־דו־דו״ און אַנדערע.

מירן דאָ ברענגען דעם טעקסט פון די ערשטע צוויי לידער.

„דרי מעלה עם דרי מטה״

„דרי מעלה עם דרי מטה וחסידיך רנן ירננו״ (די באַוווינער פון הימל און די באַוווינער פון דער ערד און אַלע דיינע פרומע מענטשן, זינגען אַ געזאַנג)...

„ואני — און איך לוי יצחק פון באַרדיטשעוו — בין דאָך ניט מער ווי עפר רימה ותולעה (שטויב, ווערים און קליינע ווערימלעך), באתי להפיל תחינתי לפני כסא כבודך (איך בין געקומען צו לאָזן פאַלן מיין תחינה פאַרן טראָן פון דיין כבוד). אוי געוואַלד, רבונו של עולם! והלא כמה אומות יש בעולם (אַזוי פיל פעלקער זענען דאָך פאַראַן אויף דער וועלט). מדים, פרסים, בבליים, רומיים און פונדעסטוועגן, ווי נאָר עפּעס אַ האָר, איז דאָך „דבר אל בני ישראל״, רעד צו די קינדער פון ישראל, נאָך מער! ׳צו את בני ישראל״, „באַפעל די קינדער פון ישראל״, איז דאָך אַ סימן, אַז בנים אתם לשם אלקיכם, אַז איר זייט קינדער פון אייער גאָט, ובכן, דעריבער זאָגט־זשע אַלע יתגדל...״

ר׳ לוי יצחק טענהט זיך אויס מיטן רבונו של עולם, בעט פאַרן יידישן פאָלק, פאַרטיידיקט דאָס יידישע פאָלק, אָבער אַלץ איז אַזוי באַשיידן, עניוות־דיק און פול מיט רחמים־געבעט. בונטאַריש איז ער, אין „דער דין־תורה מיט גאָט״. וואָס איז ווי קאָטליאַנסקי באַמערקט, אַן אַנדער וואַריאַנט פון דרי מעלה. דאָ פאָדערט ער, רעדט מיט פראָטעסט:

„אַ גוט מאָרגן דיר, רבונו של עולם, איך לוי יצחק בן שרה מבאַר־

1) פאָלקס־געזאַנגען, 1944, באָסטן, געזאַנג מיט פיאַנאָ אַקאָמפּאַנימענט.

דיטשעוו, בין געקומען צו דיר מיט אַ דין־תורה פון דיין פאָלק ישראל. וואָס האָסטו צו דיין פאָלק ישראל? וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף דיין פאָלק ישראל? אַז וווּ נאָר עפּעס, איז דבר אל בני ישראל, רעד צו די קינ־דער פון ישראל און וווּ נאָר עפּעס אַ זאַך, איז אמור אל בני ישראל, זאָג צו די קינדער פון ישראל און וווּ נאָר עפּעס אַ ריר, איז צו את בני ישראל, באַפעל די קינדער פון ישראל, טאַטעניו זיסער אין הימל: כמה אומות יש בעולם, אַזויפיל פעלקער זענען פאַראַן אויף דער וועלט: מדיים, פרסיים, בבליים... די רוסלענדער וואָס זאָגן? אַז זייער קייסער איז קייסער און די דייטשלענדער וואָס זאָגן? אַז זייער מלכות איז מלכות און די ענגלענדער וואָס זאָגן? אַז זייער קעניג איז קעניג. און איך לוי יצחק בן שרה מבאַר־דיטשעוו זאָג, המלך יושב על כסא רם ונשא, דער מלך וואָס זיצט אויפן טראָן אין הימל, און איך לוי יצחק בן שרה מבאַרדיטשעוו, האָב אָבער נאָך עפּעס צו זאָגן: „לא אזוז פה ממקומי, איך וועל מיך פון מיין אָרט נישט רירן און אַ סוף זאָל עס נעמען! און אַן עק זאָל עס נעמען! המלך היושב על כסא רם ונשא...“

דאָ רעדט ער אַזוי בונטאַריש, ער פאָדערט אויף, אַז אַ סוף זאָל נעמען צו די צרות.

דאָס ליד „דו־דו“ ווייזן אַלע אָן, איז באַזירט אויפן רוסישן פאַסטוך־ליד, „דודקאַ“, ווי דער פאַסטעך פייפט און זינגט אין רוסיש... ר׳ לוי יצחק האָט די מעלאָדיע האַרציק איבערגעגאָסן אין דער חסידישער מעלאָדיע און גע־מאַכט דערפון אַ חסידיש ליד פול מיט אמונה און פאַרטיידיקונג פון פאָלק ישראל.

אינעם ליד „אַ דודעלע“, הערן מיר ר׳ לוי יצחקן אויסרופן:

„איה אמצאך — ווו קען איך דיך יאָ געפינען ואיה לא אמצאך — און ווו קען איך דיך ניט געפינען, אַז ווו איך גיי איז נאָר דו, און ווו איך שטיי, איז ווידער דו, רק דו, אַך דו, נאָר דו, דו־דו־דו. אוי, איז מיר גוט! איז דאָך טאָקע דו; חלילה שלעכט, איז דאָך אוודאי דו, רק דו, אַך דו, נאָר דו, דו־דו־דו־דו. אוי מזרח־דו, מערב־דו, צפון־דו, דרום־דו, מעלה־דו, מטה־דו, אויבן־דו, אונטן־דו, אומעטום־דו, איז נאָר דו, דו־דו־דו־דו־דו...“

דער יידיש־העברעישער דיכטער ז. שניאור האָט אַ גרויסע פּאָעמע,

איינע פון די מייסטערהאַפטסטע פּאָעמעס זיינע, א״ג „אַ נייע דין־תורה פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער״ 2). דער גרויסער דיכטער זאָגט אין איי־נעם פון זיינע סטראָפן אין דער דאָזיקער באַרימט־געוואָרענער פּאָעמע:

„זאָג ניט ר׳ ליוויק געשטאָרבן!
דו לעבסט נאָך ביז איצטער מיט אונדז;
און דיין דין־תורה מיט דעם אויבערשטן,
ראש השנה איז יאָר ת״ק (דאָס יאָר 1790)
לעבט נאָך אין אַלעמענס האַרצן,
קלינגט נאָך אין אונדזערע אויערן,
מיט דיין שטאָלצן און ליבן ניגון.
נאָר דו, דער שליח־ציבור,
דער פּאָעט פון אַ חסידישן דור
און מחותן פון בעל „התניא״
האָסט זיך דערשראָקן און אויפגעהערט טענהן
אין מיטן דער גרויסער דין־תורה,
און מיט אַ יתגדל פאַרענדיקט״...

אין די לעצטע יאָרן זענען צוגעקומען עטלעכע ווערק וועגן ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, צווישן זיי, אַ דראַמע א״נ „דער רבי פון באַרדי־טשעוו 3) פון ד״ר צבי כהן, אין וועלכער ער שילדערט און מאָלט אַזוי קינסטלעריש די וויכטיקסטע מאָמענטן אינעם לעבן פונעם שטענדיקן מליץ־יושר, ר׳ לוי יצחק; זיין אָנהייב ביים רייכן שווער, זיין התנהגות אינעם גבי־רישן הויז, די ראָל פון דער שיינער רביצין, דער אויסערגעוויינלעכער יפת־תואר, די טאָכטער פון לעווערטאָווער גביר, די קאַמפן זיינע מיט די מתנגדים און איבערהויפּט מיטן אַרכי־מתנגד ר׳ אביגדור, די אַרומיקע סביבה, דאָס משדך זיין מיטן בעל התניא אאַז״וו, א״וו.

„ר׳ לוי יצחק — שרייבט ער אין זיין אַריינפיר — דער גרויסער אוהב ישראל וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַרויסגעגעבן, האָט ניט גלאַט אַזוי

2) געדרוקט אין „פאָרווערטס״, אויגוסט 7טן, 1943..
3) דראַמע אין דריי אַקטן, פאַרלאַג „רענעסאַנס״, ניו־יאָרק, 1952, 189 ז״ז.

זיך ליב געהאַט יידן... עס איז ביי אים געווען אַ שיטה, ווייל ערשטנס, מוז מען דאָך ליב האָבן יידן, וואָרים אויב נישט, איז מען דאָך קעגן גאָט.

„אַ חוץ דעם, איז דאָך יעדער ייד מקדש השם. אַלע יידן דאַוונען... און ווען אַ ייד גייט אין שול און רופט אויס: „שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד!״ האָט ער דערמיט אַרויסגערופן און אָנגעזאָגט דער וועלט, אַז עס איז נאָר דאָ איין גאָט אויף דער וועלט.

„דער דאָזיקער ייד, זאָגט אויך אָן דער וועלט, אַז נאָר גאָט דאַרף הערשן איבער אַלע מענטשן, אָבער ניט אַ מענטש. אַ מענטש טאָר ניט הערשן איבער אַנדערע מענטשן. קיין מענטש איז ניט אַזוי גרויס, אַז ער זאָל מעגן הערשן איבער אַנדערע און קיין מענטש איז ניט אַזוי קליין, אַז מען זאָל מעגן איבער אים הערשן...

„און אַז עס וועט ניט זיין קיין הערשאַפט איבער מענטשן, וועט במילא זיין ליבע צווישן מענטשן, וועט עס פירן צו אמתער פאַרברידערונג און די וועלט וועט אויסגעלייזט ווערן פון אַלע צרות...״

וועלנדיק אַרויסברענגען קלאָר די צוויי כאַראַקטערן, ר׳ לוי יצחק און ר׳ מענדל קאָצקער, שרייבט כהן צוו״אַנד:

„אַמבעסטן קען מען פאַרשטיין לוי יצחקן, ווען מען שטעלט אים קעגנ־איבער זיין אַנטיפּאָד, דעם גרויסן רבי, מענדל קאָצקער. ר׳ לוי יצחק און ר׳ מענדל — דאָס זענען די סאַמע צוויי עקסטרעמען פון חסידות. לוי יצחק — כולו רחמים און מענדל — כולו דין. לוי יצחק מאָנט צדק, יושר, איינזען און מענדל פאָדערט — אמת, קיין פּשרות און יקוב הדין את ההר. לוי יצחק לויפט צום המון און רופט אים „עם סגולה״ און מענדל אַנטלויפט פון המון און רופט אים „פּאַסטפּולסטוואָ״ (ערב רב)... לוי יצחק ליידט די פּערזענ־לעכע ליידן פון יעדן ייד און ער איז גרייט צו קערן וועלטן. מענדל טרייבט אַרויס די וואָס קומען צו אים מיט זייערע פּערזענלעכע ליידן און וויל ניט וויסן פון זיי...״

און ער סומירט:

„צוויי עקסטרעמען, צוויי וועלטן, און דאָך האָט דער קאָצקער... אַזוי ליב געהאַט ר׳ לוי יצחקן, ווייל נאָר אַ מענדל קען פאַרשטיין אַ לוי יצחק, פּונקט אַזוי ווי נאָר אַ לוי יצחק וואָלט געקענט פאַרשטיין אַ מענדל...״

אין דער דראַמע ברענגט ער אַרויס די דריי הויפּט־פיגורן: ר׳ לוי יצחק, זיין פרוי, די שיינע טאָכטער פון ר׳ ישראל פּרץ, ווי אויך דעם דריטן העלד — דעם יונגן פּירשט סאַנגושקע. אויסערגעוויינלעך קלאָר און קינסטלעריש איז ער אין זיין מאָלן און שילדערן די פּערעלע, די כשרע טאָכטער, די הערלעך־שיינע און געבילדעטע, וואָס איז געלייטערט אין צניעות און קדושה. זי קומט איבער אַלע שטרויכלונגען און בלייבט די אשת חיל מיט אַלע חנען. זי העלפט איר מאַן אין אַלע זיינע ליידן, אַזוי אין דער פּינסקער מחלוקה מיט ר׳ אביגדורן און אַזוי אין די מחלוקות מיט אַנדערע מתנגדים וואָס זעען אין אים דעם גרעסטן געפאַר פאַר מתנגדות.

ד״ר כהן ברענגט דעם פּינקטלעכן ווערטער־געפעכט צווישן ר׳ לוי יצחקן און דעם בריסקער רב ר׳ אברהם קאַצענעלנבויגן, וואָס איז ווי ער דערמאָנט, פאָרגעקומען אין זשעלעכאָוו (ווי מיר האָבן נאָכגעקוקט, איז דער וויכוח פאָרגעקומען אין פּראַגע, ביי וואַרשע). דער בריסקער רב האָט גע־פרעגט:

— האָט דען ניט ישעיה הנביא געזידלט יידן?...

ר׳ לוי יצחק: — וואָס פאַלט אייך איין? ישעיה הנביא האָט געזידלט יידן? קיינמאָל ניט!

בריסקער רב (אויפגעשטורעמט): — וואָס? דער זשעליכאָווער רב האָט שוין פאַרגעסן די ערשטע קאַפּיטלען פון ישעיה?

ר׳ לוי יצחק: — אוודאי ווייס איך זיי. אָבער דאָרטן רעדט דאָך דער נביא גאָר גוטס אויף יידן.

בריסקער רב: — וואָס טוט זיך דאָ עפּעס? האָט דען דער נביא ניט געזאָגט די ווערטער: „הוי גוי חוטא, עם כבד עוון״...

ר׳ לוי יצחק: — זאָל מיר דער בריסקער מוחל זיין, ווען כ׳וועל אים זאָגן, אַז ער ווייסט נישט דעם פשט פון די ווערטער. דער טייטש איז אַזוי: „הוי רבונו של עולם, פאַרוואָס טוסטו שלעכטס די יידן? ס׳איז דאָך „גוי חוטא״, אַ פאָלק וואָס טוט זיך רייניקן פון זינד, „עם כבד עוון״ — אַ פאָלק וואָס עס איז אים שווער צו זינדיקן. „זרע מרעים״ — קינדער פון גוטע פריינט, פון אברהם, יצחק און יעקב. „בנים משחיתים״ — קינדער וואָס טוען פאַרדאַרבן דעם יצר־הרע און לאָזן אים ניט צו זיך „עזבו את ד׳״ —

זיי העלפן גאָט. „נאצו את קדוש ישראל" — זיי איילן זיך צו טאָן וואָס עס איז הייליק ביי ייִדן און „נזורו אחור" — זיי טרעטן צוריק פון עברות. זיי זינדיקן ניט... 4)

ווי ווייט ער איז געווען אַ מליץ יושר אויף ייִדן, קענען עדות זאָגט די אומצאָליקע מעשהלעך וואָס קורסירן וועגן אים.

ס'ווערט, למשל, דערציילט, אַז ר' לוי יצחק האָט זיך אַמאָל יום־כּפּור פאַר כל נדרי געמומען לויפן הין און צוריק צווישן די בענק אין שול און פּלוצים צוגעלאָפן צום עמוד מיט אַ ברען, אויסרופנדיק: רבונו של עולם, גיב אַ קוק, האָסט געהייסן דיין פאָלק עסן און טרינקען ערב יום־כּפּור און איך קען בשום אופן ניט געפינען אַ שיכור... שטעל דיר פאָר, ווען אַנדערע פעלקער האָבן אַזאַ טאָג, וויפיל שיכורים וואָלטן זיי געהאַט... און דאָ אַזאַ הייליק פאָלק: זיי האָבן מקיים געווען דיין באַפעל, געגעסן, געטרונקען און דאָך זיך צוגעאיילט און געקומען אין שול, שטייענדיק איצט הייליקע, ריינע, גרייט צו נעמען אויף זיך די עינויים פונעם הייליקן טאָג. נישטאָ צווישן זיי קיין איין שיכור!

איך שווער דיר צו, אַז ס'קומט זיי אַ מחילה, סליחה וכפרה... זאָלסטו טאַקע זיי אָנשרייבן אַ כתיבה וחתימה טובה... 5)

די חסידישע באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבן פאַרשידענע פערזענלעכקייטן, פאַרשידענע צדיקים און „גוטע ייִדן", פאַרשידענע חסידישע רבייִשע פילאָזאָפן און דיכטער. אַלע זענען זיי געווען באַהויכט פון אהבת ישראל. ליבשאַפט צו ייִדן איז ביי זיי געווען אַן עיקר־פּונקט אין זייער רעליגיעזער אויפפאַסונג. אָבער צו דער העכסטער מדרגה אין דער דאָזיקער מידה האָט דערגרייכט ר' לוי יצחק פון באַרדיטשעוו. ער איז געווען דער גרעסטער „מליץ־יושר" פאַר ייִדן און כמעט ניט געזען ביי ייִדן קיין שלעכטס. ער האָט פאַרטיידיקט ייִדן מיט אַלע זיינע כוחות און גערעדט שאַרפע רייד צום רבונו־של־עולם, פאַרוואָס ער לייזט ניט אויס זיינע קינדער, דאָס פאָלק ישראל. זיין ליבשאַפט צום פאָלק ישראל און צום גאָט פון ישראל איז פשוט

---

4) זע: הורודוצקי, החסידים והחסידות, חלק ב', ז' ע"ו.

5) זע, דובנאָוס ווערק וועגן חסידיזם און הורודעצקי: „החסידים והחסידות". ספר שני, ע"ג, ע"ז־ע"ח, צ"ו; באריכות איגעם ספר תפארת בית לוי.

ניט משיג צו זיין. זיינע תפלות, זיינע פּאָעטישע שאַפונגען און בכלל זיינע ווערטלעך, פּונקט ווי זיינע ספרים, זענען געוואָרן באַרימט אין דער גאַנצער יידישער וועלט און איבערהויפּט אין יידישן פאָלקלאָר. ער איז געוואָרן אַ לעגענדאַרישע פיגור, אַ פּראָטאָטיפּ פון שענסטן פאָלקס־רבי. זיינע טענות צום רבונו־של־עולם אין יידיש, זיין געזאַנג אין יידיש ווערן אויסגענוצט פון פאַרשידענע קינסטלער פון וואָרט, שריפט און געזאַנג. אין דער צייט ווען אַנדערע האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרטיפן זיך מיט אויסברייטערן די חסידישע השקפה, מיט אַנטוויקלען די פילאָזאָפיע פון חסידות און זי באַזירן אויף לאָגיק און מענטשלעכן פאַרשטאַנד, האָט זיך ר׳ לוי יצחק באַמיט אויפצופלאַמען יידישע הערצער מיט קדושהדיקער התלהבות, מיט חסידישן עקסטאַז. ער ווערט פאַררעכנט אַלס דער שאַפער פון פאָלקס־חסידות, פון דער ריינער פאָלקסטימלעכער, געלייטערטער, זכות־נפשדיקער חסידות־באַוועגונג אין פוילן און אין אוקראַינע.

ר׳ לוי יצחק איז, ווי געזאָגט, געבוירן געוואָרן אין יאָר ת״ק (1740), אין דער שטאָט זאַמאָשץ, ווו זיין זיידע ר׳ משה איז געווען שטאָט־רב. זיין פאָטער ר׳ מאיר איז געווען רב אין שטעטעלע הוסאַקאָוו, גאַליציע. זיין מוטער שאָשע דבורה, ווערט דערציילט, איז געווען באַרימט מיט איר חכמה און צדקות און האָט אָפּגעשטאַמט פון מהרש״א און אַנדערע גדולי ישראל. זעקס און צוואַנציק דורות רבנים אָן איבעררייס, דערציילן חסידים, האָט ר׳ לוי יצחק אָנגעציילט אין זיין משפחה פון פאָטערס צד. ער אַליין איז געווען אַ חבר פון רבין ר׳ שמעלקע ניקלשבורגער, וועלכער האָט אים מיט־גענומען צום רבין ר׳ בער פון מעזריטש, וועמענס תלמיד־מובהק ער איז געוואָרן און איז געווען דער מחותן פון ר׳ שניאור־זלמן דעם בעל „התניא״ און שאַפער פון חב״דער חסידות.

די חסידישע פאַנטאַזיע האָט ניט דורכגעלאָזט דעם געבוירט פון גרויסן צדיק אָן אַ לעגענדע. ס׳ווערט דערציילט, אַז בעתן געבורט פון ר׳ לוי יצחק, האָט דער בעל־שם־טוב זיך שטאַרק געפרייט און געזאָגט צו זיינע תלמי־דים, צו דער „חבריא קדישא״, אַז אַ גרויסע נשמה האָט אַראָפּגענידערט פון הימל, וואָס וועט פאַרטיידיקן יידן, און צוגעגעבן, אַז בעת די נשמה האָט געהאַלטן ביים אַראָפּנידערן, האָט דער ס״ם (שטן) געטענהט, אַז ער וועט

שוין מער ניט האָבן וואָס צו טאָן אויף דער וועלט; האָט מען אים געטרייסט, אַז די נשמה וועט אויך זיין אַ רבֿ, און וועט זיין פּאַרנומען מיט קהלשע ענינים, וועט ער, דער שטן, האָבן אַ מעגלעכקייט איבערצורעדן ייִדן צו זינדיקן. זיין נשמה — האָבן צדיקים אין יענעם דור געזאָגט, — איז די נשמה פון ר׳ עקיבא. אין די ספרים פון חסידישער כראָנאָלאָגיע ווערן איי־בערגעגעבן וווּנדער־מעשיות וועגן זיין קדושה און צדקות וואָס איז אומבאַ־שרייבלעך. בעת זיין דאַוונען, האָט ער באַוויזן גבורה ווי אַ לייב, אַז מענטשן, וואָס זענען דערביי געווען, האָבן פשוט אויפגעציטערט פון דעם „ארי׳ שאג מי לא ירא״. ער פלעגט לויפן פון ווינקל צו ווינקל און געשריִען מיט קולות, אַז די האָר האָבן זיך אויפגעשטעלט פאַר מורא.

אין דער יוגנט האָט ער געלערנט ביי זיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ חוץ למדן אויך אַ גרויסער מקובל. ער איז געווען באַרימט אַלס עילוי און זיך געחברט מיט די בעסטע לומדישע יונגעלייט אין זיין צייט, איינער פון זיי, ר׳ יוסף תאומים, דער באַרימטער גאון, פוסק און מחבר פון „פרי מגדים״, דאָס גאוניש‍ע הלכה־ספר.

חתונה געהאַט האָט ער מיט דער טאָכטער פון דעם באַרימטן עושר ר׳ שמואל ישראל פרץ פון לעווערטאָוו, אַ שטעטל ביי לובלין, פוילן, וואָס איז דעמאָלט געווען באַוווּסט מיט אירע גדולי תורה. דער מחבר פון „פרי מגדים״ האָט אויך געוווינט אין לעווערטאָוו. זיי האָבןביידע געלערנט צו־זאַמען. אויסער די התמדה אין לערנען, האָט ר׳ לוי יצחק זיך פאַרנומען מיט מצוות פון הכנסת אורחים און אַנדערע וווילטעטיקע געזעלשאַפטלעכע עני־נים. ס׳ווערט דערציילט, אַז די מצוה פון הכנסת־אורחים האָט ער אַליין גע־וואָלט טאָן, ניט דורך קיין שליח. אַז ס׳פלעגן קומען אורחים, פלעגט ער זיי גרייטן די נאַכט־לעגערס, קויפן שטרוי, אַהיימטראָגן און אויסבעטן. האָט דער שווער, דער רייכער לעווערטאָווער בעל־הבית, אים אַמאָל אויפמערק־זאַם געמאַכט: „וואָס דאַרפסטו אַליין טראָגן דאָס שטרוי, קאָנסט דאָך באַ־צאָלן דעם גוי נאָך עטלעכע פרוטות וועט ער עס אַהיימטראָגן״.

— ווי פאַרשטייט איר? — האָט ר׳ לוי יצחק געענטפערט, שטוינענדיק — כ׳זאָל מכבד זיין דעם ערל מיט אַזאַ טייערע מצוה און אים נאָך באַצאָלן?..

דער שווער איז געווען אַ גרויסער „מתנגד״ און געוואָלט צוריקהאַלטן

זיין אײדעם פון קומען אין באַרירונג מיט די חסידים פון דער געגנט. גאָר באַזונדערס האָט ער אים ניט געלאָזט פאָרן אין דערבײיִקן שטעטל ריטשע־וואָל, ווו ר׳ שמעלקע הורוויץ, דער שפּעטער באַרימטער ניקלשבורגער רב איז דעמאָלט געווען רב און אײנער פון די הויפּט־תּלמידים פון מעזריטשער מגיד. לוי יצחק האָט אָבער געשטרעבט זיך צו באַגעגענען מיט די גדולי החסידים, און באַקענען מיט זײער דרך. זיין פּאָעטיש־מיסטישער גײַסט האָט אים געצויגן צו אָט דער נײַער פאָלקס־באַוועגונג. נאָך לאַנגע יגועים, באַגלייט מיט איינפאַכע פּײַניקונגען, ווי פאַסטן תּעניתים, האָט ער קוים גע־פועלט מען זאָל אים לאָזן פאָרן צו ר׳ שמעלקע. דער לעצטער האָט אין אים באַלד דערקענט אַ וויכטיקן כּח פאַר דעם דרך פון חסידות און אים באַווירקט צו פאָרן קיין מעזריטש.

דאָרט, אין מעזריטש, האָט זיך פאַר דעם יונגן ר׳ לוי יצחק אַנטפּלעקט אַ נײַע וועלט, אַ וועלט צו וועלכער ער האָט געשטרעבט אױ ער איז געוואָרן צוגעבונדן צום מגיד בלב ונפש, מיט אמתער דבקות און געזען אין אים דעם מלאך־אלקים, אויף וועמען די שכינה רוט און איבער וועמענס געזיכט עס פלאַקערט אַ הייליק העליש פײַער. אין די פאַרשידענע חסידישע מעשיות־ספרים, ווי „שבחי הבעש״ט", „קהל חסידים", „עשר אורות", „מעשיות נוראים ונפלאים" און אַנדערע, ווערן דערציילט פאַרשידענע מעשיות וועגן זיין אָנקום אין מעזריטש און זיין צוגעבונדנקייט צום מגיד, וועמען ער רופט אָן „מורי", אויף וועמענס פּנים ער האָט געזען „זיו וזוהר והדר" ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תּורה אויף משה רבנו: „כּי קרן עור פּניו"... ער האָט פיל מאָל געחלשט פאַר ציטערניש, דערזעענדיק דעם מגיד. אין יעדן וואָרט פון מגיד האָט ער געזוכט צו געפינען טיפע סודות און רמזים.

דעם דאָזיקן תמימותדיקן מענטש איז אָבער ניט באַשערט געווען צו זיצן במנוחה. לויט דעם אַלטן כּלל: „צדיקים מבקשים לישב בשלוה"... דער שווער איז געוואָרן אַ „יורד" און נאָך געווען אין געפאַר פאַרשיקט צו ווערן אין טורמע פאַר ניט האָבן געצונג געלט אויף צו באַצאָלן די חובות דעם פּריץ פון געגנט און ווי עס ווערט איבערגעגעבן, האָט זיין טאָכטער, ר׳ לוי יצחקס ווײַב, צוגעזאָגט דעם פּריץ, אַז אין משך פון צוויי יאָרן וועלן זיי באַצאָלן די חובות, און אויב ניש — וועט זי זיך שמדן. דערמיט האָט זי

געוואָלט אָפּראַטעווען איר פֿאָטער און דאָס געטאָן בסוד. ווען זי האָט דעם סוד איבערגעגעבן איר גרויסן מאַן, האָט ער אויפגעציטערט און באַין ברירה זיך געמוזט אַרויסלאָזן אויף דער וועלט זאַמלען נדבות אויסצולייזן דעם שווער. ווען ער האָט זיך אומגעקערט פֿון זיין וואַנדערונג, איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין ריטשעוואָל, אויפן פּלאַץ פֿון ר' שמעלקען, וועלכער האָט פֿאַרלאָזט די שטאָט. ער איז דאָרט געווען אַ שטיקל צייט און נאָכדעם אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין פּינסק, וואָס האָט שוין געוווּסט פֿון חסידישן דרך דורך ר' אהרן קאַרלינער, איינער פֿון מגידס תלמידים.

אַז ר' לוי יצחק איז געווען אָנערקענט אַלס רבנישע אויטאָריטעט און גאון אין תורת הנגלה, ווייזט דער פֿאַקט וואָס ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין אַ שטאָט, באַרימט מיט אירע גאונים רבנים. אין זיין הסכמה אויף דעם ספר „מאיר נתיבים" (פּולנאה, תקנ"א) חתמעט ער זיך אב־בית־דין ווריש מתיבתא דק"ק פּינסק והגליל".

אין פּינסק האָט ר' לוי יצחק אָבער געליטן שרעקלעכע רדיפות מצד די מתנגדים. די סיבה פֿון זייער אַרויסטריט דווקא קעגן אים מער ווי קעגן זיין עלטערן חבר ר' אהרן קאַרלינער, איז געווען צוליב דעם וואָס ער האָט די חסידישע סעקטע אין יענער געגנט, וואָס האָט זיך געפֿירט לויט דעם נייעם דרך אין געהיים, אַרויסגעפֿירט אין דער עפֿנטלעכקייט. זיין התלהבות האָט אויפגעשטורעמט די גאַנצע געגנט און ער האָט צוגעצויגן אָן אַ שיעור תלמידים. איינער פֿון זיי שילדערט אים (אין ויכוחא רבא, חלק ב', 23 פּרשבורג, 1896): „אור בהיר בשחקים, מופשטת ומובדל מכל עניני גשמיות... ותפלתו נשמעת למרחוק". דאָס איז אָבער אַלץ געווען אַ חסרון פֿאַר זיינע בעלי־בתים, וועלכע זענען, — ווי די לעגענדע דערציילט, — אַמאָל געקומען צום רב און אים ניט געטראָפֿן אין צימער, נאָר בלויז געהערט זיין שטים, אַ התלהבותדיקע ברכה איבער אַן עפּל, וואָס ער האָט זיך געגרייט צו נעמען אין מויל אַריין. דאָס למדנישע פּינסק איז אויפגעציטערט געוואָרן פֿון אַזעלכע „ווילדע" מעשים. נאָך מער איז ער געַרודפט געוואָרן פֿאַר זיינע נסיעות צום „מגיד" קיין מעזריטש. אויך זיין שוואָגער, אַ פֿאַנאַטישער „מתנגד", האָט אים געַרודפט מיט אַלע כוחות, ווייל ס'האָט ביים מתנגד געהייסן, אַז

ר׳ לוי יצחק איז אַראָפּ פֿון דרך־הישר. די איינציקע הילף און שטאַרקונג איז זיין פֿאַמיליע־לעבן איז געווען די רביצין, וועלכע האָט היך געשאַצט איר מאַנס התנהגות און געטאָן אַלץ אין זיין שוץ.

אין יאָר תקל״ב איז אַרויס פֿון ווילנע, דורך דעם הגר״א ז״ל מיט זיינע תלמידים, דער ערשטער חרם קעגן חסידים און חסידות. דער חרם מיט אַלע זיינע האַרבקייטן איז אַרויסגערופֿן געוואָרן אין אַלע ליטווישע שולן און בתי תפלה. אויך אין פּינסק איז דער דאָזיקער חרם פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין זיין פֿולער שטאַרקייט. דער חרם האָט אַזוי געווירקט אין פּינסק, אַז פּינסקער יידן, האַרציקע, גוטע מענטשן, זאָלן עפֿנטלעך אַרויסטרעטן קעגן רב מיט חרפּות און בזיונות. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז ר׳ לוי־יצחק איז געפֿאָרן צו זיין רבין ר׳ בער, וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אין ראָוונע, זענען זיי באַפֿאַלן דאָס הויז, צעריבט אַלצדינג און חרוב געמאַכט אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געקענט 6).

ר׳ לוי יצחק האָט זיך געטרייסט, אַז צוליב די דאָזיקע מעשים און רדיפֿות, וועלן די חסידים שטענדיק באַזיגן די מתנגדים. ער איז אָבער געווען געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן פּינסק, זייענדיק דאָרט רב איין יאָר. נאָכן מגידס פּטירה, איז ער אויפֿגענומען געוואָרן אַלס רב אין זשעליכאָוו, פּוילן, און אויך דאָרט קיין מנוחה נישט געהאַט פֿון די מתנגדים (זע סוף ספר נועם אלימלך, אגרת הקודש). דער חרם פֿון ווילנער גאון האָט דערגרייכט אומעטום. זיין וואָרט איז דאַן געווען דאָס אָנערקענטסטע צווישן די לומדים, רבנים, און סתם בעלי־בתים. ער איז אָבער דאָרט געווען רב אַ לענגערע צייט ביזן צווייטן חרם אין יאָר תקמ״א, ווען מ׳האָט אויפֿסניי אויס־

---

6) זע הורודצקי, החסידים והחסידות, חלק ב׳, ז׳ ע״ו; אין הסידישע ספרים ווערט איבערגעגעבן די מעשה אין אַן אַנדערן נוסח, עס זאָל הייסן אַז די פּינסקער קהלה האָט נישט געוואָלט צאָלן דער רביצין איר וועכנטלעכן געהאַלט, מיטן תירוץ וואָס דער רב זיצט כסדר ביים מגיד. די רביצין איז געפֿאָרן קיין ראָוונע, אַלץ דערציילט; פֿייערדיקע חסידים זענען אָנגעקומען קיין פּינסק, געמאַכט מחלוקת און באַשטראָפֿט ווי געהעריק די מתנגדישע בעלי־בתים. ווען ר׳ לוי יצחק האָט זיך דערפֿון דערוווּסט, האָט ער זיי אויסגערעדט פֿאַרוואָס זיי האָבן דאָס געטאָן נישט אָנפֿרעגנדיק ביי אים, און זיי געזאָגט אַז צוליב דעם האָבן זיי פֿאַרלאָרן דעם מגיד, וועלכער איז טאַקע נסתלק געוואָרן אין דעם זעלביקן יאָר.

גערופן אין ווילנער שטאָט־שול דעם מוראדיקן חרם אויף די חסידים. דער צווייטער חרם האָט אויפגעפאָדערט צו רודפן די חסידים מיט די ערגסטע רדיפות, זיי פשוט אויסוואַרצלען ווי עבודה זרה. דער לעצטער חרם האָט שטאַרק געווירקט און חסידיש לעבן איז געווען אין גרויס סכנה.

די ליידן פון ר׳ לוי יצחק זענען געווען אין לשער. קיין זשעליכאָוו פלעגן קומען צו אים צווישן אַנדערע גדולים אין דער חסידישער וועלט, די שפּעטער באַרימטע אדמורי״ם, ר׳ ישראל, קאָזשעניצער מגיד און ר׳ יעקב יצחק הורוויץ, פון לאַנצוט, אַ מקורב פון רבין ר׳ אלימלך ליזענסקער (דעם מחבר פון נועם אלימלך), וועלכער האָט זיך באַזעצט אין לובלין און באַרימט געוואָרן אַלס לובלינער רבי.

ער האָט אָבער אין קליינעם מקום קיין מנוחה נישט געהאַט פון די מתנגדים און קהלשע מחלוקתן. עס זענען אמת געווען דעם בעל־שמס ווער־טער וועגן זיין געבורט, אַז דער שטן האָט זיך באַקלאָגט ביים באַרדיטשע־ווערס געבאָרן ווערן, אַז ער וועט שוין נישט האָבן וואָס צו טאָן, ווייל ער וועט יעדן ייִד באַאיינפלוסן צו ווערן אַ צדיק, און אַז גאָט האָט אים גע־ענטפערט, ער זאָל זיך ניט אַזוי ערגערן, ווייל ער וועט ווערן אַ רב און דאָס רבנות וועט אים אין דעם שטערן. דאָס האָט זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן צו זיין אַן אמת. אַלס רב און אויסערגעוויינלעך הייסער חסיד, זייענדיק דורכגעדרונגען מיט זיין גאַנצער נשמה פון אָט די חסידות־טעאָריעס, זייענדיק איינער פון די התלהבותדיקע צדיקים און גרויסער אוהב ישראל, איז אים אויסגעקומען אָפּצוגעבן זיין צייט אין קאַמף פאַר זיינע איבערצייגונגען און רבנות־פּירונג.

זיינע קאַמפן פאַר חסידות האָבן דערגרייכט זייער קלימאַקס ווען דער בריסקער רב ר׳ אברהם קאַצענעלבאָגען, איינער פון די גרעסטע מתנגדים, אַ גרויסער גאון און באַרימטער רב, האָט אים פאַרבעטן קיין וואַרשע צו אַן עפנטלעכן וויכוח וועגן חסידות. דער דאָזיקער הייסער וויכוח איז פאָר־געקומען אין איינער פון די גרעסטע שולן אין פּראָגע, די פאַרשטאָט פון וואַרשע, אין יאָר 1774. דער בריסקער רב האָט באַשולדיקט די חסידים מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פון אַ מתנגד, באַנוצנדיק זיך אַפילו מיט חרפות און גדופים קעגן די חסידים און חסידות און דער גרויסער עולם,

ס׳רוב מתנגדים, האָבן אים אונטערשטיצט מיט אַפּלאָדירנדיקע אויסרופן. ר׳ לוי יצחק האָט זיך אַביסל דערשראָקן פון אָט דעם מאָן און גייסט, אָבער דאָך ניט געפאַלן ביי זיך און געענטפערט אויף זיין שטייגער אויף אַלע טענות.

זיינע ענטפערס, ווייזט אויס, האָבן ניט צופרידנגעשטעלט דעם מתנגדישן עולם און אוודאי ניט דעם בריסקער רב, וועלכער האָט אים נאָכדעם געשריבן אַ לענגערן בריוו, דערהערנדיק, אַז די חסידים באַרימען זיך, אַז ר׳ לוי יצחק האָט באַזיגט די מתנגדים. אין דעם בריוו, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: לכבוד הרב המאוה״ג מו״ה לוי יצחק דק״ק זעליכאָוו, מוסרט ער אים אויס פאַרוואָס ער באַרימט זיך, אַז ער האָט געענטפערט „השבה מעליא״, ווען ער האָט געענטפערט בלויז „פטומי מילי״, קיין זאַך „המתיישב על הלב״... און ער שלאָגט פאָר מ׳זאָל פאַרזעצן די פּאָלעמיק שריפטלעך און אַז ער האָט ניט קיין רעכט עובר צו זיין אויף דעם חרם, וואָס איז אויסגערופן געוואָרן קעגן די חסידים אויפן יריד וויסאָקי און יריד זעלווא 7).

ניט דאָ איז דאָס פּלאַץ מאריך צו זיין וועגן זיינע וויכוחים, אויך ניט וועגן ר׳ לוי יצחקס שיטה אין דרך החסידות, און אוודאי ניט וועגן דעם באַדייט פון זיינע חסידישע ווערק. דאָס איז נאָר מעגלעך אין אַן אַלגעמיין, אַלץ אַרומנעמענדיק ווערק. דאָ וועט זיין גענוג צו ברענגען עטלעכע כאַראַקטער־שטריכן פון אָט דעם גאונישן אוהב־ישראל; מירן זיך דאָ באַגנוגענען מיט עטלעכע ביאָגראַפישע און פּסיכאָגראַפישע שטריכן צו זיין געשטאַלט און גייסטיקע פיזאָנאָמיע.

נאָך אַלע רדיפות אויף אים, האָט ער פאַרלאָזט זשעלעכאָוו, אין יאָר תקמ״ה (1784), איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין דער גרויסער שטאָט באַרדיטשעוו, וואָס האָט אין יענער צייט געהאַט דאָס רוב מנין ורוב בנין אַ ייִדישע באַפעלקערונג. און דאָרט האָט ר׳ לוי יצחק אַרויסגעוויזן זיין גרויסע פערזענלעכקייט. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 45 יאָר און געזאָגט ביים אָנקומען „ונחנו מ״ה״ — אַלס בן מ״ה האָף איך צו האָבן מנוחה.

---

7) זע דובנאָוו ווערק וועגן חסידים און הורודעצקי, „החסידים והחסידות, ספר שני, ע״ג, ע״ז—ע״ח, צ״ו.

זיין וווּנטש איז מקוים געוואָרן. ער איז דאָרט פֿאַרבליבן אַלע זײַנע יאָרן אין מנוחה, אין גרויס כּבֿוד ביז זיין פּטירה, כ״ה תשרי תק״ע (1809). ער איז באַרימט געוואָרן אַלס באַרדיטשעווער רבֿ און דאָרט געפֿינט זיך זיין „אוהל״ אין אַרום אים ליגן זײַנע זין: ר׳ מאיר, נפטר געוואָרן ביים פֿאַטערס לעבן, אין יאָר תקס״ו; ר׳ ישׂראל, רבֿ אין פּיקוב, נפטר געוואָרן תרע״ח; ר׳ דובעריש, נפטר געוואָרן תקפ״ד.

2. גרויסער מנגן און מליץ-יושר

ווי חסידים דערציילן, האָט ר׳ לוי יצחק ביים אָנקומען אין באַרדיטשעוו זיך אויסגענומען מיט די קהלה-פֿירער, אַז זיי זאָלן אים ניט רופֿן צו קיין זיצונג, סיידן זיי ווילן זוכן איינצופֿירן עפּעס אַ נייע תּקנה. איינמאָל ווערט דערציילט, האָבן די ראשי העדה באַשלאָסן דורכצופֿירן אַ תּקנה צו פֿאַרווערן אָרימעלייט בעטן נדבֿות, אָנשטאָט דעם, זאָל מען שאַפֿן אַ פֿאָנד אויף צו שטיצן אַזעלכע אָרימעלייט. האָט מען צו דער זיצונג גערופֿן דעם רבֿ. ווען ר׳ לוי יצחק האָט דערהערט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ער זיך אָנגערופֿן: „פֿאַרוואָס האָט איר מיך גערופֿן?״ — וואָס הייסט — האָבן די מנהיגים געענטפֿערט — דאָס איז דאָך אַ נייע זאַך״. איר האָט אַ טעות — האָט דער באַרדיטשעווער זיי דערקלערט — דאָס איז אַזוי אַלט ווי סדום. אויך אין סדום האָט מען פֿאַרווערט אָרימעלייט צו בעטן נדבֿות, מן הסתּם צוליב דעם ענלעכן עפּנטלעכן פֿאָנד, די רייכע זאָלן ניט דאַרפֿן קומען פּנים לפּנים מיט דער אָרימקייט״.

דאָס איז נאָך אַ באַווייז, ווי גרויס פֿאָלקס-מענטש ר׳ לוי יצחק איז געווען און ניט געהאַלטן פֿון די אַריסטאָקראַטישע תּקנות.

ווען ער וואָלט געווען אין אַמעריקע און געזען צו וואָס פֿאַר אַ ירידה די משולחים-אינסטיטוציע האָט דערפֿירט דעם ענין צדקה צו דעם ערגסטן בזיון, וואָלט ער אוודאי צוגעגרייט אַ נייע תּקנה, צו ברענגען אָרדענונג אינעם סיסטעם פֿון צדקה און זיכערן די אינסטיטוציעס זאָלן ניט פֿאַרלירן דורך די משולחים...

אין באַרדיטשעוו האָבן אַ סך ייִדן אין יענער צייט געלעבט אין גרויס דחקות. כאָטש באַרדיטשעוו איז געווען אַ גרויסער צענטער פֿון האַנדל, און

אַנדערע ייִדן האָבן געהאַט גרויס שפע. אויך אין גייסטיקייט איז באַרדיטשעוו דעמאָלט געווען געבענטשט. נאָך איידער ר׳ לוי יצחק איז דאָרט אָנגעקומען, האָט די שטאָט געהאַט צוויי גרויסע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן זיך באַמיט אויפצוהייבן די קהילה גייסטיק און עטיש: דעם גאון ר׳ יוסף האַלפּערין, גערופן ר׳ יוסף חריף (אַ חדוש וואָס ער ווערט ניט דערמאָנט אין פרידלאַנדס „דעת קדושים״), און דעם מקובל ר׳ ליבער, וואָס איז גערופן געוואָרן, דער גרויסער, אַן אָפּשטאַם פון די גרויסע מקובלים ר׳ שמשון אָסטראָפּאָלער און ר׳ יחיאל מיכל נעמיראָווער (אומגעקומען אויף קידוש־השם אין דעם טרויעריקן יאָר ת״ח), און פון דעם באַרימטן מקובל ר׳ נתן שפּירא, מחבר פון „מגלה עמוקות״.

ר׳ ליבער איז באַטראַכט געוואָרן פון די באַרדיטשעווער ייִדן ווי אַ קדוש וטהור און זיי האָבן געגלויבט, אַז זיינע זיידעס פון עולם־העליון קומען צו אים און לערנען מיט אים די סודות פון קבלה. זיין דרך, זיין התנהגות האָבן געמאַכט אַ רושם אויף די אָרטיקע ייִדן אויף וועלכע ער האָט אַ סך משפּיע געווען. אַרום אים האָבן זיך געוועבט פאַרשידענע לעגענדעס, וואָס האָבן געמאַכט אַ רושם. אַפילו דער בעל־שם איז געקומען צו ר׳ ליבער הגדול, און פון יעדער באַגעגעניש צווישן די צוויי גדולי המקובלים האָבן חסידים געהאַט צו דערציילן פאַרשידענע לעגענדעס. ביי איינער פון זיינע באַזוכן אין באַרדיטשעוו, דערציילן חסידים, האָט דער בעש״ט געזאָגט וועגן אָט דעם ר׳ ליבער: „ס׳זענען דאָ צדיקים וואָס זענען זוכה צו גילוי אליהו. ביי רב ליבערן איז די זאַך פאַרקערט: אליהו האָט זוכה געווען צו גילוי ר׳ ליבער״.

ר׳ ליבער איז ניט געווען פון בעל־שמס חסידים. ער איז ניט געגאַנגען אין זיינע וועגן, געדאַוונט האָט ער נאָך נוסח אשכנז — ער האָט אָבער שטאַרק מכבד געווען דעם בעל־שם־טוב און נאָכן טויט פון בעש״ט, זיך דערנענטערט צום חסידיזם, יעדנפאַלס צוגעגרייט באַרדיטשעווער ייִדן צו דעם נייעם דרך. נאָכן רבין ר׳ בערס פּטירה, ווען מעזריטש האָט אויפגעהערט צו זיין דער צענטער פון חסידות, האָט באַרדיטשעוו איבערגענומען און געוואָרן דער צענטער פון חסידות, זייענדיק גוט צוגעפּאַסט פאַר אָט דער באַוועגונג. באַרדיטשעוו האָט אָפּט געהאַט דעם מגידס תלמידים אַלס

אירע געסט. אַזוי ר׳ לייב שרהס, ר׳ יעקב־יוסף פּולנאָהער, ר׳ זאב המוכיח פון זשיטאָמיר און אַנדערע ריזן אין דער חסידישער באַוועגונג.

מיטן באַרדיטשעווער רב ר׳ לוי יצחק איז די שטאָט געוואָרן דער גרויסער חסידישער צענטער. ניט בלויז פון קרייז און אומגעגנט איז מען געקומען זען ר׳ לוי יצחקס התנהגות, זיינע תפלות, וואָס ער האָט געזאָגט מיט אַ געוואַלטיקן הייליקן ברען, נאָר אויך פון מרחקים איז מען געקומען הערן זיין דאַווענען. הערנדיק דעם באַרדיטשעווער דאַוונען האָבן זיך די האָר קאַפּויר געשטעלט און דאָס האַרץ איז צעגאַנגען. און נאָך וויכטיקער איז געווען צו לערנען פון אים אהבת ישראל. ער האָט דאָך באַזעסן אַ האַרץ, וואָס איז פול געווען מיט ברענענדער ליבע פאַר גאָט און ישראל.

זיין ליבשאַפט צום פאָלק ישראל איז גאָרנישט משיג צו זיין. בלויז ליבע האָט ער געהאַט פאַרן פאָלק ישראל און געהאַלטן האָט ער, אַז אַלץ וואָס גאָט האָט באַשאַפן איז צוליב זיין פאָלק ישראל. ער האָט פּשוט ניט געקענט הערן קיין שלעכט וואָרט אויף ייִדן. ער האָט שטענדיק געהאַלטן אין פאַרטיידיקן ייִדן. ער האָט אַמאָל געהערט ווי אַ מגיד זאָגט מוסר ייִדן פאַרוואָס זיי היטן ניט קיין מצוות, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט מיט די אויגן צום הימל און מתפלל געווען: „רבונו של עולם, דער דאָזיקער מגיד מאַכט ביטערע פאַרווורפן דיינע קינדער צוליב די עטלעכע מטבעות וואָס מען גיט אים נאָך דער דרשה. גיב זשע אים, גאָטעניו, די פּאָר מטבעות אויף אַן אַנדערן אופן און זאָל ער ניט דאַרפן זאָגן רכילות אויף ייִדן״.

באַרדיטשעוו איז געווען פאַר אים זייער צוגעפּאַסט. ער האָט פאַרנומען דאָס פּלאַץ פון ר׳ יוסף חריף און ר׳ ליבער. די בעלי־בתים האָבן אין אים געפונעןביידע מעלות: למדנות און פּאָלקסטימלעכקייט, גאון און רבי. אין באַרדיטשעוו האָט ר׳ לוי יצחק דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון חסידישער התלהבות און דביקות און, ווי מיר האָבן פריִער דערמאָנט, איז זיין הויפּט־כח געווען תפלה. זיין דאַוונען איז געווען מיט מוראדיקער ציטערניש און ווי דער תנא ר׳ עקיבא האָט ער נישט געקענט שטיין אויף אַן אָרט, „אדם מניחו בזוית זו ומוצאו בזוית אחרת״ (ברכות ל״א, ע״א). חסידים זאָגן, אַז בעת זיין התלהבותדיקן דאַוונען זענען אַפילו מלאכים געקומען צו אים אין גרויס ציטערניש.

אָבער ניט בלויז ביים דאַווענען, האָט ער אויסגעזען ווי אַ **מלאך אלקים.** ער איז בכלל געווען אַ שטיק הייליק פייער און קיין איין מינוט אין טאָג איז ניט דורך, אַז ער זאָל ניט געווען שרייען „דערבאַרעמדיקער", אַזוי אַז דאָס איז געוואָרן זיין פאַמיליע־נאָמען. ביזן היינטיקן טאָג רופן זיך די פון אים אָפּשטאַמיקע „דערבאַרעמדיקער". מען דערציילט, אַז דעם נאָמען האָט מען אים געגעבן צופעליק. ווען דער רעגירונגס־באַאַמטער איז אַריינגעקומען צו אים פרעגן, וואָס פאַר אַ פאַמיליע־נאָמען ער וויל זיך געבן, האָט ער געהערט ווי ר' לוי יצחק לויפט איבער דער שטוב און שרייט: „דער־באַרעמדיקער, דערבאַרעמדיקער", האָט ער פאַרשריבן זיין פאַמיליע־נאָמען „דערבאַרעמדיקער".

מיט דער גרויסער התלהבות און דבקות האָט ער איבערגעשטיגן אַלע גדולים פון זיין צייט. זיין השתפכות הנפש, זיין אַריינטאָן זיך אין עולמות העליונים, זאָגן חסידים, איז ניט משיג צו זיין. עס האָט זיך געגרעניצט מיט פּיקוח־נפש. ער איז אַמאָל געגאַנגען שעפּן מצה־מצוה־וואַסער, איז ער אַריינגעפאַלן אין ברונעם. ביים מאַכן די ברכה על מקרא מגילה, האָט ער געמאַכט אַ רקידהלע אויפן עמוד. ער איז אַמאָל געווען צוזאַמען מיט ר' ברוך מעזשביזשער, אַ געלאַסענער, רויקער און געוואַלטיקער אסתניס, האָט ער פאַרגעשלאָגן צו זיצן ביים טיש קעגנאיבער כדי אים ניט צו „דער־קוטשען" מיט זיינע תנועות. ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן, ביי דער ברכה פון „המוציא" איז ער געוואָרן אַזוי דערהיצט, אַז דער טיש האָט זיך גע־טרייסלט. ווען ער איז אַמאָל געווען ביים קאַליווער, האָט מען געגרייט טיש באַזונדער.

דער רבי ר' קלמיש ניישטעטער (דער מחבר פון ספר „מאור ושמש"), איז אַלס קינד געווען ביים באַרדיטשעווער און זיך איינגעהילט מיט זיין טלית ווי דער שטייגער פון קינדער, האָט זיך באַלד אין אים אָנגעצונדן דאָס הייליקע פייער און ווען מיט יאָרן שפּעטער האָט דער רבי ר' אלימלך ליזענסקער (מחבר פון „נועם אלימלך"), גערעדט וועגן דער גרויסקייט פון זיין תלמיד, האָט דער באַרדיטשעווער אַ קוק געטאָן אויף זיין פּנים און אים באַלד דערקענט, אַז נאָך אַלס קינד איז ער אָנגעזאַפּט געוואָרן מיטן כוח פון קדושה.

דער באַרדיטשעווער איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן פֿון די הכנות למצוות. ער פֿלעגט אויף זיין די ערשטע נאַכט סוכות וואַרטנדיק ס׳זאָל שוין טאָג ווערן, כדי צו קאָנען מקיים זיין די מצוה פֿון לולב און אתרוג. מוצאי יום־טוב פֿלעגט ער וואַך זיין, וואַרטנדיק ס׳זאָל שוין ווערן טאָג, ער זאָל קענען מקיים זיין די מצוה פֿון תפֿילין לייגן און אַזוי כסדר, אַז ס׳איז אים ניט אויסגעקומען צו שלאָפֿן. יעדער רגע אין טאָג איז אָנגעפֿילט געווען מיט מסירת נפֿשדיקער עבֿודה... אפֿילו די שיחת חולין מיט יעדן מענטש האָבן געהאַט אַ טיפֿן באַדייט. אין ספֿר „באר משה״ פֿון קאָזשעניצער מגידס זון ר׳ משה, ווערט איבערגעגעבן (ס׳ ויקרא) אין נאָמען פֿון זיין פֿאָטער ר׳ ישראל, אַז ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער פֿלעגט רעדן מיט מענטשן וואָכעדיקע ענינים. טראָגנדיק אויף זיך טלית און תפֿילין, וואָס איז ניט פּאַסיק פֿאַר געוויינלעכע דורכשניטלעכע מענטשן, זאָל זיך קיינער ניט אָפּלערנען פֿון דעם קדוש עליון וואָס האָט געהאַט „מוחין קדישין״ און אַלץ געטאָן מיט התקשרות און דבֿקות. אויך אין אַנדערע ספֿרים ווערט דערציילט ענלעכס.

אין ספֿר „עשר אורות״ ווערן דערציילט מעשיות וועגן זיין התנהגות, וואָס פֿאַר דעם געוויינלעכן מענטשן האָבן זיי אויסגעקוקט מערקווירדיק, ווי דאָס רעדן „שיחת חולין״ און מיט יעדן מענטש און וועגן גשמיותדיקע ענינים... דער רבי ר׳ שמעלקע האָט וועגן דעם געזאָגט, אַז פּונקט ווי ביי „רב״ אין דער גמרא ווערט געזאָגט: „לא שח שיחת חולין״, וואָס מיינט זיכער, אַז אפֿילו די דברים בטלים זענען געוואָרן דערהויבן צו הייליקע רייד, דאָסזעלבע איז געווען מיטן באַרדיטשעווער, וועמענס עבֿודת השם איז געווען אַזוי גרויס, אַז די שיחת חולין און דברים בטלים זענען דערהויבן געוואָרן צו די הויכע מדרגות.

זיין לעבן איז געווען געווידמעט צו פֿאַרטיידיקן יידן, מלמד זכות זיין אויף זיי ביים רבונו של עולם. ער פֿלעגט זיך כסדר אויסטענהן מיטן רבונו־של־עולם, זיך „דורכשמועסן״ מיט אים וואָס פֿאַר אַ גוט פֿאָלק יידן זענען.

אין איינע פֿון זיינע פֿאַרטיידיקונגס־טענות האָט ער געזאָגט: „רבונו של עולם, ווען צוויי מענטשן האָבן חתונה, טרעפֿט, אַז איינער איז רייך און דער צווייטער איז פֿון גרויס יחוס אָבער אָרעם. דו, רבונו־של־עולם,

האָסט געגומען פאַר דיין כלה דאָס עם ישראל, וואָס שטאַמט פון גרויסן יחוס פון די אבות, איז עס ניט דיין חוב, אַז דו זאָלסט אים פאַרזאָרגן מיט פּרנסה?״.

אַ צווייטן מאָל האָט ער אַזוי געזאָגט: „מיר זענען פול מיט זינד, אָבער דו ביסט פול מיט רחמים. ווי קליין זענען אונדזערע זינד אין פאַרגלייך מיט דיין גרויס רחמנות, וואָס האָט גאָר קיין ברעג ניט, ווי זשע קענסטו באַשרענקן דיין רחמנות צו אונדז?״.

אין זיינע שמועסן מיט גאָט, האָט ער זיך אָפט זייער שאַרף אויסגעדריקט און געזאָגט דעם רבונו־של־עולם, אַז ער טוט ניט גענוג פאַר זיין פאָלק:

„רבונו־של־עולם — האָט ער אַמאָל געזאָגט — דאָס עם ישראל איז די תפילין פון דיין קאָפּ, ווייל אין זיי איז געשריבן: ווער איז ווי דיין פאָלק ישראל, ס׳איז דאָס איינציקע פאָלק אויף דער ערד״... ווען ביי ייִדן, אַ פּשוטן ייִד, פאַלן אַראָפּ די תפילין, הייבט ער זיי אויף מיט גרויס זאָרג און קושט זיי. גאָט, דיינע תפילין זענען צו דער ערד געפאַלן שוין צוויי טויזנט יאָר, פאַרוואָס הייבסטו זיי נישט אויף?״.

ער איז געווען, ווי דערמאָנט, אַ גרויסער מנגן און געהאַט אַ זיסע שטימע. ער אַליין פלעגט דאַוונען ימים נוראים פאַרן עמוד און אין זיינע תפלות האָט ער אַריינגעפלאָכטן ווערטער אין דער ייִדישער שפּראַך, ווי למשל, די באַרימטע פאַרפאַסונג פון „דרי מעלה עם דרי מטה יפחדון וירעדון מאימת שמיך; דרי תהום עם דרי שאול ירעשון וירגזון מאימת פניך. אבל צדיקים ממקום גן־עדן ירננו ויזמרו לשמך לכן, איך לוי יצחק בן שרה מבארדיטשוב בין געקומען פאַר דיר בעטן פאַרן כלל ישראל: צו וועמען רעדסטו? אל בני ישראל! וואָס האָסטו צום פאָלק ישראל, דבר — אמור — צו וועמען זאָגסטו! — אל בני ישראל! צו וועמען באַפעלסטו? אל בני ישראל!... פרעג איך דיך וואָס האָסטו צום פאָלק ישראל... אלא מאי, מוז געדרונגען זיין: חביבין ישראל שנקראו בנים למקום״ 1).

ר׳ לוי יצחק האָט געשאַפן אַ סך לידער אין ייִדיש ווי דער באַרימטער „קדיש״ זיינער און אַנדערע תפלות.

---

1) זע, „עשר אורות״, כ״ד עמוד א׳; הורודעצקי ז׳, פּ״א.

אין אַלע זיינע לידער קומט צום אויסדרוק אויסערגעוויינלעכער אהבת ישראל. עס איז נישט משיג צו זיין דאָס אהבת ישראל ביי אים. ער האָט אַמאָל געזען אַ ייִדן עסן בפרהסיא תשעה־באב, האָט ער זיך געווענדעט צו דעם ייִד: „דו האָסט אוודאי פאַרגעסן, אַז היינט איז תשעה באב? — „ניין! איך האָב ניט פאַרגעסן", — האָט דער ייִד געענטפערט.

„דו פילסט זיך אפשר ניט גוט" — האָט ר' לוי יצחק ווייטער געפרעגט. „אָ, ניין!! איך פיל זיך גאַנץ גוט"...

האָט דער באַרדיטשעווער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט: „רבונו של עולם, זע, ווי ייִדן האָבן ליב דעם אמת. ווען אַ ייִד זינדיקט אַפילו, זאָגט ער אויך קיין שקר ניט"...

עס איז אויך באַקאַנט די מעשה ווי דער באַרדיטשעווער איז געפאָרן מיט אַ בעל־עגלה, וועלכער האָט אין טלית און תפילין געשמירט די רעדער פון זיין וואָגן. האָט ר' לוי יצחק געזאָגט: „ווי וויל ייִדן זענען, אַפילו ווען דער בעל־עגלה שמירט די רעדער פאַרגעסט ער ניט אָן דעם באַשעפער".

אומצאָליקע מעשות און לעגענדעס וועבן זיך אַרום דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער פערזענלעכקייט אין דער חסידישער וועלט. מערסטע פון זיי זענען קינסטלעריש באַארבעט געוואָרן, פונקט ווי זיינע פאָלקס־לידער.

ער איז געווען דער, מן השמים געשיקטער „אורח טוב", וואָס האָט געזען בלויז גוטס ביים ייִדישן פאָלק. פון יעדער וואָרט זיינס קוועלט אַרויס זיין אומגעהויערע ליבשאַפט צו גאָט און זיין פאָלק.

3. חסידות־פילאָסאָפיע פון ר' לוי יצחק

אהבת ישראל פאַרנעמט אַן עיקר אין חסידות. די ליבע צום ייִד — יעדן ייִד אייגעשלאָסן — פאַרנעמט דעם אויבנאַן אין די לערעס פון בעש"ט און זיינע נאָכפאָלגערס. איז דאָך באַקאַנט דאָס חסידישע וואָרט, אַז צוליב דעם האָבן די מסדרי התפלה, די צוזאַמענשטעלער און רעדאַגירער פון די תפלות געשטעלט די ברכות „אוהב עמו ישראל" און „בוחר בעמו ישראל באהבה" פאַרן „ואהבת את ד' אלקיך" צו ווייזן און אונטערשטרייכן, אַז עס איז אוממעגלעך ליב צו האָבן גאָט אויב מ'האָט ניט אין זיך די פולשטענדיקע „אהבת ישראל", די פולשטענדיקע ליבע צו ייִדן. דער גרוי־

סער רבי איז געווען דער גרויסער אוהב ישראל. אַ ייִד, וואָס פֿילט ניט דעם אַנדערנס ווי, האָבן זיי געלערנט, קען זיך ניט דערהייבן צו דער מדרגה פֿון „רבי". די נאָכפֿאָלגער פֿון בעש"טס חסידות האָבן זיך שטאַרק אָנגע־האַלטן אין זוהרשן מאמר: „תלת קישרין מיתקשרין דא בדא, ישראל באו־רייתא, ואורייתא בקודשא בריך הוא". דער געדריטלטער בונד צווישן ייִד, תורה און גאָט איז געוואָרן איין איינהייטלעכקייט.

אין זייער ליבע צו ייִדן, האָבן במילא די חסידות־פֿירער דערהויבן די ייִדישע מאַסן, געווירקט אויף זיי פּסיכאָלאָגיש דורך געבן זיי חשיבות און צוציִענדיק זיי צום חסידישן קרייז. די ייִדישע מאַסן, געיאָגטע און גע־פּלאָגטע פֿון אינעווייניק און פֿון דרויסן, זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן גייס־טיק דורך דעם חסידיזם, וואָס האָט געפּרעדיקט ליבשאַפֿט צו יעדן ייִד, מענטש און בכלל צו אַלע גאָטס באַשעפֿענישן. זיי, די שוואַכע, די אומ־באַהאָלפֿענע, די שטענדיק טעראָריזירטע, האָבן דערפֿילט זייער ווערט, ווען זיי האָבן געהערט פֿון בעל־שם: „איך האָב ליב דעם נידעריקן פֿון די ני־דעריקסטע"... די מידה פֿון רחמנות איז ביים חסידיזם אַנטוויקלט געוואָרן צו אַזאַ פֿאַרנעם, אַז ער האָט במילא געפֿירט צו דער אומגעהויערער מענטשן־ליבע.

דובנאָוו איז ניט אויסגעהאַלטן אין זיין קריטעריום, אַז ביים חסידיזם פֿעלט די מידת הרחמים...

די אבות פֿון חסידיזם, דערזעענדיק אין וועלכן מצב די ייִדישע מאַסן געפֿינען זיך, אין אַן אינערלעכע און אויסערלעכע פֿינצטערניש, זענען דורכגענומען געוואָרן פֿון זייערע ליידן, שטאַרק רחמנות געהאַט אויף זיי. אויב זיי האָבן ניט געקענט ברענגען אויסערלעכע ליכט, ניט געקענט אָפּ־שטעלן די אויסערלעכע שנאה צום ייִד, האָבן זיי לכל הפּחות געבראַכט צו זיי אינערלעכע ליכט, ליכטיק געמאַכט די ייִדישע געטאָ, דעם תחום־המושב.

אמת, שוין לאַנג־לאַנג אין דער ייִדישער געשיכטע פֿאַרנעמט אהבת־ישראל אַ צענטראַלן פּונקט. הלל הזקן, זיין נאָכפֿאָלגער ר' עקיבא בן יוסף, האָבן מיט טויזנטער יאָרן צוריק געלערנט, אַז דער „ואהבת לרעך כמוך" איז דער כלל גדול בתורה, דער עיקר העיקרים, דער הויפּט־פּרינציפּ אין דער אויפֿפֿאַסונג פֿון יהדות... אין משך פֿון פֿינצטערן גלות איז אָבער דער

פרינציפּ אַראָפּ פון זיין פּעדעסטאַל, געוואָרן אויס צענטראַל־פּינקט און פאַר־לאָרן זיין באַדייט אַלס גורם אין געזעלשאַפטלעכער באַציִונג. דער דאָזיקער פּרינציפּ איז אָבער אויפגעלעבט געוואָרן, אין אַ נייעם לבוש מיט אַ נייעם לעבעדיקן אינהאַלט דורך די שאַפער פון חסידות, באַזונדערס דורך ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, וועלכער האָט, ווי חסידים באַהויפּטן, געהאַט די נשמה פון ר׳ עקיבא און פונקט ווי יענער, זיך מוסר נפש געווען פאַר ייִדן, אַזוי ווייט, אַז ער האָט לויט דער לעגענדע, ראש השנה צוגעגנבעט אַלע עבירות אין הימל. ער האָט זיך באַצויגן פאָטערלעך צו יעדן ייִד און ווי אַ טאַטע געהאַט מיטלייד און רחמנות אויף די וואָס קענען זיך ניט קאָנטראָלירן און באַגיין עבירות (זע ד״ר שמעון פעדערבוש אהבת ישראל בתורת החסידות, „הדואר״, חסידות־נומער, גליון ל׳, תש״י).

דער געדאַנק פון „אין אדם עובר עברה אלא־אם־כן נכנס בו רוח שטות״ (אַ מענטש באַגייט ניט קיין עברה, סיידן ער איז ניט ביים קלאָרן זינען), וואָס האָט אויך געפונען אַן אָפּקלאַנג אין שפּינאָזאָס פילאָזאָפיע, פאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט אין דער חסידות אויפפאַסונג. דערפון האָט זיך גענומען די אויסערגעוויינלעכע ליבשאַפט צו יעדן ייִד. דעריבער די שטענ־דיקע פאַרטיידיקונג פון ייִדן.

די פּראָטאָטיפּן פאַר אהבת־ישראל אין דער חסידישער וועלט זענען וואָס אַן אמת ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער און ר׳ אברהם העשיל אַפּטער. אָבער יעדער רבי האָט געמוזט האָבן אין זיך אַ שטאַרקע אהבת ישראל, ווייל אין עיקר־פּרינציפּ האָבן זיי געמוזט זיך האַלטן אין דער אָנווייזונג פון רבי אברהם יהושע פון אַפּטא, וועמען מ׳רופט אין דער חסידישער וועלט דער „אוהב ישראל״ און אויך זיין ספר ווערט גערופן „אוהב ישראל״. אין זיין ספר ווידערהאָלט ער כסדר דעם געדאַנק און די שטרעבונג פון אהבת ישראל און ער פאָדערט פון יעדן אַ פלאַמיקע דורכויסיקע ליבשאַפט צו ייִדן. „עס איז — זאָגט ער, — אַ מצות עשה ליב צו האָבן יעדן איינעם ייִד. אהבת ישראל איז געבונדן און געקניפּט מיט דער ליבשאַפט צו השם יתברך. ביידע זענען איינס. ווער עס האָט ליב גאָט, דער האָט ליב זיין פאָלק ישראל״. („אוהב ישראל״, פּרשת שקלים)..

ר׳ לוי יצחקס ליבע צום פאָלק ישראל איז איבער אַלע מענטשלעכע

באַגריפן. ער האָט פאַרבונדן און פאַראייניקט די גאָט־ייִדישקייט מיט מענטש־ייִדישקייט, די מצוות בין אדם למקום, צוזאַמען מיט די מצוות פון „בין אדם לחברו". זיי זענען געוואָרן איין האַרמאָנישע איינהייטלעכקייט. אין דער ליבע צו ייִדן האָט ער געזען די ליבע צו גאָט. דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן און אויסלעבן זיך האָט ער געזען בעיקר אין אָט דיביידע ליבשאַפטן, אַלס די עיקרדיקע גורמים אין מענטשלעכער דערהייבונג.

זיין ליבע צו ייִדן, ווי מיר האָבן געזאָגט, איז געווען איבער יעדער גרעניץ, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז ייִדן אַלס פאָלק זענען בעסער פון די אַנדערע פעלקער. זיינע תפלות האָבן שטענדיק אין פראָלאָג געהאַט אַ פּאָר ווערטער אין ייִדיש וועגן דער גוטסקייט און גרויסקייט פון ייִדישן פאָלק. ער האָט זיך דערלויבט צו רעדן שאַרפע דיבורים צו גאָט פאַר זיין פאָלק ישראל. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז דער רצון פון בורא. פון יעדן וואָרט זיינעם קוועלט אַרויס זיין גרויסע ליבשאַפט צו גאָט און צו ייִדן. אין יעדן ייִדיש וואָרט האָט ער געהערט דעם קול אלקים, ווייל יעדער ייִד האָט דאָך אַ „חלק אלקי ממעל". אפילו ווען ער האָט אַמאָל געדאַרפט אַריינזאָגן זיינע חסידים, זאָגן תוכחת־מוסר, האָט ער דאָס געטאָן מיט אַ שמייכל, מיט אַ גוט וואָרט, אַרויסווייזנדיק אַ „פנים שוחקות". ער איז אַמאָל נאָך שמונה עשרה, צוגעגאַנגען צו אייניקע מענטשן, און זיי געגעבן „שלום". האָבן זיי זיך געוווּנדערט, ווייסנדיק, אַז זיי זענען ניט געווען קיין טריט אויסערן שטאָט. ענטפערט זיי ר׳ לוי יצחק: „וואָס ווונדערט איר זיך? ווען איר זענט געשטאַנען שמונה־עשרה, האָט איר דאָך געוויס געטראַכט פון אייערע געשעפטן, איינער אין דער שטאָט, אַ צווייטער אין אַן אַנדער שטאָט, און נאָך שמונה־עשרה זענט איר צוריקגעקומען פון די נסיעות, קומט אייך שלום".

ער פלעגט פאַר פסח אַרומגיין צווישן די בעקערייען ווו מ׳פלעגט באַקן מצות, צו זען מ׳זאָל ניט עקספּלואַטירן די בעקערקעס. ביי איין בעקער האָט ער געזען, אַז די געדונגענע ווייבער און קינדער אַרבעטן עבודת פרך, האָט ער זיך אויסגעדריקט: די גויים זאָגן, אַז מיר ייִדן באַקן, חלילה, מצות מיט גויִיש בלוט וואָס די גאַנצע וועלט ווייס, אַז עס איז שקר וכזב. איך אָבער, זאָג, אַז בעוונותינו הרבים, זענען דאָ ייִדן וואָס באַקן מצות מיט ייִדיש בלוט.

זיין שיטה אין חסידות אַלס אַ פילאָסאָפישע אויפפאַסונג איז געווען דורכאויס אַן אָפּטימיסטישע. ער האָט אויך שטאַרק געהאַלטן פון פשוטער אמונה ווי זי ווערט גערופן אין דער חסידישער ליטעראַטור „אמונה תמימה", ווי עס באַווייזן זיינע ספרים „קדושת לוי", „ספר הזכירות" א"אַנד. חסידישע ספרים, וואָס ציטירן אים. דעם מענטש, האָט ער געהאַלטן פאַר דעם צענטער פון דער וועלט, פון דער בריאה, און אַז ער דאַרף שטענדיק זיך פאַרבינדן מיט דעם עולם העליון. דער יידישער מענטש דאַרף זיך באַהעפטן מיט זיין שורש, מיטן מקור פון לעבן און דעמאָלט ווערט ער פאַראייניקט און פאַראייביקט דורך דער מדרגה פון אין סופיקייט. דעמאָלט ווערט ער אין גאַנצן נשמהדיק, דעמאָלט רוט אויף אים דער גייסט, וואָס איז „נאצל" פון זיין ליבן נאָמען... 1).

אַלץ וואָס דער מענטש טוט, פלעגט ער כסדר זאָגן, שפּיגלט זיך אָפּ אין הימל. דעם מה מלמעלה ממך פלעגט ער טייטשן „מה מלמעלה — ממך!" (אַלץ וואָס אין די הויכן איז פון דיר...). דעריבער האָט ער זיך באַמיט און געווידמעט זיין לעבן אויף מתקן זיין יידישע נשמות, כדי צו ווירקן אויף דער גאַנצער בריאה זי זאָל זיין מתוקן, ווי גאָט האָט געוואָלט זי זאָל זיין, נאָר איז קאַליע געוואָרן צוליבן מענטש. דאָס גאַנצע לעבן פון מענטש, דאָס חיות אין אים איז דער בורא ברוך הוא, דער „חלק אלקות" אינעם מענטש2).

דער מענטש וואָס דינט גאָט מיט ליבשאַפט האָט אין זיך די געטלעכע ליבע־פונקען, ווייל אין אַלץ „שפירט" זיך די געטלעכקייט בבחינת משפיע, און דעריבער דאַרף מען זיין, ווי דער בעל־שם־טוב האָט געלערנט, „בשמחה". מ׳דאַרף זיך פרייען מיטן לעבן וואָס גאָט גיט דעם מענטש. מ׳דאַרף אויסדריקן די דאַנקבאַרקייט־געפילן מיט ציטערדיקע הייליקע פרייד דורך תפלה.

„אהבת ישראל", איז דער עיקר גדול אין דער לערע פון ר׳ לוי יצחק, אַ צענטראַל־פונקט אין זיין לעבן. היסטאָריקער באַהויפּטן, אַז אין אונדזער גאַנצער לאַנגער גלות־געשיכטע האָבן מיר ניט נאָך אַזאַ „מלאך טוב", מיט

---

1) זע קדושת לוי, (סלאַוויטא, תקנ"ח), תשא, ויחי, נצבים א"אַנד מקומות.

2) זע קדושת לוי, חלק א׳, בראשית, שמות, משפטים; זע אויך הורודעצקי׳ החסידות והחסידים, ז׳. פ"ד.

אַזאַ פֿלאַמיקער ליבשאַפֿט צו ייִדן, מיט אַזאַ פּאַרטיפּטער דורכגעדרונגענער ליבשאַפֿט, מיט אַזאַ נאַטירלעכער שלהבת־יה־ליבע צום פֿאָלק, וואָס ער באַטראַכט פֿאַר דאָס סאַמע־הייליקסטע און טייערסטע, און פֿאַר אָט דער ליבשאַפֿט האָט ער זיך מוסר־נפש געווען. ער איז געווען, ווי חסידים באַהויפּטן, דער „סניגור ישראל" אין ברייטן זין פֿון די ווערטער, איינער פֿון די ל"ו צדיקים, וואָס האָט זיין מיסיע דורכגעפֿירט עפֿנטלעך און אויף דעם דער־פֿאָלגרייכסטן אופֿן. ער איז געווען דער צדיק אויף וועמען מען קען מיט רעכט זאָגן: „לא הביט עוון ביעקב"... און דעריבער האָט די אַנאָנימע בעל־פּהדיקע חסידישע ליטעראַטור און פֿאָלקלאָר געוועבט אַרום אים אַזוי פֿיל לעגענדעס פֿון וועלכע איך וועל בלויז ברענגען אייניקע כאַראַקטעריסטישע מעשהלעך, אויסלאָזנדיק זיינע כאַראַקטעריסטישע פּסוקים־טייטשן.

שטייענדיק פֿאַרן עמוד, אום ראש־השנה, האָט ער זיך אינמיטן דאַווע־נען אָפּגעשטעלט און אויסגעשריִען: „רבונו של עולם! אויב דו שרייבסט אָן דייַן פֿאָלק ישראל צום לעבן — איז גוט! אויב ניט, חלילה, וועל איך, ר' לוי יצחק, גוזר זיין אויף דיר דאָס אָנצושרייבן". אָן אַנדער מאָל האָט ער געזאָגט, אַז די חסידים פֿון דור וועלן מבטל מאַכן אַ שלעכטע גזרה... אין זיינע אויפֿפֿאָדערונגען איז ער בישט געווען קיין מסיח דברים כלפּי מעלה, נאָר פּשוט געליטן פֿון ייִדישע צרות אַזוי פֿיל, אַז ער האָט זיך אַרויסגע־שטעלט מאַנענדיק דעם עלבון פֿון ייִדישן פֿאָלק. „לויט ר' לוי יצחק, האָט ר' ברוך מעזשבוזשער געזאָגט, איז דער אויבערשטער ניט יוצא זיין חוב צו יעדן ייִד".

ר' לוי יצחק האָט שטענדיק געזען די ייִדן ווי דעם צענטער פֿון וועלט־באַשאַף, פֿון וועלט־אַל, פּונקט ווי ר' יהודה הלוי, וועלכער האָט באַטראַכט די ייִדן, ווי דאָס האַרץ פֿון דער מענטשהייט, און פּונקט ווי די נביאים, וועלכע האָבן באַטראַכט דאָס ייִדישע פֿאָלק אַלס אויסדערוויילט, און ארץ־ישראל אַלס גייסטיקן צענטער פֿון דער וועלט: „כי מציון תצא תורה"... ר' לוי יצחק, קומענדיק שוין נאָך דער גרויסער עפּאָכע פֿון מקובלים אין לאַנגען גלות, לייטערנדיק זיך אין די ליידן פֿונעם פֿאָלק וואָס איז אים ליב געווען ווי זיין אייגענער נפש, האָט געפֿילט, ממש אָנגעטאַפּט אָט די גרויסקייט פֿון פֿאָלק ישראל און פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אונדז די גרויסע וועלט

מיט אַלע גרויסע יצירות — אַז דאָס איז אַלץ „בשביל ישראל", ווי ער דריקט זיך אויס: „כל העולמות, העליונים והתחתונים בשביל ישראל נבראו" 3) — אַלע וועלטן זענען באַשאַפן געוואָרן צוליב דעם בן־בכור ישראל. דערמיט איז געפונען געוואָרן די טרייסט צום ליידנדן פאָלק. דער־מיט האָט מען געשטאַרקט די געפּלאָגטע און געיאָגטע, אַז זיי זאָלן ניט אַריינפאַלן אין עצבות; דערמיט האָט מען אַפּעלירט פאַר יידישער אחדות, וואָס איז פאַרבונדן מיט אחדות אלקות, און ווען יידן ליידן, ליידט אויך די שכינה. „בכל צרתם לו צר. — „כל מקום שגלו ישראל גלה שכינה עמהם"..

ר' לוי יצחק האָט אויך געזען אין יידישע ליידן דעם קאַמף פאַר אַ גרויסן אידעאַל, און דעריבער האָט ער געהאַלטן, דאַרפן ליב זיין די יסורים, דורך די יסורים, האָט ער געזען, ווערט גאָט דערהויבן, איז „יתגדל ויתקדש שמיה רבא", ווייל יידן זענען דאָס „עם סגולה" און וועלן סוף־כל־סוף זוכה זיין צו דער גרויסער גאולה. און ווייל ער האָט אַזוי ליב געהאַט יידן, און ווייל ער האָט געדינט גאָט מיט אַזוי פיל מסירת נפש און געווירקט אַזוי שטאַרק אויף מקרב צו זיין יידן צו חסידות, האָט ער זיך דערלויבט מער ווי אַנדערע, צו פאַרטיידיקן יידן צום העכסטן קלימאַקס, אויסרעדנדיק אַמאָל: „רבונו של עולם, אויב דו וועסט אַרויסגעבן אַ האַרבע גזרה קעגן יידן, וועלן מיר, די צדיקים, ניט דורכפירן דיין באַפעל". ער האָט געוויינט און געקלאָגט אויף יידישע צרות, ניט אַזוי צוליב די ליידן, נאָר צוליב דעם וואָס יידן האָבן ניט קיין „חיי שעה" אויף צו קענען זיך אָפּגעבן מיט תורה־לערנען, מיט תשובה און מעשים. ער איז אויך זיכער געווען אין דער גרויסער און שטאַרקער ליבשאַפט פון גאָט צו זיין פאָלק ישראל, דערמיט אַליין וואָס ער האָט גע־געבן יידן אַ תורה, ווי ער ברייטערט אויס דעם געדאַנק אין „קדושת לוי" און אין זיין פירוש אויף זכירת מתן תורה.

ער האָט ניט געקענט אָנהויבן זאָגן „ונתנה תוקף" ביז ער האָט ניט אויסגעזונגען זיין פאָלקס־ליד „בראש השנה יכתבון", אָנווייזנדיק אויף די רשעים פון דער וועלט וואָס טוען אַלע עבירות און געפרעגט: „מי יחיה" — ווער זשע דאַרף לעבן?... ווען ער איז צוגעקומען אין דער מוספדיקער שמונה־עשרה, צו דעם „הבן יקיר לי אפרים"... האָט ער מיט זיין געזאַנג

3) „קדושת לוי", ויצא.

באַוויזן וויפל רחמנות אַ טאַטע דאַרף אַרויסווייזן צו אַזאַ טייער קינד און ער האָט ממש אַלע מתפללים גערירט.

עס איז אוממעגלעך אויסצורעכענען אַלע מליצות טובות פון ר׳ לוי יצחק. דער ייִד איז ביי אים געווען דאָס הייליקסטע אין דער וועלט. ווער עס איז פּוגם אין אַ ייִד, איז ער פּוגם אין דער קדושה פון שם הויה. דער ייִד איז שטענדיק פאַרבונדן מיט גאָט. דער „אמת — איך" אין אים איז דאָס געטלעכע וואָס ער דאַרף האַלטן גאַנץ. באַלד אין ערשטן פּאַראַגראַף פון זיין ספר „קדושת לוי", זאָגט ער צווישן אַנדערן:

....„דער כלל איז, אַז דער באַשאַפער האָט אַלץ באַשאַפן... און זיין השפעה האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט. שטענדיק און אייביק איז ער משפיע אויף אַלע באַשעפענישן אין אַלע וועלטן, אין אַלע היכלות צו אַלע מלאכים און „חיות הקודש". מיר זאָגן ניט, דעריבער „יצר אור"... נאָר „יוצר"..., ווייל יעדע רגע אין יעדער צייט איז ער משפיע אַזוי.

ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס ייִדישע פאָלק איז גרעסער פון אַלע פעלקער און ניט אומזיסט האָבן ייִדן גענומען אויף זיך די תורה; ניט אומזיסט האָט די תורה „ששים רבוא אותיות", וויפל ס׳זענען געווען ייִדישע נשמות — און ניט אומזיסט זענען ייִדן אַזוי פאַרבונדן מיט גאָט און תורה. ער האָט אָבער געהאָפט אויף „משיחס טאָג", ווען אַלע פעלקער וועלן ווערן געלייטערט, ווען אַלע פעלקער וועלן אָנערקענען גאָט און די גאַנצע מענטשהייט וועט קענען באַגרייפן די גרויסקייט פון גאָט, די „גדולת הבורא".

ר׳ לוי יצחק האָט געהאָפט אויף דעם גרויסן „משיח־טאָג", ווען אַלע פעלקער וועלן אָנערקענען די מלכות־השם יתברך, ווען דער רוח הטומאה וועט גענצלעך אָפּגעטאָן ווערן, ווען עס וועלן ניט זיין קיין עבירות און עס וועט זיין איין גרויסע עליה צו דער שכינה 4).

אויף דעם „גרויסן טאָג" האָט ער שטענדיק געהאָפט, יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע מינוט און די „אמונה תמימה" ביי אים איז געווען אַ נאַטיר־לעכע. די חסידישע לעגענדע דערציילט, אַז ערב תשעה באב, ווען ייִדן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שול צו קלאָגן אויף חורבן בית־המקדש, איז ר׳ לוי יצחק געשטאַנען אין זיין פינצטערן צימער ביים פענצטער אין זיין פולער התלהבות

4) „קדושת לוי": בראשית, ויצא, ויגש, שמות, בלק א"אַנד. מקומות.

ווי דער שטייגער איז געווען, און געקוקט אין די ווייטע־ווייטענישן פאַר־טראַכט אין זיינע מחשבות אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן, אפשר באַווייזט ער זיך, דער משיח, וואָס לויט דער אגדה דאַרף ער קומען תשעה באב וואָס וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יום־טוב. ער האָט געהאָפט און געוואַרט אויף דער מינוט פון אָט דער פלוצלינגדיקער אַנטדעקונג אין יידישן לעבן. ס׳ווערט טונקעלער, פינצטערער, די שאָטנס באַדעקן שוין דאָס גלותדיקע, פאַרוויינטע באַרדיטשעוו, דער עולם וואַרט אויף זייער רבס קינות זאָגן — דער רב וואַרט אָבער אויף משיחן, ביז דער שמש וועקט אים אויף פון זיינע מחשבות און הערלעכע וויזיעס, און אָט זעט מען, ווי ר׳ לוי יצחק לויפט און ליאַרעמט, וואַרפט זיך פאַרן ארון־קודש און מיט אַ יאָמערלעכן אויס־געשריי הייבט ער אָן „איכה ישבה בדד״...

ר׳ לוי יצחק גלויבט אין אחדות ישראל און אין דער אחדות פון דער גאַנצער מענטשהייט — דער הויפּט־אידעאַל פון די נביאים. ער גלויבט אין זייערע נביאותן, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען אַלע פעלקער וועלן ווערן פאַראייניקט און דינען צו דעם אל יחיד ומיוחד. אַלע פעלקער ווי אַ טייל פון דער מענטשלעכער בריאה זענען געקניפּט און געבונדן: דורך די אור־שפּרינגלעכע פּעדים און אָט די פאַרבונדנקייט וועט באַקומען דעם געהעריקן תיקון אין דער משיחישער עפּאָכע.

חסידיזם, ווי דער בעש״ט און זיינע תלמידים האָבן אונדז געלערענט, האָט אַוועקגעשטעלט אַלס פונדאַמענטאַלן עיקר־פּרינציפּ די פולשטענדיקע הימלישע און ערדישע אחדות, אַז עס איז ניטאָ קיין דואַליזם, קיין ווידער־שפּרוכן. אַלץ קומט פון איין מקור, פון איין שורש, פון אַן אומאויפהער־לעכן שפּרודלדיקן קוואַל, וואָס איז „אין סופיק״. מ׳דאַרף זיך באַהעפטן מיט אָט דעם „מקור החיים״ און זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון „אין סוף״ 5). נישטאָ קיין סתירה אין דער וועלטס פירונג און אויב אונדז דאַכט זיך אַמאָל, אַז עס איז דאָ שלעכטס, איז עס דערפאַר, ווייל מיר קענען ניט תופס זיין. אין אמתן איז אַלץ אין דער בריאה און אין דער פירונג פון בורא, פאַראַן בלויז גוטס און דער וואָרצל פון שלעכטס איז גוטסקייט (שורש הרע הוא טוב).

5) „קדושת לוי״, תצוה.

ער האָט זיך באַמיט מתקן צו זיין יעדער „דבור", יעדעס וואָרט, אַפילו דברים בטלים אַרויפצוברענגען צום שורש עליון, צו דער הויכער הייליקייט, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין ספר „באר משה" (פרשה ז׳, כ״ה).

דאָס אַלץ האָט געשטאַרקט זיין אָפּטימיזם און זיין בטחון. ער איז שטענדיק געווען אַ שרוי בשמחה, אַפילו ווען ער האָט געגאָסן מיט טרערן. ווי דער בעסווישער רבי (זיין אייניקל) גיט איבער, האָט ער אָפּגערעדט מענטשן פון „סיגופים" און תעניתים, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז די אַרבעט פון יצר־הרע, אָפּצושוואַכן דעם מענטש, ער זאָל ניט האָבן קיין כח צו דינען גאָט. דער מענטש דאַרף זיך שטאַרקן, האָבן כח און דינען גאָט מיט שמחה און מיט נשמהדיקער התלהבות. ער האָט אויך גע־זאָגט אַן אייגנאַרטיקן טייטש אויף דעם מאמר אין דער גמרא: „במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולין לעמוד", ווייל אַפילו די פריערדיקע עבירות ווערן באַטראַכט פאַר מצוות (זכיות), האָט ער דאָך מער מצוות אַפילו פון אַ צדיק גמור.

ר׳ לוי יצחק איז געווען דער גרויסער גייסטיקער פירער, וואָס איז פאַרערט געוואָרן ביי דעם גאַנצן יידישן פאָלק. ער איז געוואָרן די צענטראַלע פיגור ביים יידישן פאָלק און האָט זיך אויף אייביק פאַרבונדן מיט די ברייטע יידישע מאַסן, פאַר וועלכע ער האָט געדאגהט ניט אַזוי פאַר חיי שעה, נאָר פאַר אַ חיי־עולם. נאָכדעם ווי דאָס צעפלאַקערטע פייער צווישן חסידים און מתנגדים איז אַביסל פאַרלאָשן געוואָרן, נאָכדעם ווי עס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די מחלוקת צווישן די תלמידים פון ווילנער גאון און תלמידים פון בעל־שם, האָט דאָס ליכט פון ר׳ לוי יצחק אָנגעהויבן שיינען אין די הערלעכסטע קאָלירן און באַלויכטן די פינצטערע יידישע גאַס, און אַפילו איצט, ווען צו אונדזער גרויסן ווייטיק, עס איז חרוב געוואָרן די רעשטן פון חסידות אין יענע יידישע קהילות ווו עס הערשט איצט בית־עלמין־שטיל־קייט, און אָפּגעמעקט געוואָרן איז דער צענטער פון אָט די גרויסע אידעאַלן און חסידות התלהבות, — אפילו איצט, איז נאָך אַלץ געבליבן דער ליכטי־קער אָנדענק פון אַזעלכע גייסטיקע ריזן ווי דער באַרדיטשעווער איז געווען. דער מאַן, וואָס האָט געוואָלט ממתיק זיין די שלעכטע דינים אויף יידן, וואָס האָט געוואָלט פריילעך מאַכן יידישע הערצער; וואָס האָט געוואָלט פאַרבינדן

די מצוות שבין אדם לחברו מיט דער עיקר אמונה פון אחדות הבורא, אַז דער „ואהבת את ד׳ אלקיך״ און „ואהבת לרעך״ זאָלן קומען פון איין מקור און פאַרנעמען דעמזעלבן אָרט אין דער עטישער לערע פון יהדות.

אהבת ישראל איז ביי אים געווען אַ חוב. דער אמתער צדיק, זאָגט ער אויף אַן אָרט איז דער, וואָס ניט בלויז ער איז אַן „עובד ד׳״, נאָר מאַכט אַנדערע עובדים הבורא ווי אברהם אבינו, וואָס האָט מגייר געווען גוים 6). אין זיין ספּעציפישן, אייגנאַרטיקן צוגאַנג צו אהבת ישראל, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מער פון די אַנדערע גדולי הרביים פון דור, נאָכן בעל־שם־טוב און מעזריטשער מגיד, וואָס איז געווען אַזוי רייך מיט צדיקים, רביים און פאָלקס־רביים, ווי ר׳ מנחם־נחום, דער מגיד פון טשערנאָביל (1837), ר׳ שניאור־זלמן, ר׳ נחמן בראַסלאַווער, ר׳ לייב שרהס, ר׳ מנחם־מענדל וויטעבסקער, ר׳ אהרן קאַרלינער, ר׳ אלימלך ליזענסקער א״אַ.

אין באַרדיטשעוו איז ר׳ לוי יצחק שטאַרק באַליבט געווען. די באַרדי־טשעווער יידן האָבן אים געהאַלטן שטאַרק בכבוד און האָבן מער קיינעם ניט געגעבן דעם טיטול „רב״, נאָר „מורה הוראה״. ער האָט אין באַרדיטשעוו זיך אָפּגעגעבן נישט בלויז מיט חסידות, נאָר אויך געלערנט שעורים מיט יונגעלייט, תלמוד און פּוסקים, אין זיין בית־המדרש, וואָס איז גערופן גע־וואָרן דעם „רבס קלויז״. ער האָט אויך דאָרט איינגעפירט פאַרשידענע תקנות און איז שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן „קאָרטן־שפּיל״. אין יעדער קאָרט, האָט ער געזאָגט, איז דאָ אַ „קליפּה״ רחמנא־ליצלן און איז פול מיט טומאה 7).

ער איז געווען באַליבט ניט נאָר ביי די מאַסן, נאָר אויך ביי די צדיקים פון דור. אַלע האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ „קדוש עליון״, און דער „חוזה״ פון לובלין, ר׳ יעקב יצחק, האָט געזאָגט, אַז ער דאַנקט יעדן טאָג דעם באַ־שעפער, וואָס האָט געשיקט צו אונדז אַזאַ גרויסע און הייליקע נשמה. אויך ר׳ נחמן בראַסלאַווער, וואָס האָט פיל צדיקים מבטל געווען, האָלט שטאַרק פון ר׳ לוי יצחק, און ר׳ שניאור זלמן, זיין מחותן, דער גרינדער פון חב״ד חסידות און גרויסער טעאָרעטיקער פון חסידות־פילאָזאָפיע לויבט אים

6) זע „קדושת לוי״, נח.
7) זע „קדושת לוי״, מקץ.

שטאַרק, ציטירט אים אויף איין אָרט (לקוטי תורה שיר השירים) און באַ־טראַכט אים פאַר דעם גרויסן צדיק 8).

ער האָט געהאַט אומצייליקע תלמידים, צווישן זיי, דעם באַרימטן קאָ־זשעניצער מגיד ר׳ ישראל בן שבתי (1745—1815), וועלכער באַרנעמט דעם אויבנאָן אין דער דריטער פאַזע, די וויכטיקסטע, אין חסידיזם. ר׳ ישראל, דער מגיד פון קאָזשעניץ איז געווען דער תלמיד פון מעזריטשער מגיד, דעם רבין ר׳ בער, פון ר׳ שמעלקע ניקלסבורגער, און ר׳ אלימלך לי־זענסקער. ער איז אויך געווען אַ גרויסער פאַרערער פון ר׳ נחמן בראַס־לאַווער און חבר פון לובלינער „חוזה" און ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער. אין אים האָט מען אָבער מער ווי ביי אַנדערע באַמערקט די דירעקטע השפעה און התנהגות פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער. אויך ער איז געווען אַ שטיק פייער בעתן דאַווענען, כאָטש ער האָט זיך שטענדיק געפייניקט מיט אַלע סי־גופים. ער איז אויך געווען אַ גרויסער חריף און אומגעווייגלעכער בקי אין דער תלמודישער און הלכה־ליטעראַטור, אַז אַפילו דער גדול המתנגדים ר׳ חיים וואָלאָזשינער זאָל געווען זאָגן אויף אים, אַז ער איז בקי בעל־פה גאַנץ ש״ס, בבלי און ירושלמי אויסער זיין וווּנדערלעכער בקיאות אין די ספרים פון הראשונים ואחרונים.

אין דעם ספעציעלן פאָלקלאָריסטישן ספר „נפלאות המגיד" ווערן אי־בערגעגעבן וווּנדער־מעשיות פון אָט־דעם מערקווירדיקן גאון אין נגלה און נסתר אין ווענעמס הויז עס איז דערצויגן געוואָרן דער פאָטער פון דער גערער דינאַסטיע, דער הרי״ם ז״ל (דער ערשטער טייל פונעם נאָמען איז געווען יצחק, נאָך ר׳ לוי יצחק, וועמעס חסיד דעם רימ׳ס פאָטער איז גע־ווען). ער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ גרויסע ליטעראַרישע ירושה, די ספרים „עבודת ישראל" אויף תורה, פרקי אבות און חידושים אויף גפ״ת; „אור ישראל" אויף תקוני זוהר; „בנזר ישראל" אויף זוהר, ביידע קבלה ספרים; „תהלות ישראל" אויף תהילים; „נר ישראל" אויף די ווערק פון רב האי גאון און „גבורות ישראל" אויף די ספרים פון מהר״ל מפראג.

⁂

8) זע „בית רבי".

ר׳ לוי יצחק איז נפטר געוואָרן כ״ה תשרי תק״ע (1809). עס איז נסתלק געוואָרן דער „סניגור״ פאַרן ייִדישן פאָלק. און דאָס גרויסע האַרץ איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, די הייליקע נשמה איז אַרויף אין הימל, פאַרלאָזנדיק אַ זינדיקע וועלט און אַ געפּייניקט פאָלק וועגן וועמעס גליק און פרייד ער האָט געטרוימט און געהאָפט. געבליבן איז אין באַרדיטשעוו זיין „אוהל״, דאָס שטיינערדיקע הויז, וואָס איז הייליק ביי די באַרדיטשעווער, וועלכע פלעגן קומען צום מלאך־טוב ער זאָל זיין זייער מליץ־טוב אויף דעם עולם עליון.

האָבן זיכער אויף זיין פּטירה די מלאכי־עליון געזאָגט: „נצחו אראלים את המצוקים״ ער איז דאָך געווען דער שענסטער פּראָדוקט פון אָריגינעלן חסידות. ער האָט געהאַט אין זיך די לייד און פרייד פון מיליאָנען. ער האָט אויסגעדענקט זייערע אידעען און אַליין געוואָרן די צענטראַלע אידעע, די נעאָן־ליכט פאַר דורות, דער נר־תמיד, וואָס לייכט אין צער און אין נאַכט־פינצטערניש. ער איז געווען כולו לויטערקייט, קדושה און מסירת־נפש און מיט זיין הייליקן פלאַם־פייער געוואַרעמט אונדזער לאַנגן גלות־לעבן, געוואַרעמט ייִדיש האַרץ און עס געשטאַרקט ניט בלויז אויף אויסצוהאַלטן די צרות און יסורים נאָר צו קענען האָפן און שטרעבן אויף דער ליכטיקער גאולה, אויף דעם יושר און לאַנג־געגאַרטער גערעכטיקייט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

קאַפּיטל אַכט

חסידות חב״ד - ליבאַוויטש

1. ר׳ שניאור - זלמן

ר׳ שניאור־זלמן ב״ר ברוך (1747—1812) איז געבוירן געוואָרן ח״י אלול תק״ה (קה״ת); אויך דער בעש״ט איז געבוירן געוואָרן ח״י אלול, תנ״ח (נח״ת) און חבד״ער חסידים האָבן אין דעם געזען אַ סימבאָל.

ס׳ווערט דערציילט, אַז ווען ר׳ ישראל בעש״ט האָט געפּראַוועט זיין געבורט־טאָג (דאָס אַליין איז אַ חידוש) און געזאָגט תורה איגעם יאָר תק״ד, איז דאָרט געווען ר׳ ברוך, בעטנדיק אויף אַ זון. ביים „לחיים״, האָט דער בעש״ט געווונטשן, אַז אין אַ יאָר אַרום זאָל ער האָבן אַ זון. און אַזוי איז טאַקע געווען, דעם קומענדיקן יאָר, מיטוואָך, אַכצן טאָג אין אַלול, איז געבוירן געוואָרן דער דערוואַרטער, אויסגעבעטנקטער זון, ר׳ שניאור־זלמן, און דער בעש״ט האָט געזאָגט תורה מיט גרויס שמחה 1). ח״י אלול, איז געוואָרן אַ גרויסער טאָג, אַ וויכטיקע דאַטע אין חסידות.

אַן אַנדער ווערסיע, אין שייכות מיטן געבורט פונעם באַגרינדער פון חב״דער חסידות, דערציילט, אַז נאָך דריי יאָר פאַרן געבורט זיינעם, האָט שוין דער בעל שם געוווסט, אַז אַ גרויסע נשמה האַלט ביים אַראָפּקומען פונעם אוצר הנשמות 2) און די נשמה האָט טאַקע אַראָפּגענידערט אין

1) זע, קונטרס ח״י אלול, תש״ג; יצחק ורפל, ספר החסידות, תל־אביב, תש״ז, ז׳ ל״ח—ל״ט. דער רבי ר׳ בער האָט וועגן דער שמחה איבערגעגעבן זיין געטרייען תלמיד. זע אויך, פריערדיקע פּרקים.

2) זע „רבנו הקדוש״, מגילת י״ט כסלו״. אויך פאַרגל. מ. א. שולוואס, בית־ישראל בפוילין, רעד. י. היילפּרין, באַנד 2, ז׳ 25.

ליאָזשנאַ 3), און שפּעטער געלויכטן מיט די צוויי ליכטער, תורת הנגלה און תורת הנסתר. דער טשערנאָבילער האָט געזען סימבאָלישקייט אין דעם נאָמען שניאור: צוויי ליכט, אין דער בחינה פון אור ישר ואור חוזר 4) און נאָך סימבאָלישס איז געזען געוואָרן אינעם מיטוואָכדיקן טאָג: ס׳זענען דאָן אויפגעהאנגען געוואָרן די ליכטער בעת בריאת העולם.

ווען דער נאָך גאָר יונגער ר׳ שניאור־זלמן, איז געקומען צום רבין ר׳ בער, האָט דער לעצטער אים שטאַרק מקרב געווען. אין איינעם פון זיינע בריוו 5) צו זיין זון ר׳ אברהם המלאך, שרייבט דער מעזריטשער מגיד, אַז ער האָט געזען אין חלום זיין רבין, דעם בעש״ט און יענער האָט אים געזאָגט: זאָלסט וויסן בערעניו, אַז אין דיין וויינגאָרטן, איז דאָ אַ וויינבוים, וואָס הונדערטער יאָרן איז אַזעלכער ניט פאַרפלאַנצט געוואָרן. ער איז נאָך זייער יונג און האָט שוין זוכה געווען צוויי מאָל צו גלוי אליהו... זאָלסט וויסן, ווי זיך נוהג זיין מיט אים. ווען איך האָב אים געפרעגט, ווי איז זיין נאָמען? האָט ער מיר געזאָגט: שניאור־זלמן, זאָלסט אים נוהג כבוד זיין...

ר׳ שניאור־זלמן האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג אַלס קינד. צו אַכט יאָר האָט ער געלערנט ביי ר׳ ישכר־בער, דער רב און מוכיח פון ליבאַוויטש און צו עלף יאָר האָט מען אים געשיקט לערנען תורה אין וויטעבסק, פון דאָרט קיין ווילנע און נאָכדעם צום מעזריטשער מגיד, ווו ער האָט געקראָגן אַ גרויס אָרט צווישן דער „חבריא קדישא״.

נאָך דער הסתלקות פונעם מגיד, אין יאָר תקל״ב, איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די נשיאות פון חסידות אין ליטע אויף ר׳ שניאור־זלמן, דער גאון אין נגלה און אין נסתר — און דערצו דער כתבא רבא, פאַר וועמענס וואָרט די קעגנער פון חסידות האָבן זיך געשראָקן.

רשנ״ז האָט געהאַט אַ סך אויסצושטיין, סיי פון די מתנגדים און סיי פון די משכילים און אַפילו פון חסידים וועלכע האָבן ניט גורס געווען זיין שיטה צו פּאָפּולאַריזירן קבלה. ער איז עטלעכע מאָל געמסרט געוואָרן און געווען אַרעסטירט אין פּעטערבורג פון חוהמ״ס ביז י״ט כסלו, אין יאָר

3) ליאָזשנאַ האָט דאַן געהערט צו פּוילן, שפּעטער צו ווייס־רוסלאַנד.
4) זע, בית רבי, ז׳ 129, הערות.
5) זע „אגרות הקודש״.

תקנ״ט (חסידים פייערן דעם באַפרייונגס־טאָג), און נאָכאַמאָל געווען אַרעס־טירט פון ד׳ כסלו ביז כ״א, תקס״א.

ווען דאָס נאַפּאָלעאָנישע חיל האָט אָקופּירט גרויסע טיילן אין רוס־לאַנד, און ער, ווי אַ קעגנער פון נאַפּאָלעאָנס ממשלה, איז געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן לאָזשנע, איז ער אַנטלאָפן אַזש ביז די אוראַל־בערג.

רשנ״ז איז נפטר געוואָרן מוצ״שק, כ״ד טבת, תקע״ג אין דאָרף פּיינא, ביי קורסק און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין האָדיטש, ביי פּאָלטאַווע. דער עלטסטער פון זיינע דריי זין, ר׳ דוב־בער, געווינט אין ליבאַוויטש, איז געוואָרן ממלא מקומו. דער צענטער פון לאַדיער חסידות (לעצטע וווינונג פון רשנ״ז) איז איבערגעטראָגן געוואָרן קיין ליבאַוויטש, די רעזידענץ פונעם מיטעלער רבין (געב. ט׳ כסלו, תקל״ד; נפטר, ט׳ כסלו, תקפ״ח).

דער מיטעלער רבי, אַ פּערזאָן מיט גרויס התעמקות האָט ניט אַזויפיל מחדש געווען, ווי איבערגעגעבן די שיטה פון חב״ד, וואָס ער האָט געלערנט ביי זיין גרויסן פאָטער, איבערלאָזנדיק אַ גאָר רייכע ליטעראַרישע ירושה, סיי וואָס שייך די חסידות־פילאָזאָפיע און סיי וואָס שייך דעם ייִדישן דין.

אויפן פאַרלאַנג פונעם מעזריטשער מגיד, האָט רשנ״ז מחבר געווען דעם „שולחן ערוך״ און אַ „סדר התפלה״, זיינע תורה־שמועסן זענען אַריין אין די ספרים „תורה אור״, „לקוטי תורה״ און „ביאורי הזהר״. דאָס פונ־דאַמענטאַלע ספר, איז „ספר של בינונים — תניא״ לקוטי אמרים, אין וועלכן ער ברענגט אַרויס קלאָר די שיטה פון חסידות חב״ד 6) אויף אַ לאָגיש־פילאָזאָפישן שטייגער ברענגט ער אַרויס די טיפע פאַרטראַכטונג אינעם חסידיש־קבלהאיסטישן מיסטיציזם. דער צווייטער טייל פונעם תניא, באַהאַנדלט בעיקר די קרעדאָס פון דער ייִדישער אמונה.

אינטערעסאַנט איז, אַז דער באַגרינדער פון חסידות־פילאָזאָפיע און פון חסידישער הלכה, פּסקנט דאָך, אַז דאָ ווי די בעלי הקבלה זענען מחולק מיט דער גמרא, זאָל מען זיך נוהג זיין ווי די גמרא. דער ראַציאָנאַלער פּסק פון תלמוד, פוסקים ראשונים און אחרונים איז דעצידירנדיק.

---

6) וועגן דער שיטה פון חב״ד, זעה חיים יצחק בונין, משנה חב״ד, וואַרשע, תרצ״ו; הלל צייטלין, אַריינפיר פון חסידות און דער וועג פון חב״ד, פאַרלאַג מתנות, תשי״ז — 1957.

מיר וואָלטן דאָ זיך געדאַרפט אָפּשטעלן אויף דער ביאָגראַפישער זייט פון דעם חב״ד־באַגרינדער, אָבער דאָס וואָלט געפירט צו ווייט, אַריבער די גרעניצן פון דער איצטיקער אַרבעט 7).

2. דער מיטעלער רבי און דער „צמח צדק״

דער מיטעלער רבי, ממלא מקום פון ר׳ שניאור־זלמן פון לאַדי, איז געבוירן געוואָרן ט׳ כסלו, תקל״ד און געמאַכט זיין רעזידענץ אין ליובאַוויטש, די שטאָט פון מענטשן־ליבע (ווייל „ליובא״ באַדייט סיי אין רוסיש און סיי אין פויליש ליבע און „וויטש״ איז סתם אַזוי אַ צוגאָב1), ווו ער האָט זיך באַזעצט אין יאָר תקע״ג, ניט ווייט פונעם טייך בערעזינע, צוליב די בעריאַזע ביימלעך, וואָס געפינען זיך דאָרט. דער רבי דערציילט אין זיינע זכרונות:

„כאָטש ליובאַוויטש איז אויף פוילישער טעריטאָריע, זענען אָבער די ניט־יידישע איינוווינער דאָרט תמיד געווען רוסן און ניט קיין פּאָליאַקן. די יידן און די ניט־יידן האָבן דאָרט געלעבט אין שלום״.

ר׳ דוב־בער איז געווען אַ גרויסער עסקן און אַ סך געטאָן פאַר ישוב ארץ־ישראל. ער האָט צווישן אַנדערע מעשים לטובת דעם ישוב, געגרינדעט אין חברון אַ חב״דער צענטער. ווי דער פאָטער, האָט ער זיך אויך אַ סך אָנגעליטן פון די מסירות און איז אַפילו געזעסן פאַרשפּאַרט אין וויטעבסקער טורמע צוויי חדשים. ער האָט אויך געהאַט אַ שאַרפע מחלוקה מיט זיין יוגנט־פריינט, ר׳ אהרן הלוי פון סטאַראָסלאַ, צוליב פאַרשידענע חילוקי־דעות אין חב״ד און חסידות־לערע.

---

7) דאָס וועט דער לייענער געפונען, אין די ספּעציעלע תולדות־ספרים, ווי „בית רבי״, צוויי טיילן; תולדות האדמו״ר הזקן בעל התניא, תולדות בנו האדמו״ר האמצעי, תולדות נכדו, אדמו״ר בעל צמח צדק — מאת חיים מאיר היילמאן, בערדיטשוב, תרס״ג. מ. ש. סלונים, תולדות משפחת הרב מלאַדי, תל־אביב, תש״ו; ליובאַוויטשער רבינס זכרונות, זכרונות פון כבוד קדושת אדמו״ר יוסף יצחק שליט״א שניאורסאָהן מליובאַוויטש; איבערזעצט אין יידיש און צוגעגרייט צום דרוק דורך ד. ל. מעקלער, התש״ז, ניו־יאָרק.

1) ליובאַוויטשער רבינס זכרונות, ז״ז 15—20, באריכות.

אין יאָר תקפ״ה, איז ער צוליב קראַנקייט אַוועק קיין קאַרלסבאַד. אויפן וועג האָט ער באַזוכט דעם גאון הדור, ר׳ עקיבא איגר און זיי זענען געוואָרן זייער נאָענטע פריינט. ער האָט דאַן געטראַכט פון באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל, אָבער אומקערנדיק זיך פון קבר־אבות אין האָדיטש, איז ער פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און דאָרט נפטר געוואָרן, ט׳ כסלו, תקפ״ח, אין עלטער פון 54 יאָר. איבערלאָזנדיק צוויי זין און זעקס טעכטער, איינע פון זיי, די פרוי פון ר׳ מנחם־מענדל בעל „הצמח צדק״.

ער האָט אויך איבערגעלאָזט גייסטיקע קינדער, וויכטיקע חסידישע ספרים, וואָס ווערן באַטראַכט ווי אַ המשך צום תניא.

אויסער זיינע אַרבעטן אין תורה און חסידות, האָט ער אַ סך גערעדט, געטאָן און געעצהט זיינע חסידים צו לערנען מלאכה — אַלערליי מלאכות, אויך אַגריקולטור, ווייל נאָר אין אַרבעט גיט גאָט זיין ברכה[2].

אהרן צייטלין[3], אין זיין אָפּשאַצונג וועגן דער חב״דער פילאָזאָפיע, אינערהאַלב דעם חסידיזם, איז אונדז מסביר אויף אַ גלענצנדיקן אופן, דעם אויפטו פון חב״ד אין אַלע זיינע אַספּעקטן. ער ווייזט אויך אָן אויף די סיבות, פאַרוואָס חב״ד — דער סינטעז פון טיפן געדאַנק אין ניט־ווייניקער טיפן ניגון, איז אויפגעקומען דווקא אין רייסן און אויך וואָס עס באַדייט התבוננות אין חב״דער אויפפאַסונג, ווי עס האָט דאָס אַרויסגעבראַכט דער חב״דישער דענקער ר׳ הלל פאַריטשער, תלמיד פונעם מיטעלן רבין און פונעם צמח צדק.

צייטלין איז אונדז מסביר אין דעם מעגלעכסטן קיצור:

„דער מענטש איז געבויט אויף דעם זעלביקן שטייגער ווי עס איז געבויט דער באַשאַף בכלל. אַנטקעגן די צען ספירות, וואָס בינדן זיך אין דעם אחד, באַשטייט דער מענטש פון צען בחינות, וואָס טיילן זיך אויף שכל און מידות. דער שכל (געמיינט, ניט אין דעם אָנגענומענעם, נאָר אין דעם סאַמע העכסטן זין פון דעם וואָרט)אַנטהאַלט אין זיך „דריי מוטערס״ (שלש אמות): חכמה, בינה און דעת, וואָס פון זיי ווערן געבוירן דעם מענטשנס מידות. דורך חכמה (דאָס מעגלעכע פּאָטענציעלע, נאָך ניט רעאַלי־

2) זע, בית רבי, חלק ב׳ באריכות.
3) „חב״ד״, ליטע, 1951, ז״ז 589—599.

זירטע וויסן) און בינה (דאָס וויסן, וואָס ווערט רעאַליזירט, וואָס גייט אַרויס „מכח אל הפועל״, וואָס פאַרוואַנדלט מעגלעכקייט איןווירקלעכקייט) דאַרף אַ מענטש צוקומען צו זייערע ביידנס סינטעזע: צו דעת. דעת איז דאָס, וואָס באַלעבט דעם מענטשנס מידות, וואָס האַלט זיי אויף, וואָס גיט זיי די קראַפט פון קיום...

און ווייטער:

„ווען דעם מיטעלן רבין ווערט דערציילט, אַז זיין פאָטער, דער תניא, האָט צו אים געזאָגט, ווען ער איז נאָך געווען אַ גאָר יונגיטשקער: בערל, מיט אַ שטעקן וועל איך פון דיר אַרויסטרייבן דיין התפעלות... ר׳ דוב-בער, דער מיטעלער רבי, דער פאָרגייער פון צמח צדק, האָט סוף כל סוף אין זיך גובר געווען יענעם סאָרט התפעלות, כאָטש ער האָט אין דעם פרט ניט דערגרייכט צו דער מדרגה פון זיין פאָטער, דעם תניא...״ 4)

חב״דער דרך איז, ווי מיר ווייסן, קעגן חצוניותדיקער התפעלות און איז מער פאַרטאָן אין דער אינערלעכער דיבקות. דער מיטעלער רבי האָט די ברכה פונעם פאָטער איבערגענומען נאָך יאָרן פון האָרעווען אויף זיך און געוווּסט ווי זיך צו פירן לויטן חב״דישן שטייגער פון עבודה, ווי ער ברענגט דאָס אַרויס קלאָר אין „קונטרס ההתפעלות״.

אהרן צייטלין ברענגט די ביי חב״דער חסידים באַקאַנטע מעשה, אַז ווען ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, דער גרויסער התלהבות-מענטש, איז גע-ווען אַלס מחותן אויף דער גרויסער חתונה אין ליאַדי, האָט דער תניא גע-לויבט פאַר אים ר׳ בערן: ער איז אַ הויכער בעל-מדרגה, אַן אדם גדול. ווען דער בעל התניא האָט נאָך דער חתונה-סעודה מכבד געווען דעם באַר-דיטשעווער מיט בענטשן, האָט דער לעצטער זיך אויסגעדרייט צום מחותן ר׳ בער און אים מכבד געווען. ער האָט געוואָלט הערן זיין ברכת המזון.

ר׳ בער האָט אָנגעהויבן פשוט: רבותי מיר וועלן בענטשן... ניט אַרויס-ווייזנדיק קיין שום סימן פון התפעלות... פשוט, בתכלית הפשטות... ר׳ לוי יצחק האָט זיך שטאַרק געחידושט. ווען דער באַרדיטשעווער האָט אָבער דערנאָך געהערט זיין תורה זאָגן, זיין חסידות, איז ער צו אים צוגעגאַנגען,

---

4) דאָרט, ז׳ 594.

אַרויפגעלייגט אים אויפן קאָפּ זיין לאַנגן טלית־קטן און געזאָגט: מלאכים און שרפים זאָלן דיר ניט קיין עין־הרע געבן...

דער באַרדיטשעווער — פירט אויס צייטלין — האָט בשעת־מעשה דערפילט, וווהין ער צילט און וואָס עס איז אויסן חב״ד. צו דער גאַנצקייט און צו דער אייניקייט, צום „רזא דיחודא״, גייט חב״ד דירעקט און אָן ציטערניש״ 5).

די סינטעזע אין חב״דער חסידות, איז גאָר באַזונדערס אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורכן צמח צדק, דער דריטער נשיא פון חב״ד־חסידות 6) דאָס לערנען נגלה צום ערשט, ווייל נגלה איז די דירעקטע אַנטפּלעקונג פון דער געטלעכקייט דורך תורה. לומדות ווערט דורך חב״ד פאַרבינדן מיט קבלה אין איין גאַנצקייט.

ס׳איז מערקווירדיק די באַציִונג פון חב״ד צו דער מצוה פון צדקה, אין וועלכער דער מענטש איז זיך מתדבק אין גאָט דורך טאַט, פונקט ווי ער איז זיך מתדבק אין אים דורך התבוננות פון לערנען און דאַווענען 7) און דאָ ווילט זיך ציטירן צייטלינען:

„דאָס העכסטע גייסטיקע נויטיקט זיך אין דאָס קאָנקרעטע, אין דער פאַרווירקלעכונג — דערפון — דער באַדייט פון אונדזער עולם העשיה און דער באַדייט פון ישראל, דער רעאַליזירער. עס בלייבט ניט קיין בלויזער התבוננות... אָט פאַרוואָס חב״ד איז געקומען צום אויסדרוק, ניט נאָר אין דער שיטה, אין די תורות פון דעם רב מליאַדי, אָדער פון דעם מיטעלן רביך, אָדער פון דעם צמח צדק, אָדער פון דעם מגן אבות (צמח צדקס איי־ניקל) און ניט נאָר אין דער קאָנטעמפּלאַציע אַליין, וואָס פאַרבינדט חכמה, בינה און דעת. נאָר אויך אין דעם, וואָס מיר, היינטיקע, רופן אויף אונדזער לשון: כלל־טועריי, דאָס טאָן פאַרן כלל, — צדקה אין ברייטסטן זין פון באַגריף איז אַ טייל פון חב״ד. דער תניא האָט זיך עוסק געווען אין ייִדישע צרכי צבור פון זיין צייט. דאָס זעלביקע — דער מיטעלער רבי. דאָס זעל־

---

5) זע, דאָרט באריכות.

6) זע, זיין ספר „דרך מצותיך״.

7) א. צייטלין, דאָרט, ז״ז 597—598, באריכות; אויך „ליובאַוויטשער רבינס זכרונות״, דאָרט, ז״ז 126—130.

ביקע — דער צמח צדק — און אויף זייער שטייגער — אַלע ווייטערדיקע נשיאים (רביים) פון חב״ד.

ליובאַוויטשער חסידות האָט צוזאַמען מיט דער פּאַרטיפונג פון חב״ד און התבוננות אַריינגענומען דאָס סאָציאַלע, געזעלשאַפטלעכע אין דער דאָזיקער סינטעזע און געבראַכט צו דער געהעריקער הויך די מידות פון צדק און חסד און עסקנות בצרכי צבור בכלל.

נאָך דער הסתלקות פונעם מיטעלן רבין (ט׳ כסלו תקפ״ח) איז ליובאַוויטשער נשיאות איבערגעגאַנגען צו ר׳ מנחם־מענדל ב״ר שלום־שכנא (געב׳ כ״ט אלול, תקמ״ט; נפטר, י״ג ניסן, תרכ״ו), באַרימט אויפן נאָמען פון זיין ספר „צמח צדק״, ער איז געווען דעם רבינס אַ שוועסטערקינד און אייניקל זאָל ווערן דער פולשטענדיקער יורש און האָבן ניט ווייניקער השפּעה פונעם זיידן, דעם בעל התניא. דעם און ס׳איז דאָן געווען אַ חידוש אין דער חסידישער וועלט, אַז אַן אייניקל זאָל ווערן דער פולשטענדיקער יורש און האָבן ניט ווייניקער השפּעה פונעם זיידן, דעם בעל התניא.

ר׳ מנחם־מענדל איז געווען דער זון פון ר׳ שלום־שכנא, אַן אָפּשטאַמיקער פונעם בעל־המצודות אויף תנ״ך און חסיד פון ר׳ מנחם־מענדל האָראָדענקער און זיין מוטער איז געווען דבורה־לאה, טאָכטער פון ר׳ שניאור־זלמן. ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין פעטערס טאָכטער און געוואָרן דער דריטער נשיא פון חב״ד.

ר׳ מנחם־מענדל האָט פון זיין געבורט אָן זיך געהאָדעוועט און איז געוואָרן דערצויגן ביים זיידן, אַרויסגעוויזן עלוישקייט, סיי אין נגלה און סיי אין נסתר; אַלס יונגער בחור, איז ער שוין געווען מלא וגדוש אין דער תלמודישער און קבלהאיסטישער ליטעראַטור און תמיד געווען אונטער דער דירעקטער השפּעה פון זיידן; ער איז אַלט געווען 23 יאָר, ווען דער זיידע, ר׳ שניאור־־זלמן איז נפטר געוואָרן און כמעט ביז זיין פּטירה איז ער ניט אָפּגעטראָטן פון זיידן, ממש „לא מש מתוך אהלו...״. ער איז געוואָרן פּאַרערט ניט נאָר אין דער חסידישער וועלט, נאָר אויך אין דער אַלגעמיין־רבניש־לומדישער וועלט און זי האָט דאָס נאָך מער אַרויסגעוויזן, ווען ער איז געוואָרן רבי און מנהיג אין יאָר תקפ״ח.

ביז זיין איבערנעמען די חב״דער פירערשאַפט, איז ער געוואָרן איינגעשלאָסן מיט זיך און אין זיך, בלויז פון צייט צו צייט געענטפערט אויף

שאלות ותשובות און פֿאַרצייכנט תורה פֿון זיידן, פֿון פֿעטער און אייגענע חידושים און באַלויכטונגען, משלים צו זיין די חב״דישע פֿילאָזאָפֿיע און אויך אַ סך געשריבן אין הלכה. אַלס רעזולטאַט, האָבן מיר די גאונישע ספרים זיינע: צמח צדק (פֿיר חלקים) אין הלכה און „אור התורה״ אויף קבלה און נאָך אַנדערע ספרים.

דער צמח צדק האַלט — און ער נעמט דאָס אַריין אין חב״ד־פֿילאָזאָפֿיע — אַז ביטול היש, אינגעם באַוווסטזיין, אַז דער מענטש אין פֿאַרגלייך מיט געטלעכקייט איז ממש נישטיקייט האָט אין זיך טרייסטנדיקע פֿרייד פֿון ווערן נאָענט צו גאָט, די טרייסט פֿון „קרבת אלקים״, און אַז דאָס האָט אין זיך שפּראָצונגען פֿון ווערן פֿאַרבונדן מיט דער געטלעכער אומענדלעכקייט, מיט „אין סופֿיקייט״ און גיט דעם מענטשן מעגלעכקייטן זיך צו דערהויבן און פֿאַרייניקן מיט די העכסטע וועלטן, מיטן עולם האצילות...

אינטערעסאַנט איז, אַז נאָך אַלע פֿאַרטיפֿונגען אין די מיסטישע היכלן, איז ער צוריקגעקומען צו דער הלכה, צום גגלה־לערנען, ווייל פֿריִער פֿון אַלץ מוז מען ווערן דערהויבן אין דאָס ראַציאָנאַל־תּלמודישע אין אונדזער שאַפֿן און ערשט נאָכדעם האָט מען די רעכט און די מעגלעכקייט זיך צו פֿאַרנעמען מיט חקירה און קבלה 8).

ווי דער זיידע און שווער איז ער געווען אַ גרויסער עסקן און זיך ניט געשראָקן פֿאַר דער רשעותדיקער מלכות אין פּעטערבורג. ניט איינמאָל איז ער געווען אונטער הויז־אַרעסט און ניט איינמאָל געליטן פֿון מסירות מצד די משכילים, קעגן וועלכע ער האָט אָנגעפֿירט אַ העפֿטיקן קאַמף. אַ סך צרות געהאַט פֿון אַט די מסירות, אָבער זיין מאַיעסטעטישע האַלטונג איז ניט געבראָכן געוואָרן. ער איז ניט נתפּעל געוואָרן פֿון דעם ד״ר ליליענטאַל וואָס איז געקומען פֿון דייטשלאַנד פֿאַרשפּרייטן השכלה אין רוסלאַנד און ניט פֿון דער רוסישער רעגירונג וואָס האָט געוואָלט אַרויפֿצווינגען השכלה... ער איז אָנגעגאַנגען מיט זיינע געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייטן אויף אַלע געביטן און מיט באַזונדערן אייפֿער אויפֿן געביט פֿון חנוך.

ווען ס׳איז אויפֿגעקומען די מאָדע פֿון קיצורים, איז ער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם. ער האַלט ניט פֿון קיין קיצורים, ליקוטים און ניט פֿון

8) זע ורפל, ספר החסידות, ז״ז פ׳—פ״א.

קיין איבערזעצונגען אין דייטש. ער זאָגט אָן צו לערנען מיט קינדער פון אָריגינעלע טעקסטן, ווי מען איז געוווינט און דעם נוסח התפילה, זיך צו באַנוצן מיט די צוויי סידורים — אשכנז און ספרד און ניט אַריינברענגען נייע נוסחאות.

אַכט און דרייסיק יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער איז געוואָרן רבי און איז נפטר געוואָרן אין ליובאַוויטש אין עלטער פון זיבן און זיבעציק יאָר, י״ג ניסן, תרכ״ו. ער ווערט באַטראַכט פאַר איינעם פון די יסודות־בויער פון חב״ד־חסידות. אין זיין פּירוש און פּאָפּולאַריזירונג פון חב״ד האָט מען געפינען חידוש און אָריגינעלקייט.

זיין ממלא־מקום איז געווען זיין זון ר׳ שמואל, באַקאַנט אַלס אדמו״ר מהר״ש (ב׳ אייר, תקצ״ד — י״ג תשרי, תרמ״ג) און זיין נאָכפאָלגער דער בן־בכור ר׳ שלום דובער (אדמו״ר מהרש״ב, געב. כ׳ חשון, תרכ״א; נפטר, ב׳ ניסן, תר״ף) און וועגן זיי אַליין, יעדן באַזונדער וואָלט מען געקענט אָנשרייבן אַ בוך 9) אָבער מיר ווילן זיך דאָך בלויז אָפּשטעלן אויף תקופות וואָס האָבן געלייגט אַ חותם אויף דער אַנטוויקלונג פון חב״ד אַלס חסידישע באַוועגונג.

3. אדמו״ר ר׳ יוסף יצחק שניאורסאָן

דער רבי ר׳ יוסף יצחק שניאורסאָן זצ״ל, דער מערסט באַרימטער אין עסקנות לצרכי הכלל, צווישן אַלע אדמו״רים, איז געבוירן געוואָרן אין ליובאַוויטש ביי זיין פאָטער ר׳ שלום דובער י״ב תמוז, תר״ם און פון תרפ״א ממלא מקום געווען אין נשיאות, פריער אין ראָסטאָוו ביים דאָן, אין תרפ״ה אונטערן קאָמוניסטישן רעזשים אין לענינגראַד און נאָך דעם געצוואונגען וואַנדערן אין פאַרשיידענע מקומות און אָנגעהאַלטן נשיאות חב״ד אונטער די שווערסטע אומשטענדן.

ס׳איז וועגן ליובאַוויטשער רבין אַ סך געשריבן געוואָרן. מ׳וואָלט געקענט אָנפילן אַ גאַנצע ביבליאָטעק פון די ספרים וועגן אים.

9) ליובאַוויטשער רבינס זכרונות — אויספירלעכער וועגן זיינע זיידעס.

נאָך אין זיין פריסטער יוגנט, האָט אים דער פאָטער צוגעצויגן צו עסקנות. אין עלטער פון 15 יאָר (אין יאָר תרנ״ה), האָט אים דער פאָטער באַשטימט פאַר זיין סעקרעטאַר און אים מיטגענומען מיט זיך צו אַלע וויכ־טיקע אסיפות און כינוסים פון רבנים ואנשי מעשה. ער האָט געזען, אַז ר׳ יוסף־יצחק זאָל וויסן וואָס דער מצב איז פון די ייִדן, סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות.

נאָך זיין חתונה (י״ג אלול תרנ״ז) אין עלטער פון 17 יאָר, איז דער וואָך פון שבע ברכות, האָט זיין פאָטער געגרינדעט די ישיבה תומכי תמי־מים און ס׳איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן די הנהלה. אַ דאַנק אים, איז די ישי־בה געוואָרן די קרוין־אַרבעט פון ליובאַוויטש, אָבער אויסער זיין אַקטיוויטעט פאַר דער ישיבה, האָט ר׳ יוסף־יצחק נ״ע זיך באַטייליקט אין אַ צאָל נאַ־ציאָנאַלע אַקציעס לטובת דעם רוסישן ייִדנטום, געווען אייניקע מאָל אַרעס־טירט צוליב זיין מסירת־נפשדיקער אַרבעט.

אין די מלחמה־יאָרן איז ישיבת תומכי תמימים פאַרטריבן געוואָרן פון ליובאַוויטש און אַ צייט עקזיסטירט אין קרעמענטשוג, דערנאָך אין ראָס־טאָוו ביים דאָן, ווו דער גרינגדער ר׳ שלום דובער האָט זיך דאָן באַזעצט — און נאָך זיין פטירה, שוין אונטער די באָלשעוויקעס, האָט די ישיבה צוזאַ־מען מיטן רבין און איר פאַרזאָרגער, דורכגעמאַכט דעם שווערסטן גלות־וועג — און מ׳קען זאָגן מיט רעכט אויף דעם ליובאַוויטשער רבין, אַז „בכל מקום שגלה, גלתה שכינה אתו״ — פון סאָוועטישן רוסלאַנד, דורך ריגע, וואַרשע, אָטוואָצק ביז ברוקלין, ניו־יאָרק — אומעטום געהאַט מיט זיך די ישיבה און די לומדי הישיבה, די בחורי חמד פון וועלכער די ייִדישער צוקונפט ווערט פאַרזיכערט 1).

ליובאַוויטשער נשיאות האָט אויך געהאַט וויזיע אין: נאָך אין יאָר תרע״ב, נאָך פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער מלחמה, זענען אַרויסגע־שיקט געוואָרן צען פון די בעסטע תלמידים קיין ארץ־ישראל מיטן ציל צו גרינדן דאָרט אַ תומכי תמימים ישיבה וואָס איז טאַקע געגרינדעט געוואָרן אין חברון.

---

1) זע, מוסדות תורה באירופה, בבנינם ובחורבנם, בעריכת שמואל מירסקי, ניו־יורק, תשט״ז, ז״ז 337—354.

אין יאָר תרפ״ז, איז ער אַרעסטירט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס צו־ליב זיין פאַרשפרייטן תורה אויף סאָוועטישן באָדן, דאָס איז באַטראַכט גע־וואָרן פאַר קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אַרבעט — און בלויז דורך דער אָנ־שטרענגונג פון זיינע חסידים, אויסער די גרעניצן פון דער סאָוועטישער מאַכט, איז געלונגען אים ברענגען קיין מאָסקווע, פון דאָרט קיין ריגע און דערנאָך קיין וואַרשע. ער איז דאַן געווען אויף אַ באַזוך אין ארץ־ישראל און אין אַמעריקע אָבער צוריקגעפאָרן קיין פוילן, ווו ער האָט שוין געהאַט פאַרפעסטיקט זיינע ישיבות, „תומכי תמימים" און „אחי תמימים".

רעדנדיק וועגן דער ליובאַוויטשער דינאַסטיע איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן אַז דאָרט איז די התנהגות מלכותדיק, אפילו וואָס שייך שידוכים, וואָס זענען געשלאָסן געוואָרן כמעט משפּחהדיק, אָפּשטאַמענדיק פון גרויסן לומדיש־חסידישן יחוס 2), פונעם תניא, קאַרלין, טשערנאָביל און אַנד. זע־נען די שידוכים געפירט געוואָרן אויף דעם שטייגער. אויך ר׳ יוסף־יצחק, אַן אור־אייניקל פון צמח צדק, לויטן פאָטער ר׳ שלום דובער און אור־אייניקל, זון פון שטערנע שרה, טאָכטער פון ר׳ יוסף־יצחק, זון פונעם צמח צדק, האָט חתונה געהאַט מיט אַן אייניקל פון ר׳ ישראל־נח (פון נעזשין) זון פון צמח צדק.

ווי געזאָגט, האָט ר׳ יוסף־יצחק איבערגענומען די נשיאות, נאָך זיין פאָטערס הסתלקות (ב׳ ניסן תרפ״א). ס׳איז דאַן געווען אַ שרעקלעכע צייט פאַר ייִדן אין רוסלאַנד: רעוואָלוציע, פּאָגראָמען, אומרוען — און ס׳האָט געדראָט אומקום, חלילה, פונעם רוסישן ייִדנטום. דעם רבין איז אויסגע־קומען פירן מלחמה אויף אַלע פראָנטן מיט דער „יעווסעקציע" און מיט דער סאָוועטישער מאַכט און נאָך זייענדיק אין רוסלאַנד, האָט ער געשאַפן דעם צענטער פאַר די ליובאַוויטשער ישיבות אין וואַרשע. ער האָט גענומען וואַנ־דערן פון שטאָט צו שטאָט, קעמפנדיק מיט דער יעווסעקציע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אָפּצושטעלן זיינע טעטיקייטן פאַר תורה און רעליגיע.

---

2) די משפחה שניאורסאָן שטאַמט פון מהר״ל מפראָג, ר׳ שניאור־זלמן איז געווען דער זיבעטער דור בן אחר פון מהר״ל, ניטי ווי אין „בית רבי", ווו ס׳ווערט געזאָגט אַז ער איז געווען אַ דירעקט אייניקל... זע, מ. ש. סלונים, תולדות משפחת הרב מלאַדי, תל־אביב, תש״י, שלשלת היוחסין, ז״ז 19—44.

נאָך זיבן יאָר, זיך יאָגן מיט אים, איז ער געוואָרן אַרעסטירט אַלס קאָנטער־רעוואָלוציאָנער (ט״ו סיון, תרפ״ז). מען האָט אים אָוועקגעפירט אין דער ערגסטער טורמע אין לענינגראַד און ס׳האָט אים געדראָט טויט־שטראָף. צוליב דער אינטערווענץ פון אויסלאַנד, איז דער טויט־אורטייל פאַרביטן געוואָרן אויף צוויי יאָר פאַרשיקונג אין אוראַל.

די חסידים האָבן אָבער ניט גערוט און ס׳איז זיי געלונגען אַרויסראַטעווען דעם רבין אסרו־חג סוכות תרפ״ח, קיין ריגע, די הויפּט־שטאָט פון לאַטוויע. ער האָט דאַן געמאַכט דעם וועלט־טור פאַר הצלה און אין יאָר תרצ״ב געמאַכט זיין רעזידענץ אין וואַרשע, נאָכדעם אין אָטוואָצק און מיט זיין אָנוועזנהייט אין פוילן, איז די צאָל תומכי תמימים ישיבות געוואַקסן און מיט זיי דאָס חסידות ליובאַוויטש. ער האָט געהאָט דעם עונג רוחני, ברענגענדיק חב״ד צום שעפעריש־דינאַמישן פוילישן ייִדנטום.

אין פוילן איז ער געזעסן בשלוה, ביזן יאָר ת״ש (1940), ביז חורבן פוילן, ווען ער איז געווען געצווינגען צו פאַרלאָזן דאָס חרובע וואַרשע און איז אָנגעקומען אין אַמעריקע דעם זעלבן יאָר (ט׳ אדר ב׳, ת״ש), וווּ ער האָט באַנייט זיינע טעטיקייטן אויפן אַמעריקאַנישן באָדן, דערפילנדיק דער־מיט דעם אָנזאָג „בבקר זרע זרעך ולערב אל תנח ידך״...

דאָ, אין אַמעריקע, האָט ער אַנטוויקלט אַ פאַרצווייגטן פאַרלאַג פון חב״ד־ליטעראַטור, אָנגעהויבן אַרויסגעבן זיין חודש־שריפט „הקריאה וה־קדושה״, געגרינדעט דעם „מרכז לעניני חנוך״, דעם „מחנה ישראל״, דעם „קהת״־פאַרלאַג און נאָך און נאָך אַזעלכע מוסדות פון חסידות, תורה, דער־ציִונג. און ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אויך איינגעפירט אַ טעטיקייט פון תורה־חנוך אויף דער גאַנצער וועלט, אַזוי ווייט ווי אויסטראַליע און אַפ־ריקע. ליובאַוויטשער חסידות איז געוואָרן אַ וועלט־באַוועגונג.

אין דער פרייער אַמעריקע האָט ער באַוויזן צו שאַפן די מעגלעכקייטן און באַזעצן ליובאַוויטשער חסידים אין אַ באַזונדערער קאָלאָניע אין ישראל, „סאפּאָריע״ ביי לוד, וועגן וועלכער מיר האָבן פריִער געשריבן.

כפר חב״ד באַשטייט פון געראַטעוועטע חסידים וואָס האָבן עולה געווען אין 1949, און זיך באַזעצט אין דאָרף ספריה, אַן אַלט דאָרף וואָס ווערט דערמאָנט אין תלמוד ירושלמי (קדושין, ג׳, א׳). אין מיטלאַלטער איז עס

געוועז אַ שומרונים־דאָרף, און נאָך דעם באַפרייונגס־קריג איז עס געוואָרן אַ צענטער פון ליובאַוויטשער חסידות. ס׳וווינען דאָרט אַרום 100 משפחות און ווי פעיקע מענטשן האָבן זיי דאָרט אַנטוויקלט אַ ברייט־פאַרצווייגטע אינדוסטריע וואָס ווערט פון אַלעמען באַוואונדערט.

דאָס דאָרף ספריה (שפריר), איז דאָס ערשטע דאָרף פון חב״דער חסידים אין נייעם ישראל. פאַר דעם באַפרייונגס־קריג, איז דאָס געווען אַן אַראַביש דאָרף. בעת דער מלחמה, זענען די אַראַבער אַנטלאָפן און מער ניט געקומען צוריק. דאָס דאָרף איז געווען כמעט אינגאַנצן חרוב און די חסידישע קאָלאָניסטן האָבן מיט שווערער מי פאַרריכט די חרובע הייזער און שטאַלן און באַאַרבעט די וואָסערע 4 טויזנט דונאַם באָדן.

די חב״דער אַטמאָספערע פילט אַן דעם גאַנצן ישוב און אַרום דעם ישוב. חסידים וואָס האָבן אויסגעהאַלטן דעם נסיון פון אומבאַשרייבלעכער מסירת־נפש אין סטאַלינישן סאָוועטן פאַרבאַנד, האָבן געפונען אַ פולשטענדיקן תיקון אַלס חסידישע קאָלאָניסטן אויפן הייליקן באָדן.

אַרום 100 משפחות, וואָס ציילן קרוב 500 נפשות האָבן זיך פאַרנומען מיט קולטיווירן יענעם ווינקל אַלס אַאַזיס פון כל־טוב: גשמיות און רוחניות — חסידישער התלהבות און דערהויבנקייט וואָס קומט אַזוי גריינטלעך אַרויס אין חב״דער שיטה פון סינטעטישקייט, פון צוזאַמענגיסן לימודות, פילאָזאָפיע און חסידות.

ס׳האָט זיך פאַרוואַלגערט ביי מיר אַ קיצור משיחת כ״ק אדמו״ר שליט״א (זצ״ל) מוצאי יום הכיפורים צ״ז, אַטוואָצק״ 3), מימעאָגראַפירט, אין וועלכן ס׳ווערט איבערגעגעבן ווי דער רבי האָט דערציילט פון די מנהגים אין ליובאַוויטש, וועגן די בתי תפלה, וועגן מנהג אויסצורופן מוצאי יום־הכיפורים „גוט יום־טוב״ און וועגן דעם סדר צו זאָגן פזמונים און פיוטים. דער פאָטער זיינער, האָט ער איבערגעגעבן, האָט אַמאָל געהייסן איבערזאָגן אַ פזמון וואָס מ׳האָט דורכגעלאָזט און אַ סך גערעדט וועגן די ניגונים וואָס זענען שייך צו תפלה, אַז מען פלעגט מדייק זיין, צי זיי ווערן געזונגען ווי מקובל.

---

3) נעתק ע״י קאגאן, הוצ׳ לשכת כתבי קודש בהישיבה, ראַבי ה. פייגין, וואַרשע, מוראַנאָווסקאַ 7/9.

אין ליובאַוויטש איז דאַן געווען חזן, ר׳ איסר וואָס פלעגט דאַווענען בײַם רבין אין הויף. האָט אַמאָל געטראָפן, אַז בעתן דאַווענען האָט אָנגע־הויבן שטאַרק דונערן און פונעם דונער האָט זיך אַ הויז אָנגעצונדן, אָבער ר׳ איסר איז געווען אַזוי פאַרטאָן אין זיין געזאַנג אַז ער האָט גאָרנישט באַ־מערקט וואָס אַרום טוט זיך.

ער גיט איבער פּרטימדיק, ווי דער ליובאַוויטשער רבי האָט דערציילט וועגן התנהגות אין ליובאַוויטש ערב יום־כּפּור און מוצאי יום־כּפּור. אַלץ איז געווען לויט אַ סדר, מיט כּוונה.

ער דערציילט וועגן זיין מלמד ר׳ ניסן, אַן אײידעם פון ר׳ פּסח מלמד, דער מלמד דרדקי בײַ צמח צדק, ווי אַריינגעטאָן ער איז געווען אין חסי־דות, כאָטש ער האָט ניט געהאַט די טיפע הבנה. אויך אַז אין ליובאַוויטש האָט מען שטאַרק געהאַלטן פונעם מחותן ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער, (כאָטש ניט אַלץ האָט מען אים נאָכגעפאָלגט, ווי דאָס געזאַנג פון „ושמרו״ בײַ קבלת שבת, וועגן וועלכער ס׳ווערט דערציילט, אַז ר׳ לוי־יצחק האָט אַמאָל געזאָגט צום רב, אַז ווען ייִדן זאָגן „ושמרו״ ווערט אין הימל אַ יאַריד און אַז דערויף האָט אים דער בעל התניא געענטפערט, אַז אײַן יאַריד מעג ער דורכלאָזן...).

שמחת־תורה, תרצ״ו האָט דער ליובאַוויטשער גערעדט וועגן דער פראַ־גע, וואָס האָט חסידות אויפגעטאָן? האָט ער באַטאָנט אין נאָמען פונעם אַלטן רבין, אַז חסידות האָט מחיה מתים געווען. אַ קאַלטער מוח ווערט אויפ־געלעבט דורך חסידות... ער האָט דאַן נאָכאַמאָל גערעדט וועגן סדר אין די ניגונים, ווייל ניגון איז ווי ראיה, וויפל מ׳זאָל ניט מצייר זיין אַ זאַך, אַפילו אַ גרויסער מצייר, איז איננו דומה לראיה, אַזוי איז אויך מיט אַ ניגון און דעריבער דאַרף זיין אַ סדר, מ׳זאָל זינגען בדיוק, כּראוי...

חסידים — האָט ער כּסדר באַטאָנט — דאַרפן זיין משפיעים און ניט מושפעים סתם אַזוי פון אַ סביבה. אַפילו אין עניני עבודה דאַרפן זיי מער זיין משפיעים ווי מושפעים, באַווירקער מער ווי באַווירקטע, אַפילו ווען מ׳דאַרף מקבל זיין אַ גוטע זאַך!

נ. שמן

4. נגינה אין ליובאַוויטש

נגינה איז, ווי מיר זען, געווען פון די וויכטיקע ענינים אין ליובאַ־וויטש און פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין חב״דער חסידות.

אהרן צייטלין, אין זיינעם אַ מאמר וועגן חב״ד דערציילט וועגן זיין על־טער־זיידן ר׳ יוסף, איינער פון די מקורבים ביים תניא, איינער פון די סאַמע ראשונים און פאַרשפרייטער פון חסידות. דער דאָזיקער ר׳ יוסף איז געווען חזן ביים רב.

„ר׳ יוספס נגינה — שרייבט ער — איז געווען אַ דבקותדיקע, אָבער נישט קיין התפעלותדיקע. חב״ד האָט נישט געהאַלטן פון סתם התפעלות... אין התפעלות, קאָן זיך אַריינכאַפּן אַ פאַלשער ניצוץ...

„נישט יעדער קאָן דאָך זיין אַ רבי לוי־יצחק, וואָס זיין התלהבות איז לויטער קדושה... אַנשטאָט התפעלות, וואָס אַטאַקירט פנים אל פנים, האָט חב״ד איינגעפירט די סטראַטעגיע פון צוריקציען זיך — און פון אַרומ־רינגלען...״

און ווייטער:

„אַרומרינגלען דעם שטן, וואָס ער איז אויך דער טויט און דער יצר־הרע, אים באַלאַגערן מיט ליכטיקייט פון חכמה, בינה, דעת, איבערקערן די פינצטערנישן מיטן כח פון דביקות, פון חב״דישער תפילה און נגינה איז אויך געווען די עובדה און די עבודה פון ר׳ יוסף דעם אַלטן חזן...״

ליובאַוויטש, ווי אַן אָרגאַניזירטע סדרדיקע חסידות, האָט אפילו באַ־וויזן סדר אין נגינה, אַרויסגעגעבן ניגוני חב״ד מיט נאָטן. די לעצטע יאָרן זענען אַרויס צוויי בענדער חב״ד־ניגונים 1) אונטער דער רעדאַקציע פון הרב שמואל זאַלמאַנאָוו, אין וועלכן ס׳זענען צונויפגעזאַמלט צוויי הונדערט און צען ניגונים, אייניקע פון זיי, פון גאָר היסטאָרישן ווערט.

1) איינער אין יאָר תש״ט — 1948 און אייגער אין יאָר תשי״ז — 1957, זאָרג פעליק פאַרנאָטירט און שיין אַרויסגעגעבן.

דער ערשטער באַנד, וואָס האָט איינגעשלאָסן 175 ניגונים, איז דערשינען אין 1948 און דער צווייטער באַנד, ווי אַ דערגענצונג, אַנטהאַלט 25 ניגונים און איז אַרויסג׳ דורך „ניחח״, 1957.

י. ראַבינאָוויטש, דער מומחה אין נגינה, שרייבט וועגן אָט די ספרי הניגונים, אַז סיי זייער ליטעראַרישער און סיי זייער מוזיקאַלישער טייל, זאָגט עדות אויף דער גרעניצלאָזער פּיעטעט און הייליקער זהירות, מיט וועלכער די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן.

ער באַמערקט אויך, אַז אין ליובאַוויטשער געזאַנגס־אוצר, איז פאַראַן אַ צאָל ניגונים פון אַ זייער געהויבענער שלשלת היוחסין, באַזונדערס די צען ניגונים, וואָס דער מחבר איז געווען, לויט טראַדיציע, דער „אַלטער רבי״, דער בעל התניא אַליין 2).

אַ צאָל ניגונים זענען פאַרפאַסט געוואָרן פון ר' הלל פּאַריטשער און איין ניגון איז דאָ, וואָס האָט דריי מחברים, די ערשטע תנועה איז פון בעש״ט, די צווייטע — פון מעזריטשער מגיד און די דריטער פון בעל התניא, פון ר' שניאור־זלמן.

איז עס ניט אונדזער אויפגאַבע, דאָ זיך אַרייַנצולאָזן אין חקירות וועגן חסידישער נגינה, מיר האָבן בלויז געוואָלט אָנווייזן, אין אַלגעמיינע שטריכן, אויף די וואַריאַנטן און אַנטוויקלונגען פונעם חסידישן ניגון, זיין כח און באַדייט אין חסידיזם.

און צום סוף, דאָס באַקאַנטע חסידישע מעשהלע, אַז פאַר זיין הסתל־קות, האָט דער בעל־שם־טוב געהייסן זינגען ר' מיכעלע זלאָטשעווערס אַ ניגון פון התעוררות און פאַרזיכערט, אַז ווער עס וועט נאָר זינגען דאָס דאָזיקע ליד מיט אַ געפיל פון תשובה, איז אין וועלכן היכל איך זאָל זיך ניט געפונען, וועל איך מיטזינגען און וועקן גרויס רחמנות צו די דאָזיקע זינ־גער...

אַז חב״ד איז טיף פאַרוואָרצלט אינעם פאָלקס־ניגון, קען עדות זאָגן אַפילו דאָס פאָלקס־לידל, אַ בריוו צום רבין אין דער פאָרעם פון אַ „קוויטל״ אין וועלכער דער חסיד זינגט אויס זיין פאַרהערלעכונג און גלויבן אינעם הייליקן שניאורסאָן. מיר מיינען דאָס לידל:

---

2) זע: „קענעדער אָדלער״, אַפּריל 1958.

נ. שמן

„מעסטעטשקאָ לאַדינאַ,
מאַגילאָווסקאַי גובערני,
דוכאָוונאַמו ראַווינו
שנייערסאָנו״...

ווען אַ חסיד איז געקומען אויסגיסן זיין ביטער האַרץ פאַר זיין רבין, האָט ער דאָס געטאָן מיט געזאַנג, מיט אַ מעלאָדיע.

חב״דער ניגון, ווי אַ טייל פון דער שיטה, האָט אין נגינה און דורך נגינה געשאַפן די סינטעזע פון די פיר וועלטן, די עולמות פון אצילות, בריאה, יצירה און עשיה. אין חב״ד זענען זיי אַלע פאַרבינדן געוואָרן אין איין סוד, אין סוד פון אחד 3).

מ. ש. גשורי, שטעלט זיך אָפּ באריכות אויף דער אַנדערשקייט פון חב״דער דבקותדיקן ניגון וואָס איז באַזירט אויף די „עשר ספירות״, און ווייזט אָן אויף דעם פאַקט וואָס דער בעל התניא האָט פאַרפאַסט צען (10) ניגונים, לויט די עשר ספירות. „ניגוני הרב״ זענען באַקאַנט צווישן די חסי־דים, צוזאַמען מיט תורת הרב. דער ניגון, ווי חב״ד קבלה בכלל איז אַ המשך פון נבואה און פילאָזאָפיע, וואָס זעט דעם גאַנג פון די שבעה כוכבי לכת און פון די ספירות וועגן צען וועלט־פירונג ווי אַ האַרמאָנישער גאַנג און געזאַנג פון התפעלות, התפשטות, התעוררות און דבקות 4).

ר׳ שניאור־זלמן אַליין איז געווען אַ גרויסער בעל תפלה, אַליין גע־דאַוונט פאַרן עמוד און אַ סך מאָל זיך צוגעהערט צום געזאַנג פונעם חסיד ר׳ ישראל פון דאָבראָווקע, וועלכער האָט מיט זיין ניגון באַווירקט דעם רב. זיין זון ר׳ שלמה איז אויך געווען אַ גרויסער בעל־מנגן און אַפילו געשפילט פידל און געשאַפן קאָמפּאָזיציעס.

***

י׳ שבט תש״י, צען יאָר נאָך זיין אָנקומען אין אַמעריקע, איז דער רבי, ר׳ יוסף־יצחק זצ״ל, נסתלק געוואָרן און די נשיאות איז איבערגעגאַנגען צו

3) צייטלין, ליטע, ז׳ 597.
4) זע, לחסידים מזמור, ז״ז י״ט—כ״ב און כ״ה; צייטלין, דאָרט, ז׳ 52—59. אויך ז״ז קנ״ט—קס״א.

זיין איידעם אדמור ר' מנחם־מענדל בהרב ר' לוי יצחק שניאורסאָן. ער איז דער זעקסטער דור פון צמח צדק, וועמעס נאָמען ער טראָגט און ער פירט אָן סיי מיט דער נשיאות פון ליובאַוויטשער חסידות און סיי מיט דער הנהלה פון די ליובאַוויטשער מוסדות.

אין זיינעם אַ מאמר וועגן דעם לעצטן ליובאַוויטשער רבי 5) דערציילט ד"ר דוד גרויבאַרט, אַז אין 1929—1930, ווען דער ליובאַוויטשער רבי איז צום ערשטן מאָל געקומען אין אַמעריקע און באַזוכט שיקאַגאָ, איז ער גע־קומען אים זען און דערוויסנדיק זיך וועגן זיין משפחה־אָנגעהעריקייט, האָט ער באַפוילן זיינע גבאים ניט צו שטערן אים אין פריוואַטן געשפרעך.

„עס איז געקומען — שרייבט ער — צו רייד וועגן היסטאָרישע פּער־זענלעכקייטן וואָס האָבן אָפּגענויגט פון דער טראַדיציע.

„דער איינציקער אמתער אפיקורס, הערעטיקער, אין דער יידישער גע־שיכטע פון די לעצטע עטלעכע יאָרהונדערטער, איז געווען ברוך שפינאָזאַ — האָט דער רבי געזאָגט... משה מענדעלסאָנען האָט דער רבי ניט געהאַלטן פאַר אַ הערעטיקער.

„דער רבי האָט מיר געזאָגט, אַז ער געדענקט זייער גוט די געשפּרעכן וואָס מיין פאָטער ז"ל האָט געהאַט מיט זיין, דעם רבינס פאָטער, ר' שלום־בער שניאורסאָן ז"ל. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז מיין פאָטער האָט מיר דערציילט, אַז בשעת די שמועסן מיטן אַלטן ליובאַוויטשער רבין, איז דער זון — ר' יוסף־יצחק ז"ל — געזעסן ביים טיש און זיך לגמרי ניט באַטייליקט אין די געשפּרעכן. מיין פאָטער האָט באַמערקט, אַז דאָס איז ניט געקומען פון פאַסיוויטעט אָדער אינדיפערענץ, נאָר עס האָט אויס־געדריקט דעם יראת־הכבוד, די פּיעטעט, וואָס דער זון האָט געפילט צום פאָטער...". ער גיט דאָרט איבער וועגן דער דיסקוסיע צווישן הרב גרויבאַרט זצ"ל און דעם אַלטן ליובאַוויטשער רבין וועגן דער חנוך־אָרגאַניזאַציע „מסורת והרות", פרייהייט און טראַדיציע — די קרוין־אַרבעט פון הרב גרויבאַרט און די קעגנערשאַפט מצד דעם ליובאַוויטשער רבין צו דער גרינדונג פון העברעישע גימנאַזיעס. און דערציילט וועגן דער הערא־ישער אַרבעט פון ליובאַוויטשער רבין אויפן דאָזיקן געביט און וועגן זיין באַרימטן

5) דער יידישער זשורנאַל, פרייטיק, דער 8טער פעברואַר, 1950.

בריוו צו זיינע חסידים, געשריבן אויף דער באַן בעת זיין ראַטעווען זיך פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און וועגן זיינע אויפטוען אין אַמעריקע, איבערגעבנדיק, אַז ביי אַ באַזוך זיינעם אין שיקאַגאָ, האָט דער רבי געזאָגט:

„ביי תורה זענען נישטאָ קיין שאַטירונגען... תורה פאַרייניקט ייִדן אין איין קערפערשאַפט...".

דערמאָנענדיק מרן רבנו יהודה־לייב גרויבאַרט, ציטירט ער אויך פו־נעם בריוול, געשריבן צום שרייבער פון די שורות, ווי צו אַ תלמיד, ענט־פערנדיק אויף דער פראַגע וועגן קלאָרער דעפיניציע און אויסטייטשונג פון די ווערטער: „חכמה, בינה, דעת" און גיט צו:

„קלאָר איז, אַז חב"ד חסידות שטעלט מיט זיך פאָר אַ סינטעז צווישן פרומער חסידות און לומדישער מתנגדות, אָדער חסידישער מיסטיק און מתנגדישן ראַציאָנאַליזם..." 6).

די דאָזיקע שיטה ווערט נאָכגעפאָלגט אויף אַ גאָר ברייטן פאַרנעם דורך דעם היינטיקן ליובאַוויטשער רבי שליט"א — און וועגן דער דאָזיקער שיטה אין חסידיזם, לויט די נייעסטע אַנטוויקלונגען, קען מען מיט רעכט זאָגן:

„עוד לא נתקה השלשלת"!

---

6) זע דאָרט, באריכות; אויך, „ספר זכרון, פון הרב יהודה לייב גרויבאַרט, ז"ז 21—121; צבי שאַרפשטיין, „תולדות החנוך בישראל", חלק ג', ז"ז 37—33.

דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) **מאַרק טורקאָוו** — מלכה אָוושיאַני דערציילט... **(אויספאַרקויפט)**
2) **ה. ד. נאָמבערג** — י. ל. פּרץ **(אויספאַרקויפט)**
3) **וו. גראָסמאַן־וויערניק** — טרעבלינקע **(אויספאַרקויפט)**
4) **פּרץ גראַנאַטשטיין** — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו **(אויספאַרקויפט)**
5) **ישראל טאַבאַקסבלאַט** — חורבן לאָדזש **(אויספאַרקויפט)**
6) **זרובבל** — באַרג חורבן **(אויספאַרקויפט)**
7) **אלחנן ציישלין** — אין אַ ליטעראַרישער שטוב **(אויספאַרקויפט)**
8) **ד״ר ח. שאָשקעס** — פּוילן — 1946 **(אויספאַרקויפט)**
9) **ז. סעגאַלאָוויטש** — טלאָמאַצקע 13 **(אויספאַרקויפט)**
10) **מ. נודעלמאַן** — געלעכטער דורך טרערן **(אויספאַרקויפט)**
11) **ד״ר מאיר באַלאַבאַן** — די יידן־שטאָט לובלין **(אויספאַרקויפט)**
12) **ישראל אפרת** — היימלאָזע יידן **(אויספאַרקויפט)**
13) **ד״ר יעקב שאַצקי** — אין שאָטן פון עבר **(אויספאַרקויפט)**
14) **דוד פלינקער** — אַ הויז אויף גזשיבאָוו **(אויספאַרקויפט)**
15) **ד״ר הלל זיידמאַן** — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ **(אויספאַרקויפט)**
16) **זאַמלונג פון דאָקומענטן** — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע **(אויספאַרקויפט)**
17) **חיים גראַדע** — פּליטים **(אויספאַרקויפט)**
18) **ש. קאַטשערגינסקי** — פּאַרטיזאַנער גייען!... **(אויספאַרקויפט)**
19) **פרידע זרובבל** — נע ונד **(אויספאַרקויפט)**
20) **מרדכי שטריגלער** — מאַידאַנעק
21) **יעקב לעשצינסקי** — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט **(אויספאַרקויפט)**
22) **ז. סעגאַלאָוויטש** — געבראָכענע טריט **(אויספאַרקויפט)**
23) **אברהם טייטלבוים** — וואַרשעווער הייף
24) **טאַניאַ פוקס** — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) **ש. ל. שניידערמאַן** — צווישן שרעק און האָפענונג **(אויספאַרקויפט)**
26) **לעאָ פינקעלשטיין** — מגילת פּוילן **(אויספאַרקויפט)**
27) **יאָנאָס טורקאָוו** — אַזוי איז עס געווען... **(חורבן וואַרשע)**
28) **ש. איזבאַן** — „אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען
29) **יעקב פּאַט** — הענעך
30) **ד״ר י. קערמיש** — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע

32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)

33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות

34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)

35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פרצן...

36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן!

37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק

38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן

39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)

40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן

41) מנשה אונגער — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)

42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פלוינע

43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)

44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)

45) ד״ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)

46) שלמה וואָגאָ — חורבן טשענסטאָכאָוו

47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)

48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פּאַנד, מעקסיקע 1950)

50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגעניש (זכרונות)

51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)

52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פוילן

53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)

54) יצחק פערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)

55) פנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן

56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע

59) ד״ר פיליפ פרידמאַן — אָשוויענטשים

60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13

61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)

63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך

64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צ״ע"

(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פּאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן

67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער

68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָ. (זכרונות)

69) אליהו טראַצקי — גלות דייטשלאַנד

70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)

72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פּאַנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען **(אויספאַרקויפט)**
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פּערלע** — ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד״ אין פּוילן, וואַרשע, 1937
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאַדזשער ראָמאַן
80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו **(אויספאַרקויפט)**
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פּולער וואָך
82—83) **יצחק פּערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער **(ראָמאַן)**
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג **(זכרונות)**
89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן **(אויספאַרקויפט)**
90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91—92) **עמנואל ריגנעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע
93) **שמעון האָראָנטשיק** — איין געוויש פון מאַשינען **(ראָמאַן)**
94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות **(קראָקע)**
95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן **(זכרונות)**
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1954).
97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע **(ראָמאַן)**
99) **פּועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין
100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) **י. הירשהויט** — ייִדישע נאָפּט־מאַגנאַטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאַליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, ביי „די אידישע
צייטונג״, בוענאָס־איירעס, 1955).
102) **משה זאַנשיין** — ייִדיש וואַרשע
103) **פ. מינץ (אַלעקסאַנדער)** — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים **(ראָמאַן)**
105־106־107) **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פּאַפּירן
(פרעמירט דורכן ניימאַן־פאָנד, פּאַריז, 1958).
108—109) **מרדכי שטריגלער** — געאָרעמט מיטן ווינט **(ראָמאַן)**
110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — וואַרשע און לאָדזש
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד, ניו־יאָרק, 1956).
112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאַליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, בוענאָס־איירעס, 1956).
113) **ב. שעפנער** — נאָוואָליפּיע 7 **(זכרונות)**

114) **פנחס שטיינוואַקס** — ייִדן צום געדענקען
115) **ק. צעטניק** — דאָס הויז פון ליאַלקעס
116) **מאַקס ווײַנרײַך** — פון בײדע זײַטן פּלויט
117) **אליעזר וויזל** — און די וועלט האָט געשוויגן
118) **ש. בערלינסקי** — ירושה
(פּרעמירט דורכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) **ד״ר יוסף טענענבוים** — צווישן מלחמה און שלום
120) **יוסף אָקרוטני** — סוף קאַפּיטל
121) **זיגמונט טורקאָוו** — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
122) **בער י. ראָזען** — פּאַרטרעטן
123) **אברהם טענענבוים־ארזי** — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) **משה קאַגאַנאָוויטש** — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע
126—127) **אברהם זאַק** — קנעכט זענען מיר געווען
(פּרעמירט דורך דער באָריס סוראַוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) **יעקב גלאַטשטיין** — ווען יאַש איז געפאָרן
129—130) **דוד פלינקער** — נייע צייטן (**ראָמאַן**)
(פּרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) **משה יודל שעליובסקי** — אין דער וועלט אַריין
(פּרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) **ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט** — צווישן בײדע וועלט־מלחמות
133) **לעאָן לענעמאַן** — דער חשבון בלייבט אָפן
134) **שלמה פראַנק** — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) **מ. באַקאַלטשוק** — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) **פנחס וועלנער** — אין יענע טעג
137) **אלימלך ראַק** — זכרונות פון אַ ייִדישן **האַנטווערקער**־טוער
138) **הירש אַבראַמאָוויטש** — פאַרשווּנדענע געשטאַלטן
139) **ב. טערקעל** — זכרונות פון דער מלחמה־צייט
140) **י. ל. וואַלמאַן** — פּוילישע ייִדן (**ראָמאַן**)
141—142) **נ. שמן** — דאָס געזאַנג פון חסידות

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

צבי כהן — שטורמישע דורות
יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרייאונג
שלמה פריזאַמענט — בראָדער זינגער
העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה

עס גרייט זיך צום דרוק

דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּוילן
שלמה בריינסקי — זשעליכאָווער מענטשן

פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פוילישע ייִדנטום

★

א. א. פישער שרייבט וועגן ברוך האַגערס בוך „מלכות חסידות" („די נייע צייט", בוענאָס־איירעס, דעם 4טן נאָוועמבער 1955):

מיר דאַכט זיך, אַז ברוך האַגער האָט מיט אָט־דעם לכאורה איינגעגעבענעם נאָמען פון זיין בוך דאָך ממעט דמות געווען פון חסידות, יענער געוואַלדיקער גייסטיק־געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג ביי ייִדן, אפשר דער גרעסטער און אינהאַלטרייכסטער אין אונדזער לאַנגער געשיכטע. חסידות איז פיל מער ווי אַ מלכות. חסידות איז אַ פיל־קאָלירנדיקער און פילגעשטאַלטיקער מעכטיקער לעבנס־שטייגער, וועלכער איז געווען בכח אַריינצוברענגען וואונדערלעכע שיינקייט אינעם מיזערנעם לעבן פון אַן אָרעמער, פאַרפאָלגטער און צעטראָטענער פאָלקס־מאַסע און עס צו דערהויבן „אויבנישט נאָך העכער". חסידות איז אַ גאַנצע, טיפע און ברייטע געדאַנקען־וועלט, וועלכע איז דאָך אויסגעהאַלטן און איינהייטלעך, נישט קוקנדיק אויף דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון אירע שיטות, חסידות איז אַן אומאויסשעפּבאַרער קוואַל פון פאַרצויבערנדיקע ניגונים, אַן אוצר פון עקסטאַטיש - באַגייסטערנדיקע ריקודים און אַ שלל פון כישופדיק־וואונדערלעכע פאָלקס־מעשות. דאָס אַלץ איז אומפאַרגלייכלעך מער ווי מלכות.

חסידות איז אויפגעקומען נאָך אַן עפּאָכע פון שוידערלעכן אומקום אין ייִדישן לעבן, באַלד נאָך די היידאַמאַקישע כמעלניצקי־שחיטות אין אוקראַינע, און עס האָט אַריינגעבראַכט אַ טרייסט אינעם ייִדישן לעבן דורך דעם טיפן גלויבן אין די ניסים וואָס געשעען מיט אונדז און אין דעם זכות פון די צדיקים וואָס באַשיצט אונדז. ווער ווייסט צי וואָלט דאָס טרוקענע מתנגדיש־רבנישע ייִדישקייט געווען גענוג אין יענער שטורמישער צייט צו ראַטעווען דעם ייִדישן קיום אין מזרח־אייראָפּע. חסידות האָט מעכטיק בייגעטראָגן אויפצוהאַלטן דעם פלאַם פונעם ייִדישן לעבן אין יענע לענדער און אויף אַזוי ווייט דאַרף איר צוגעשריבן ווערן ממש אַ גרויס היסטאָ־

ריש פאַרדינסט און אַ געוואַלדיקע באַדייטונג.

חסידות איז די קאָמפּלעטסטע און פּערפעקטסטע שיטה אין ייִדישן לעבן. עס האָט נישט מוותר געווען אויף קיין איינער פון זיינע וויכטיקע דערשיינונגען און אַריינשליסנדיק אין זיין אוצר די פאַרשיידענע עלעמענטן, האָט עס זיי פאַראייניקט, איבערגעקאָכט און אַסימילירט. אויב דאָס לעבן פון אונדזער פאָלק האָט זיך נאָכן חורבן בית שני אָוועקגעלאָזט כמעט אויסשליסלעך אויפן תלמודיש־רבנישן וועג פון די פרושים, האָט אָבער דאָס חסידות זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון דאָס שענסטע און בעסטע וואָס עס האָבן פאַרמאָגט די אַנדערע צוויי ריכטונגען פונעם דעמאָלטיקן ייִדישן לעבן, די שיטות פון די איסיים און צדוקים. דער קאָלעקטיוויזם, אָדער פּרימיטיווער קאָמוניזם, פון די איסיים איז גענצלעך אויסגעשאַלטעט געוואָרן פונעם שפּעטערדיקן ייִדישן גלות־לעבן מסתמא צוליב דעם, ווייל דאָס איז אויפגענומען געוואָרן דורך די קריסטלעכע קלויסטער־אָרדנס און אַנטוויקלט געוואָרן לויט זייער גייסט און גוסט. אָבער חסידות האָט צוריק אַריינגעפירט אינעם ייִדישן לעבן געוויסע עלעמענטן פון דער איסיים־שיטה, דהיינו: די חברשאַפט און גלייכגעוויכט צווישן אָרעם און רייך און, אין אַ געוויסער מאָס, אויך דאָס געמיינשאַפטלעכע באַנוצן זיך מיט די געלט־מיטלען פון אַלעמען לטובת אַלעמען, ווייניקסטנס אין דער צייט ווען מען האָט אינאיינעם פאַרבראַכט אין רבינס הויף. אויך דער ענין פון די „יושבים“, יענע חסידים־אַסקעטן, וואָס פלעגן אויף יאָרנלאַנג פאַרלאָזן זייערע היימען, זייערע ווייבער און קינ־



דער, און זיך אוועקזעצן אין דעם רבינס הויף, בכדי בעסער צו קענען זיך פאַרטיפן אין זייער חסידות, דערמאָנט זייער שטאַרק אָן דעם דרך פון די איסיים. פון דער צווייטער זייט האָבן געוויסע אָפּצווייגן פונעם חסידות, למשל דער רוזשינער און זיינע קינדער און אייניקלעך. איינגעפירט אין זייערע הייף אַריסטאָקראַ־

טישע פירונגען און אַ גלאַנץ, וועלכע האָבן עפּעס אין זיך פון די צדוקישע פירונגען. אַזוי־אַרום האָט חסידות טאַקע איינגעזאַפּט אין זיך וויכטיקע עלעמענטן פון די אַמאָליקע ייִדישע לעבנס־שיטות.

נישט קוקנדיק דערויף וואָס די ייִדישע ישובים פון יענע לענדער ווו דאָס חסידות איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, זענען גרויזאַם פאַרניכטעט געוואָרן דורך די נאַציס, האָט אָבער די באַוועגונג נאָך נישט אויסגעשפּילט איר ראָל, ווייל זי פאַרמאָגט באַשיינפּערלעך אַן אויסערגעוויינלעכע וויטאַליטעט. אומדירעקט און דירעקט ווירקט זי נאָך גענוג מעכטיק אין אונדזער היינטיקן לעבן. אַ סך חסידישע עלעמענטן זענען אַריבערגעגאַנגען צום פּאָליטישן ציוניזם אין זיין חלוצישן אַרבעטער־שטראָם, דער עיקר די התלהבות און דער אויסערגעוויינלעך שטאַרקער גלויבן אין די מעכטיקע שאַפונגס־כוחות, וואָס זענען טיף פאַרבאָרגן אין דעם ייִדישן פאָלק, אויך די אויסערלעכע עלעמענטן פון געזאַנג און טאַנץ, וועלכע וועקן אָבער אויף אינערלעכע ענערגיעס, זענען אין אַ גרויסער מאָס איבערגענומען געוואָרן פונעם חסידות. דער חלוצישער ציוניזם, דער וועלטלעכער, איז כמעט ווי נישט געמאָלט אַן חסידות און חסידים־חלוצים האָבן זיך טאַקע אין אַ גאַנץ היפּשער מאָס דירעקט באַטייליקט אין דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל. די לובאַוויטשער חסידים ווידער, באַקומען אין די לעצטע יאָרן אַן אַלץ גרעסערע באַדייטונג און וואָג אינעם גרעסטן גלות־ישוב אונדזערן היינט־צו־טאָג, דעם נאָרד־אַמעריקאַנער, ווו זיי ווירקן זיך אויס אַלס מעכטיקער פאַקטאָר קעגן אַסימילאַציע און פאַר דער אויפהאַלטונג און פאַרשטאַרקונג פונעם ייִדישקייט דאָרטן. און ווידער זענען עס, ווי מען הערט, די לובאַוויטשער חסידים, אַלס איינציקע ייִדישע גרופּע מסתמא, וועלכע וואַגן מיט אַ געוויסן דערפאָלג זיך אַנטקעגנצושטעלן דער סאָוועט־רוסישער מאַכט־מאַשין און אויפצוהאַלטן אין געהיים זייער ייִדיש לעבן. וואָס חסידות קען נאָך אויפטון און וואָס אונדזער פאָלק קען איר נאָך דאַרפן פאַרדאַנקען, איז דערווייל גאָרנישט מעגלעך פאָרויס צוזען.

אין איינקלאַנג מיט דער אויסערלעך גרויסער באַדייטונג פון דעם חסידות, איז אויך נאַטירלעך איר אָפּקלאַנג אין אונדזער ליטעראַטור אויף העברעיִש, ייִדיש, דייטש אאַז״וו. עס זענען געשריבן געוואָרן ספּעציעלע ווערק וועגן דער געשיכטע, געדאַנקען־וועלט און דעם לעבנס־שטייגער פון דעם חסידות דורך אַזעלכע שרייבער ווי ש. א. האָראָדעצקי, ש.

דובנאָוו, מ. בובער, א. מאַרקוס, י.
אבן, מ. אונגער א״אַ בעלעטריסטישע
ווערק וועגן חסידות האָבן געשריבן
י. ל. פּרץ, י. שטיינבערג, מ. י. בער־
דיטשעווסקי, אַנסקי, אנכי א״אַ חסי־
דישע מעשות האָבן איבערדערציילט
און פאַרשריבן פאַרשיידענע פּערזאָ־
נען און אויך דאָ אין אַרגענטינע פאַר
געב געוואָר צוויי ביכער חסידישע
מעשות פון ל. דיין און ב. פייגאָן. נאַ־
טירלעך זענען דאָ נישט אויסגערע־
כנט געוואָרן אַלע וואָס האָבן געשרי־
בן וועגן חסידות. אויסערדעם איז
דער צוגאַנג צו אָט־דער גרויסער באַ־
וועגונג געווען אַ גאָר פאַרשיידנאַר־
טיקער. האָבן דער ווילנער גאון און
זיינע מתנגדים־אָנהענגער ביטער
באַקעמפט דאָס חסידות צוליב לומ־
דיש־רעליגיעזע מאָטיוון, האָבן אַזעל־
כע משכילים ווי יוסף פּערל אומ־
ברחמנותדיק אויסגעשטעלט אויף
חוזק אָט־די באַוועגונג אין אַזעלכע
פּאַשקווילן ווי „מגלה טמירין”, אַלס
אַ כאָפּטע פון פאַנאַטישע אָבסקוראַנ־
טן. מאָדנע און כמעט אומדערקלער־
לעך איז עס וואָס אַזאַ היסטאָריקער
ווי ה. גרעץ, אַ גרויסער וויסנשאַפט־
מאַן מיט אַ פּאָעטישער נשמה און
שפּראַך און מיט אַ ריכטיקן פאַר־
שטענדעניש פאַרן גרעסטן טייל פון די
דערשיינונגען פון אונדזער געשיכטע,
האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דאָס
חסידות און האָט נישט באַוויזן אַביסל
טיפער אַריינצודרינגען אין זיין מהות.
האָבן פּרץ, בובער און לעצטנס אויך
עגנון אידעאַליזירט דאָס חסידות,
האָבן עס אַנדערע באַשריבן רעאַליס־
טיש און אָן איבעריקע קונצן. ווי מען
זעט אַלזאָ, איז דאָס חסידות דער־
קלערט און באַשריבן געוואָרן אויס־
פירלעך און אַלזייטיק און אַ בוך וועגן
גן חסידות איז שוין ביי אונדז גאָר־
נישט קיין נייעס. עס איז נאַטירלעך
אויך גאָרנישט לייכט עפּעס מחדש צו
זיין אויפן געביט פון דער ליטעראַ־
טור וועגן חסידות. דעריבער איז עס
האַגערס אַ גאַנץ גרויס פאַרדינסט,
אויב זיין בוך איז נישט סתם נאָך איין
בוך אויף אָט־דער היפּש אויסגענוצ־
טער טעמע, נאָר עס איז טאַקע בפּי־
רוש אַן אָריגינעל ווערק, וואָס וועט
פאַרנעמען אַ גאַנץ באַזונדערן פּלאַץ
אין דער חסידישער ליטעראַטור.

אין וואָס־זשע באַשטייט די אייגנ־
אַרטיקייט פון האַגערס בוך? — איי־
דער איך וועל פּרווון ענטפערן אויף
אָט־דער פראַגע, מוז איך מיך נאָך
פריער אָפּשטעלן אויף עטלעכע עני־
נים. האַגער שטאַמט אַליין פון אַ חסי־
דישער רבישער משפחה און ער האָט
זיין קינדהייט און יוגנט פאַרלעבט
אַלס גאָר נאָענטער און אייגענער פון
יענער סביבה. שפּעטער האָט ער זיך
דערווייטערט פון דער חסידישער
היים און וועלט, און פון יידישן לעבן
בכלל, און האָט זיך אַריינגעטון אין אַ

פרעמדער קולטור־וועלט, אין וועלכער ער האָט געזוכט מער שיינקייט און דערהויבנקייט. ווען די פרעמדע ווערטן און אידעאַלן האָבן אים אַנטוישט (פאַר דעם האָבן שוין געזאָרגט דער באָלשעוויזם, פאַשיזם און נאַציזם), האָט ער שוין פּאַקטיש געהאַט פאַרלוירן דעם גן־עדן פון זיין יוגנט, צו וועלכן ער האָט שוין מער נישט געקענט צוריק געפינען דעם וועג. אָבער ערשט דעמאָלט זענען אויפגעוואַכט אין זיין נשמה, ווי שטאַרקע עכאָס און איינדרוקן, די בילדער, געשטאַלטן און אידעען פונעם חסידישן לעבנס־שטייגער פון זיין יוגנט. דעמאָלט האָט ער אויך אָנגעהויבן אויפצושרייבן אַט־די אימפּרעסיעס זיינע אויף פּאַפּיר.

דאָס לעבן אין דער פרעמדער קולטור־סביבה איז אָבער פאַר האַגערן נישט געווען נוצלאָז. ער האָט דאָרטן דאָך געהערט, געזען און געלערנט פיל שיינע און קלוגע זאַכן. ער האָט דאָרטן געשליפן זיין גייסט, אויסגעאיידלט זיין ליטעראַרישן געשמאַק און זיין קינסטלעריש פאַרשטענדעניש בכלל און אויסגעלערנט זיך אַריינצודרינגען טיף אין דעם תוך פון דער מעלאָדישקייט און דעסקריפּטיווער קראַפט פונעם וואָרט און פון דער שפּראַך. און ווען ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרצייכענען זיינע אימפּרעסיעס וועגן חסידות, האָט ער זיך שוין אַנטפּלעקט אַלס רייפער, קאָמפּליצירטער און ראַפינירטער שרייבער, וועלכער וועגט און מעסט יעדעס וואָרט, וועלכער קאָנטראָלירט שטרענג יעדן שטריך און יעדן פאַרבן־ניואַנס פון אַ בילד. מסתמא דערפאַר וואָס ער נעמט אַזוי ערנסט זיין שרייבערישן באַרוף, איז ער ווייט פון צו זיין אַ פיל־שרייבער און עס איז שווער, אָדער טאַקע אוממעגלעך, צו געפינען ביי אים אַן אינגאַנצן נישט־איינגעגעבענע שאַפונג. נאַטירלעך זענען אויך ביי אים פאַראַנען זאַכן פון גאָר הויכן און פון אַביסל נידעריקערן ליטעראַרישן ניוואָ און אינגאַנצן ווערטלאָזע זאַכן זענען ביי אים נישט צו געפינען, ווייל זיין שרייבערישע קולטור און זעלבסט־קריטיק היטן אים אויס פון דעם.

לייענענדיק אויפמערקזאַם און גרינטלעך (אַ זאַך וואָס עס טוען ניט אַ סך היינטיקע לייענער און עס זאָל נישט אויסגערעדט זיין, אַפילו אַ היפּשער טייל פון היינטיקע קריטיקער) האַגערס בוך, ווערט דאַכט זיך קלאָר, אַז אים גייט עס נישט אין געבן אַ רעאַליסטישע באַשרייבונג פונעם חסידות, אָדער אין צוגעבן צו דער ווירקלעכקייט העלערע אָדער טונקעלע פאַרבן, נאָכפאָלגנדיק פּאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע טענדענצן בנוגע דעם חסידות; ביי אים האַנדלט עס זיך אויך נישט וועגן דערציילן אויס־

טערלישע חסידישע מעשות און לעגענדעס וועגן מופתים. עס ווערט קלאָר, אַז זיין כוונה איז דער עיקר איבערצוגעבן יענע אומפּאַרווישבאַרע איינדרוקן וועגן חסידות, וועלכע האָבן זיך אַזוי טיף איינגעקריצט אין דער יוגנט אין זיין נשמה, און אויך יענע דערהויבענע אידעען און געדאַנקען, וואָס עס אַנטהאַלטן אין זיך די פֿאַרשידענע חסידישע שיטות. אין דעם באַשטייט טאַקע די אָריגינאַליטעט פון האַגערס בוך און זיין וויכטיקייט אין פֿאַרגלייך מיט אַזוי פיל אַנדערע ביכער פון דער חסידישער ליטעראַטור. עס קען געמאָלט זיין, אַז דעמאָלט ווען די חסידישע ווירקלעכקייט און אַ סך באַשרייבונגען אירע וועלן שוין זיין פֿאַרגעסן, וועלן נאָך די איינדרוקן וועגן דער זעלבער, ווי האַגער גיט זיי איבער, זיין פריש און צוגעצנגלעך, אַפילו פֿאַר די יונגערע דורות, פונקט ווי די איינדרוקן וועגן זאַכן און געשעענישן זענען בכלל תמציתדיקער און דויערהאַפטער ווי זיי אַליין.

איצט ווערט שוין מסתמא אויך קלאָר פֿאַרוואָס אין האַגערס בילדער פֿאַרלירן זיך כמעט די פּרטים און עס ווערן אין זיי בולט אונטערגעשטראָכן בלויז יענע שטריכן וואָס שאַפֿן דעם הויפּט־רושם. אין דער דיסטאַנץ פֿאַרלירן זיך די איינצלהייטן און עס וואַרפֿט זיך אין די אויגן דאָס מער מאַרקאַנטישע. אָט־די בילדער זענען אויך זייער קאָנדענסירט און שפּאָרעוודיק מיט פֿאַרב און באַלויכטונג. האַגערס קינסטלערישע אומפּאַרטייאישקייט קומט קלאָר צום אויסדרוק דורך דעם וואָס ער גיט איבער דאָס שבת־יומטובדיקע, סיי דאָס וואָכעדיקע פון דעם חסידות. דאָס ערשטע קען מען געפֿינען אין אַ גרעסערער צאָל פון זיינע דערציילונגען און דאָס צווייטע שפּיגלט זיך אָפּ הויפּטזאַכלעך אין דער גרעסערער דערציילונג „די איינזיקלעך".

דעם סיפּור־המעשה שענקט האַגער בדרך כלל גאָר אַ קנאַפּע אויפֿמערקזאַמקייט און אַזוי ווי עס רעדט זיך דאָ וועגן אַ בוך פון חסידישע דערציילונגען און אין חסידות איז דער סיפּור־המעשה געווען אַן עיקר־עלעמענט, איז דאָס אַ שטאַרקער באַווייז פֿאַר דער באַהויפּטונג, אַז אים גייט נישט אין באַשרייבן דאָס חסידות אַזוי ווי עס איז געווען מיט אַלע זיינע פּיטשעווקעס. קיין מעשות דערציילט ער כמעט אינגאַנצן נישט און ווען ער לאָזט שוין יאָ אַזעלכע דערציילן דעם רוזשינער אין דער אַרבעט זיינער אונטערן נאָמען „די פֿאַרשפּעטיקטע מחותנים", ווערט דאָס געמאַכט אויף אַ בצימצומדיקן סטיליזירטן אופֿן, וועלכער האָט אַ גאַנץ ווייטע שייכות מיטן נוסח, לויטן וועלכן עס פֿלעגן אין דער ווירקלעכקייט דערציילט

ווערן אין די שטיבלעך און הייף חסי־דישע מעשות.

האַגער באַמיט זיך אויך אַרויסצו־ברענגען דעם העכערן תוכן פון דעם חסידות, וועלכע קומט צום אויסדרוק דורך די מידות און געדאַנקען פון זייערע פאַרשטייערס און מנהיגים. אַט־אַזוי מאָלט ער מייסטעריש אין די צוויי באַזונדערע אַרבעטן „אַ באַגע־געניש אין סטרעליסק" און „די סטרעליסקער" די שיטות פון די אָרעמע, אַסקעטישע און התלהבותדי־קע סטרעליסקער, פון איין זייט, און פון די יוסטע־פאַרמעגלעכע, הייטערע און אַביסל עולה־הזהדיקע קאָסאָווער, פון דער צווייטער זייט. אין דער אין אַלע הינזיכטן שלימותדיקער און אויסגעצייכנטער דערציילונג „אין אַ נאַכט", שילדערט האַגער אַ דערהוי־בענע האַנדלונג פון ר׳ חיים קאָסאָ־ווער, ווען ער פאַרטיידיקט זיינעם אַ קעגנער, אַ שוחט אַ מתנגד, קעגן זיי־נע אייגענע חסידים, וואָס ווילן אים מדחה זיין.

אַט־אַזוי וואָלט מען געקענט און אפשר טאַקע געדאַרפט דערמאָנען און אַנאַליזירן די פאַרשיידענע וויכטיקע־רע אַרבעטן פון האַגערס בוך „מלכות חסידות" און עס וואָלט אפילו כדאַי געווען צו ציטירן געוויסע שטעלן פון דעם זעלבן, בכדי צו באַווייזן, באַ־קרעפטיקן און באַפעסטיקן די אַלע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען. אָבער ליי־דער איז נישט מעגלעך עס צו טון אין אַן אָפּהאַנדלונג, וואָס מוז לויט איר כאַראַקטער זיין נישט צו לאַנג. דערי־בער שיקן מיר אָפּ דעם לייענער צום בוך גופא.

ד״ר מיכאַל באַרוויטש שרייבט וועגן מאַרק טורקאָווס „די לעצטע פון אַ גרויסן דור" („אונדזער וואָרט", פּאַריז, 22סטער נאָוועמבער 1954):

צווישן אַלע פאַרלאַגן וואָס זענען אַנטשטאַנען נאָך דער מלחמה מיט דעם ציל צו פאַראייביקן דאָס לעבן און דעם חורבן פון דעם פוילישן ייִדנטום, איז דער אַרגענטינער פאַר־לאַג, רעדאַגירט דורך מאַרק טור־קאָוו, דער איינציקער וואָס באַווייזט תמיד ממשיך צו זיין די אונטערגענו־מענע שליחות. דער אויסדויער און די דורך אים דערגרייכטע רעזולטאַ־טן האָבן דעם אַרויסגעבער שוין לאַנג דערוואָרבן דעם עפּיטעט פון אַ „כישוף־מאַכער" אין דעם ייִדישן ביכער־וועזן.

די סעריע האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1946, מיט אַ בוך פון מאַרק טורקאָוו גופא א״נ „מלכּה אָושיאַני דערציילט". און אָט אַלס הונדערטס־טער באַנד פון דער זאַמלונג איז נישט לאַנג צוריק דערשינען אַ ווערק פון דעם זעלבן שרייבער א״נ „די לעצטע פון אַ גרויסן דור". די נייַן

און ניינציק בענדער פון אַנדערע
מחברים, וואָס טיילן זייער צוויי איי־
גענע ביכער און די עטלעכע נאָך
וויטערע וואָס אין צווישנצייט האָט
ער שוין באַוויזן אַרויסצוגעבן, זאָגן
עדות איבער מאַרק טורקאָווס אָרגאַ־
ניזאַטאָרישע און אַרויסגעבערישע
פאַרדינסטן.

זיין אויבנדערמאָנט בוך — „די
לעצטע פון אַ גרויסן דור" — איז
אַ זאַמלונג פון מאָנאָגראַפיעס גע־
ווידמעט אַ ריי ייִדישע משפּחות, וואָס
האָבן זיך קונה שם געווען אין דער
געשיכטע פון פּוילישן ייִדנטום: איי־
גערס, דאַווידזאָנס טעפּליצס, שערע־
שעווסקיס, ברעגמאַנס, צייטלינס,
זיידנבייטלס... אין יעדער פון די דאָ־
זיקע אַרבעטן, שילדערט טורקאָוו די
סוקצעסיווע פאָרשטייער פון דער
געגעבענער משפּחה מדור לדור. און
היות די טעטיקייט פון די באַהאַנדל־
טע פּערזענלעכקייטן איז געווען ענג
פאַרבונדן מיט די ייִדישע כלל־ענִי־
נים פון דער געגעבענער צייט, פאַר־
וואַנדלען זיך יענע קאַפּיטלען אין
היסטאָרישע פּרעסקן. האָבנדיק דער־
צו צונויפגעזאַמלט די אַלע פאַראַנע־
נע מקורים, ווייסט טורקאָוו צו ציִ־
טירן די אַמייסטן זאָגנדיקע צווישן
זיי, דאָס הייסט, אַרויסצונעמען פון
זיי נישט די אַלגעמיינע באַשרייבונ־
גען נאָר דווקא די קליינע אָבער דער־
פאַר כאַראַקטעריסטישע פּרטים. ער
אָריענטירט זיך דערביי אין צוויי
ריכטונגען: ברענגענדיק אַרויס די
שטריכן פון דער געגעבענער פּער־
זענלעכקייט, שטרעבט ער גלייכצייַ־
טיק צו פאַרצייכענען די געשעענישן,
די פּאָליטיש־סאָציאַלע איינשטעלונ־
גען, פּראָבלעמען, קאָנפליקטן און זיי־
ער אָפּט אויך דעם שטייגער פון דער
באַהאַנדלטער תקופה. אין רעזולטאַט,
אַפילו אַ לייענער, וואָס אָריענטירט
זיך גוט אין די געגעבענע פּעריאָדן,
געפינט דאָ נאָך תמיד אַ סך נייע
פּרטים און איבער אַלעמען, געפינט
ער דאָרט די אָרגאַנישע לעבנס־פאַר־
בינדונגען צווישן זיי. אַזוי אַרום אַפיִ־

לו די באַקאַנטע פּרטים באַקומען זיי־
ער קאָנקרעטן, וויזועלן לבוש.

דאָס צונויפשטעלן די סוקצעסיווע
רעפּרעזענטאַנטן פון דער זעלבער
פאַמיליע באַזיצט איבעריקנס שוין
פאַר זיך אַליין אַ פיל־זאָגנדיקע אויס־
שפּראַך. נישט איין מאָל אילוסטרירט
עס בעסער די דורכגעמאַכטע מעטאַ־
מאָרפאָזן ווי עס וואָלט דאָס באַוויזן
צו טון אַ לאַנגער היסטאָרישער
אויספיר.

נאָר נישט דאָס אַליין איז אָבער
טורקאָוו אויסן. יעדעס ציקל פון די
דערמאָנטע פאַמיליען ־ פּאָרטרעטן
אַנטהאַלט אויך דעם מחברס פּער־

זענלעכע זכרונות. לעבנדיק אין וואַרשע האָט ער געקענט די לעצטע רעפּרעזענטאַנטן פון יענע דינאַסטיעס, געקומען מיט זיי אין קאָנטאַקט אין פּריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. שפּעטער, שוין בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה און נאָך דער מלחמה האָט ער נישט איינעם פון זיי געטראָפן אין די לענדער מעבר לים און דערצו אין גאַנץ ספּעציפישע סיטואַציעס.

די דאָזיקע זכרונות שטעלן מיט זיך פאָר אַ וויכטיקן ביישטייער צו דער געשיכטע פון פּוילישן ייִדנטום אין די לעצטע פאָר צענדליק יאָר, און שוין אַ ביז גאָר וויכטיקן ביישטייער פאַר דעם קענטשאַפט פון דעם „קלימאַט“, פון דער אומשיכטונג, פון די זיך קרייצנדיקע שיטות, איינפלוסן און אָרגאַניזאַטאָרישע פאַרבינדונגען. בפרט, ווען דער מחבר ווייילט אויס, יעדעס מאָל, אַזעלכע פּרטים, וואָס זענען נישט בלויז אינטערעסאַנט נאָר וואָס זענען אין דער זעלבער צייט כאַראַקטעריסטיש. זיינע באַשרייבונגען זענען תמיד קאָנקרעט און בילדעריש. די פּלאַסטיש־געשילדערטע געשטאַלטן לעבן און דער לייענער מאַכט מיט זיי כמעט אַ פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט. אין פאַל פון אייגערס משפּחה, זענען דאָס די אוראייניקלעך פון דעם גאון הדור ר׳ עקיבא אייגער, וואָס האָט אַמאָל פאַרנומען דאָס כסא הרבנות אין פּוזן, געשאַפן דאָרט זיין באַרימטע ישיבה אאַז״וו; דער משומד קאַזשימיעזש אייגער, וואָס זיין איינציקע דאגה איז געווען צו פּרוּוון, אַז ער איז אַן אמתער און אויטענטישער און נישט קיין קאַניונקטור קאַטויליקער; קאַזשימיעזשס מוטער — די פילאַנטראָפּין דיאַנאַ אייגער און אירס אַ קרוב אינזשיניער אַנטאָני אייגער וואָס האָבן זיך ביידע אין די פאַר־מלחמה יאָרן דערנענטערט צו די ייִדישע ענינים און וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אין זייער טעטיקייט אַ סך איבערגעגעבנקייט פאַר די ייִדישע אַקציעס און קאַמפן; קאַזשימיערזשס שוועסטער, די מילאַנערשע, מאַרילאַ, אַ קאָמוניסטקע.

אין דעם ציקל געווידמעט דער דאַווידזאָנס משפּחה איז דאָס צ״אַ ד״ר נח דאַווידזאָן, אַ געוועזענער רוסישער גענעראַל און באַקאַנטער ציוניסטישער עסקן „פּאָטרעטירט“ אין טורקאָווס בוך אין באַצוג צו דער תקופה, ווען ער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון דעם ייִדישן אַקאַדעמיקער־הויז אין וואַרשע.

אין דעם ציקל איבער טעפּליצס משפּחה מאַכט דער לייענער אַ נאָענטע באַקאַנטשאַפט צוו״אַ מיט דעם פּוילישן סאָציאַליסט. פּ.פּ.ס.־אָנפירער טעאָדאָר טעפּליץ, וועלכער — אין די טעג פון די קריסטלעכע „זאַדושקעס“ — פירט זיין אייניקל אויף דעם ייִדישן בית־עולם, בכדי צו באַקענען אים מיט די קברים פון זיינע באַרימטע ייִדישע אָבות.

טיף רירנדיק זענען טורקאָווס זכרונות וועגן דעם לעצטן (אויף דער פּוילישער ערד) פאָרשטייער פון דער באַרימטער וואַוועלבערגס משפּחה — וואַצלאַוו. די דאָזיקע אַרבעט פאַרדינט ספּעציעל אונטערגעשטראָכן צו ווערן, צוליב דעם אופן אויף וועלכן דער מחבר האָט באַוויזן האַרמאָניש צו פאַרבינדן זיין האַרציקע איינשטע־

לונג צו דער טעמע מיט אָביעקטיוויטעט און קריטישן צוגאַנג.

און אויב ער פאַרמאָגט אַזוי פיל דורכדרינגלעכקייט און דערנענטערונג־מעגלעכקייטן אין באַצוג צו די פאַרשטייער פון אַ רעלאַטיוו פאַר אים פרעמדער סביבה, איז שוין קיין חידוש נישט, וואָס ער מאָלט מיט אַ גרויסער ליבע די פאָרטרעטן פון דער ייִדישלעכער וועלט ווי: אלחנן צייטלין, זיידנבייטל א״אַ.

מיטן אויסנאַם פון די קאַפּיטלען געווידמעט די צייטלינס און זיידנבייטלס דינען טורקאָוון די דאָזיקע פערזענלעכע זכרונות אַלס ראַם פאַר יעדן פון די באַזונדערע ציקלען. עס איז אָבער אַ ראַם וואָס גיט גלייכצייטיק אַ מין דיסטאַנס, פערספעקטיוו, פריזמע. אין סך הכל מוז זיך דעריבער דער לייענער פאַרטראַכטן איבער דעם זין וואָס שטעקט אין דעם גורל פון יענע גרויסע פאַמיליעס.

ווי עס באַשטעטיקט טורקאָווס הקדמה צו זיין בוך, האָט ער מיט דעם גאַנצן באַוווסטזיין פראָוואָצירט די דאָזיקע נוצלעכע (און איבעריקנס — אומפאַרמיידלעכע) קאָנפראָנטאַציעס. ער שרייבט דאָרט: „... אַ סך פון די דערציילטע פאַקטן גיבן, לויט דער באַשיידענער מיינונג פון דעם מחבר, אַ סך, זייער אַ סך נאָכצוטראַכטן דווקא פאַר די רייכע ייִדן פון דעם נייעם קאָנטינענט, ווו ייִדישע משפחה־דינאַסטיעס ווערן איצט אויפגעשטעלט. (...) יעדער פאַרשטענדיקער לייענער וועט אַליין, לויט זיין וויסן און געוויסן, קענען אַרויסציִען אַ געוויסן מוסר השכל פאַר אונדזער היינטיקן ייִדישן לעבן”...

וואָס שייך אונדז, זענען מיר טיף איבערצייגט, אַז אַ געהעריקן מוסר־השכל פון די דאָרט דערציילטע פאַקטן וואָלט געדאַרפט אַרויסציִען נישט בלויז די רייכע ייִדן „אין די לענדער פון דעם נייעם קאָנטינענט”. פונקט אַזוי גילטיק און וואָגיק איז עס פאַר ייִדן אין די מערב־אייראָפּעישע לענדער. וואָס גיכער זיי וועלן עס טון און וואָס ערנסטער זיי וועלן רעאַליזירן אין דער לעבנס־פראַקטיק דעם דאָזיקן מוסר־השכל, אַלץ מער נוצן און מער גליק וועט עס ברענגען אי פאַר זיי און זייערע משפחות, אי פאַר דעם ייִדנטום בכלל.

וועגן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צום פאַרלאַג
„דאָס פוילישע ייִדנטום”, זיך ווענדן:
UNION ISRAELITA POLACA
Pueyrredón 667 — Buenos Aires (Argentina)

COLECCION

"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:

MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:

ABRAHAM MITELBERG

Volumen 141

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA

Copyright by:

N. SHEMEN

Toronto, (Canadá)

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 8 DE ABRIL DE 1959, EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HNOS.", CALLE SAN LUIS Nº 3149, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA

N. SHEMEN

LA CANCION DEL JASIDISMO

★

Editado por la
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA
Buenos Aires. 1959